STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00226

MAYN LEBN

Isaac Raboy

•

Permanent preservation of this book was made possible by
The Mel F. Seidenberg Family
in memory of
Annette W. Seidenberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעבן

ל. א. רטבוי

צווייטער באַנד

איקוף פארלאג

מײנע אײניקלעך דודלען און מרימען —
אַ מתנה

Copyright 1947
By BOOK LEAGUE
Jewish Peoples Fraternal Order
of the I. W. O.

הילע געצײכנט פֿון מאַקס ראַבאָי

Printed in U. S. A.

דריטער טייל

יונגע יאָרן

ערשטער קאַפּיטל

איך בין געקומען אַהיים אויף סוכּות און געטראָפן מיין פאָטער אין דער היים. און דער טאַטע האָט מיך גוט אויסגעמוסרט פאַר וואָס איך בין אַוועק פון ווינניצע. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט שוין פון מיר ניט זיין קיין לייט.

איך האָב אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּלאַן פון ליפּקאַן צו עפענען דאָ ביי אונז אין שטעטל אַ ביבליאָטעק. דער ליפּקאַנער ביבליאָטעקאַר האָט מיך געראָטן דאָס צו טאָן און מיר געגעבן עצות ווי אַזוי צו שרייבן אַ ביטע צום גובערנאַטאָר, ווייל דעמאָלט, אין צאַריש־רוסלאַנד, האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פונעם גובערנאַטאָר כּדי צו קאָנען עפענען אַ ביבליאָטעק. האָב איך מיין טאַטן דערציילט וועגן אָט דעם פּלאַן.

— אַ ביבליאָטעק, וואָס איז דאָס ? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— עס איז אַזאַ קראָם, וואו מען פאַרקויפט ביכער און מען גיט אַרויס ביכער אויף פריקאַט, און מען האַלט אויך אַלערליי שרייב־געצייגן צום פאַרקויפן.

מיין פאָטערס פּנים האָט אָנגעהויבן צו שיינען אַזוי ווי ער וואָלט דערהערט עפּעס אַ גוטע בשורה. און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ חסיד און זייער אַ פרומער ייד און איך האָב געקאָנט פון אים דערוואַרטן, אַז ער זאָל זיין געגן אַזאַ מסחר, וואו איך וועל פאַר־קויפן טריף־פּסול. אָבער ווי עס האָט אויסגעוויזן האָט זיך מיין טאַטע מחיה געווען וואָס ענדלעך וועל איך עפענען אַ קראָם ; זאָל זיין פון ביכער, אָבי אַ קראָם.

— וואָס־זשע, אויף דעם דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש פונעם גובערנאַטאָר ? — גלויבט ניט מיין פאָטער.

— יאָ, פונעם גובערנאַטאָר.

— אויב אַזוי מוז עס זיין אַ גוט געשעפט...

— איך וועל זיין איינער אין שטאָט...

— ווען זשע שרייבסטו אַוועק צום גובערנאַטאָר ?

— באַלד נאָך יום־טוב. און עס מוז זיין אַ סוד...

— גוט, מיין זון! — האָט דער טאַטע געזאָגט אַ צופרידענער — ווען דו וועסט קריגן די דערלויבעניש וועל איך דיר שיקן געלט, כּדי דו זאָלסט קאָנען עפענען די קראָם.

דער דאָזיקער געשפּרעך איז געפירט געוואָרן צווישן מיר און מיין טאַטן אונטער פיר אויגן. און נאָך יום טוב איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן אויף זיין שטעלע אין דער גוראַלניע און איך האָב גענומען קלייבן אין מיינע מחשבות איינעם פון די דריי אַדוואָקאַטן וועלכע זיינען ביי אונז געוועזן, וועמען איך זאָל קאָנען פאַרטרויען מיין סוד וועגן דער ביבליאָטעק. אָבער לײדער האָב איך ניט געהאַט קיין צוטרויען אַפילו צו איינעם פון זיי. און איך האָב אַליין אָנגעשריבן די „פּראָשעניע" (ביטע) צום גובער־נאַטאָר. ניט איין בויגן פּאַפּיר האָב איך קאַליע געמאַכט דערפאַר וואָס איך האָב אַ סך רוסישע ווערטער ניט געוואוסט ווי אויסצולייגן. און ניט איינמאָל בין איך געלאָפן צו מיין לערער גאַנטמאַן אים פרעגן ווי אַזוי מען לייגט אויס דאָס און דאָס וואָרט.

— וואָס שרייבט איר? — האָט זיך גאַנטמאַן געוואונדערט. אָבער איך האָב אים ניט דערציילט דעם אמת.

איך האָב ענדלעך אָנגעשריבן די „פּראָשעניע" צום גובערנאַטאָר און זי אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קאָנווערט און צוגעקלעפּט די מאַרקעס און אַריין אין פּאָטשט, כּדי אויפצולייגן דעם פּאַקעט.

דער פּאָטשט־מייסטער האָט מיך גוט געקאָנט, נאָך פון די צייטן ווען מיין טאַטע האָט געהאַלטן די קאַזיאָנע פּאָטשט. ער האָט מיך גערופן ביים ערשטן נאָמען. און ווען ער האָט דערזען, אַז איך שיק אַ פּאַקעט צום גובערנאַטאָר, האָט ער געוואָלט וויסן וואָס דאָס איז.

— טאַק סעביע! (אַזוי זיך) — האָב איך געזאָגט.

— כאַראָשאָ! (גוט)... — האָט ער געשמייכלט.

דער פּאַקעט איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער פּאָטשט און איך האָב גע־נומען וואַרטן אויף אַן ענטפער. דערווייל איז דער ווינטער אָנגעקומען ווי אַלע מאָל און איך פלעג כּמעט אַלע אָוונט אַריינגיין צו מיין חבר און לערער גאַנטמאַן. זיין הויז איז איצט געווען אַזאַ מין צונויפקום פון דער גאַנצער אינטעליגענציע פון שטעטל. דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אַוועק פון רישקאַן זיינען צוגעקומען צוויי נייע אינטעליגענטן: איינער אַ פּראָ־וויזאָר פון וויטעבסק מיטן נאָמען וואָלאָכאָנסקי, אַ יידישער יונגערמאַן וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַצאַפּס אַ זון, וועלכער האָט גערעדט רוסיש ווי אַן עכטער גרויס־רוס. געאַרבעט האָט ער אין דער אַפּטייק, און איינמאָל אין וואָך האָט ער געהאַט אַן אָוונט פריי. איז וואָלאָכאָנסקי געקומען יעדן אָוונט צו גאַנטמאַנען. דער צווייטער אינטעליגענט איז געווען אַ העברע־

אישער לערער, אַ שוחטס אַ זון פֿון דאָרף פּילינעי לעבן בעלץ. ער האָט געהייסן בן ציון דוכאָווני. אַ קליינטשינקער יונגערמאַן מיט אַ קליין פּנימל, גרויס ווי אַ פֿייג, נאָר אַ היציקער און אַ פֿייערדיקער דעבאַטאַנט.

עס זיינען אויך צוגעקומען צוויי רישקאַנער בחורים, וועלכע זיינען אַוועק פֿון בית־המדרש און געוואָרן אַפּיקורסים: איינער פֿישל, אַ זון פֿון דעם מלמד שמעון וואַסעליוועל. פֿישל האָט נאָך געטראָגן קליינינקע פּאות־לעך, כאָטש ער האָט שוין געלייענט גאָגאָלן. דער צווייטער בחור איז געווען עליק אַברהם שוחטס, אַ בחור אַ בלאָנדין, שוין מיט פֿאַרשאַרטע פּאות הינטער די אויערן, און אַלע מאָל מיט אַ רוסישער גראַמאַטיק אין די הענט. און ווען מען האָט אים ניט אַנגעטראָפֿן ביי גאַנטמאַנען האָט ער געהאַלטן די גראַמאַטיק און פֿון איר עפּעס געחזרט.

ביי גאַנטמאַנען אין צימער איז תּמיד געווען הייסע טיי און עפּעס צובייסן. און מיר פֿלעגן זיצן אוןריידן תּורה — פֿאַרשטענדלעך אונזער תּורה. אויב עפּעס איינער האָט געלייענט אַ נייעם בוך האָט מען פֿון דעם בוך גערעדט.

איינמאָל איז גאַנטמאַן געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי מיר זיינען אַלע אַזוינע ליבהאָבער פֿון ליטעראַטור, פֿאַר וואָס ניט אַליין פּרוּוון אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט. — מיר האָבן פּאָעטן, דערציילער און געלערנטע — האָט גאַנטמאַן אַנגעוויזן אויף וואָלאָכאָנסקין ווען ער האָט געזאָגט דאָס וואָרט „געלערנטע״.

וואָלאָכאָנסקי האָט זיך אַפֿילו באַליידיקט, אָבער זיין קאַצאַפּסקער פּנים האָט אַזש אָנגעהויבן צו ברענען פֿון פֿאַרגעניגן, וואָס ער איז דער איינ־ציקער דאָ צווישן אונז מיט אַן אַטעסטאַט...

— איך קאָן לײדער גאָר ניט שרייבן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ טיפֿן ליטווישן אַקצענט.

— וועט איר עפּעס איבערזעצן.

— נו, גוט.

— אַ וואָכנבלאַט... אַ שיינע אידייע — האָט אַברהם אַקסענפֿעלד געזאָגט, ציילנדיק זיינע ווערטער ווי פּערל — אָבער ווי אַזוי וועט עס הייסן און ווער וועט עס שרייבן?

קיין דרוק איז אין שטעטל ניט געווען. איך האָב שוין אינדערשטיל אויך געטרוימט וועגן אַ דרוקעריי. אָבער דערווייל איז נאָך אַזאַ זאַך ניט געווען ביי אונדז אין שטעטל. איז געווען קלאָר, אַז מען וועט די ציימונג מוזן אָנשרייבן מיט דער האַנט.

— איר וועט דאָס וואָכנבלאַט שרייבן — האָט גאַנטמאַן געזאָגט, ניט טראַכטנדיק קיין סך, ווייל אין דער אמתן איז טאַקע אַברהם אַקסענפֿעלד

געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפֿט — און הייסן וועט דאָס וואָכנבלאַט „דער קוריער". האָ, געפֿעלט אייך אַזאַ נאָמען?

— פֿאַרוואָס ניט „די טויבנפּאָסט"? — פֿרעגט אַקסענפֿעלד.

— דער נאָמען איז ניט דער עיקר. לאָמיר נאָר פֿאַרטיק ווערן מיטן מאַטעריאַל — זאָגט גאַנטמאַן — און לאָמיר אויסקלייבן אַ רעדאַקטאָר.

— איר קאָנט זיין אַ גוטער רעדאַקטאָר — זאָגט פּישל און גלעט זיך די פּיאותלעך.

— פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך, למשל, קאָן אויך ניט זיין אַ גוטער רעדאַקטאָר? — פֿרעגט דוכאָווני און עס שפּריצן אַזש פֿונקען פֿון זיינע קליינע, שוואַרצע אויגעלעך.

— איך קאָן באַשטיין, אַז עס זאָלן זיין צוויי רעדאַקטאָרן — גיט נאָך פּישל.

פֿאַרדריסט עס שוין אַברהם אַקסענפֿעלד:

— וואָס הייסט, איר קאָנט באַשטיין? איך, למשל, וועל נאָר מסכּים זיין, אַז עס זאָל זיין איין רעדאַקטאָר און ניט קיין אַנדערער ווי גאַנטמאַן...

הכּלל, עס איז געבליבן אַז גאַנטמאַן איז רעדאַקטאָר פֿון דער „טויבנ־פּאָסט". און טאַקע באַלד האָט גאַנטמאַן פֿאַרגעבן אַלעמען אַרבעט. דעם הער וואָלאָכאָנסקין, האָט גאַנטמאַן געהייסן איבערזעצן „די היסטאָריע פֿון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד" פֿון באָקלען. גאַנטמאַן האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן באַנד פֿון זיין שאַפֿקעלע מיט ביכער און עס דערלאַנגט וואָלאָ־כאָנסקין. עס איז געווען אַ רוסיש בוך. און דער בחור האָט עס געדאַרפֿט איבערזעצן אויף יידיש. און אין יעדן נומער „טויבנפּאָסט" האָט געזאָלט זיין אַ קאַפּיטעלע פֿון באָקלס „געשיכטע פֿון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד".

— אָבער איך קאָן ניט קיין זשאַרגאָן — האָט זיך וואָלאָכאָנסקי געבעטן.

— לערנט זיך אויס! — שרייט אויף אים גאַנטמאַן — עס מעג אייך אָנשטיין צו קאָנען אונזער מאַמע־לשון... עס איז אייער לשון אויך...

דערנאָך האָט גאַנטמאַן זיך גענומען צו דער בעלעטריסטישער טייל פֿון וואָכנבלאַט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אַלע זיינען געווען פּאָעטן. פּישל האָט געשריבן לידער. דוכאָווני איז געווען ברוגז פֿאַרוואָס מען האָט אים ניט געמאַכט פֿאַר אַ רעדאַקטאָר, האָט ער אויף צו־להכעיס געזאָגט, אַז ער שרייבט נאָר לידער, כאָטש עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן אַז ער שרייבט אויך פּראָזע אַלאַ בערדיטשעווסקי. און אַקסענפֿעלד האָט יאָ געקענט ביידע זאַכן, אי פּראָזע און אויך פּאָעזיע שרייבן, אָבער גאַנטמאַן האָט געוואָלט האָבן כאָטש צוויי פּראָזע־שרייבער.

— ווי וואָלט געווען, אַז איר זאָלט אָנשרייבן אַ דערציילונג? — האָט זיך גאַנטמאַן געטאָן אַ ווענד צו מיר. איך האָב זיך אַזש דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק, אַז איך זאָל שרייבן אַ דערציילונג.

— איך האָב מורא, אַז איך וועל ניט קאָנען — האָב איך געזאָגט.

— פּרוּווט... איך בין זיכער, אַז איר וועט קאָנען — זאָגט גאַנט־מאַן — איך שטיץ זיך אויף דעם ווי אַזוי איר דערציילט־איבער אַ מעשה פון אַ בוך, וואָס איר האָט איבערגעלייענט. איך שטיץ זיך אויך אויף מיינע באַאָבאַכטונגען, ווען מיר גייען ביידע אין גאַס. איך האָב ליב צוצוקוקן זיך ווי אייערע נאָזלעכער רעאַגירן אויף יעדער קלייניקייט אין דער נאַטור אַרום און אַרום... איר זיינט זיכער אַ דערציילער...

נו, זיך אויסצודרייען איצט פון גאַנטמאַנען האָב איך שוין ניט גע־קאָנט, אַז דער מענטש קוקט זיך אַפילו צו צו מיינע נאָזלעכער... איך האָב געמוזט אים צוזאָגן, אַז איך וועל פּרוּוון אָנשרייבן אַ דערציילונג.

איך האָב זייער שווער געהאָרעוועט אויף דער דערציילונג. די מעשה האָב איך גענומען פונעם לעבן ביי אונז אין שטעטל. ביי אונז איז געווען אַ דאָרפס־שניידער, האָט ער ניט געהאַט קיין קינדער און דערפאַר האָט ער איין האַלב פון זיין שטוב אָפּגעגעבן פאַר אַ הקדש. די שטוב זיינע איז געווען צעטיילט אינדערמיט, אַזוי ווי אַן איינפאַר־הויז מיט אַ גרויסן טויער. און אַזוי ווי עס פלעגן קומען אָרעמעלייט אויף פערד און וועגעלעך, זיינען זיי פאַרפאָרן אַהין אין איינפאַר־הויז. האָט זיך געטראָפן, אַז איינמאָל איז געקומען צו־גיין גאָר צופוס אַן אָרעמאַן מיט אַ ווייב און קינדערלעך פון זייער ווייט. זיי זיינען איינגעשטאַנען אין הקדש ביים דאָרפס־שניידער. נאָר דאָס איז געווען אַ מאָדנער אָרעמאַן. ער און זיין ווייב זיינען ניט געגאַנגען איבער די הייזער בעטלען, נאָר דאָס ווייב מיט די קינ־דערלעך זיינען געווען אין הקדש און דער טאַטע, דער אָרעמאַן, איז אַוועקגעגאַנגען אין די טאָלן און האָט געגראָבן ליים און זאַמד און אָנגע־פילט אַ זעקעלע מיט זאַמד און עס געטראָגן אויף די פּלייצעס פאַרקויפן די באַלעבאָסטעס. מילא, עס איז געווען אַ חידוש, וואָס אַ ייד האָט זיך גענומען צו אַזאַ בידנער פּרנסה. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס דאָס איז ביז דעמאָלט געווען די אַרבעט פון דעם שבת־גוי פון שטעטל. נאָר עס איז נאָך געווען אַ גרעסערער חידוש, ווען מען האָט אַנטדעקט, אַז שפּעט ביינאַכט איז עפּעס ליכטיק אין הקדש... און ווען מען האָט אַריינגעקוקט דאָרט אינעווייניק, האָט מען געזען, אַז דער אָרעמאַן, וואָס טראָגט אַרום זעקעלעך ליים צום פאַרקויפן, זיצט איבער אַ ספר און לערנט... איז געוואָרן אַ קוראַש אין שטעטל און מען האָט פאַר דעם יידן געקויפט אַ פערד אַ פּגירהלע מיט אַ קאַטויגעלע מיט פיר רעדלעך און זאָל ער ניט

דאַרפֿן טראָגן די זעקלעך מיט ליים אויף זיינע פּלייצעס. און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער הייסט לייבקע, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן לייבקע דער ליים־פֿירער...

אָט־אַ די מעשה האָב איך אָנגעשריבן אויף יידיש און איך האָב זי געבראַכט.

— אָנגעשריבן — און אָט איז עס! — האָב איך ניט זיכער געזאָגט און אים דערלאַנגט דעם מאַנוסקריפּט.

גאַנטמאַן האָט ביי מיר צוגענומען דעם מאַנוסקריפּט און באַלד אויפֿן אָרט אים איבערגעלייענט. זיין פּנים האָט זיך צעלויכטן מיט אַזאַ מין ליטזעליקייט, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ הויב־אויף און צו מיר געזאָגט:
„איר ווייסט אַליין ניט וואָס פֿאַר אַ שיינע זאַך איר האָט אָנגעשריבן!"...
ער האָט געכאַפּט מיין האַנט און זי געדריקט און צו מיר ווידער געזאָגט:
איר וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער שרייבער ביי יידן!"...

צווייטער קאַפּיטל

מיין נאָמען האָט גענומען קלינגען איבערן גאַנצן שטעטל, אַז איך בין אַ גרויסער שרייבער. און איך האָב זיך שוין געגרייסט און געהאַלטן מיין קאָפּ אינדערהויך. און עס איז גאָר קיינער ניט געווען גלייך צו מיר, ווען דאָס וואָכנבלאַט איז דערשינען אויף דער ווייסער וועלט מיט מיין דערציי־לונג און מיט לידער פון אַברהם אַקסענפעלד, עליק אַברהם שוחטס, פישל שמעון וואַסעליוועריס און מיט דעם ערשטן קאַפּיטל פון באָקלס היסטאָריע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד.

אַברהם אַקסענפעלד האָט דעם גאַנצן נומער אייגנהאַנטיק אָנגעשריבן מיט אַזאַ שיין כתב — ממש געקליבענע פּערל. און דער נומער „טויבנ־פאַסט" האָט גענומען גיין פון האַנט צו האַנט. ווער עס האָט אים געוואָלט לייענען האָט געדאַרפט באַצאָלן פינף קאָפּיקעס. און אַזוי ווי לייענער זיינען געווען אַ סך, האָט מען זיך איבער דעם נומער זייער געריסן. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע.

און מיר האָבן לכבוד דעם ערשטן נומער געמאַכט אַ שטיקל יום־טוב, טאַקע ביים רעדאַקטאָר אין צימערל. און חברה האָט מיר געמאַכט קאָמ־פּלימענטן אָן אַ שיעור. און אינאיינעם מיטן אמתן בעסאַראַבער וויין האָבן מיר די קאָמפּלימענטן פאַרדרייט דעם קאָפּ. זינט יענעם אָוונט האָב איך אַזש אָנגעהויבן צו ריידן צו זיך אַליין אין וואָר און אין שלאָף.

און איך האָב פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, און האָב אַזש ניט געזען די ערד פאַר זיך און נאָר פאַרדרייט די אויגן צום הימל. און איך האָב זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט און האָב שוין ניט געהאַט קיין איין מינוט רו... און איך האָב באַלד באַקומען זייער אַ סך שונאים. אַלע פרומע יידן האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר אַ שנאה; ווען עמיצער פון די פרומע האָט מיך באַגעגנט האָט ער אָוועקגעדרייט זיין קאָפּ. און די שיינע, רייכע באַלעבאַטים פון שטעטל זיינען מיר געוואָרן שונאים ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז איך מאַך אין מיין דערציילונג פון זיי חוזק. און דער העלד מיינער אַליין, „לייבקע דער ליים־פירער", האָט מיך באַגעגנט און צו מיר אַזוי געזאָגט: „וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? וואָס אַרט אייך, ווי אַזוי איך פיר זיך אויף ביינאַכט? און פאַרוואָס פאַרגינט איר מיר ניט מיין פרנסה?"...

— ס׳טייטש, ר׳ לייבקע... — וויל איך זיך פאַרענטפערן. אָבער ר׳ לייבקע לאָזט מיך איבער און גייט אַוועק, מיט אַ מאַך פון דער האַנט.

און גלאַט אַזוי האָבן זיך מענטשן אָנגעהויבן היטן פאַר מיר. האָב איך עמיצן באַגעגנט און געוואָלט אויסרעדן אַ וואָרט, האָט מען מיר באַלד געטאָן אַ וואָרף־אויף: „האַ, ווילסט מיך שוין באַשרייבן״...

פון דער אַנדערער זייט האָט מיך די אינטעליגענציע גענומען מוטשען און איינלאַדן צו זיך אין די שטיבער און געמאַכט שמחות און וועטשע־רינקעס פון מיין כבוד וועגן. און איך האָב זיך געפייניקט, ווייל עס איז אויף מיר געפאַלן זייער שווער צו זיין דער, אַרום וועלכן עס רודערט זיך. און איך בין אָפּגעקומען מיט שווייס, ווען מ׳פלעגט זיך צו מיר צוטשעפּען, אַז איך מוז אַליין איבערלייענען פאַר אַלעמען מיין דערציילונג. און אַז איך האָב שוין ווי־ס׳ניט־איז איבערגעלייענט האָט מען ערשט זיך גענומען צו מיר און אָנגעהויבן טרעבערן מיר די קישקעס, קריטיקירן האָט עס ביי זיי געהייסן, און אַריינטייטשן, אַז מיט לייבקען האָב איך ניט געמיינט דעם אמתן לייבקע, נאָר אַז ער איז אַזאַ מין סימבאָל פון דעם יידישן פאָלק... האָבן אַנדערע דערהערט אַזאַ מיינונג, האָבן זיי זיך געשטעלט אַנטקעגן און אויפגעוויזן, אַז ניט לייבקע איז דער סימבאָל, נאָר דאָס אָרעמע פערדל איז דער סימבאָל... און מען האָט מיך באַשאָטן מיט פראַגן, ווי אַזוי איך שרייב. צי שרייב איך גרינג, צי עס קומט מיר אָן שווער. און ווען איז די בעסטע צייט פאַר מיר צו שרייבן, צי בייטאָג צי גאָר ביינאַכט. און צי האָב איך די דערציילונג ביי זיך אין קאָפּ אָן אָנגעשריבענע איידער איך זעץ זיך צום טיש, צי זעץ איך זיך אַוועק און ווייס גאָר אַפילו ניט ווי אַזוי אָנצוהויבן און אַזוי זיצנדיק קומט צו מיר פלוצים דער רוח־הקודש און עס הויבט אָן ביי מיר צו פליסן ווי פון אַ קוואַל.

און איך האָב געהאַט אָן אַרבעט צו געבן צו פאַרשטיין, אַז איך ווייס גאָר ניט וואָס עס איז אַזוינס רוח הקודש, און אַז עס איז ביי מיר ניט קיין חילוק אין צייט אָדער אָרט און אַז איך געדענק גאָרניט ווי אַזוי איך האָב אָנגעשריבן אָט די זאַך.

און ערשט איצט האָט מען זיך גענומען צו מיר: האַ, איר נעמט זיך ניט ערנסט!... ווען עמיצער פון זיי זאָל האָבן דאָס גליק פון קאָנען אַזוי שרייבן, וואָלט ער שוין געוואוסט וואָס עס איז מיט אים... וואָס הייסט, איך מאַך זיך אַזוי קליין? און פאַרוואָס שוויג איך אין דער זאַך?... פאַרוואָס שיק איך ניט אַוועק אַזאַ דערציילונג אין אַ רעדאַקציע?... מען וועט דאָך עס אויסכאַפּן ווי אַן אבן־טוב...

בין איך געגאַנגען און זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן מיין דער־ציילונג אויף דריי שפּראַכן: אויף רוסיש, אויף העברעאיש און אויף יידיש. און איך האָב זיי אַלע דריי אָוועקגעשיקט אין „וואָסכאָד״, אין „השלוח״ און אין „יוד״. און מיין לערער גאַנטמאַן האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך קאָן דערוואַרטן, אַז אין איין שיינעם טאָג וועט מיין דערציילונג זיין געדרוקט אין אַלע דריי צייטשריפטן. ער גאַראַנטירט מיר אַ גרויסע צוקונפט...

איך האָב געפיבערט די גאַנצע צייט פון מיין וואַרטן. און אַלע טאָג, באַלד נאָכן אָוועקשיקן די מאַנוסקריפּטן, בין איך געגאַנגען צו דער פּאָטשט און געוואַרט אויף עפּעס אַ גוטער ידיעה... איך האָב דאָן דער־האַלטן אָט די אַלע צייטשריפטן. און ווען איך פלעג באַקומען אַ נייעם נומער פונעם „יוד״, „וואָסכאָד״ און דעם „השלוח״ האָב איך ניט געהאַט קיין גערולד און די דאָזיקע בלעטער באַלד דאָרטן ביי דער פּאָטשט געעפנט און געזוכט מיט אַלע מיינע חושים און ניט געפונען מיין דערציילונג... און עס האָט מיך געוואונדערט און עס האָט מיך געאַרט און פאַרדראָסן פאַרוואָס זיי, דאָרטן אין די גרויסע שטעט, האָבן ניט געקאָנט זען דאָס, וואָס מיינע חברים דאָ אין שטעטל האָבן געזען אין מיין דערציילונג. געשיקט־זיך עס, אַז זיי דאָרטן האָבן גאָרניט קיין חוש פאַר אַ שיינער זאַך?... צי אפשר זיינען זיי אַזוי פאַרטאָן אין זייער גרויס־שטאָטישן לעבן, אַז זיי האָבן גאָרניט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף אַ קליינשטעטל־דיקן יאָלד.

ביז ענדלעך איינמאָל קריג איך אַ פּאָסטקאַרטל פון אַדעס געשריבן אויף העברעאיש. מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי איבערראַשט איך בין געוואָרן און איך האָב אַזש אויסגעשריען אויף אַ קול: „אַ קאַרטל פון דעם משורר ח. נ. ביאַליק!״...

באַלד האָב איך געהאַט אַ גאַנץ רעדל מיט חברה אַרום זיך. און מיר אַלע לייענען. אינגאַנצן איז געווען אויפן קאַרטל איין שורהלע מיט קליינע אותיות. און געלייענט האָט זי זיך אַזוי: „אין לך שום כשרון״... (דו האָסט ניט קיין שום טאַלאַנט).

עס איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. און גאַנטמאַן האָט עס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און פאַר כעס דאָס קאַרטל אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד.

— דאָס איז ניט אמת! — האָט ער געטאָן אַ שטויס מיט זיין שטע־קעלע צו דער ערד — איך וועל זיין קעגן זומער אין אַדעס וועל איך אַריינגיין צו ביאַליקן...

דאָס האָט ער זיך געקליבן פאָרן אויף עקזאַמען קיין אָדעס. אָבער מיר איז דערווייל געווען ביטער און פינצטער. איצטער האָב איך שוין געזען, אַז מיינע חברים ווייסן ניט וואָס זיי ריידן; דער גרויסער דיכטער ביאַליק אַליין שרייבט מיר, אַז איך האָב ניט קיין טאַלאַנט!

פון אונדזער זשורנאַל איז אויך גאָרניט געוואָרן. נאָכן ערשטן נומער איז ער שוין מער ניט דערשינען.

עס איז געווען אַ פאָר וואָכן נאָך חנוכה. ביי אונז אין שטעטל האָט זיך געשטעלט אַ שווערער ווינטער מיט שניי, זאַווערוכעס און פרעסט. און אָט אַרום יענער צייט קומט צו מיר צוגיין ר׳ אייזיק סטאַראָסטע, אַ ייד אַ ריזיקער, אַ שווערער. ער קאָן זיך קוים אויסדעכען פון דעם, וואָס ער האָט צו מיר געדאַרפט גיין באַרג־אַרויף און פון דעם שטאַרקן פראָסט מיטן ווינט. איך בעט אים זיצן און ער צעוויקלט זיין שאַליקל און קרעכ־צעט און דבקעט זיך.

— דער אַדון הגדול וויל דיך זען — זאָגט ער צו מיר מיט אַ הייזע־ריקן קול.

— דער פּריסטאַוו? — פרעג איך.

— ווער דען איז דער אָדון הגדול?

— וועגן וואָס?

— זאָל אים וויסן דער רוח...

— ווען דאַרף איך גיין?

— מאָרגן צען אַזייגער. און ער וויל דיך זען ביי זיך אין שטוב און ניט אין דער קאַנצעלאַריע.

— גוט.

— האָב ניט מורא... אָבער איך מוז וויסן וואָס ער האָט מיט דיר גערעדט — זאָגט דער סטאַראָסטע — פאַרשטייסט צי ניט? אויב עפּעס אַ צרה וועלן מיר זיך אַן עצה געבן...

איך האָב שוין כמעט געוואוסט וועגן וואָס דער פּריסטאַוו דאַרף מיך האָבן. און אויף מאָרגן פונקט צען אַזייגער בין איך שוין געווען פון פאָרנט ביים קאָרידאָר פון פּריסטאַווס הויז. איך קלינג־אָן און אָט עפנט ער אַליין פאַר מיר די טיר. זיין גרויזאַם פּנים מיט די צוויי באַקנבערד און מיט דער סאַבליע [1] ביי דער זייט אויף אַ רימענעם גאַרטל האָבן מיך איצט ניט גע־שראָקן, כאָטש ער האָט געפּרוּווט זיין צו מיר זייער שטרענג.

---

[1] סאַבליע — שווערד.

— דאָס ביסטו אייזיק, חיימס זון? — האָט ער געטאָן אַזאַ מין קלונג מיט זיינע שפּאָרן און מיך געלאָזט שטיין אויף די פיס און ניט געבעטן זיצן.

— יאָ, דאָס בין איך.

— ווי אַלט ביסטו?

— 17 יאָר.

— און דו ווילסט עס פאַרשפּרייטן בילדונג דאָ ביי אונז?

— איך פאַרשטיי שוין, אַז ער צילט צו דעם, וואָס איך האָב געבעטן ביים גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש אויף אַ ביבליאָטעק.

— איך וועל זיך באַמיען...

— און איך וועל ניט דערלויבן!... גיט ער אויף מיר אַ געשריי.

— פאַרדאָן — זאָג איך אַ באַליידיקטער — איר האָט ניט קיין רעכט אויף מיר צו שרייען ווען איך בין ביי אייך אין שטוב.

— אָ, פאַרדאָן — ענטפערט ער באַלד אַ ביסל ווייכער — איר פאַרשטייט? עס איז אַזוי... אַ ביבליאָטעק אין רישקאָן... כע, כע, צוליב וואָס טויג זי אייך?... אויב איר ווילט לייענען איז פאַר איך מיין ביבליאָטעק אָפן...

— עס גייט דאָ ניט אין מיר פערזענלעך...

— אָ, אַלע קאָנען קומען צו מיר נעמען ביכער ווען זיי ווילן...

— ניט אין דעם גייט עס... איך וויל אויפבויען אַן אינסטיטוציע...

— אָ, נאָך אַזוי יונג און איר וואַרפט שוין מיט הויכע פראַזן... איך וועל ניט דערלויבן קיין ביבליאָטעק דאָ אין רישקאָן...

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל דער נאַראָד (פאָלק) איז דאָ פינצטער...

— דאַרף מען דאָך אים ברענגען ליכט...

— ניט קיין ליכט נאָר אַ קנוט...

און דער פּריסטאַוו האָט זיך פאַרנויגט. וואָס דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז איך מעג שוין גיין.

דריטער קאַפּיטל

פונעם רישקאַנער פּריסטאַוו, וועלכער איז געווען אַ „צורר היהודים", האָב איך ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין בעסערן ענטפער, ווי ער האָט מיר געגעבן. ער האָט טאַקע געהערשט איבער דעם שטעטל און די דערפער אַרום מיטן קנוט...

איך האָב צוגעזאָגט ר' אייזיק סטאַראָסטע, אַז איך וועל אים באַלד נאָכן ריידן מיטן פּריסטאַוו קומען דערציילן. בין איך טאַקע צו אים אַוועק. ער איז געווען זייער אַ פרומער ייד, אַ באַיאַנער חסיד, און אַזוי ווי איך האָב זיך געחברט מיט זיין בן־יחיד לייבוש, האָט מיך דער סטאַראָסטע זייער געאַכטעט. און די סטאַראָסטיכע האָט מיך נאָך מערער ליב געהאַט, ווייל ביי איר איז איר לייבוש געווען אַ קרוין אויפן קאָפּ. אָט דער לייבוש איז געווען אַ צעפּיעסטשעטער יונגערמאַן, אַ חתן־בחור, וואָס מען האָט אים אָפּגעשיקט די תּנאים דערפאַר וואָס ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס... איז ער געזעסן אויפן טאַטנס קאַרק, גאָר ניט געטאָן, נאָר געלייענט ביכער און געלעגן זייער אַ סך אין בעט... און האָט זיך זייער ווינציק געוויזן אין דער ליכטיקער וועלט. שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין גע־שלאָפן, פלעגט לייבוש זיך דורכשפּאַצירן איבער דער גאַס.

ווען איך בין געקומען פונעם פּריסטאַוו צו ר' אייזיק סטאַראָסטע אין שטוב, איז שוין געווען נאָך עלף אַזייגער. האָב איך נאָך לייבושן גע־טראָפן אין בעט. ער איז געווען געל ווי וואַקס און איך האָב באַמערקט, אַז אויף זיין קאָפּ האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו מאַכן אַ פּליך. זיי האָבן אַלע דריי געוואוינט אין אַ וואוינונג פון אַ קיך מיט אַן אַלקער. די קיך איז געווען אַ פינצטערע און זי האָט געצויגן איר ליכט־יניקה פון די צוויי פענצטער וואָס אין אַלקער אָדער פון דער טיר, וואָס האָט געפירט אין גאַס אַריין. אין שטוב איז געווען אַ גרויס אָרעמקייט און אַ שטאַרקע אומ־ריינקייט, מיט וואָס די סטאַראָסטיכע איז געווען באַרימט ביי אונז אין שטעטל...

אַז איך בין אַריין, האָט די מוטער אויפגעוועקט לייבושן און אים גע־זאָגט, אַז אייזיקל, חיים פּאַטשטאַרס, איז דאָ. און אַזוי ווי דער סטאַראָסטע האָט געוואַרט אויף מיר אין קיך, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט דאָ אין דער

פּינצטער און אים שטילערהייט דערציילט דעם גאַנצן אמת און ביי אים באַלד געבעטן אַן עצה. ר׳ אייזיק האָט געקרעכצעט און מיט אַ הייזעריק קול געפרעגט: „כ׳פאַרשטיי ניט, זיי מיר מוחל, וואָס איז דאָס אַזאַ זאַך אַ ביבליאָטעק?״

איך גיב אים צו פאַרשטיין.

— האַ, האַ!... מיין עצה איז, זאָלסט עס אָפּלאָזן און שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ...

— ר׳ אייזיק! איך וויל זיך שטעלן אויף מיינע אייגענע פיס!

— ביי מיר האָסטו געפּועלט... אָבער מיטן צורר היהודים ווילסטו זיך אָנהויבן... אַז ער זאָגט „ניין״, וועט גאָרניט העלפן... סיידן אפשר געבן אין דער „יד״ אַריין...

— דאָס, ניין... — האָב איך געזאָגט — איך וועל קריגן אַ דער־לויבעניש אָן געבן אין דער יד אַריין...

— אַז דו ביסט אַזאַ מאַכער, איז דאָך ניט שייך... — לאַכט פון מיר אייזיק סטאַראָסטע און פאַרהוסט זיך אַזש.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען אין אַנדערן צימער, וואו לייבוש איז נאָך געלעגן אין בעט, אים געגעבן די האַנט. אויפן טיש זיינען געלעגן אפשר אַ צענדליק ביכער אָפענע און עס האָבן זיך געוואַלגערט אָפּשניצן פון פאַפּיראָסן און שוועבעלעך און אַ ליכט אַן אויסגעלאָשנס אין אַ גלעזערנעם לייכטער, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט חלב. און די לופט איז געווען אַזוי שטיקנד, פּשוט צום דערוואָרגן ווערן. מיר האָבן זיך דורכגערעדט און איך האָב זיך געזעגנט און געוואָלט אַוועקגיין, ווען לייבוש פרעגט מיך:

— אמת, אַז ביאַליק האָט דיר געשריבן?

— אמת, אָבער אַ שלעכטן גרוס. ער האַלט ניט פון מיר.

— טאַקע?!

— יאָ.

— איך האַלט אָבער יאָ פון דיר...

— יאָ.

— איך בין אַ מבין!...

איך האָב שוין דעמאָלט ניט געקאָנט ליידן ווען מען האָט מיר גע־לויבט אין די אויגן. און איך בין באַלד אַוועק פון דעם סטאַראָסטעס שטוב און בין געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער... די מאַמע מיינע האָט זיך צו מיר גענומען. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס עס איז דער מער מיט מיר. איך האָב איר דערציילט דעם גאַנצן אמת. זי איז געווען, ווי געוויינלעך אַ מאַמע אין אַזוינע מאָמענטן. זי האָט מיר געגעבן האָפענונגען און מיר

דערלאַנגט אַ געשמאַקן אָנבייסן. און איך בין אַוועק און געקויפט גער־באַוואָי פּאַפּיר און זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ צווייטע פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר און אים איבערגעגעבן וואָרט פאַר וואָרט וואָס דער פּריסטאַוו האָט צו מיר געזאָגט און פאַרענדיקט, אַז איך האָף, אַז ניט דער פּריסטאַוו האָט צו אַנטשיידן. און איך בעט נאָכאַמאָל, אַז דער גובערנאַטאָר זאָל מיר געבן די דערלויבעניש צו עפענען אַ ביבליאָטעק.

דערווייל ווייס איך ניט ווי אַזוי, נאָר עס האָט זיך ביי מיר אין שטוב אָנגעהויבן צו באַווייזן די אינטעליגענציע פון רישקאָן. מען האָט אויפ־געהערט צו גיין צו גאַנטמאַנען און מען האָט אָנגעהויבן קומען צו מיר.

דוכאַווני, דער העברעאישער לערער, האָט געהאַט קריוודעס קעגן גאַנטמאַנען, איז ער געוואָרן אַ בן־בית ביי אונז. און דער פּראָוויזאָר וואָלאָכאָנסקי פלעגט אַלע שבת־צונאַכטס קומען צו מיר און ביי אונז איבער־נעכטיקן. מיין מאַמע האָט זייער ליב געהאַט צו הערן ווי מיר זיצן און ריידן וועגן הויכע ענינים. זי האָט שוין ביי יענער צייט אויפגעהערט צו לייענען די שונד־ראָמאַנען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אַז מיר זאָלן לאַכן פון איר... זי האָט שוין געלייענט דינעזאָנען, ספּעקטאָרן און שלום־עליכמען. און מיר פלעגן אַפּט צוליב דעם „גוי" וואָלאָכאָנסקי לייענען שלום־עליכמען, כדי ער זאָל זען, אַז מיר פאַרמאָגן, ב"ה, אויך שרייבער. די מאַמע פלעגט דערלאַנגען צום טיש טיי מיט געבעקס און עס פלעגן זיך צונויפקומען אַלע בעסטע זין פון רישקאָן, ווי אַקסענפעלד, גאַנטמאַן און די איבעריקע. און מיר פלעגן זיצן ביז אין ווייסן טאָג אַריין און לערנען אַ קאַפּיטל פון דער „קליאַטשע" אָדער אַ חסידיש מעשהלע פון פּרצן.

נאָר אויב וואָלאָכאָנסקי פלעגט ביי אונז שלאָפן איינמאָל אַ וואָך, האָט זיך מיין חבר דוכאַווני מישב געווען און גאָר געבליבן ביי אונז וואוינען אויף תמיד. אים איז ניט אַזוי גוט געגאַנגען ביי אונז אין שטעטל. געווען איז ער אַ יונגער בחור, אַ קליינער, און מען האָט אים ניט געוואָלט געבן די קינדער לערנען העברעאיש, ווייל מען האָט צו אים ניט געהאַט קיין צוטרוי: „אַזאַ שנעק!..." און אויב מען האָט אים יאָ געגעבן אַ פּאָר אוראָקן, האָט דוכאַווני געהאַט אויסצושטיין געבראָטענע ליידן פון די בעסאַראַבער „בורדועס"; ער האָט זיי בשום אופן ניט געקאָנט אַריינקלאַפּן אין זייערע פאַרשטאָפּטע קעפּ די העברעאישע לעקציעס און די טאַטעס האָבן דערפאַר ביי אים אָפּגענומען זייערע קינדער. און דוכאַווני האָט געדאַרפט שיקן געלט זיינע עלטערן. זיין טאַטע איז געווען אַ שוחט, אָבער ער האָט זייער ווינציק פאַרדינט. הכלל, איז דוכאַווני געבליבן ביי אונז און אַזוי ווי עס זיינען געווען ניין פּיסקעס איז צוגעקומען נאָך איינער.

און איך בין מיט אים נאָענט געוואָרן ווי מיט אַ ברודער. און מיר האָבן אײנאײנעם געלערנט און געלייענט און אָפּגעמאַכט, אַז עס טאָרן צווישן אונז ניט זיין קיין שום סודות.

איך האָב כמעט ווי מער ניט געשריבן. דוכאָווני האָט יאָ געשריבן שיינע זאַכן אין העברעאיש נאָכן סטיל פון בערדיטשעווסקי. און איך האָב אים דערציילט וועגן מיין ביבליאָטעק, וואָס איך וויל עפענען און וועגן דעם ווי דער פּריסטאַוו וויל ניט קיין ביבליאָטעק...

האָט מיר דוכאָווני געזאָגט, אַז ער האָט אַ חבר אין בעלץ, הייסט ער שבתאי לערנער. און יענער האָט אַ ביבליאָטעק אין בעלץ. איז אויב איך וויל, וועט ער מיט מיר פֿאָרן קיין בעלץ אויף אַ שבת און איך וועל זיך באַקענען מיט שבתאי לערנער און ביי אים אויסגעפינען ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין.

מיר זיינען ביידע געפֿאָרן קיין בעלץ יענעם פרייטאָג בייטאָג און אָנגעקומען פונקט צו ליכט בענטשן און פֿאָרפֿאָרן אין „רישקאָנער איינפֿאָר" און געטראָפֿן דאָרטן אַ באַזונדער צימער פֿאַר אונז ביידע. און באַלד נאָכן עסן זיינען מיר אַוועק צו שבתאי לערנער אין ביבליאָטעק. זי איז געווען אויף דער פּאָטשטאָווע גאַס, ניט ווייט פֿונעם קליינעם בולוואַר. אַריינגעקומען אינאײנעם, האָבן מיר געטראָפֿן אַ יונגן מאַן מיט אַ רויט שפּיציק בערדל, מיט גרינע אויגן און מיט אַ פֿאַררוקטן קאַפּעליוש איבערן שטערן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער לענג פון דער ביבליאָטעק ווי אין עפּעס פאַרטיפט. אין איין זייט זיינען געווען פּאָליצעס מיט ביכער, אין דער צווייטער זייט פּאָליצעס מיט שרייב־געצייג און פּאַפּיר. עס איז געווען אַ סטאָיקע[1] אַ לאַנגע און פֿון יענער זייט סטאָיקע איז געשטאַנען אַ נידעריק מיידל מיט פולע בעקעלעך און מיט אַ לאַנגן צאָפּ זאַמדיקע האָר. זי האָט אויך געהאַט אַ פּוכקע מויל, מיט קליינע ליפּעלעך און בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי ווי געטריפט האָניק. דאָס איז געווען סאָניע לערנער, שבתאיס אַ שוועסטער. דוכאָווני האָט מיך צום אַלעם ערשטן באַקאַנט מיט סאָניען. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ וואַרעם, ווייך הענטל, אַ קורצס מיט קליינע פֿינגערלעך. גערעדט האָט זי אָבער ניט צו מיר, נאָר צו דוכאָווניק, ווי איך וואָלט דאָ ניט געווען דער עיקר.

איר ברודער שבתאי איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק און אַז ער האָט אונז באַמערקט, האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט דוכאָווניקן ווי מיט אַן אַלטן גוטן ברודער. דוכאָווני האָט מיך מיט אים באַקאַנט, און אַזוי ווי

[1] סטאָיקע — קאָונטער, שאַפֿקעלע.

עס איז געווען פרייטאָג אָוונט און קיינער איז אין ביבליאָטעק ניט גע־קומען, זיינען מיר אַלע אַוועק צו שבתאי לערנער אַהיים.

מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין די „מאָהילע״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן מאַרק־פּלאַץ מיט אַ באַרג אַ הויכן אינדערמיט. עס איז געווען אין בעלץ זייער ווינציק שניי. אָבער דאָ אויף דער „מאָהילע״ האָט ער זיך נאָך אַנגעזען, כאָטש אַ שוואַרצער, אַ צעטראָטענער.

— אַ ביבליאָטעק! — האָט שבתאי זיך אויסגעלאַכט פון מיר, ווען ער האָט דערהערט וועגן מיין פּלאַן — יונגערמאַן, זאָל אייך גאָט אויסהיטן! עס איז אַן אומגליק... יידן לייענען ניט קיין ביכער, קויפן ניט קיין שרייב־געצייג... אַז אַ ייד דאַרף שרייבן, שרייבט ער עס אויף אשר־יצר פּאַפּיר...

מיר זיינען גיך געקומען צו שבתאין אין שטוב. און איך האָב טאַקע דערזען, וואָס פאַר אַן אומגליק אַ ביבליאָטעק איז... דאָרטן איז געווען אַזאַ אָרעמקייט, אַז עס האָט מיך פשוט צענומען... די קינדערלעך זיינען אַרומגעקראָכן האַלב־נאַקעטע אויף דער פּאָדלאָגע. און עס איז דאָרטן אין שטוב געווען קאַלט, ווי אין אַ פּסאַרניע. און איך האָב געזען ווי די מאַדאַם לערנער האָט זיך אָנגעשטרענגט כאָטש צו מאַכן אַ גלעזל טיי... און עס איז ניט געווען מיט וואָס צו מאַכן דעם סאַמאָוואַר. איז זי אַרויס מיט אַ שאַלעכל און האָט געבראַכט עטלעכע שפּענדלעך; זיינען זיי אָבער געווען נאַס...

אָבער פּלוצים האָבן געטאָן אַ קום־אַריין מיט אַ פּראַל פון דער טיר אַ גאַנצע כאַפּטע יונגע לייט, בחורים און מיידלעך. זיי זיינען אַריין מיט אַ געפּילדער און ניט מיט ליידיקע הענט.

באַלד זיינען אויפן טיש געשטאַנען אַ פּאָר פלעשער וויין און עס זיינען געלעגן אַ פּאָר געפּעפּערטע קישקעס, און אַ גרויס גרעקיש ברויט, וואָס האָט אַליין פאַרנומען אַ האַלבן טיש, און מאַסלינעס שוואַרצע, פּעטינקע, און טאַראַנקעס, וואָס האָבן געלויכטן אַזוי ווי פּערלמוטער אַנטקעגן לאָמפּ, און אַ פּושקע מיט כאַלוואַ און נאָך און נאָך...

— וואָס, מען איז גאָר געקומען פּרעסן?... — האָט זיך שבתאי לער־נער געוואונדערט.

— האָט ניט קיין יסורים, שבתאי, מיר קאָנען די ראָלן און מיר וועלן אויך מאַכן רעפּעטיציע...

„ראָלן״, „רעפּעטיציע״ זיינען פאַר מיר געווען נייע ווערטער. אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב זיך מיט די אַלע יונגע לייט און מיידלעך באַקאַנט און איך בין געוואויר געוואָרן, אַז שבתאי לערנער איז

חוץ אַ ביבליאָטעקער אויך אַ דראַמאַטורג און שפּילט אַליין אויך אין זיין אייגענער דראַמע... און חוץ לזה גיט ער נאָך אוראָקן אויך... „אַזוי פיל פּרנסות און איז אַזאַ קבצן!" — האָב איך געטראַכט.

אָבער קיין סך טראַכטן איז ניט געווען ווען. די חברה האָט געגעבן אַ צעבלאָז דעם סאַמאָוואַר און מען האָט באַלד זיך גענומען צו דער סעודה. די קליינע קינדער האָט מען אָנגעהאָדעוועט און אָנגעטרונקען מיט הייסער טיי און זיי באַלייגט שלאָפן, און די גרויסע זיינען געוואָרן פריילעך. איך מיט דוכאָווניך, כאָטש מיר האָבן געגעסן אָן איינפּאַכע וועטשערע, האָבן אויך מיטגעגעסן און מען האָט געזונגען לידער, טאַקע פון דער דראַמע, וואָס מען האָט זיך געקליבן שפּילן. און אַז מען איז שוין געווען גוט פריילעך און זאַט, האָט מען זיך דערמאַנט, אַז מען דאַרף מאַכן רעפּעטיציע.

שבתאי לערנער איז מסתּם אויך געווען דער רעזשיסאָר, ווייל ער האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין באַזונדערע ווינקעלעך און זיי געהייסן „זאָגן לשון"...

אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געקאָנט די ראָלן. און שבתאי האָט אַ ברוגזער פאַרמאַכט זיין טעטראַד [2] מיט דער דראַמע.

— עס וועט זיין זייער שיין אַז אַלע וועלן אַרויפגיין אויף דער סצענע און ניט קאָנען עפּענען קיין מויל! עס וועט זיין אַ שטומע דראַמע!...

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב שוין מערער ניט געוואָגט צו רעדן מיט שבתאי'ן וועגן אַזעלכע זאַכן ווי אַ ביבליאָטעק...

---

[2] טעטראַד — העפט.

פֿערטער קאַפּיטל

דוכאָוונע און איך האָבן פֿאַרבראַכט שבת אַ גאַנצן טאָג אין בעלץ ביי לערנערן אין ביבליאָטעק. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די בעלצער יונגעלייט זשומען אַרום סאָניע לערנער ווי בינען אַרום אַ בלום. סאָניע איז געווען יונג און רייף. זי איז געשטאַנען הינטער דער סטאָיקע און אָנשטאָט ביכער צום לייענען, האָט זי געטיילט זיך אַליין... דאָ מיט אַ שמייכעלע און דאָ מיט אַ קלוג וואָרט; דאָ מיט אַ בליק פֿון אירע אויסער־געוויינלעך גרויסע, ברוינע אויגן און דאָ מיט פֿאַרפּלאָנטקייט אויף אירע בלייכע באַקן. זי איז געווען אָנגעטאָן זייער פּראָסט און אָרעם. אַ גראָדקעוואַטע, טריקאָטענע קליידל, אַ ווייסע, מאַטראָסנע בלוזע מיט אַ בלאָען קאָלנער און מיט אַ מאַנטילקע אַריבערגעוואָרפֿן איבער די אַקסל. אויף איר קאָפּ אַ קאָלפּאַק־אַרטיקער הוט, פֿאַרבונדן מיט צוויי בענדלעך הינטער איר געמבעלע. דער זאַמדיקער שווערער צאָפּ פֿון אירע רייכע, וויכע האָר האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּרינגען אויף אירע אַקסל, ווי דער שיינער עק פֿון אַ יונגער, רייצנדיקער חיה.

זינט איך האָב געהאַט מיין ביטערע דערפֿאַרונג מיט יענטע מיילעכ־זאָן, האָב איך זיך שוין געהיט פֿאַר יעדער מיידל... און כאָטש איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פֿון באַוואונדערן סאָניע לערנערס שיינקייט, האָב איך פֿונדעסטוועגן זיך געהיט ניט אַריינצופֿאַלן אונטער איר ווירקונג.

אין אָוונט זיינען מיר, דאָס הייסט, איך און דוכאָווני, צוריק גע־פֿאָרן קיין רישקאָן. מיין האָפֿענונג צו קריגן אינפֿאָרמאַציע וועגן מיין ביבליאָטעק איז געבליבן אומבאַפֿרידיקט און איך האָב געמוזט זיצן און וואַרטן אויף אַן ענטפֿער פֿונעם גובערנאַטאָר. איין זאַך האָב איך יאָ געבראַכט פֿון בעלץ, און דאָס איז געווען, אַז מען דאַרף ביי אונז, אין רישקאָן, אויך שפּילן טעאַטער, אַזוי ווי מען שפּילט אין בעלץ. דוכאָווני האָט זיך אונטערגענומען אָנצושרייבן אַ דראַמע, און אַזוי ווי ביי אונז איז געווען אַ גרויס צימער מיט אַ טיר אין קלענערן צימער, האָבן מיר באַלד אָפּגעמאַכט, אַז אונזער גרויסער צימער זאָל זיין דער זאַל פֿאַרן פּובליקום און דאָס קליינע צימער זאָל זיין די בינע.

מיין מאַמען איז דער פּלאַן זייער געפֿעלן געוואָרן: זי וועט האָבן טעאַטער ביי זיך אין שטוב!...

נאָר ווען עס איז געקומען צו דעם צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע האָבן מיר ניט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן. אַקסענפעלד מיט זיינע שוועסטער האָבן באַלד געמאַכט צו־נישט די גאַנצע זאַך. זיי אַליין האָבן ניט געוואָלט אָנטיילנעמען אין אַזאַ טרופּע. עס איז געווען נידעריקער פון זייער ווירדע. זייער שטאַנד איז געווען אַ באַלעבאַטיש־אַריסטאָקראַטישער און זיי האָבן ניט געוואָלט „ליגן אויף דער צונג" פון יעדן איינעם...

און אַזוי נאָך דעם ווי די אַקסענפעלדס האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָבן שוין די איבעריקע באַלעבאַטישע מיידלעך און בחורים זיך אויך אָפּגעזאָגט פון אַריינצוגיין אין אונזער טרופּע. אַזוי, אַז מיר זיינען געבליבן אַ פּאָר בחורים. און עס איז אַפילו ביי אונז געווען אַ שטיקל אידייע, אַז אַ פּאָר פון די בחורים אונזערע זאָלן זיך פאַרשטעלן פאַר מיידלעך. אָבער דאָ איז געווען אַן אַנדער אומגליק: צווישן אונז איז ניט געווען קיין איינער וואָס זאָל האָבן כאָטש עפּעס אַ שטיקל שיין פּנים, כּדי ער זאָל זיך קאָנען פאַר־שטעלן פאַר אַ מיידל אויף דער בינע... און מיר האָבן דאָס שפּילן טעאַטער דערווייל געמוזט איבערלאָזן אויף אַ מער גינסטיקער צייט.

ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ בחור אַן אַרבעטער, וואָס זיין אַרבעט איז געווען צו פאַרריכטן אַלטע זעק. געהייסן האָט ער יחיאל. אין זיין פריער יוגנט איז ער געווען אַ באַהעלפער. נאָר שפּעטער, אַז ער איז גע־וואָרן אַ גרויסער בחור, איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער ביי אַלטע זעק. געאַרבעט האָט ער ביי דעם זאַק־פּראַקאַטניק אויגנשטיין. און דער דאָזיקער פּראַקאַטניק אויגנשטיין האָט געהאַט דריי מיידלעך, וועלכע זיינען געווען גרויסע אינטעליגענטקעס... זיי, די דריי באַרישניעס, האָבן זיך ווי ניט אָנגעקערט מיטן שטעטל. זיי זיינען טאַקע געווען גרויסע מיוחסטעס, דערפאַר וואָס זייערע אַן עלטערע שוועסטער איז געווען דאָס ווייב פון איינעם פון די גרעסטע גבירים ביי אונז אין רישקאָן. אָבער חוץ דעם זיינען זיי אַליין געווען די טעכטער פון אַ שיינעם יידן, אַ למדן און פון גאָר, גאָר גרויסן יחוס... מיט איין וואָרט, זיי האָבן זיך גאָר ווינציק אָנגעקערט מיטן לעבן ביי אונז אין רישקאָן.

דער אַרבעטער יחיאל, וואָס האָט געאַרבעט ביי די אויגנשטיינס, איז געווען אַ שיינער, הויכער יונג, אַ פּראָסטער און אַ געזונטער ווי אַ דעמב. ער האָט אַפילו ניט געקאָנט זיין נאָמען אונטערשרייבן. און די דריי גע־בילדעטע באַרישניעס, די אויגנשטיין שוועסטער, האָבן זייער פּאָטערס אַרבעטער געפּרוּווט לערנען שרייבן און לייענען, און עס איז אים ניט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין.

ערשטנס, איז דער פֿאָטער אויגנשטיין געווען ברוגז אויף זיינע טעכ־טער, פֿאַרוואָס זיי מאַכן אים קאַליע זיין אַרבעטער. אַנשטאָט פֿאַרלאָטען זעק, וואָס יחיאל דאַרף טאָן, שטודירן זיי גאָר מיט אים... צווייטנס, האָט יחיאל ביי די דאָזיקע מיידלעך ניט געקאָנט לערנען, ווייל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ער איז ניט געמאַכט פֿון אייזן...

אין איין שיינעם טאָג האָט זיך צו מיר אַריינגעגנבעט יחיאל. מיר האָבן געוואוינט קעגנאיבער די אויגנשטיינס, און יחיאל האָט מורא געה־האָט טאָמער באַמערקט מען אים אין מיטן טאָג אַרומגיין ליידיק. ער איז אַריין צו מיר און צו מיר געזאָגט געזונט און פֿראָסט: — אַזיק, כ'וויל זאָלסט מעך לערנען שראַבן!

אָט דער אינצידענט איז אויסגעפֿאַלן ווען איך און דוכאָווני האָבן געמוזט אויפֿגעבן דאָס שפּילן טעאָטער ביי אונז אין רישקאָן.

איך האָב יחיאלן גוט געקאָנט, ווי איך האָב געקאָנט אַלעמען ביי אונז אין שטעטל. און איך האָב אים געגעבן מיין האַנט און זיך מיט אים באַגריסט ווי מיט אַ חבר — אַ גלייכן — און מיט אים אָנגעהויבן לערנען אַלף־בית. עס איז ניט אַוועק קיין סך צייט און יחיאל האָט שוין געקאָנט שרייבן זיין נאָמען אויף יידיש און רוסיש. און ער איז געווען אַזוי דער־הויבן פֿון זיינע קענטעניש, אַז ער האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט ווי צו אַן אייגענעם ברודער...

און אַז ער האָט דערהערט אַז איך מיט מיינע חברים האָבן געוואָלט שפּילן „טעריאַטער” און מיר האָבן געמוזט אויפֿגעבן דאָס שפּילן צוליב דעם, וואָס דער רישקאָנער באַלעבאַטישער יוגנט שטייט ניט אָן צו שפּילן, איז ער געוואָרן פֿול מיט צאָרן. מען דאַרף אויך וויסן, אַז יחיאל אַלס באַהעלפֿער פֿלעגט יעדן פּורים שפּילן אַ פּורים־שפּיל.

— טעריאַטער, דאַרפֿן מיך בעטן, וועל'ך זיי וואַזן ווי מען שפּילט!...

— האָט יחיאל געזאָגט און צוגעגעבן — עך וועל רעדן מיט מיינע באַ־רישניעס... דאָס האָט ער פֿאַרשטענדלעך געמיינט די דריי שוועסטער אויגנשטיינס.

און עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ „לויפֿנדיקע פּאָטשטע” צווישן מיר און די דריי שוועסטער אויגנשטיין. דער לויפֿנדיקער פּאָטשטאַליאָן איז געווען יחיאל דער זאַק־אַרבעטער. ער פֿלעגט אַפֿילו ניט אַראָפּנעמען פֿון זיך זיין פֿאַרטוך וואָס איז געווען פֿול אָנגעשטעקט מיט זאַק־נאָדלען.

די אויגנשטיינס זיינען אַריבערגעקומען מיט זייער פֿאָטער צו אונז אין רישקאָן פֿון דעם שטעטל בריטשאָן. און איך האָב זיך מיט זיי כמעט ווי ניט געקאָנט. איז צום ערשטן געקומען יחיאל און מיר געבראַכט די

פּאַטשט, אַז די דריי באַרישניעס זיינע ווילן זיך זייער באַקאַנען מיט מיר. איך האָב געענטפערט, אַז עס איז מיר זייער און זייער איינגענעמען צו קאַנען זיך מיט זיי... אָבער ווען און ווי אַזוי? איז יחיאל געקומען מיט אַן ענטפער, אַז ווען איך וויל קאָן איך צו זיי אַריינקומען... האָב איך געענטפערט, אַז איך וועל מסתם קומען גיך...

און אַליין אַריינגיין צו זיי האָב איך זיך עפּעס געשעמט. זיי זיינען פאַרט דריי און קיין מוטער האָבן זיי ניט געהאַט... און זיי קומען פאַרט פון בריטשאַן, פון אַ שטאָט וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט איר אינטע־ליגענץ...

איך האָב געוואָלט גיין מיט דוכאָווניך. האָט אָבער דוכאָווני ניט געהאַט קיין לייטישן מאַנטל, און ער האָט ניט געוואָלט גיין אין אַזאַ אַריס־טיש הויז אין זיין אָרעמען מאַנטל...

הכּלל, איך האָב געוואַרט ביז וואָלאָכאָנסקיס פרייען טאָג, וואָס איז געווען שבת. און מיר זיינען ביידע, דאָס הייסט, איך און וואָלאָכאָנסקי, אַריינגעגאַנגען צו די דריי שוועסטער אויגנשטיינס שבת צונאַכטס. דאָרטן אין שטוב איז געווען אַזוי ריין, אַז עס איז געווען דאָס געפיל, אַז מען מעג זיך זעצן אַפילו אויף דער ערד. קיין סך מעבל איז דאָרט אויך ניט געווען, נאָר גרויסע, ליכטיקע, גראַמע צימערן. די דריי מיידלעך פּראָסט און באַשיידן אָנגעטאָן. שוואַרצע קליידלעך, ווייסע בלוזעס מיט לאַנגע אַרבל און מיט הויכע קעלנערלעך. זיי זיינען געווען אַלע דריי ניט קיין זייער שיינע, אָבער יעדע איינע האָט געהאַט איר חן. די עלטערע, זינאַ־אידע, האָט געהאַט שטאָלץ אין זיך, אַזוי ווי אַ מאַנצביל. זי האָט גע־רויכערט ציגאַרעטלעך און ווען ניט איר קול און אירע קליידער וואָלט מען טאַקע געקאָנט מיינען אַז זי איז אַ מאַנצביל... די צווייטע, ראַכיל, איז געווען קליין און ווי קוועק־זילבער, סיי אין איר האַלטונג, סיי אין איר אַרומשפּרינגען; שאַרפזיניק אין אירע רייד און אין פּנים און אויגן... די דריטע, וועלכע האָט געהייסן יענטע, איז געווען מיט אַפּגעשוירענע האָר ווי ביי אַן עכטן רוסישן מוזשיק; ברוינע האָר, וואָס בשעת זי האָט זיך אָנגעבויגן האָבן זיי זיך צעוואָרפן איבער איר פּנים. און דעמאָלט איז איר קיילעכיק, בעסאַראַביש פּנים עפּעס געווען אַזוי צויבערדיק...

זי האָט געזאָגט, אַז זי הייסט יענטע, נאָר זי וויל אַז מען זאָל זי רופן אַניוטאַ... גוט. מיר טוען איר צוליב און מיר רופן זי אַניוטאַ...

דער פאָטער איז אָוועקגעגאַנגען צו זיין טאָכטער דער גבירית און מיר זיינען אויפגענומען געוואָרן פון אָט־די דריי מיידלעך מיט זייער פיל פרייד און זיי האָבן זיך באַלד געגומען צו מיר. זיי האָבן געהערט, אַז איך שרייב

„דערציילונגען". זיי האָבן ניט געגלייבט דאָס בלאַט, וואָס מיר האָבן אַרויס־געגעבן... אָבער זיי האָבן געהערט פון מיר. און צי פיל איך ניט איצט פאַרצולייענען עפּעס?

מיר האָבן געפירט אונזער געשפּרעך אויף רוסיש. די דריי שוועסטער האָבן גערעדט אַ וואונדערלעכן רוסיש און זיי איז גראָד זייער געפעלן ווי אַזוי איך רעד רוסיש, כאָטש נאָך מיט אַ גמרא קלאַנג.

איך האָב זיך אַנטשולדיקט, אַז איך האָב ניט וואָס צו לייענען. און מיר זיינען געזעסן און געשמועסט וועגן אונזער שטעטל. ביז מיר זיינען אַרויפ־געקומען, אַז מ'וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן פאַרן שטעטל; אַז עס איז דאָ זייער פּינצטער, די מערסטע יונגע מענטשן קאָנען ניט שרייבן, ניט לייענען; די אַרבעטער יוגנט איז פאַרגרעבט און אָפּגעלאָזן; זיי אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און לעבן אַ לעבן וואָס איז ערגער פון דעם לעבן פון חיות...

עס האָט זיך אין דעם געשפּרעך אַרויסגעוויזן, אַז די מיידלעך האָבן אַ ברודער אַ סטודענט אין קיעוו און אַז זייער ברודער איז פאַרבונדן מיט אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע וואָס אַרבעט צווישן אַרבעטער און פּויערים... און אַז אַזוי שנעל ווי זייער ברודער וועט קומען אויף קאַניקול[1] מוז מען זיך מיט אים צוזאַמענריידן און זען עפּעס אָנהויבן טאָן אויך דאָ אין רישקאָן... עס מוז ווערן אויס מיט דעם פּוסטן פּוץ וואָס די רישקאָנער אַזוי־גערופענע אינטעליגענץ פּוצט זיך...

און וועגן טעאַטער? נו, מיין נאַאיוויטעט געפעלט זיי זייער... מען קאָן ניט טאָן קיין שפּרונג פון פּורים־שפּיל צו טשעכאָוון אָדער גאָרקין... און זיי וואָלטן זייער וועלן שטעלן טשעכאָוון אָדער גאָרקין... אָבער מיט וועמען און פאַר וועמען?

פֿינפֿטער קאַפּיטל

קיין טעאַטער, האָב איך געזען, קאָן מען אין רישקאָן ניט שפּילן. און מיך האָט געצויגן צו געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. עס איז גראָד געווען אַ פּאָר וואָכן פֿאַר פּורים און איך האָב געזען, אַז די גבירים פֿון שטעטל רעשן זיך שוין מיט מעות־חיטים... און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס געלט וואָס זיי זאַמלען פֿאַר אָרעמעלייט אויף פּסח, קומט קיינמאָל ניט אַריין צום אמתן אָרעמאַן. דער אמתער אָרעמאַן איז אַ שעמעוודיקער און הונגערט אינדערשטיל. און בכלל טיילן חלילה די גבירים ניט זייער אייגן געלט... זיי גיבן גאָר ניט און זיינען נאָר יוצא מיט דעם וואָס זיי זאַמלען...

איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז מיר, די רישקאָנער יוגנט, זאָלן באַקן מצות פֿאַר די אָרעמעלייט. איך האָב איבערגערעדט וועגן אָט דעם פּלאַן מיט די אַקסענפּעלדס און זיי האָבן געלאַכט פֿון מיר. אַלץ וויל איך זיין... טעאַטער שפּילן, מצות באַקן...

האָב איך זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט. צום אַלעם ערשטן בין איך געגאַנגען איבער דער שטאָט פֿון שטוב צו שטוב מיט אַזאַ ביכעלע און פֿאַרשריבן יעדן איינעמס נאָמען און וויפֿיל יעדער איינער איז געווען צופֿרידן צו געבן יעדע וואָך. איך האָב די באַלעבאַטים דערקלערט, וואָס איך וויל טאָן מיטן געלט. און עס איז יעדן איינעם געפֿעלן געוואָרן די אידייע פֿון באַקן מצות פֿאַר די אָרעמעלייט. און בשעת איך בין אַזוי אַרומ־געגאַנגען איבער דער שטאָט האָבן זיך אַ סך באַלעבאַטעס פֿאַרשריבן צו קומען אין דער בעקעריי און העלפֿן מיט געוויסע אַרבעטן.

עס האָט מיר גענומען אַ פּאָר טעג דורכצוגיין אַלע גאַסן. און איך האָב באַמערקט, אַז גראָד די גבירים האָבן ניט געוואָלט געבן; זיי האָבן געזאָגט, אַז עס איז דאָ מעות־חיטים און דאָס איז גענוג פֿאַר די קבצנים...

די איבעריקע באַלעבאַטים, קרעמער און בעל־מלאכות האָבן זיך פֿאַר־שריבן, יעדער נאָך זיינע כוחות־נאָך. איך האָב געזאַמלט אין צוויי טעג קאַרגע זיבן רובל. און דאָס איז געווען אַ זיכערער ציפֿער אַלע וואָך.

דער פֿונדאַמענט איז שוין געווען. איצט בין איך אַריינגעגאַנגען צו ר׳ זיידע גרינעוואַוצקי. דאָס איז געווען אַ ייד אַ פּראָסטער און זייער אַ רייכער.

ער האָט געהאַנדלט מיט וואַלד און מיט „פּאַראַוואַי״־מילן.[1] האָלץ איז ביי אים געווען אַ סך און מעל אויך.

אָט־די צוויי זאַכן דאַרף איך דאָך טאַקע האָבן, כּדי צו קאָנען באַקן מצות פאַר די אָרעמעלייט... אָבער ווי אַזוי קריגט מען זיי? און נאָך ביי זיידע גרינעוואַוצקי, וועמען מען האָט ביי אונז אין שטאָט גערופן זיידע פאַרך...

איך האָב איינגעשטעלט און בין אַריינגעגאַנגען צו ר׳ זיידען און אים געטראָפן זיצן איבער אַ שיסל באָרשט מיט קאַרטאָפליעס. ער איז אַלע מאָל געווען מיט אַ רויט פּנים און קאַרק און איצט פונעם הייסן באָרשט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך רויטער.

— אַ גאַסט, אַזיקל — האָט ער מיך באַגעגנט גאַנץ פריילעך — קום עסן!...

— אַ דאַנק, עסט געזונטערהייט — זאָג איך.

— זיץ.

איך זעץ זיך און וואַרט ביז ר׳ זיידע עסט־אָפּ.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

— אָט, עס שמעקט שוין מיט פּסח... — זאָג איך.

— יאָ, מען דאַרף שוין באַלד באַקן „פּידפּאַליקעס״ (מצות) — האָט ר׳ זיידע זיך געוויצלט.

— ר׳ זיידע, איך קלייב זיך צו באַקן מצות פאַר אונזערע אָרעמע־לייט.

— יאָ? ווען־זשע וועסטו באַקן?

— דערווייל פעלט מיר נאָך צוויי זאַכן: מעל און האָלץ...

— און וואָס האָסטו שוין?... — לאַכט ר׳ זיידע. איך טראַכט, אַז אויב ער לאַכט איז אַ גוטער סימן.

— אייך געפעלט עס? — פרעג איך.

— וואָס רעדסטו מיט מיר הינטעראַרום? זאָג בעסער אָפן. אַז דאָס און דאָס ווילסטו — גיט פּלוצים ר׳ זיידע אַ זאָג און שטעלט מיך טאַקע אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— איך דאַרף האָלץ און מעל... — שטאַמל איך קוים אַרויס.

— אָט אַזוי הער איך באַרבורים... הער אויס, אַזיקל, מען רופט מען דאָך זיידע פאַרך... וועלך זיי וואָזן ווער זיידע פאַרך איז... גיי אַהיים און גרייט זיך צום באַקן. און זיידע פאַרך וועט געבן מעל און האָלץ וויפיל דו וועסט נאָר דאַרפן... — האָט זיך ר׳ זיידע אויפגעהויבן און מיר נאָך

[1] פּאַראַוואַי־מילן (מילן, געטריבן פון דאַמף, פּאַרע).

דערלאַנגט אַזאַ באַק אין פּלייצע, אַז איך בין געקומען צו זיך פון מיין ערשטער איבערראַשונג. איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַרומגעכאַפּט ר׳ זיידן און אים געדריקט צו זיך.

— לאַנג לעבן, זאָלט איר! — האָב איך געמורמלט.

— גיי, און מאַך אַ שוואַג!... הערסט, קיינער זאָל ניט וויסן!...

— איך קאָן האַלטן אַ סוד, ר׳ זיידע — האָב איך אים געגעבן מיין האַנט צום געזעגענען זיך און בין אַוועק אַ פריילעכער.

איצט האָב איך געוואָלט, אַז מיינע פריינט ווי דוכאָווני, גאַנטמאַן, וואָלאַכאָנסקי און די איבעריקע זאָלן מיר צושטיין און מיר העלפן דורכפירן מיין פּלאַן. אָבער ניט דוכאָווני, ניט גאַנטמאַן און ניט וואָלאַכאָנסקי האָבן געוואָלט עפּעס טאָן. און נאָר צוויי חברים, עליק אַברהם שוחטס און פישל שמעון וואַסילעווערס זיינען צו מיר צוגעשטאַנען און אויך דער אַרבעטער יחיאל, דער זאַק־פאַרריכטער. און מיר האָבן גענומען זוכן אַ דירה, וואו מען זאָל קאָנען באַקן מצות. ביי אונז אין שטאָט זיינען געווען זייער ווייניק אַזוינע דירות מיט דעם ספּעציעלן אויוון צו באַקן. און די דאָזיקע, וועלכע זיינען געווען, זיינען כּמעט אַלע געווען פאַרדונגען יאָר־איין — יאָר־אויס.

נאָר מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אַז אויף דער שניידערשער גאַס געפינט זיך אַ שניידער וועמענס דירה עס איז צוגעפּאַסט צום באַקן מצות. זיינען מיר אַהין אַוועקגעגאַנגען.

— גוט מאָרגן!

— גוט יאָר!

— ביי אייך קאָן מען באַקן מצות?

— וואָס איז דען?

— מיר ווילן באַקן מצות פאַר די אָרעמעלייט פון שטאָט.

— האָט איר ניט געטראָפן!... איך בין אַליין אַן אָרעמאַן!...

— מיר וועלן באַצאָלן...

— נו, און וואו וועל איך טאָן מיין שניידעריי? עס איז דאָך פאַר פּסח...

— מיר וועלן אייך באַצאָלן וויפיל איר ווילט...

— און מצות אויף יום־טוב?

— און מצות אויך...

— איך וויל אַ פינף־און־צוואַנציקער...

— דאָס איז אַביסעלע צו ווינציק פאַר אייך... מיר דאַרפן האָבן די

---

[1] קאַניקול — וואַקאַציע.

גאַנצע דירה און איר מיט אייער ווייב און קינדער וועט מוזן פאַר זיך דינגען אַן אַנדער דירה — איז 25 רובל צו ווינציק — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן געטראַכט אייך צו געבן 40 רובל.

— 40 רובל!... אַזויפיל געלט!... — האָט זיך דער שניידער גע־קראַצט אין זיין פּאַטילניצע — וויבאַלד אַזוי זענט איר דאָך טייערע חברה... די דירה איז אייערע... מען דאַרף זי נאָר אַביסעלע אויסווייסן.

— דאָס וועלן מיר שוין אַליין טאָן — האָב איך געזאָגט, און אים געגעבן צען רובל אַן אַדעראויף און מיר האָבן אויסגענומען מיט אים אַז באַלד נאָך פּורים מוז ער אונז איבערגעבן די דירה. קיין קאָנטראַקטן האָט מען מיט דעם שניידער ניט געדאַרפט שרייבן. ער איז געווען זייער אַן ערלעכער ייד, אַ שניידער, און מיר האָבן אים געטרויט אויפן וואָרט.

דערווייל האָב איך אַלע וואָך געזאַמלט געלט. און אַלץ איז געגאַנגען ווי עס דאַרף צו זיין.

נאָר פּלוצים אין איין שיינעם טאָג שיקט מיך רופן שמעון מיילעכזאָן. ער האָט שוין איצט געוואוינט אין אַ פּראַכטפולן הויף וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אויסגעבויט, און האָט זיך שוין געפירט ווי דער גרעסטער גביר פון שטאָט. איך בין געגאַנגען צו אים, מיט ניט קיין גוט געפיל, כאָטש די מיילעכזאָנס האָבן זיך זייער גוט געהאַלטן מיט מיין פאַמיליע... אָבער איך האָב אינסטינקטיוו געוואוסט וועגן וואָס ער רופט מיך.

געקומען, האָב איך אים געטראָפן שלאָפן נאָכן וואַרעמעס. די מאַדאַם רייזל מיילעכזאָן, וואָס איז געווען אַ שוועסטער פון די אויגנשטיינס, האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און מיר געוויזן אַלע צימערן פונעם פּאַלאַץ. עס איז דאָ געווען אַ רייכטום. אָבער ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז עס געווען צו שרייענדיק. אַלץ האָט דאָ געשריגן: איך בין רייך!... גרויסע צימערן מיט הויכע ווענט, מיט געמעלערייען אויף די ווענט און די פענצ־טער אַזוינע גרויסע און די פּאַדלאָגעס פון די עכטע געוועקסלטע און ליכטיקע, ריינע...

באַלד איז שמעון אויפגעשטאַנען און ער האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט. מיר געגעבן די האַנט און געהייסן זיצן.

— כ׳האָב געהערט, אַז דו גרייטסט זיך צו באַקן מצות פאַר אונזערע אַרעמעלייט?

— יאָ!

— ס׳אַ משוגעת!... ווען דו ווייסט, אַז עס אונזער חזקה פון יאָרן צו באַזאָרגן די אַרעמעלייט אויף פּסח.

— איך ווייס... אָבער די אַרעמעלייט אונזערע קאָנען, קיין עין־הרע, נעמען דאָס וואָס איר וועט זיי געבן און אויך עטלעכע פונט מצות...

— זיי קאָנען!... אָבער ווען זיי צעגראַטשן דעם גאָרגל און זיי וועלן שוין נאָר וועלן נעמען...

— דאָס אַרט מיך ניט.

— אַזוי? דיך אַרט ניט? אָבער מיר זיינען די באַלעבאַטים אין שטאָט און אונז אַרט עס יאָ! — איז שוין שמעון מיילעכזאָן געוואָרן אַ ביסעלע בייז. ער איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ גרויס יידיש פּנים און מיט נאָך אַ גרעסערער יידישער נאָז. זיין רויט־גרוילעך בערדל איז געווען געשוירן ביז צו אַ שפּיץ און די האָר אויף זיין קאָפּ זיינען געשטאַנען ווי שפּיזלעך. דאָ אין צימער איז געווען זיינס אַ בילד געמאָלן אויף איינער פון די ווענט. איז אויב ער איז אין לעבן געוויינלעך געווען זייער אַ גוטער און איז זעלטן געוואָרן ברוגז, סיידן אין איצטיקן מאָמענט, ווען איך האָב אים אַזוי שקאַצעדיק אַנטקעגנגערעדט, איז אָבער זיין פאַר־טרעט אויף דער וואַנט געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ רוצח.

האָב איך איצט געהאַט צוויי שמעון מיילעכזאָנס, ביידע ברוגזע. און וואו איך האָב זיך געטאָן אַ קער איז געווען שלעכט. איך האָב זיך פונדעסט־וועגן אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— וואָס־זשע האָט איר מיך געשיקט רופן?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט ניט באַקן קיין מצות... מיר וועלן שוין אַליין פאַרזאָרגן אַלע אָרעמעלייט...

— דאָס וועט איר ביי מיר ניט פּועלן — האָב איך אים געגעבן די האַנט אויף אָוועקצוגייך...

— גייסט מיט שטאַרקייט?... און פאַרגעסט, אַז מיט דיר רעדט שמעון מיילעכזאָן!...

— און איר פאַרגעסט ניט, אַז איר רעדט מיט אייזיק ראַבאַי... — האָב איך געזאָגט האַלב אין שפּאַס און בין אַוועקגעגאַנגען.

זעקסטער קאַפּיטל

באַלד נאָך פּורים האָט דער שניידער אונז איבערגעגעבן זיין דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאַרהויז, אַ גרויס צימער, אַ קיך מיט אַ גרויסן אויוון און אַן אַלקער. דער שניידער מיט זיין ווייב און זייער איין־און־איינציקער, דערוואַקסענער טאָכטער, האָבן זיך אַרויפגעצויגן אויפן בוידעם. זיי האָבן עס געטאָן אַזוי: צוגעשטעלט אַ לייטער אין פאַרהויז און אַרויפגעקראָכן מיט זייער ביסל אַרעמקייט אויפן בוידעם. די טאָכטער האָט שוין געאַרבעט שניידעריי ביי אַ פרעמדן שניידער. ביי איר טאַטן האָט זי ניט געהאַט קיין אַרבעט. זי איז געווען זייער אַ שיין מיידל מיט אַ געטאָקט ליאַלקע־פּנים, מיט בלאָנדע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צאַרטע, געלע וואָל פון אַ יונג לעמעלע. זי האָט אויך געהאַט בולטע קוקלע־אויגן. און ווען מיר זיינען געקומען איבערנעמען די דירה, איך מיט עליק אַברהם שוחטס און פישל שמעון וואַסילעווערס — די דריי אינטעליגענטן — האָט זיך דאָס מיידל פאַר אונז ווי באַהאַלטן און געגעסן איר אָנבייסן אויפן בוידעם. דער טאַטע מיט דער מאַמען אירער זיינען געווען אין די מיטעלע יאָרן, אָבער פון דער אַרעמקייט, אַפּנים, זיינען זיי שוין געווען ווי צוויי אַלטע שקראַבעס. דער טאַטע איינגעדאַרט, איינגעבויגן און מיט איינגעפאַלענע באַקן, און די מאַמע כמעט אַ חורבה. צוויי ביינער־הענט, אַ פאַרוויאַנעט פּנים מיט איינגעפאַלענע אויגן; בלאָע, וואַסערדיקע אויגן און מיט אַ פאַטשיילע אויפן קליינעם קעפּעלע, וואָס איז ביי איר געלעגן עפּעס אין אַ זייט, אַזוי ווי ביי אַ קראַנקער הון...

מיר זיינען געווען דריי געזונטע בעסאַראַבער בחורים, אין דער עלטער פון 17 ביז 18 יאָר. און מיר האָבן געגלויבט אין אונזער אַרבעט און געקומען צוגיין אַהין מיט טראַציקן מוט און פריילעכקייט. און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם שניידערס ליידיקער, קאַלטער שטוב מיט די גראָע, צעבויגענע ווענט און מיט דעם ערדענעם, גריבלדיקן דיל און אונזערע שטימען האָבן דאָרטן אָפּגעקלונגען ווי אין אַן אונטערערדישער הייל.

אין דער שניידערשער גאַס איז באַלד געוואָרן אַ געלויף און באַלד זיינען אַרום דעם הויז געשטאַנען קינד און קייט.

און מיר דריי חברה האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. איינער איז געלאָפן קויפן אַ בעזים, אַ צווייטער איז געלאָפן קויפן קאַלך און אַ דריטער איז געגאַנגען זוכן לייבקע ליים־פירער, כדי ער זאָל ברענגען אַ פורעלע מיט ליים. און אַז די שניידערשע ווייבער האָבן דערזען וואָס מיר קלייבן זיך צו טאָן, האָבן זיי פאַרקאַשערט די אַרבל און אונז גאָר ניט געלאָזט טאָן.

— ס'הייסט?... דאָס איז ניט פאַר אַ מאַנצביל צו טאָן...

און באַלד האָבן די שניידערשע ווייבער געטינקעוועט די ווענט און געלאָשן דעם קאַלך און געווייסט די סטעליע.

אין דרויסן איז געווען איינער פון יענע טעג, נאָך פורים, ווען אין בעסאַראַביע האָט שוין געוואָרעמט אַן ערלעכע זון און פויגעלעך האָבן געזונגען. און אין שטיבער האָט מען שוין געמעגט עפענען די טירן און פענצטער. ביי אונז אין רישקאַן איז געווען זייער אַ גרויסע בלאָטע, וואָס ביינאַכט איז זי געפרוירן געוואָרן און ביי טאָג האָט זי נאָכגעלאָזט. אַלע גאַסן האָבן אויסגעזען אַזוי ווי פאַרפּלייצט מיט אַ גלאַנציקער, שוואַרצער בלאָטע. אָבער די שניידערשע גאַס איז געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי די איבעריקע גאַסן, ווייל אַט די גאַס איז געווען אויף אַ באַרג. דאָ איז שוין געווען סטעזשקעס אויסגעטראָטן, און עס האָט שוין געשמעקט פון די פעלדער מיט וואַקסן, מיט ניי גראָז.

מיר האָבן געוואָלט, אַז די שטוב זאָל פאַרטיק ווערן ביז שבת. און זונטאָג האָבן מיר שוין געוואָלט זיך שטעלן באַקן די מצות. האָבן די שניידערשע ווייבער זיך צעוויגט און די אַרבעט איז ביי זיי געגאַנגען ווי געשמירט... און מיר זיינען אַוועק צו די צוויי יידישע באַנדאַרעס און דאָס זיינען געווען צוויי ליכטיקע האָרעפּאַשנע יידן. איינער אַן עלטערער ייד בענצי באַדנער (ביי אונז האָט מען ניט געזאָגט „באַנדער", נאָר „באַדנער"). ער איז שוין געווען אַ ביסעלע טויבלעך, נאָר אַז ער האָט אונז דערזען, האָט ער גענומען אַ שמעק טאַבאַקע און אונז אויך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ שמעק טאַבאַקע. נאָר מיר האָבן געשמייכלט און דאָס האָט געמיינט, אַז מיר שמעקן ניט קיין טאַבאַקע... האָט בענצי צו אונז געטאָן אַ געשריי: „וואָס זשע יידן קאָן איך אייך געבן?!...

— מיר דאַרפן אַ פאַס אויף וואַסער! — שריי איך אים אין אויער אריין.

— אַ פאַס? ווי גרויס?

— דאָס גרעסטע.

איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער און אַרויסגעקאַטשעט אַ גרויסן פאַס.

— גרויס געגוג? — שרייט ער צו אונז.

— גרויס געגוג! ענטפערן מיר — וויפיל קאָסט עס?

— דריי שמעק טאַבעקע!... — לאַכט בענצי באַדנער. ער האָט שוין, אַפּנים, געוואוסט צוליב וואָס מיר דאַרפן אַ פּאַס און וואָס מיר קלייבן זיך צו טאָן. און ער האָט ביי אונז קיין געלט ניט געוואָלט, נאָר ער האָט עס אונז „געליען" ביז איבער פּסח. דער אַלטיטשקער האָט נאָך אַליין צוגע־קאַטשעט דעם פּאַס ביז צום שניידערס שטוב. און ער האָט געמוזט זיין אַ קינסטלער פּאַס־קאַטשער, ווייל ער האָט דאָס פּאַס כּמעט ווי ניט אויס־געשמירט מיט קיין בלאָטע.

דער צווייטער באַנדער, דער יונגערמאַן מאַטיע, האָט אונז אויפגענומען מיט גרויס פריידע. ער האָט, זאָגט ער, ליב געבילדעטע יונגעלייטשיקלעך און ער האָט אונז געגעבן אַ גרויסן פּאַס און עס טאַקע אַליין געטאָן אַ נעם אויף זיינע פּלייצעס און, זאָגט ער, עס איז ביי אים ווי אַ שפּענדל גרינג. און קינדערלעך, זאָגט ער, איר זאָלט זיין געזונט — אַ געזונט אין אייערע קעפּעלעך...

מאַטיע האָט נאָך אויך אַרויסגענומען זיין בייטל און געזאָגט:

— וויפיל?

— נעמט וויפיל איר ווילט... איר טוט אַזאַ גרויסע זאַך...

מיר זיינען אַלע דריי צעוואָרעמט געוואָרן פון מאַטיעס רייד און האַנדלונגען, נאָר קיין געלט האָבן מיר ביי אים ניט געוואָלט נעמען...

— גוט, איך וועל קומען העלפן... — האָט ער געזאָגט.

און איך בין אַוועק צו נאָסעלע וואַסער־פירער און ביי אים באַשטעלט וואַסער אויף זונטאָג גאַנץ פרי. נאָסעלע וואַסער־פירער איז געווען אַ קליין שטאַרק יידעלע, אַנגעטאָן אין צווי גרויסע שטיוול, וואָס די כאַליעוועס זייערע האָבן געגרייכט ביז צו זיין גאַרטל. ער האָט אָבער געהאַט זייער אַ גרויס פערד מיט שווערע פיס און מיט אַ סך האָר אַרום די פיס. איצט אין די בלאָטעס האָט דאָס דאָזיקע פערד אַנגענומען זייער אַ סך בלאָטע אויף די האָריקע פיס און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ העלפאַנט איידער ווי אַ פערד. חוץ דעם האָט עס געהאַט אַלע גוטע מעלות, וואָס אַ יידיש פערד דאַרף האָבן. עס האָט געהאַט אַן אויסגעקראַכענעם עק, עס איז געווען דאַר און די ריפּן־ביינער האָבן ביי אים אויסגעוויזן אַזוי ווי רייפן אויף אַ צעלעכערטן פאַס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט כּמעט ביז צו דער ערד און עס האָט ביי אים געטרערט פון די אויגן... געפירט האָט נאָסעלע וואַסער אין אַזאַ פאַס אויף צווי רעדער, וואָס מען האָט ביי אונז גערופן „סאַקאַ". און איך האָב ביי אים באַשטעלט צווי „סאַקאַס" מיט וואַסער אַלע

טאָג. נאָסעלע האָט זיך אָזש געריבן דאָס פּנים פֿאַר פֿרייד, ווייל איך האָב אים אויך צוגעזאָגט מצות אויף פּסח... אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך גאָר קיינמאָל ניט געריכט.

יאָ, די אַרבעט פֿון אויסקאַלכן און אויסשמירן די שטוב איז געטאָן געוואָרן מיט גרויס אימפּעט. און אַרום דאָנערשטאָג פֿאַרנאַכט האָט שוין דעם שניידערס שטוב אויסגעזען ווי אַ „פּאַלאַץ".

און פֿרייטאָג אינדערפֿרי זיינען מיר אַוועק צו ר' משה סקלאַדניק און כאָטש ער איז געווען אַ בייזער ייִד, אַ קאַרגער, האָט ער אונז געגעבן ברעטער פֿאַר טישן און בענק. און ביז פֿרייטאָג זיינען שוין מיט אונז געווען אַלע בעל־מלאכות און זייערע קינדער. און די סטאָליאַרישע בחורים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט און געמאַכט טישן צום וואַלגערן די מצות און בענק צום זיצן און צו קנעטן די מצות, און לאָפּעטעס מיט קאָטשערעס. און איך בין אַוועק צו ר' זיידע גרינעוואָוצקי און אים אַלץ דערציילט און אים געזאָגט, אַז מיר זיינען פֿאַרטיק צום באַקן און אַז מיר דאַרפֿן דאָס האָלץ און דאָס מעל. און באַלד איז זיידע אַרויס אין זיין פֿאַדווירע און געהייסן אָנלאָדן אַ וואָגן מיט מעל און צוויי וועגענער מיט האָלץ. און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר שוין געהאַט מעל מיט האָלץ. דאָס מעל איז געווען עכט, ווייס, געבייטלט מעל, און דאָס האָלץ עכט דעמבענע שייטלעך, וואָס אַז מען האָט זיי נאָר געוויזן אַ שוועבעלע, האָבן זיי שוין געברענט...

און צוויי „שיבערס" האָבן זיך געיאָוועט און אָנגעבאָטן זייער אַרבעט אָן געלט. איינער כאַצקל דער קאַרליק און דער צווייטער איציק דעם מילנערס. ביידע וואוילע יונגען — די אמתע גיבורים פֿון שטעטל. כאַצקל דער קאַרליק, ווי קליין ער איז געווען, האָט ער געקאָנט שלאָגן דריי מיט אַ מאָל. און איציק דעם מילנערס איז ניט געווען קיין קאַרליק און אַז ער האָט אימיצן דערלאַנגט מיט זיינע הענט, איז יענעם געווען אָך און ווי... אָט די צוויי גיבורים האָבן ביידע געקאָנט זיין גוטע „שיבערס"; דאָס הייסט, זיי האָבן געקאָנט איינזעצן די מצות אין אויוון און זיי גוט אויס־באַקן און אַרויסשיבן די מצות פֿון אויוון אין צייט, כּדי זיי זאָלן ניט פֿאַר־סמאַליעט ווערן.

— מיר האָבן געהערט, אַז מען קלייבט זיך אייך צו טאָן שאָדן — האָט כאַצקל געזאָגט — און דערפֿאַר בין איך געקומען מיט מיין פֿריינטעלע איציקלען און לאָזן „זיי" פּרואוון עפּעס טאָן... קישקעס וועלן זיך וואַלגערן אין די גאַסן...

מיר האָבן זייער גערן אָנגענומען אָט די צוויי חברה־לייט אַלס שיבערס. זיי וועלן זיך קאָנען בייטן מיט די ראָלן, ווייל שטיין ביים אויוון אַ גאַנצן

טאָג איז געווען שווער פאַר איין מענטשן. און וועגן דעם וואָס „מען זאָגט" האָבן מיר זיך געמאַכט ניט ווִיסנדיק. ווער האָט מורא געהאַט פאַר זייערע סטראַשונקעס? אַז מיר האָבן כּמעט די גאַנצע יוגנט מיט זיך. חוץ אַ פּאָר באַלעבאַטישע יוגנטלעכע, זיינען כּמעט אַלע יונגעלייט געווען מיט אונז. און מיט דער יוגנט איז דער אמת — האָבן מיר געגלויבט — און אויך דער יושר...

פרייטאָג פאַרנאַכט, איידער מיר האָבן פאַרלאָזט אונזערע פּאָסטנס, האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז שבת־צונאַכטס וועלן מיר זיך אַלע צוזאַמענ־קומען און אָנהויבן מיט דעם, וואָס מען וועט איינהייצן דעם אויוון און אים אויסגליִען, כּדי דער אויוון זאָל זיין כּשר צום באַקן מצות. מיר האָבן אויך אָפּגעמאַכט, אַז דאָ אין דעם הויז טאָר מען ניט ריידן קיין ניבול־פּה און מען טאָר אויך ניט ריידן קיין גראָבע רייד מיט די ווייבלעך און מיידלעך, וועלכע וועלן קומען וואַלגערן די מצות. מיר האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל, חלילה, ניט פאַלן קיין שום חשד אויף אונז פון די חסידים און גבירים פון שטעטל. עס זיינען ביי אונז, דאַנקען גאָט, אין שטעטל געווען אַ סך פּרו־מאַקעס, גאַטס־סטראַפּטשעס און קנאים, וואָס וועלן זייער גערן אויף אונז אויסטראַכטן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מעשׂיות...

און מיר האָבן אויך אָפּגעמאַכט, אַז עס זאָלן ניט זיין ביי אונז קיינע מיוחסים... אַריסטאָקראַטישע ווייבלעך און מיידלעך זאָלן אַרבעטן אינ־איינעם ביי איין טיש מיט בעל־מלאכהשע ווייבלעך און מיידלעך. מיר האָבן געהאַט אַ לאַנג צעטל מיט נעמען און מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. און מיר האָבן געמישט שניידער־מיידלעך מיט אינטעליגענטקעס און באַלעבאַטישע ווייבלעך מיט שוסטערקעס... און אונזער פּלאַן איז געווען, אַז יעדע וואַכטע זאָל אַרבעטן צוויי שעה און דערנאָך ווערן פאַר־ביטן מיט אַן אַנדער וואַכטע. הכּלל, אַלץ האָבן מיר איינגעאָרדנט גוט און פיין. און מיר האָבן שוין קוים דערלעבט אַז דער שבת זאָל אַוועק. און איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין מאַמען, ווייל איך האָב ניט דערוואַרט צו קאָנען קומען אַהיים, אַפילו שלאָפן. און די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט קומען אַלע מאָל מיר ברענגען עסן. חוץ וואָס מיין מאַמע האָט אויך געדאַרפט קומען העלפן עפּעס טאָן... אַך, יוגנט, יוגנט... ווי שיין מיר האָבן געגרייט זיך און געטאָן אונזער אַרבייט און וויפיל שטיינער מען האָט אונז געוואָלט לייגן אויף אונזער וועג!...

זיבעטער קאַפּיטל

יענעם שבת־צו־נאַכטס האָבן די פּאָר גבירים אינאיינעם מיט די גאַטס־סטראַפּטשעס פֿון רישקאָן פֿאַררופֿן אַן אסיפֿה אין דער באַלעבאַטישער קלויז, כּדי אַנצוזונעמען מיטלען, אַז מען זאָל אונז ניט לאָזן באַקן קיין מצות פֿאַר די אָרעמעלייט.

מיר זיינען צו דער פֿאַרזאַמלונג ניט געגאַנגען, ווייל מיר זיינען געווען פֿאַרנומען מיט אונזער אַרבעט פֿון איינשטעלן דעם אַפּאַראַט. אין אונזער בעקעריי האָט געזאָטן מיט דער יוגנט פֿון רישקאָן. די צימערן זיינען געווען באַלויכטן מיט בליץ־לאָמפּן און אין אויוון האָט שוין געברענט אַ פֿייער.

אַלע מאָל איז געקומען צולויפֿן אַ שטאָפּעט און געבראַכט נייעס פֿון דער אסיפֿה אין דער באַלעבאַטישער קלויז. די שטאָפּעטן זיינען געווען די זין פֿון יענע גאַטס־סטראַפּטשעס און גבירים, אונזערע שונאים. די טאַטעס—קעגן אונז און די זין מיט אונז! מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אַז דער רב פֿון רישקאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צו דער אסיפֿה. אַז מיר האָבן דערהערט אָט די נייעס, האָבן מיר אַלע געקלאַפּט בראַוואָ און געשריגן „הורא״ לכּבוד אונזער שיינעם, ערלעכן רב. דער רב האַלט, הייסט עס, מיט אונז און ניט מיט די גבירים און גאַטס־סטראַפּטשעס. און מיר האָבן דאָך געדאַרפֿט האָבן דעם רב אויף אונזער זייט. ער האָט געדאַרפֿט כּשרן דעם אויוון... מאַלט אייך, אַז מיר זיינען שוין אַלע ניט געווען אַזוינע פֿרומע יידן, אַז מיר זאָלן דאַרפֿן אַ הכשר, אָבער מיר האָבן געוואָלט, אַז די אָרעמעלייט זאָלן ניט מיינען, חלילה, אַז זיי קריגן ניט קיין כּשרע מצות אויף פּסח.

דעם אויוון האָט מען געזאָלט הייצן אַ גאַנצע נאַכט און ערשט איבּ־דערפֿרי האָט מען געדאַרפֿט ברענגען דעם רב, אַז ער זאָל אַ קוק טאָן אויפֿן אויוון און געבן זיין הכשר.

דערווייל איז געקומען אַ שטאָפּעט און איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז מען קלייבט זיך אונזער בעקעריי צו באַגיסן מיט קעראָסין און זי אונטערצינדן... אַ צווייטער שטאָפּעט איז געקומען און דערציילט, אַז מען קלייבט זיך ניט אונטערצינדן דאָס הויז, נאָר מען וועט נאָר דורכן קוימען אַריינגיסן קעראָסין, כּדי דער אויוון זאָל ווערן טריפֿה...

באַלד האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט אין בריגאַדעס און געשטעלט שומרים אין אַלע פיר ווינקעלעך פון דער בעקעריי. מיר האָבן אויסגעזעען ווי סאָלדאַטן אויף אַ שלאַכטפעלד, וואָס דערוואַרטן יעדע מינוט דעם שונא... די גאַנצע שניידערשע גאַס איז געווען פול מיט גרימצאָרן און קיינער איז דאָרטן יענעם שבת ניט געשלאָפן.

יעדער שאָרך, וואָס מען האָט געהערט פון דער טיפער פרילינג־נאַכט, האָט אויפגערודערט אונזערע וואַכלייט... אָבער דער פרימאָרגן איז אָנגעקומען אָן קיין שום ערנסטע צוזאַמענשטויסן... אונז האָט שוין אויסגעוויזן, אַז די גבירים און די גאַטס־סטראַפּטשעס האָבן זיך דערשראָקן פאַר אונזערע קרעפטן און זיי האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף...

די זון איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקע און אַ קלאָרע. די פויגעלעך האָבן געזונגען אויפן דאַך פון אונזער בעקעריי. און מיר אַלע, כאָטש מידע פון אַ גאַנצער נאַכט ניט שלאָפן, האָבן זיך דאָך געפילט פול מיט נייעם מוט. קיינער פון אונז האָט ניט געוואָלט קיין גוואַלד־מיטלען. מיר האָבן געוואָלט טאָן אונזער אַרבעט אויף אַ שטילן, אָרנטלעכן אופן. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער, ווען די נאַכט איז אַריבער אָן געשלעגן, ווייל אויף אונזער זייט זיינען געווען חברה, וואָס האָבן געקענט דערלאַנגען...

— נו, מען דאַרף גיין רופן דעם רב! — האָב איך געזאָגט.

— ווער וועט גיין?

— אַלע וועלן מיר גיין!

— אָבער מען קאָן דאָך ניט איבערלאָזן דעם אויוון אויף הפקר.

— איך וועל גיין איינער אַליין — האָב איך געזאָגט. איך האָב געוואוסט, אַז דער רב האַלט זייער פון מיר, כאָטש איך דאַוון שוין ניט... איך בין נאָך אַלץ באַפריינדעט מיט זיין איינציקן זון שלמה, מיט וועלכן איך האָב געלערנט אין בית־המדרש. און כאָטש שלמה דעם רבנס איז געבליבן אַ פרומער בחור, קום איך זייער אָפּט צו אים אַריין אין שטוב און דער רב נעמט מיך אַלע מאָל זייער שיין אויף. חוץ וואָס דער רב איז מיין טאַטנס אַ גוטער ברודער... הכלל, איך האָב געפילט, אַז ווען איך וועל גיין אַליין, וועט דער רב קומען אָנקוקן דעם אויוון; פאַרקערט, ווען מיר זאָלן קומען צום רב מיט אַ גרויסער מאַסע בחורים, וועט ער זיך דערשרעקן און אונז ניט אַריינלאָזן אין שטוב.

עס איז געבליבן, אַז איך זאָל גיין מיט „פּראָטעקציע", און כאַצקעלע איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. דאָס הייסט, איך בין געגאַנגען פאָראויס און כאַצקעלע איז געגאַנגען פון הינטן און זיך געמאַכט ווי ער גייט גאָר ניט מיט מיר... דאָס האַרץ מיינס האָט געקלאַפּט ווי מיט העמערלעך. איך האָב זיך געזאָרגט טאָמער זאָגט דער רב מיך אָפּ.

גיי איך אַזוי באַרג אַראָפּ צום רבס הויז און איך באַגעגן דעם שיינעם ייִדן, ר׳ עוזיאל, ווי ער גייט מיטן טלית און תפילין.

— גוט מאָרגן, ר׳ עוזיאל!

— גוט יאָר... וואו גייסטו אַזוי פרי? דאַוונען? — פרעגט מיך ר׳ עוזיאל מיט אַ ביסל לצנות, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז איך דאַוון שוין ניט... דאָס איז, אגב, געווען אַ ייִד אַן איש תמים, דער איינאונאיינציקער ייִד אין שטעטל, וואָס האָט זיך בלויז אָפּגעגעבן מיט צוויי זאַכן אין זיין לעבן: מיט אַ סך דאַוונען און לערנען און מיט באַזאָרגן אָרעמעלייט... וועגן פּרנסה האָט זיין ווייב ראָניע געזאָרגט. זי האָט געהאַלטן אַ קרעמל פון קאַלך.

— ר׳ עוזיאל, איך גיי צום רב... — זאָג איך ערנסט — און איך וויל, אַז איר זאָלט מיטגיין מיט מיר, זייט מוחל.

— וואָס דאַרפסטו ביים רב?

— האָט איר געהערט, אַז מיר ווילן באַקן מצות פאַר אָרעמעלייט?

— ווער־זשע לאָזט אייך ניט, שקאָצים... עכברושים... — דאָס איז געווען זיין סטיל פון רעדן מיט אַ ייִנגערן פון זיך — מען נעמט און מען באַקט...

אָבער די גבירים...

— מען הערט זיי ווי דעם קאָטער!... — לאָזט ער מיך ניט ענדיקן.

— ר׳ עוזיאל, איך וויל, אַז איר זאָלט זיך מטריח זיין און גיין מיט מיר צום רב, ווייל איך האָב מורא, אַז מען וועט אים ניט לאָזן גיין כּשרן דעם אויוון.

— זעסטו, איך האָב זייער אַ גרויסע דעה ביים רב!...

— טוט מיר צוליב און קומט.

און ר׳ עוזיאל איז געגאַנגען מיט מיר. עס איז געווען אַ ביסעלע טשיקאַווע. איך, אין אַריסטאָקראַטישע קליידער, און ר׳ עוזיאל מיט די ווייסע זאָקן און מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט די ציצית און מיט די פליענדיקע פאות... מיר קומען אַריין צום רב. ער זיצט אין זיין שלאָף־ראָק איבער אַ ספר, און די רביצין ברענגט אים אַריין אַ גלאָז ציקאָריע מיט מילך.

— געסט אַזוי פרי! — וואונדערט זיך דער רב.

— רבי, איך בין געקומען אייך בעטן אָנצוקוקן אונזער אויוון.

— גייט, גייט אָנקוקן — מישט זיך אַריין ר׳ עוזיאל — עס איז אַ גרויסע זאַך. מצות פאַר אָרעמעלייט...

— אָבער די באַלעבאַטים זיינען קעגן דעם... איך קאָן נאָך אָנווערן מיין רבנות...

— רבי, אָט הערט ר׳ עוזיאל, אַז איך גיב מיין וואָרט, אַז מיר אַלע, זיין און טעכטער פון רישקאָן, וועלן שטיין מיט אייך... אויב איר ווילט, וועל איך זיי אַלע ברענגען אַהער...

— ניין, ניין! — בעט זיך דער רבי ביי מיר — איך וויל גאָר וויסן, צי איך האָב זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן... אָבער וואָס הייסט, איך זאָל ניט גיין? איר טוט זייער אַ הייליקע אַרבעט, און איך וועל גיין אָנקוקן אייער אויוון...

דער רב האָט אויסגעטרונקען זיין ציקאָריע און זיך אָנגעטאָן און איז געגאַנגען מיט אונז. ר׳ עוזיאל איז שוין ניט געגאַנגען דאַוונען. ער האָט אויך געוואָלט זען דעם אויוון און די בעקעריי. און מיר זיינען אַלע דריי געגאַנגען, און איך האָב געפילט, וואו ניט דורך איין פענצטער האָט מען אונז באַכגעקוקט, און וואו מען האָט אונז געשאָלטן און וואו מען האָט אונז געבענטשט...

אַרום פלאַץ, וואו די בעקעריי איז געווען, איז אַזש געווען שוואַרץ די גאַס פון מענטשן. און ווען מען האָט דערזען אַז דער רב גייט, איז געוואָרן אַ יובל און אַ געשריי. מען האָט געמאַכט אַ וואַרע, און איך האָב דורכגעפירט דעם רבין מיט ר׳ עוזיאלן און אַריין אינעווייניק. די פרייד פון מיינע חברים און די אַלע בחורים, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אונז, איז גאָר ניט צום באַשרייבן. מען האָט דעם רב געטאָן אַ כאַפּ אויף די אַקסל און אים געהאָצקעט אין דער לופט, אַזש זיין שטריימל איז אַראָפּ־געפאַלן.

דער רב האָט דערגאַנגען אַלץ באַטראַכט — די טישן, דעם אַלקער, וואָס מיר האָבן אויסגעהאַנגען מיט ווייסע ליילעכער, כדי דאָרטן אָוועקצולייגן די פאַרטיקע מצות; די וואָג, אויף וועלכער מיר האָבן געוואָלט וועגן די מצות; די צוויי פעסער מיט וואַסער, און צום לעצט — דעם אויוון.

דער אויוון איז שוין אינעווייניק געווען אַזוי רויט, אַזוי ווי אָנגעגליט אייזן. אַז מען האָט אַהין אַריינגעוואָרפן אַ שייטל האָלץ, האָט עס זיך באַלד אָנגעצונדן. אַרום אויוון איז געווען ריין און זויבער.

— נו, קינדער — האָט דער רב געזאָגט — אַלץ איז ביי אייך כשר למהדרין מין המהדרין (אַפילו פאַר די סאַמע פרימסטע)... זאָל גאָט העלפן, אַז איר זאָלט דערלעבן איבער־אַ־יאָר און ווידער קאָנען טאָן אַזאַ גוטע זאַך...

— הוראַ!

— בראַוואָ!

— לאַנג לעבן זאָל אונזער רבֿ!

אָבער דער רבֿ האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין גער, אויסגעדאַרט העגטל, אַז מען זאָל אויפהערן. דער ענטוזיאַזם איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געהאַלטן אין איין שרייען ביז אויף די העכסטע קולות, ביז צום הייזעריק ווערן.

ר׳ עוזיאל האָט געהאַט אַ טבע, אַז ער האָט אַלעמאָל מיטן פינגער פון זיין רעכטער האַנט געטרייסלט אין דער לופטן אַרום זיין שטערן. די דאָזיקע טבע איז אים געקומען פון צופיל לערנען און שאַרפן זיין מוח איבער גמרא. ער איז איצט אָבער געווען אַזוי פאַרגאַפט פון דער גאַנצער זאַך, אַז ער האָט אַזש פֿאַרגעסן אויף אַ ווײַלע צו טרייסלען מיטן פֿינגער אַנטקעגן שטערן...

און אַז דער רבֿ און ר׳ עוזיאל זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי אונז איבערגעלאָזט עפּעס אַזוינס, טייערס, חשובֿס, וואָס האָט אונז אַלעמען, די יונגע חבֿרים, געמאַכט מיטאַמאָל זייער וויכטיק און ערנסט.

די ערשטע וואָכטע האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. עס זיינען צום ערשטן געקומען בעל־מלאכהשע פֿרויען און זייערע טעכטער.

און איציק דעם מילנערס האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטנדיק אויף אַ באַנק און גענומען די נייע שיסל און אָנגעשאָטן אַ פולע שיסל מיט ווייס מעל. ער האָט פאַרקאַטשעט זיינע אַרבל און אָפּגעוואַשן זיינע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי מיט שטריק אַרומגעבונדן פון די אָדערדיקע מוסקולן. און ער האָט אויסגעקנאָטן די ערשטע „מעירע״ (טייגל) און האָט די „מעירע״ געפּעטשלט אין זיינע גרויסע דלאָניעס, ווי מען פּעטשלט אַ ניי־געבוירן קינד, אַז עס זאָל אָנהויבן צו ווייזן סימנים פון לעבן.

די „מעירע״ האָט ממש געסוויסטשעט אין זיינע הענט. און ער האָט זי געטאָן אַ דערלאַנג צום לאַנגן טיש. באַלד האָט מען די „מעירע״ צעטיילט מיט אַ מעסער אין אַ טוצן קליינע חלקים, און באַלד האָבן זיך שוין קאַ־טשעלקעס געקייקלט אַהין און צוריק, און דער רעזולטאַט איז געווען: קיילעכיקע בלעטלעך, וואָס כאַטש נעם און שנייד פון זיי לאָקשן... אויף אַ צווייטן טיש האָבן מיר, די חבֿרים, „געראַדלט״ מיט אַזוינע ציינדלדיקע רעדלעך די מצות. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך בין שוין אַ גרויסער בחור — איך האָב ליב געהאַט צו רעדלען מצות. דאָן האָט מען זיי צוגעטראָגן צום אויוון, און כאַצקל האָט זיי געטאָן קונציק אַ כאַפּ אויף דער לאָפּעטע און האָידאַ אין אויוון אַריין. איינס נאָך איינס זיינען די רויע קיילעכיקע מצות געפֿלויגן אין אויוון אַריין און באַלד צוריק אַרויסגעקומען אויף דער לאָפּעטע, פאַרברוינטע, הייסע מצות און פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז מיט זייער יום־טובֿדיקן ריח...

אַכטער קאַפּיטל

דריי וואָכן האָבן מיר געאַרבעט, ביז מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז יעדער אַרעמאַן אין שטאָט האָט שוין מצות. איך בין געקומען אַהיים פון דער בעקעריי אַן אויסגעמאַטערטער פון ניט דערשלאָפן און ניט דערעסן. און מיין פאָטער איז געקומען אויף פּסח פון זיין שטעלע און אַז ער האָט געהערט, וואָס איך האָב אויפגעטאָן, האָט ער מיך אַרומגענומען און מיך געקושט און געהאַלזט.

מיר זיינען געבליבן מיט אַ פּראָפיט פון די מצות, ווייל מיר האָבן אויך פאַרקויפט מצות צו אַזוינע געמיינע לייט, וואָס האָבן ניט געוואָלט נעמען אומזיסט, נאָר סיידן מען וועט ביי זיי נעמען געלט. איז אונז געבליבן עטלעכע רובל. און איצט, אַז די אָקסענפעלדס האָבן געזען, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און אַז איך האָב געזיגט איבער די גאַטס־סטראַפּטשעס, האָבן זיי שוין חרטה געהאַט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך ניט באַטייליקט פון אָנהויב אָן. און אַז איך האָב זיי דערציילט, אַז אונז איז נאָך געבליבן געלט, האָבן זיי געמיינט, אַז עס וואָלט ניט געווען שלעכט, ווען מען זאָל די אָרעמעלייט אויך געבן קאַרטאָפליעס און אייער. עס איז שוין אָבער געווען שפּעטלעך. נאָר צו אונזער גליק איז גראָד געווען אַ יאַריד־טאָג און מיר זיינען אַרויס אין מאַרק און אָפּגעקויפט אַלע קאַרטאָפליעס און אייער, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט און אָפּגעלייגט ביי די אָקסענפעלדס אין אַ סקלאַד.

ר׳ זיידע, וואָס האָט געגעבן מעל און האָלץ, איז אויף מיר דערפאַר שטאַרק ברוגז געוואָרן:

— סטייטש — האָט ער צו מיר געזאָגט — ביסטעך עפּעס אַ יונגערמאַן פון יענע, וואָס... ווי הייסט עס... איז, פאַרוואָס האָסטו פאַרשעמט מיין סקלאַד און גאָר אָפּגעלייגט די קאַרטאָפליעס ביי סענדערן?

— ר׳ זיידע — האָב איך געזאָגט — איר האָט געטאָן אייערס... זאָל אימיצער אויך עפּעס טאָן.

— איי, גיי מיר אין דער!... — האָט ר׳ זיידע מיך איבערגעלאָזט אַליין און איז אַוועק צו זיך אין שטוב אַריין.

נאָר ווי עס זאָל ניט געווען זיין גערעכט די טענה פֿון ר׳ זיידען, האָב איך אים שוין ניט געקאָנט צופֿרידנשטעלן. די קאַרטאָפֿליעס מיט די אייער זיינען צעכאַפּט געוואָרן חול־המועד פּסח.

* * *

און אַזוי האָב איך זיך גענומען מישן אין שטאָט־זאַכן. איך האָב געהאַט גענוג צייט. טאָן איז נ̇יט געווען וואָס. איך האָב דאָך געוואַרט אויף דער דערלויבעניש פֿונעם גובערנאַטאָר, כּדי צו קאָנען עפֿענען אַ ביבליאָטעק, דערווייל איז זי נאָך ניט אָנגעקומען.

ביי אונז אין שטאָט איז געווען אַ תּלמוד־תּורה, וואָס די „שטאָט־טאַטעס״ האָבן אויסגעהאַלטן. איז דאָס געווען אַ גרוב, ניט קיין חדר. די קינדערלעך פֿון די אָרעמסטע צווישן די אָרעמסטע זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און זיינען געווען שיעור־ניט אָנגעשטעקט מיט קרעץ פֿון דער אומריינקייט און דער ווילגאָטע ביי זיי אינדערהיים און אויך אין תּלמוד־תּורה.

האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז אונזער באַלדיקע וויכטיקע אַרבעט דאַרף זיין אויפֿצועפֿענען אַ יידישע שול פֿאַר די קינדער פֿון די „אָרעמסטע פֿון די אָרעמסטע״, און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

פֿריער זיינען מיר אַרומגעגאַנגען צווישן אַלע באַלעבאַטים און ביי זיי געפֿרעגט, צי זיי זיינען מסכּים און צי זיי ווילן ביישטייערן יעדע וואָך. דער אָפּרוף איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער.

און אַזוי ווי מיר האָבן שוין געקאָנט די אָרעמעלייט, זיינען מיר אַוועק צו זיי און געפֿרעגט צי זיי ווילן שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישער שול, וואו מען וועט מיט זיי לערנען שרייבן און לייענען יידיש, לשון־קודש און רוסיש.

די אָרעמעלייט האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי מעגן זיך פֿאַרלאָזן אויף אונז... האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט אַ צעטל פֿון צוואַנציק יינגלעך פֿון די יאָרן פֿון 6 ביז 12.

מיר האָבן געדונגען אַ דירה פֿון צוויי צימערן מיט אַ קיך. די קיך האָבן מיר געדאַרפֿט אויף כּפּרות. נאָר מיר האָבן פֿון איר געמאַכט אַ צימער צום אויפֿהענגען די קליידער און היטלען.

און מיר האָבן ווידער זיך אַוועקגעשטעלט און געמאַכט טישן און בענק, פּונקט אַזוי ווי אין דער „שקאָלע״ און זיי אָפּגעפֿאַרבט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ „ויצעקו״: סטייטש, מיר ווילן מאַכן פֿון יידישע קינדער גויים. סטייטש, מיר זיינען מסיג־גבול דעם מלמד פֿון דער „תּלמוד־תּורה״...

האָבן מיר געזאָגט צום תּלמוד־תּורה מלמד, וואָס האָט געהייסן משה קנעפּל:

— הערט אויס, ר׳ משה, וויפיל צאָלט איך די שטאָט?

— דרייסיק קערבלעך אַ זמן...

— מיר וועלן עס אייך צאָלן ביז איר וועט זיך שטעלן אויף די פיס.

— ניין, איך וויל לערנען מיט די אָרעמע קינדער — עקשנט זיך ר׳ משה.

— מיט די אָרעמע קינדער קאָנט איר מערער ניט לערנען... מיר ווילן מיט זיי לערנען...

— אַזוי?!... — האָט ר׳ משה געגנוג חוצפּה זיך צו שטעלן אונז אַנטקעגן. ער האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז אַזוי ווי די שטאָט־טאַטעס זיינען קעגן אונז, מעג ער זיך אויך שטעלן קעגן אונז.

— זעט, אַז איר זאָלט ניט חרטה האָבן — האָבן מיר אים געוואָרנט.

— אַזוינע קנאַקערס זייט איר? — האָט ער זיך פון אונז אויסגעלאַכט.

מיר זיינען אַוועק צו די קרעמער, וואָס פאַרקויפן פּאַרטיקע גאַרניטערס. עס זיינען געווען דריי זייער רייכע קרעמער אַזוינע. און מיר האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ חוב, אַז זיי מוזן אונז געבן צוואַנציק גאַרניטערס פאַר די אָרעמע קינדערלעך. און אַבי מיר האָבן געפּועלט ביי איינעם, האָבן שוין די אַנדערע צוויי אויך ניט געהאַט קיין ברירה... און דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען צו די שוסטער און געקראָגן שטיוועלעך. און ביי די היטל־מאַכער האָבן מיר געקראָגן היטעלעך. און ביי די שניט־קרעמער האָבן מיר געקראָגן לייוונט פאַר העמדער און אונטערוועש. און מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָמפּאַניע באַלעבאַטישע ווייבלעך און מיידלעך, אַז זיי זאָלן אויסאַרבעטן צוואַנציק פאַר זאַקן און אויפנייען דאָס וועש...

אין איין שיינעם טאָג האָבן מיר באַפוילן דעם בעדער, אַז ער זאָל אָנגרייטן הייס וואַסער און מאַכן גרייט די גאַנצע באָד פאַר די אָרעמע קינדערלעך. דער בעדער האָט מורא געהאַט פאַר די שטאָט־טאַטעס, טאָמער וועלן זיי אים דערפאַר ניט וועלן פאַרדינגען די באָד; אָבער מיר האָבן איבער אים גערעדט אַזוי לאַנג ביז ער האָט מסכּים געווען — אַניט וואָלטן מיר סיי־ווי געווען אַליין געמאַכט די באָד...

און מיר האָבן צונויפגענומען די אָרעמאַנסקע קינדער און זיי אויס־געשטעלט אין אַ לאַנגער שורה צו צוויי אירע. און מיר האָבן זיי אַזוי געפירט איבער דער לענג פון דער פאַטשטאָווער גאַס. זיי זיינען נאָך אַלע געווען באָרוועס און אָפּגעריסן און פאַרוואָרלאָזט. די נייע קליידער מיט די שיך און זאָקן זיינען שוין געווען פאַרטיק פאַר זיי; אָבער מיר האָבן זיי געוואָלט גוט אויסבאָדן און אָפּרייניקן מיט זייף און הייס וואַסער.

און ווען מיר האָבן אזוי געמאַרשירט מיט די אָרעמע קינדערלעך, זיינען פֿון אַלע שטיבער אַרויסגעלאָפֿן קינד און קייט און זיך געוואונדערט וואָס דאָ איז.

מיר האָבן די קינדערלעך געבראַכט אין באָד אַריין. מיר זיינען געווען דריי יונגעלייט: איך, עליק דעם שוחטס און פֿישל שמעון וואַסילעווערס... און אַז די אָרעמע קינדערלעך זיינען אַריין אין באָד אריין, האָבן זיי זיך צעלאָזט און אויסגעשריען פֿון גרויס פֿרייד. עס איז מסתּם געווען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס זיי זיינען געקומען אין באָד אַריין...

מיר, דריי גרויסע בחורים, האָבן זיך אויסגעטאָן אינאיינעם מיט די קינדערלעך, און מיר האָבן צוגענומען ביי זיי די אַלטע שמאַטעס און גע־מאַכט פֿון זיי איין גרויסן בינט. די קינדערלעך האָבן מסתּם שוין עפּעס געוואוסט פֿון דעם גליק, וואָס עס דערוואַרט זיי. אין אַזאַ קליין שטעטל האָט מען קיין סודות לאַנג ניט געקאָנט באַהאַלטן. דערפֿאַר האָבן די קינ־דערלעך זיך ניט געוואונדערט וואָס מיר נעמען צו זייערע אַלטע שמאַטעס און מאַכן פֿון זיי איין בינט...

אינעווייניק אין באָד האָט דער בעדער אויסגעשטעלט אַ שורה מיט „ביטלעך" און זיי אָנגענגאָסן מיט הייס וואַסער.

מיר האָבן די קינדערלעך געהייסן זיך אַריינזעצן אין די „ביטלעך". און מיר האָבן מיט גוטע, שמעקעדיקע שטיקלעך זייף זיי גוט אויסגעזייפֿט די קעפּלעך און די קערפּערלעך. די קינדערלעך האָבן געיובלט און גע־זונגען פֿון גרויס פֿרייד. די גרויסע טונקעלע באָד מיט די שווערע שטיי־נערנע ווענט, וואָס זיינען אינעווייניק אַזש שוואַרץ געווען פֿון דער פּאַרע און דעם שווייס, וואָס דאָ איז תּמיד פֿאַראַן, האָט אָפּגעהילכט דעם עכאָ פֿון דער קינדערשער פֿרייד...

מיר האָבן שוין פֿון פֿריער געהאַט אָנגעגרייט די נייע גאַרניטערלעך, שטיוועלעך, היטעלעך, זאָקן און העמדער. און נאָכדעם ווי די קינדערלעך האָבן זיך גוט אָנגעפּליעסקעט אין הייס און קאַלט וואַסער און מיר האָבן געמאַכט די אינספּעקציע צי זיי זיינען ריין, האָבן מיר זיי אויסגעטיילט די נייע קליידער און מיר האָבן זיי ניט געקאָנט איינשטילן פֿאַר אַ לאַנגער צייט, ביז זיי האָבן זיך גוט אויסגעשעפּט פֿון שרייען פֿאַר פֿרייד.

— זע נאָר, שמשון, איך האָב נייע שטיוועלעך!

— זע נאָר, גדליה, איך האָב אַ נייעם גאַרניטער!

— זע נאָר!

און אַז די קינדערלעך האָבן זיך אַלע אָנגעטאָן איז זיי שוין אוממעגלעך געווען צו דערקענען.

מיר זיינען מיט די קינדערלעך געגאַנגען צוריק איבער דער פּאַטשטאָ־ווער גאַס. דאָס קליינוואַרג אין אַ לאַנגער שורה און מיר ביי דער זייט. אונזער פּאַטשטאָווע גאַס האָט געהאַט נאָך נעמען: מען האָט זי גערופן „די קצבישע גאַס”, ווייל דאָרטן האָבן זיך געפונען אַלע קצבים; מען האָט זי אויך גערופן „די שול־גאַס”, ווייל דאָרטן זיינען געווען דריי קלויזן. זי איז געווען די לענגסטע גאַס און דאָ האָט זיך געפונען דאָס עכטע, טיפּיש־יידישע פון שטעטל: דאָ זיינען די שטיבער געווען פון אַלערליי סאָרטן — שטיבער מיט קראָמען; שטיבער מיט ברייטע פּאַליסאַדניקעס און מיט ביימער; שטיבער אַלטע, איינגעבויגענע, אויף באַלד אומצופאַלן; שטיבער, וואָס האָבן שוין זיך געקאָנט רעכענען אַלס מויערן, ווייל זיי זיינען געווען געמאַכט פון שטיינער און מיט בלעכענע, גרינע דעכער; און אינ־מיטנדערינען קלויזן און איינפאַר־הייזער און קצבישע קראָמען, וואָס האָבן פאַרשמעקט די גאַס מיט רינדערן און שאָפן פליש. קיין טראָטואַר איז דאָ ניט געווען און די גאַס איז געווען אַ שטויביקע און אַ צעפּאַרענע.

מיר זיינען מיט די קינדערלעך געגאַנגען איבער דער סאַמע מיט פון דער גאַס און נאָך אונז איז נאָכגעלאָפן קינד און קייט. איך אַליין האָב זיך געשעמט, וואָס מען לויפט אונז נאָך ווי משוגעים, און מיינע חברים זיינען אויך געווען פון די בחורים, וואָס האָבן ליב צו טאָן זאַכן אין דער שטיל.

מיר זיינען שוין קוים געקומען צו דער הויז, וואו די שול איז געווען, און מיר האָבן די קינדערלעך אַריינגעפירט אינעווייניק און זיי אויסגעזעצט אין די קלאַס־צימערן. מיר האָבן געהאַט צוויי קלאַסן: די יינגערע קינדער אין אָנפאַנג־קלאַס און די עלטערע אין צווייטן קלאַס. די קינדערלעך האָבן געדאַרפט זיין זייער שטיל אין די קלאַס־צימערן, איז דאָס געווען פאַר זיי זייער שווער. עס איז געווען זייער ערשטער טאָג אין אַזאַ קלאַס־צימער און זיי האָבן זיך געפרייט און געוואָלט פלאַפלען... די דאָזיקע קינדערלעך האָבן זיך געפילט ווי ניי־געבוירענע און מיר זיינען ביי זיי ניט געווען קיין פרעמדע, נאָר נישט אַנדערש ווי זייערע גאָר־גאָר נאָענטע... און וואָס מיר האָבן זיי געזאָגט איז ביי זיי געווען ניט מער ווי שפּאַס און זיי האָבן זיך מיט יעדן וואָרט געפרייט און געלאַכט...

נײנטער קאַפּיטל

בײַ אונדז אין רישקאַן איז נישט געװען צו באַקומען געגנוג טינטער־לעך פֿאַר די צװאַנציק קינדערלעך פֿון אונדזער שול; אויך איז נישט געװען צו באַקומען קיין לערנביכער, קיין שרייב־העפֿטן, קיין הענטלעך מיט פּענעס, קיין שוואַרצברעטלעך מיט גראַפֿיט־שטיפֿטן. און איך האָב געמוזט פֿאַרן קיין בעלץ און דאָרטן אײַנקויפֿן די אַלע זאַכן.

אָבער װען איך בין צוריקגעקומען אויפֿן צװייטן טאָג, האָב איך שוין, צו מײַן שטוינען, אויסגעפֿונען אַז אונדזער מאָדערנע תּלמוד־תּורה איז פֿאַרמאַכט געװאָרן פֿונעם רישקאַנער פּריסטאַװ.

מײַנע קאָלעגן, פֿישל און עליק, האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דער פּריסטאַװ איז געקומען און זיי געטראָפֿן בשעת דעם לערנען מיט די קינ־דערלעך. און ער האָט זיי געפֿרעגט, צי זיי האָבן אַ דערלויבעניש. און אַזוי װי קיין דערלויבעניש פֿון דער מאַכט איז ניט געװען, האָט ער צעטריבן די קינדער און מיט טריף־װאַקס פֿאַרחתמעט די טירן פֿון אונ־זער שול.

װאָס טוט מען איצט? גיין צום פּריסטאַװ אַליין, האָב איך געװאוסט, אַז עס װעט זײַן אַרויסגעװאָרפֿענע אַרבעט.

בין איך צוגעגאַנגען צו די אויגנשטיינס און דורכגערעדט זיך מיט זיי װעגן דעם ענין. אַז עס איז געװען אַ מסירה, אין דעם זײַנען מיר אַלע געװען אײַנשטימיק. װאָרום פֿאַרװאָס לאָזט דער פּריסטאַװ אַלע יידישע חדרים זײַן אָפֿן און נאָר אונדזער שול האָט ער פֿאַרחתמעט? װער עס האָט אָפּגעטאָן אָט דאָס שטיקל שמוציקע אַרבעט איז איצט ניט געװען װיכטיק, כאָטש קיין גרויסער כּבֿוד פֿאַר אונדזער שטעטל איז דאָס ניט געװען.

— װי װאָלט געװען, אַז מיר זאָלן זיך דורכשמועסן מיט אונדזער שװאָגער שמעון מײַלעכזאָן?

— ער װאָלט געקאָנט טאָן אַ סך, װען ער זאָל נאָר װעלן.

— פֿאַרװאָס זאָל ער ניט װעלן?

איך האָב זיי דערציילט װעגן מײַן צוזאַמענשטויס מיט שמעון מײַלעכ־זאָן בשעת מצות־באַקן.

— ניעװאָזמאָזשנאָ! (עס קאָן ניט זײַן!) שמעון זאָל זײַן קעגן אַזאַ זאַך?!

— אַזוי איז עס געווען.

— אָבער איצט איז אַן אַנדער זאַך. די פֿינצטערע כּוחות ווילן ניט, אַז מען זאָל ברענגען ליכט צו די אָרעמע מאַסן... און אונזער שוואָגער איז אַ ליכטיקער מענטש...

הכּלל, עס איז געבליבן, אַז די דריי שוועסטער זאָלן רעדן מיט זייער שוואָגער שמעון מיילעכזאָן, און ער זאָל זען, אַז דער פּריסטאַוו זאָל צוריק עפֿענען אונזער שול.

די פֿינצטערע כּוחות פֿון אונזער שטעטל האָבן דערווייל אויך ניט געשוויגן. זיי האָבן באַלד דורך סטראַשונקעס געצוואונגען דריי אָרעמעלייט צו שיקן זייערע קינדערלעך אין זייער תּלמוד־תּורה מיט משה קנעפּל אַלס מלמד. ווען איך בין זיך דורכגעגאַנגען און באַזוכט די דאָזיקע אָרעמע־לייט, האָבן אַ טייל פֿון זיי מיט טרערן אין זייערע אויגן מיר געזאָגט:

— טאָמער האָט גאָט אונז צוגעשיקט עפּעס אַ שטיקל נחת, האָבן די באַלעבאַטים גרויסע אויגן און דאָס שטיקל נחת ביי אונז פֿון אונטער די הענט אַרויסגעריסן... זייערע ממזרים לערנען זיך ביי אַלערליי לערער, און אונזערע קינדערלעך דאַרפֿן זיצן אין אַ גרוב מיט משה קנעפּל... ער וועט זיי ניט אויסלערנען אַפֿילו דאַוונען...

איך האָב גערעדט מיט די טאַטעס און מאַמעס פֿון די אָרעמע קינ־דערלעך און זיי אויפֿגעקלערט, אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר די גבירים. סיי־ווי גיבן זיי, די גבירים, גאָרנישט... און וויבאַלד זיי וועלן ניט שיקן זייערע קינדער צו משה קנעפּל, וועלן מיר קומען און מיט זיי לערנען דאָ ביי זיי אינדערהיים...

דאָס איז זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די טאַטעס און מאַמעס פֿון די אָרעמע קינדער. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב מיר זאָגן עפּעס, וועלן מיר האַלטן וואָרט. און איך האָב ביי זיי געפּועלט, אַז מאָרגן זאָלן זיי ניט שיקן זייערע קינדער צו משה קנעפּל אין גרוב אַריין.

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מיינע חברים, און מיין פּלאַן איז זיי זייער געפֿעלן געוואָרן. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן סיי־ווי דורך דער השתּדלות פֿון אַזאַ איינפֿלוסרייכן באַלעבאַס, ווי שמעון מיילעכזאָן, מסתּם אונזער שול אינגיכן עפֿענען. און דערווייל וועלן מיר גיין צו די אָרעמע קינדער און מיט זיי לערנען אין זייערע היימען.

אויפֿן צווייטן טאָג זיינען מיר שוין געווען גרייט צו טאָן אונזער פֿליכט. און מיר האָבן זיך איינגעטיילט מיט די „שטונדן". יעדער איינער פֿון אונז האָט געהאַט זיינע קינדער, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו אַרבעטן גוט. די אָרעמעלייט האָבן ניט געשיקט זייערע קינדער אין דער

אַלטער תּלמוד־תּורה. און די קינדערלעך האָבן אויף יעדן איינעם פֿון אונז געוואָרט אינדערהיים ביי זיך.

די פֿינצטערע כּוחות פֿון שטאָט האָבן סיי־ווי פֿאַרלוירן... זיי זיינען געבליבן מיט אַ ליידיקער תּלמוד־תּורה.

און ר׳ שמעון מיילעכזאָן האָט אויסגעהערט זיינע שוועריגקייטן און זיי מסתּם צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן, אָבער מיר האָבן מער ניט געהערט פֿון אים. אונזער שול איז געבליבן אַזוי שטיין פֿאַרחתמעט אַ גאַנצן זומער, און ערשט אויפֿן ווינטער האָט דער באַלעבאָס פֿון הויז זי פֿאַרדונגען צו אַ שניידער. און מיר האָבן שוין מער קיין שול ניט געפּרואווט עפֿענען.

מיר איז דערווייל אָנגעקומען פֿונעם גובערנאַטאָר די דערלויבעניש צו עפֿענען אַ ביבליאָטעק. דער פּריסטאַוו האָט מיך געשיקט רופֿן און מיר געהייסן קומען אין זיין קאַנצעלאַריע. ביי אים איז דאָרט געווען אַ סעקרעטאַר מיטן נאָמען ליעפּטער, אַ יונגער מאָלדאַוואַנישער בחור, אַ זון פֿון אַ פּויער, אַ קולאַק.

ליעפּטער האָט מיר איבערגעגעבן דעם דאָקומענט און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך ווערן ביי דיר אַ שותּף אין דער ביבליאָטעק.

— און אייער שטעלע? — פֿרעג איך ביי אים.

— איך וויל זי אויפֿגעבן — זאָגט ליעפּטער — איך האָב זי פֿיינט... איך וויל בעסער פֿאַרשפּרייטן בילדונג, איידער איך זאָל זיין אַ געהילף פֿון פֿינצטערניש...

קיין סך רעדן האָבן מיר דאָרטן אין קאַנצעלאַריע ניט געקאָנט, ווייל דער בחור האָט זיך געהיט פֿאַר יעדן שאָרך. איך האָב אים דערפֿאַר פֿאַרבעטן צו מיר אַהיים, און ער איז טאַקע געקומען און מיט זיך מיטגעבראַכט אַ בחור מיטן נאָמען טינעי, דעם זון פֿון רישקאַנער אוריאַדניק. זיי ביידע זיינען געווען סטודענטן פֿון 6טן קלאַס גימנאַזיע און מיט אוניפֿאָרמס. איך האָב זיי פֿיין אויפֿגענומען. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ליבעראַל, און האָבן באַדויערט, וואָס אין רוסלאַנד, ביי ניקאָלאַיען, זיינען יידן אַזוי אונטערדריקט... הכּלל, מיר האָבן זיך זייער באַפֿריינדעט, און איך בין מסכּים געווען, אַז ליעפּטער זאָל ווערן אַ שותּף אין דער ביבליאָטעק.

ווערדליק אונזער אָפּמאַך האָט ליעפּטער געדאַרפֿט אַריינלייגן דאָס געלט און איך גאַרניט. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַ פּאַסיק אָרט, וואו צו עפֿענען די ביבליאָטעק. מיר האָבן זי ניט געוואָלט האָבן צווישן די קראָמען און געזוכט אַ פּאַסיק אָרט און ניט געפֿונען.

האָט מיין מוטער אונז געראָטן, אַז מיר זאָלן מאַכן די ביבליאָטעק ביי אונז אין שטוב. זי האָט אונז אָפּגעגעבן פֿאַר דעם צוועק די פֿאָדער־שטוב. און דערווייל איז דער פּריסטאַוו געוואָריר געוואָרן, אַז זיין סעק־רעטאַר איז געוואָרן מיין שותף, האָט ער אים אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע.

ליעפּטער האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז אים אַרט עס ניט, און מיך האָט עס אויך ניט געאַרט. מיר זיינען ביידע אַוועקגעפֿאָרן קיין בעלץ קויפֿן אַלערליי שרייב־געצייג, און אויך מאַכן אַ „טאַבליצע" (שילד). די ביכער פֿון דער ביבליאָטעק, רוסישע, יידישע און העברעאישע, האָבן מיר געזאָלט אויסשרייבן פֿון וואַרשע און מאָסקווע. מיר האָבן שוין געפֿירט פֿאַר־האַנדלונגען מיט יענע שטעט. אָבער קומענדיק קיין בעלץ זיינען מיר אַריין צו מיין באַקאַנטן, לערנער, אין זיין ביבליאָטעק. און אַז לערנער האָט דערהערט, אַז מיר עפֿענען אַ ביבליאָטעק, האָט ער געטאָן אַ זאָג:

— ווי וואָלט געווען, אַז איר זאָלט אָפּקויפֿן מיין ביבליאָטעק?

— און וואָס וועט איר טאָן? — פֿרעג איך.

— גיט מיר אַ הונדערטער, און נעמט זי איך אַזוי ווי זי שטייט! — זאָגט לערנער.

אַז ליעפּערט האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרויסגענומען אַ קנאַקנ־דיקן הונדערטער, געגעבן לערנערן און געזאָגט:

— זי איז מיינע!

— זי איז אייערע!

איך בין דערשוינט געוואָרן, ווייל דאָרטן זיינען געווען טויזנטער ביכער און אַ מאַסע מיט שרייב־געצייג און פּאַפּירן און אַלערליי שיינע זאַכן, וואָס האָבן אין דערווירקלעכקייט ווערט געהאַט פֿינף מאָל אַזוי פֿיל, אָדער מער. איז ווי אַזוי גיט דאָס אַלץ דער הער לערנער אַוועק פֿאַר הונדערט רובל?

אָבער לערנער האָט עס אפֿשר געמוזט טאָן, ווייל ער איז שוין געווען אַ דערוואָרגענער און האָט שוין קיין סך ניט געקאָנט עקזיסטירן. און מיט דעם הונדערטער האָט ער זיך געראַטעוועט.

מיר האָבן פֿאַרפּאַקט אַלע זאַכן, געדונגען אַ פֿור און אַהיים געשיקט. איך מיט ליעפּערטן האָבן נאָך געדאַרפֿט בלייבן אין בעלץ אויף אַ פּאָר טעג.

און אַזוי האָבן מיר געעפֿנט די ביבליאָטעק און אויסגעקלעפּט צעטלען איבער רישקאַן. מיר האָבן געלאָזט וויסן, אַז ביי אונז קאָן מען באַקומען ביכער צום לייענען אין דריי שפּראַכן, און אויך אַלערליי שרייב־געצייג.

מיר האָבן באַלד איינגעזען, אַז דער רישקאַנער עולם קומט ניט לייענען קיין ביכער, און דאַרף אויך ניט קיין שרייב־געצייג. דאָס ביסל אינטע־ליגענץ איז יאָ געקומען אונז באַגריסן, און דערווייל געטאָן אַ נישטער

אין די ביכער און אַ קוק־דורך די נעמען פֿון עטלעכע ביכער. אָבער אַרויס־נעמען אַ בוך צום לייענען האָט זיך קיינער ניט געאײַלט.

ליעפּטער האָט שוין געהאַט אַרייַנגעבראַכט אין דעם דאָזיקן געשעפֿט קאַרגע צוויי הונדערטער. און מיר זיינען געזעסן און געוואַרט אויף לייזונג. און עס איז אַוועק כּמעט אַ חודש צייט און עס איז אפֿשר געווען צוויי־דריי אַבאָנענטן. אַן אַבאָנענט האָט געדאַרפֿט צאָלן 40 קאָפּיקעס אַ חודש פֿאַר רוסישע ביכער און 30 קאָפּיקעס פֿאַר יידישע און העברעאישע ביכער. אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט, זיינען אין דעם גאַנצן חודש אַרייַנגעקומען צוויי רוסישע אַבאָנענטן און איין העברעאישער אַבאָנענט.

איז נאָך געווען גוט, וואָס מיר האָבן ניט געדונגען אַ באַזונדערע קראָם. ביי מיין מוטער אין שטוב האָבן מיר ניט געדאַרפֿט צאָלן קיין דירה־געלט, און מיר זיינען געזעסן ביידע און זיך געלאַנגווייליקט. וויפֿיל קאָנען צוויי מענטשן רעדן?

עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט ביי אונז דער מאַטעריאַל. ליעפּטער האָט מיר שוין דערציילט די גאַנצע ביאָגראַפֿיע זיינע, און איך אים אויך. ער האָט מיר שוין דערציילט אַלע זיינע „ראָמאַנען" אין דאָרף און אין גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע. און איך אים האָב אויך דערציילט וועגן מיינע „ראָמאַנען".

מיר איז שוין געווען דאָס אַכצנטע יאָר וועדליק דעם יידישן חשבון. אָבער אין מיינע מעטריקעס בין איך שוין געווען צוואַנציק יאָר אַלט, און איבעראַיאָר האָב איך שוין געדאַרפֿט זיך שטעלן צום פּריזיוו. מיין טאַטע האָט עס געטאָן, כּדי איך זאָל קאָנען האָבן אַ צווייטע ליגאָטע. האָט ער מיך געמאַכט עלטער מיט צוויי יאָר און די איבעריקע ברידער יינגער מיט צוויי יאָר. אָבער אַזוי ווי די רעגירונג איז שוין געווען „קלוג" און האָט שוין געוואוסט וועגן דעם ענין, און מיין טאַטע האָט געזען, אַז איך וועל שוין קיין ליגאָטע ניט האָבן, האָט ער מיך איבערגעפֿירט פֿון קאַמענעצער געגנט קיין בעסאַראַביע אין אונזער וואָלאָסט אַריין, וואו איך האָב זיך געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיוו מיט אַלע מאָלדאַוואַנעס...

צענטער קאַפּיטל

צוליב דעם, וואָס איך האָב געהאַט ליעפּטערן אַלס שותּף, זיינען צו אונז אין ביבליאָטעק געקומען אַלע טשינאַווניקעס פון שטעטל: דער אַקציז־ניק, וואָס איז געווען אַ געפּערלעכער אַנטיסעמיט און האָט אָנגעטאָן יידן צרות; די שרייבער פונעם וואָלאָסט, וואָס זיינען אויך ניט געווען קיין צו־שטאַרקע יידן־פריינט; דעם גלחס אַ זונדעלע, וואָס די ערד האָט אים געמעגט אַריינוואַרפן און צוריק אַרויסוואַרפן. מיין שותּף ליעפּטער, וואָס איז שוין איצט געווען אַ געוועזענער טשינאַווניק, האָט געדאַרפט שפּילן די ראָליע פון אַ יידן־פריינט. עס פלעגן אַלע מאָל פאַרקומען קריגערייען צווישן מיר און דעם אַקציזניק און די וואָלאָסט־שרייבער און ליעפּטער פלעגט כּלומרשט זיין אויף מיין זייט...

נאָר אָט איז יענעם ווינטער, 1903, געשען אונזער גרויסער יידישער אומגליק אין קעשענעוו... ווי אַזוי איך האָב געפילט איז דאָ איבעריק צו באַשרייבן. מיר, די יידישע יוגנט אין רישקאַן, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַרטיידיקונג־בריגאַדע „זעלבסטשוץ". מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די כוואַליע פּאָגראָמען זאָל ניט דערשוימען אויך צו אונז אין שטעטל; מיר פלעגן גיין אַלע נאַכט אויף משמורת[1]... אין אַזאַ ביטערער צייט פלעגן זיך אָט־די טשינאַווניקעס צוזאַמענקומען ביי מיר אין דער ביב־ליאָטעק און נאָך ברענגען מיט זיך דאָס אַנטיסעמיטישע בלאַט „נאָוואָיע ווֹרעמיאַ", אָדער דעם „בעסאַראַבעץ". און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן מיין שותּף ליעפּטער אין זיין אמתער פּעל... און איך האָב דערזען, אַז מען רייצט זיך נאָך מיט מיינע פאַרוואונדעטע געפילן... און איך האָב אין איין שיינעם טאָג אָט די אַלע טשינאַווניקעס אַרויסגעטריבן פון דער ביבליאָטעק און אַרויסגעוואָרפן די אַנטיסעמיטישע בלעטער. ליעפּטער איז געבליבן זיצן ווי אַ פריטשמעליעטער. ער האָט ניט געזאָגט קיין איין וואָרט, נאָר זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען...

זיין אַוועקגיין האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט און האָט מיר פאַרשאַפט נאָך מער יסורים. ער איז ניט אַריינגעקומען אין ביבליאָטעק עטלעכע טעג. און אין אַ וואָך אַרום האָט ער געשיקט צו מיר דעם אוריאַדניקס זונדל,

[1] משמורת — אויף דער וואַך.

טינעי, אַז איך זאָל אים צוריק אומקערן זיינע צוויי הונדערט רובל, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער ביבליאָטעק. אויב נישט, וועט ער אויף מיר אָנגעבן אין געריכט.

איך האָב טינעיען געזאָגט, אַז ליעפּטער זאָל קומען, וועל איך מיט אים רעדן. טינעי איז אַוועק און איך האָב ניט געהערט פון זיי ביידן. נאָר אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך דערהאַלטן אַ „פּאָוויעסטקע" (סאַמאָנס), אַז מען רופט מיך צום סליעדאָוואַטעל (אויספאָרשער) וועגן אַ „פּאָדלאָג" (פעלשונג), וואָס איך האָב געמאַכט. איך לייען די „פּאָוויעסטקע" און טראַכט: וואָס פאַר אַ „פּאָדלאָג" האָב איך עס געקאָנט מאַכן?

איך פאָר אַוועק קיין בעלץ. דאָרט האָט געוואוינט דער סליעדאָוואַטעל. און איך שמועס זיך דורך מיט משה דאַבריש, מיין טאַטנס אַ גוטער ברודער, און איך דערצייל אים די מעשה מיטן „פּאָדלאָג". איז משה דאַבריש מיט מיר געגאַנגען צום סליעדאָוואַטעל און מיך פאָר אים פאָרגעשטעלט. יענער האָט מיך געבעטן זיצן. דאָס איז געווען אַן אַלטער בחור מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר און מיט אַ שפּיציק וויים בערדל און מיט אַ פּנים ווי פון פּאַרמעט. ער האָט געהאַלטן אַ בייטשל קרעלן און זיך מיט זיי געשפּילט, בשעת ער האָט מיט מיר גערעדט.

משה דאַבריש איז אַוועקגעגאַנגען און אונז געלאָזטביידע אַליין. דער גוטער אַלטיטשקער סליעדאָוואַטעל האָט מיך באַרואיקט און מיר געזאָגט אין וואָס עס איז באַשטאַנען מיין „פּאָדלאָג". איך האָב אויף אַ קוויטאַנציע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן פאַר איינעם פון די ביכער-לייענער, איבער-געמאַכט די ציפער 40 אויף 30. עס איז געווען אַ „פּאָדלאָג" אויף 10 קאָפּיקעס... און ליעפּטער, מיין שותף, האָט עס מיך געוואָלט אַוועקשיקן אין טורמע פאַר אָט דעם „פאַרברעכן"... דער סליעדאָוואַטעל האָט מיך באַרואיקט און מיר געהייסן פאָרן אַהיים און אַז איך זאָל קיינעם ניט דער-ציילן פון מיין זיין ביי אים אין הויז.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דער סליעדאָוואַטעל געקומען קיין רישקאַן און ווען ער האָט מיך דערזען אין וואָלאָסט, האָט ער מיך צוגערופן און מיר געגעבן פאַפּירן צום איבערשרייבן. די וואָלאָסט-שרייבערלעך, די געפּער-לעכע אַנטיסעמיטן, האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ באַקוועמען אָרט אין וואָלאָסט און אַרומגעפּאַדיעט אַרום מיר ווי מיינע משרתים: „צי וויל איך בעסערע פּענעס? צי וויל איך אַ בעסער אָרט?" זיי זיינען פאַר מיר געשטאַנען אויסגעצויגענע ווי פאַר אַ גענעראַל.

און גראָד דעמאָלט איז ליעפּטער אַריינגעקומען אין וואָלאָסט און געזען ווי איך זיץ און שרייב און ווי אַזוי די וואָלאָסט-שרייבערלעך „טאַנצן"

אַרום מיר... איז אים געוואָרן אַ לאַך אין האַרצן. איך בין פּאַרטיק געוואָרן מיטן איבערשרייבן די פּאַפּירן און זיי אַריינגעטראָגן צום סליעדאָוואַטעל. דאָרט, אין אויספאָרשונג־צימער, איז געווען דער רישקאַנער מעדיצין־דאָקטאָר, הער דעמבסקי, אַ פײַנער מענטש און אַ ליבעראַל.

איצט האָט דער סליעדאָוואַטעל אַריינגערופן ליעפּטערן, און אַז איך האָב געטאָן אַ קוק אויף אים, האָב איך אים ניט דערקאָנט. ער איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. און דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך אַ נעם געטאָן צו אים:

— דו אַזוינער און אַזוינער, צוליב צען קאָפּיקעס ווילסטו פאַרשיקן אַ מענטשן אין סיביר!... וואָס מיינסטו, אַז מיר זיינען אַזוינע אידיאָטן ווי דו ביזט?...

און דער סליעדאָוואַטעל נעמט קלאַפּן אין טיש. און ער ווענדט זיך צום דאָקטאָר דעמבסקי און דערציילט אים די גאַנצע מעשה, און דער דאָקטאָר לאַכט און קוקט מיט פאַראַכטונג אויף ליעפּטערן. ליעפּטער שטייט ווי אין געהאַקטע וואונדן. און איך קוק אויף אים און האָב שוין רחמנות אויף אים.

— נו — גיט דער סליעדאָוואַטעל אַ זאָג צו מיר — איך וואַרף אַרויס די קלאַגע אויפן גרונט פון מיינע אונטערזוכונגען... און אויב איר ווילט, קאָנט איר אים איצט פאַרקלאָגן פאַר דער באַליידיקונג...

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב עס ניט געוואָלט טאָן. און דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך מיט מיר געזעגנט מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק.

דאָס איז געווען אין אָנהויב זומער 1903. אין האַרבסט האָב איך זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו און איך וועל אייך דערציילן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן. עס פלאַמט מיר דאָס פּנים פון בושה. איך, אַזאַ מענטש, מיט אַ ביסל בילדונג, מיט אַזאַ בליק אויפן לעבן, אַן אַנגעלייענטער אין דער רוסישער ליטעראַטור, העברעאישער ליטעראַטור און אין דער יידישער — איך זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ חסרון!...

ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז איך זאָל טאָן אַזאַ זאַך, איז פּשוט. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. און איך האָב ניט געוואָלט דינען „פאָניען". בין איך אַוועקגעפאָרן מיט מיינעם אַ בעלצער חבר, איינער מיטן נאָמען מיראָן דאַיען, קיין מאָליוו־פּאָדאָלסק, און מירביידע האָבן זיך געלאָזט מאַכן די זעלבע חסרונות: לעכלעך אין אונזערע אויערן...

מיר זיינען פאַרפאָרן צו איינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין רישקאַן. און יענער באַקאַנטער האָט אונז שוין צוזאַמענגעפירט מיטן „דאָקטאָר"... די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען איינגעשטאַנען ביים באַקאַנטן, האָט מען אונז געהאַלטן אין אַ צימער מיט פאַרמאַכטע

לאָדן, און מירביידע האָבן ניט געטאָרט זיך ווייזן אויף דער ליכטי־קער שיין.

דער „דאָקטאָר" האָט אונז געוואַשן די קעפּ מיט שטאַרק הייסער וואַסער און אונז אַריינגעשפּריצט אַזוינע טראָפּנס אין די לינקע אויערן... צי די טראָפּנס זיינען געווען שטאַרק, צי גאָר קאַלט, ווייס איך ניט, נאָר ווען ער פלעגט זיי געבן אַ שפּריץ אַריין אין די אויערן, פלעגן מיר געבן אַ שטאַרקן געשריי... דריי־פיר מאָל האָט זיך דאָס אַריינשפּריצן איבערגעחזרט, ביז דער „דאָקטאָר" האָט אונז געהייסן זיך פאַרשטאָפּן די נעז מיט צוויי פינגער און טאָן אַ שטאַרקן בלאָז... דאַן האָבן מיר דער־הערט, ווי ביי אונז אין די לינקע אויערן גיט עפּעס אַ פייף...

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער חסרון... די אויערן פייפן... עס האָט ניט מיר, ניט מיין חבר דאַיענען, חלילה, עפּעס וויי־געטאָן — נאָר אונזערע אויערן האָבן געפייפט... אָבער פונדעסטוועגן האָט אונז דער „דאָקטאָר" נאָך ניט „אויסגעשריבן" פון אונזער פאַרבאָרגענעם שפּיטאָל. און מיר זיינען איינגעשטאַנען ביים באַקאַנטן, און טאַקע ביי אים געגעסן אויך. ערשט ווען עס איז שוין געווען אַ וואָך ביז צום פּריזיוו, האָט אונז דער „דאָקטאָר" געהייסן אַוועקפאָרן.

איך האָב זיך געשעמט צו קומען אַהיים. איך האָב מורא געהאַט, אַז אַלע וועלן דערקענען, אַז איך האָב אַ חסרון... בין איך גלייך פון מאַליוו געפאָרן קיין בעלץ, וואו איך האָב געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו. און פאַרנדיק מיט דער באַן ביינאַכט, האָב איך, אַפּנים, געכאַפּט אַ צוג־ווינט, און עס האָט מיר אָנגעהויבן וויי־טאָן דער לינקער אויער — אָבער וואָס הייסט ווי טאָן? איך בין שיעור ניט משוגע געוואָרן. און אַזוי גיך, ווי איך בין געקומען קיין בעלץ, האָב איך זיך גלייך אַריינגעלייגט אין בעט, און די גאַנצע וואָך ביז צום פּריזיוו האָב איך געמיינט, אַז איך גיי אַ גאַנג...

ענדלעך דערלעבט דעם טאָג פון פּריזיוו... אָבער איך בין אַזוי גע־וואָרן שוואַך, אַז איך האָב זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף מיינע פיס. נאָר מען מוז גיין צום פּריזיוו. און דאָרטן בין איך געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, ביז עס איז אָנגעקומען מיין אָטשערעד (ריי). און מיין אויער האָט ניט נאָר געפייפט, נאָר ער האָט מיר פּשוט דעם קאָפּ אַראָפּגענומען... ענדלעך רופט מען אויס מיין נאָמען, און איך לויף צו צום זעקעלע מיט די נומערן און ציַ אַרויס מיין נומער: 628. דער שרייבער שרייט־אויס מיין גרויסן נומער. אָבער איך האָב אַזוינע ווייטיקן, אַז איך פיל אָט־אָט און איך פאַל צו דער ערד...

איך בין צוריקגעקומען אין דעם איינפֿאָר־הויז און האָב זיך אַריינ־געלייגט אין בעט. און גראָד זיינען דאָרטן געווען אַ סך רישקאַנער סוחרים און זיי האָבן געקוקט אויף מיין נומער און האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר־וואָס איך פֿריי זיך ניט, ווייל איצט בין איך דאָך שוין זיכער אַ באַפֿרייטער פֿון דינען „פֿאָניען", ווייל מען האָט געדאַרפֿט צוויי הונדערט רעקרוטן, און ביז מען וועט צוקומען צו מיין נומער, וועט שוין די צאָל זיין פֿאַר־פֿילט... אָבער פֿריי זיך, אַז מיר רייסט אין אויער... און איך קאָן נאָך קיינעם גאָרניט דערציילן, און מוז נאָך זאָגן אַ ליגן, אַז עס טוט מיר ווי אַ פּוס... די רישקאַנער יידן האָבן אָבער געהייסן שטעלן וויין און „קאָדע" און געהוליעט טאָקע אין מיין צימערל ביזן ווייסן טאָג אַריין, כאָטש איך בין שיעור ניט אויסגעגאַנגען פֿון ווייטיק... מען האָט מיך נאָך געצוואונגען צו טרינקען וויין, און דערפֿון איז מיר נאָך ערגער געוואָרן.

אויפֿן צווייטן טאָג בין איך געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג נאַקעט אין די קאָרידאָרן פֿון דער „פּריסוטסטווע", און דאָס האָט מיך נאָך שטאַרקער פֿאַרקילט, און איך האָב זיך שוין מפֿקיר געווען... ערשט אין אָוונט איז געקומען מיין „אָטשערעד", און מען האָט מיר געגעבן אַ רויטן בילעט. און איך האָב געכאַפּט דעם בילעט און געדונגען אַ פֿור אַהיים. און איך גיב אַ קוק, מיין מאַמע קומט־אָן מיט אַ בעל־עגלה פֿון רישקאָן. די סוחרים און קרעמער האָבן איר דערציילט, אַז איך לייד אויף אַ פּוס און קאָן ניט גיין, איז מיין מאַמע געקומען און געבראַכט קישנס, כּדי מיך צו נעמען אַהיים אין אַ ווייכן וואָגן — לעבן זאָל אַ מאַמע!

זי האָט מיר באַלד אויסגעבעט אין וואָגן, און זי האָט זיך אַפֿילו ניט געוואָלט אָפּרוען פֿון וועג. און איך בין קוים דערפֿאָרן אַהיים שפּעט ביי־נאַכט און בין דערנאָך אָפּגעלעגן אַ שטיק צייט צווישן לעבן און טויט, ביז דער אויער האָט זיך פֿאַרהיילט.

עס פֿלאַמט מיר נאָך איצט דאָס פּנים, ווען איך דערמאָן זיך אין מיין חסרון...

עלפטער קאַפּיטל

איך בין געוואוירע געוואָרן, אַז בשעת מיין פּאָטער איז געווען אויף די יום־טובים אינדערהיים, האָט ער זיך פֿאַרגלייכט מיט מיין שותף און אים אויסגעצאָלט הונדערט רובל מזומן. איצט איז די ביבליאָטעק געווען אינגאַנצן מיינע. אָבער זי האָט מיר גאָרנישט אַריינגעבראַכט קיין שום פּרנסה. און דאָ בין איך שוין אַ בחור מיט אַ רויטן בילעט און קיין תּכלית איז נישטאָ... דאָס שטעטל איז קליין און אָרעם, קיין שום אויסזיכט איז פֿאַר מיר נישט געווען, סיידן חתונה האָבן מיט אַ מיידל מיט נדן... און דאָס האָב איך ניט געוואָלט דערלאָזן, כאָטש אַלערליי שדכנים און שדכנטעס האָבן ביי אונז אָפּגעשלאָגן די טירן.

נאָכדעם ווי עס איז מיר געוואָרן גרינגער אויפֿן אויער, האָב איך פּלוצים געטאָן אַ וואַקס־אויס אין דער הויך און אין דער ברייט. מיינע פֿריערדיקע קליידער זיינען געוואָרן אויף מיר ענג און איך האָב זיך געמוזט לאָזן אויפֿנייען אַ נייעם גאַרניטור און אויך אַ נייעם מאַנטל. קיין אייגן געלט האָב איך נישט געהאַט, אָבער אין הויז איז דעמאָלט געווען אַ שטיקל רחבות. דער טאַטע פֿלעגט שיקן אַלע חודש דרייסיק רובל, און אין יענע צייטן זיינען דרייסיק רובל אַ חודש געווען ביי אונז אין שטעטל אַ גרויסע סומע. די מאַמע האָט געפֿירט דאָס הויז אויף אַ ברייטן שטייגער. זי האָט ניט געהאַלטן פֿון „אָוועקלייגן" געלט... ביי איר איז געווען, ווי מען האָט עס אין שטעטל גערופֿן „שיטערע פֿינגער"... און מיין מאַמע וואָלט געקאָנט פֿאַרנוצן עטלעכע מאָל דרייסיק רובל יעדן חודש, כאָטש די פֿאַמיליע איז איצט געווען אַ קליינע. משה איז געווען אין אַמעריקע, מאָטיע איז געווען אין וויניצע ביי דער מומע שרה ליוואָוויטש. נחום איז געווען אַ לערער אין פּילינצי, וואו דוכאָווניס פֿאָטער האָט געוואוינט. הושיקעלע האָט געאַרבעט אין אַ לעדערוואַרג אין וויניצע. אַזוי אַז מיר זיינען געבליבן פֿינף ברידערלעך אינדערהיים. האָט די מאַמע געשיקט רופֿן מלך שניידער און ער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן מיר אַ גאַרניטור מיט שמאָלע הויזן און מיט גומענדלעך ביי די הויזן, וואָס זאָלן זיך פֿאַרלייגן אונטער די שיך, כדי די שמאָלע הויזן זאָלן זיך ניט קאָנען קנייטשן. אויך זאָל ער מיר מאַכן אַ טוזשורקע אַנשטאָט אַ רעקל מיט צוויי

שורות קנעפ בין ארויף צום האלז. און דער מאנטל האט געדארפט זיין מיט אפטעטשנע וואטע אונטערגעשלאגן און מיט א סאמעטענעם קאלנער. די מאמע האט אויסגעקליבן פארן גארניטור אזא גראען טערקא מיט קעסטעלעך און עפעס מיט אזא האריקער אויבערפלאך. און פאר דעם מאנטל האט זי געפונען א שטיק ווארע א טונקל בלאע, וואס איז געווען ווייך ווי וואל און גרינג ווי פעדערן. און מלך שניידער האט געהאלטן אין איין נעמען די מאס און געמאסטן און געשפיליעט מיט שפילקעס און טאקע אויס־געארבעט מייסטערווערק. און אז איך האב זיך אנגעטאן אין דער טוזשורקע מיט די שמאלע הויזן און פארלייגט די גומענדלעך אונטער די שיך, בין איך עפעס געווארן אזוי הויך און שלאנק און די גראע ווארע האט אפגע־שלאגן א מאטעוון קאליר אויף מיין ברונעטן פנים. די מאמע האט אנגע־קוואלן: „א סטודענט!״... און איך האב געקויפט א גראע פעל פון א לעמעלע און פאר זיך געמאכט א גראע קוטשמע. און א שטעקן האב איך געהאט א גוטן, מיט ביבאקלעך און מיט א זילבערנעם קאפ פון א הונט. און אז איך האב געטאן א גיי ארויס אין א שנייאיקן טאג, האט אזש די ערד געציטערט אונטער מיינע פיס... און מיטאמאל בין איך געווארן זייער פאפולער ביי אלע באלעבאטישע מיידלעך אין שטאט. און איך האב געפילט, אז איצט קאן איך זיך אויסקלייבן וועלכע פון זיי איך וויל נאר און זי וועט מיט מיר חתונה האבן... און איך האב אביסל פארדרייט מיין נאז און געקראגן גדלות ביי זיך... און איך בין געווארן אן אויטאריטעט אין וועלט־זאכן... וואס עפעס, האב איך באלד געבראכט א ביישפיל פון דער גרויסער שטאט מאליוו אדער פון וויניצע אדער פון קאמינעץ... און איך בין געווארן א גאנצער לעבע־יונג, און כאטש איך בין ניט געווען פון תמיד־אן אזא בארעדעוודיקער, האב איך אבער איצטער געשפילט די ראלע פון א שטיק לץ... וואו איך בין געווען אין געזעלשאפט האט מען שוין געלאכט פון מיינע ווערטלעך און מעשיות... און איך בין געווען דער פריילעך־מאכער אויף אלע אוונטן; דער שפיל־אויסטראכטער און דער גאנצער לעבעדיקער נערוו פון יעדער שמחה...

און יענער ווינטער איז ביי מיר אוועק מיט פוסט־און־פאסעוועז. איך האב ניט געלייענט און ניט געלערנט און זיך געלאזט וואוילגיין אויף די קאמפלימענטן פון די בארישניעס פון שטעטל און געשארפט מיין מוח מיט פוסטע פראזן און הויך־קלינגענדיקער מליצה פון עפעס א בעסערער וועלט, א פרייערער, א נישט־דאאיקער, וואס וועט קומען צופליען מיט די ערשטע ווינטן פון עפעס א פרילינג א ניט־ערדישן... איך האב אבער, ווען עס איז טאקע געקומען דער אמתער פרילינג, זיך געפונען אין אזא לאגע: די שטוב, וואו מיר האבן געוואוינט און וואו עס איז געווען מיין ביבליאטעק,

האָט מען ביי אונז אויסגעדרונגען, און מיר האָבן געמוזט זוכן אַ נייע דירה, וואָס זאָל פּאַסיק זיין אויך פֿאַר אַ ביבליאָטעק.

פֿון דעם, אַז איך וועל אין אַ פּאָר חדשים אַרום פֿאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך אַפֿילו ניט געהאַט קיין אַנונג. אויף פּסח איז מיין טאַטע געקומען, און ער איז איצט צוליב זיין געפֿינען זיך תּמיד אויף דער פֿרייער לופֿט אין אַ דאָרף געוועזן אַזוי פֿולבלוטיק געזונט און שיין! און איך מיטן טאַטן זיינען אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַ דירה. און מיר האָבן געמוזט דינגען אַ דירה דערוויייל צום וואוינען. און מיין טאַטע האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל זוכן אַ קראָם פֿאַר דער ביבליאָטעק, און אויב איך וועל אַזאַ אָרט געפֿינען, וועט ער מיר העלפֿן מיט געלט אויפֿצושטעלן אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַ טיפּאָגראַפֿיע. איך האָב שוין סיי־ווי געהאַט געשריבן צום גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל מיר דערלויבן עפֿענען אַ טיפּאָגראַפֿיע.

אונזער נייע דירה איז ניט געווען אַזאַ גוטע. מיר האָבן ניט געהאַט קיין פּאַדלאָגעס, נאָר ערדענע דילן. אָבער דער טאַטע האָט גערעכנט אויפֿן קומענדיקן יאָר צו בויען אַליין אַ דירה. ער האָט שוין געוואָלט אויפֿגעבן זיין שטעלע און בלייבן דאָ אין שטאָט.

אין יולי־חודש האָב איך געדאַרפֿט גיין דינען אויף פֿיר וואָכן אַלס אַ רויטער־בילעטניק. און דעמאָלט איז שוין געווען די מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, און אַלץ אַרום איז ניט געווען אַזוי ראַזעווע־שיין ביי מיר. די ביכער פֿון מיין ביבליאָטעק האָבן זיך געוואָלגערט אין אַ קאַמער. און רוסלאַנד האָט דאַן געליטן מפּלות אין יאַפּאַן און מיר האָט זיך ניט גע־וואָלט דינען „פֿאַניען" אַפֿילו פֿיר וואָכן... און פּלוצים איז מיר איינגעפֿאַלן: „אַמעריקע". אַ זיידן מיט אַ באָבן האָב איך שוין דאָרטן, אויך אַ פֿעטער מיט אַ מומען, מיין ברודער משה אַרבעט דאָרטן און פֿאַרדינט. ער האָט געשיקט אַהיים צו אונז אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, ווי אַזוי ער שטייט מיט אַ גאָלדענער קייט איבער זיין וועסט און זשילעט און מיט אַ סיגנעט אויף איינעם פֿון זיינע פֿינגער. נאָר אָט די זאַכן האָבן מיך ניט אַזוי גענומען, ווי דאָס, וואָס ער איז אַן אַרבעטער און פֿאַרדינט אַליין זיין ברויט און קליידט זיך אַליין און איז פֿריי אין אַ פֿרייער מדינה און גייט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אין טעאַטער...

און צו דעם איז מיר נאָך אָנגעקומען אַ בריוו פֿון מיין ברודער מאָטיע, אַז ער איז אַריבער די גרענעץ און פֿאָרט קיין אַמעריקע; וועל איך שוין דאָרטן האָבן צוויי ברידער...

איך בין געווען קוים צוואַנציק יאָר אַלט. עס איז מיר ניט געווען גוט. מיין לעבן איז געווען פּוסט. קיין שום האָפֿענונג אויף עפּעס אַ צוקונפֿט

האָב איך ניט געהאַט. האָב איך געשריבן מיין טאַטן, אַז איך וויל פֿאָרן קיין אַמעריקע.

מיין פֿאָטער האָט ניט געהאַט קיין חשק, אָבער אַזוי ווי צוויי זין זיינען שוין דאָרטן, זאָל שוין זיין אַ דריטער... נאָר איך זאָל אים געבן ס'וואָרט אַז אויב ס'וועט ניט זיין גוט, זאָל'ך קומען אַהיים...

די מאַמע האָט געזען, אַז איך גרייט זיך עפּעס אַוועקצופֿאָרן. איך האָב פֿאַרקויפֿט מיינע ביכער צו מיינעם אַ חבר אינאיינעם מיט דער דערלויבע־ניש פֿאַר צוויי הונדערט רובל. דער חבר, אגב, איז געווען איינער פֿון די שענסטע טיפּן בחורים אין שטעטל, מיטן נאָמען יעקב ריידל. אַ מלמדס אַ זון, זייער אַן איידעלער בחור מיט אַ געפֿיל פֿאַר שיינקייט, געשריבן לידער וואונדערלעכע... אוי, וויפֿיל עס זיינען ביי אונז אין שטעטל פֿאַר־פֿאַלן געוואָרן טאַלאַנטן!... ווען יעקב ריידל וואָלט געווען דאָ אין ניו יאָרק, וואָלט מסתם פֿון אים אויסגעוואַקסן אַ גרויסער דיכטער. אָבער ער איז דאָרטן געבליבן שטעקן אין רישקאַן... געענדיקט אויף לערער און געעפֿנט אַ שולע און חתונה געהאַט, און וואָס ווייטער עס איז געוואָרן מיט אים ווייס איך ניט... און מיר זיינען געווען אַזוי צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. מיר פֿלעגן אַוועקגיין איבער די בעסאַראַבער פֿעלדער און ביידע שמועסן וועגן פּאָעזיע און וועגן ליטעראַטור. איך האָב פֿאַר אים געלייענט מיינע שאַפֿונגען, און ער האָט פֿאַר מיר געלייענט זיינע לידער... און ער איז געווען דער איין־און־איינציקער, פֿאַר וועמען איך האָב זיך פֿאַרטרויט, אַז איך פֿאָר קיין אַמעריקע... אַט דער יעקב ריידל האָט עס ביי מיר אָפּגעקויפֿט די ביבליאָטעק. איך האָב געגעבן מיין מאַמען אַ הונ־דערטער און פֿאַר זיך גענומען אַ הונדערטער אויף הוצאות קיין אַמעריקע. דער מאַמען האָב איך געזאָגט, אַז איך פֿאָר צום טאַטן, מיט אים שמועסן וועגן אַ תּכלית. איך האָב גענומען אַ קליין שטרויען קוישעלע און אַריינ־געלייגט איין פּאָר וועש מיט אַ פּאָר זאָקן און אַ פּאָר נאָז־טיכלעך און איין געפּרעסט העמד און בין אין אַ מיט־וואָכיקן טאָג אַוועקגעפֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע.

דער איינציקער, מיט וועמען איך האָב זיך געזעגנט אויף אַן אמת, איז געווען יעקב ריידל, און אויך די רישקאַנער פֿעלדער, וועלכע איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל שוין מער ניט זען...

מיטן זעלבן בעל־עגלה איז אויך געפֿאָרן דער רישקאַנער רב און די רביצין. זיי זיינען געפֿאָרן קיין כאָטין אויף אַ חתונה צו זייערן אַ קרוב. איך, דער רב און די רביצין האָבן גענומען די באַן און זיך אַוועקגעזעצט אינאיינעם, אַ באַנק קעגן אַ באַנק. און זיי האָבן זיך מחיה געווען, וואָס זיי האָבן מיט זיך איינעם, וועלכער קאָן ריידן „גויאיש"... און איך האָב זיי

טאַקע באַדינט ווי עס קומט זיי, ווייל איך האָב זיך געוואָלט מיט אַט־דעם שיינעם רישקאַנער רב גוט אָנזעטיקן, איידער איך ווער פאַרפאַלן אין אַמעריקע...

— וואו פאָרסטו, אייזיקל? — פרעגט מיך דער רב.

— איך פאָר קיין... (איך האָב זיך פאַרהיקעט און ניט געקאָנט אַזוי שנעל זאָגן דאָס וואָרט).

— וואוהין?

— קיין אַמעריקע!...

— אַ־וואַ!... — גיט דער רב אַ געשריי מיט ווייטיק.

— איך אַנטלויף פון פאָניעץ...

— און דער טאַטע ווייסט?

— יאָ...

מער האָבן מיר ניט גערעדט דערפון דעם גאַנצן טאָג ביז דער סטאַנציע לאַרגע, וואו מיר דריי האָבן געדאַרפט אַראָפּ פון דער באַן. מיר האָבן גענומען איין פאַעטאָן. עס איז געווען פאַרטאָג, אַ וואונדערלעכער זומער־דיקער פאַרטאָג. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אויפן אַרום און אַרום, ווייל עס איז געווען דער לעצטער פאַרטאָג מיינער אין בעסאַראַביע. דער פאַעטאָן איז געפאָרן מיט אַ וועג צווישן סעדער און תבואות און גערטנער. עס זיינען געגאַנגען פויערים מיט פערד פון „נאַטשליעג״, די פערד מיט פענטעס אויף זייערע פיס האָבן געפּאַפּסלט און געקלונגען מיט די קייטן... העגער האָבן געקרייעט אין די טאָלן און אין מזרח איז אַלעמאָל ווי פלוצלונג עפּעס געוואָרן ליכטיקער און ליכטיקער, אַט ווי עס וואָלט אימיצער פון אַ זאַק גענומען זשמעניעס מיט ליכט און זיי צעשאָטן איבערן רוים...

איך האָב געזאָלט פאַרפאָרן קיין זשוואַניעץ צו איינעם אַ יידן ר׳ לייב זאַקען, וואָס מיין טאַטע האָט מיר רעקאָמענדירט. איך האָב זיך אָבער זייער געהיט, אַז מען זאָל ניט וויסן, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע, ווייל אין יענע טעג האָב איך געזאָלט זיך שטעלן צו די פיר וואָכן...

דער בעל־עגלה, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך דאַרף צו ר׳ לייב זאַקען, האָט ער צו מיר געטאָן אַ פיל־באַדייטנדיקן וואונק מיט איין אויג:

— קיין אַמעריקע?...

— ניין! — האָב איך באַלד געענטפערט — איך בין אַ וואָיאַזשאָר (סעילסמאַן) פון אַ צוקער־פאַבריק...

— ביי אינץ זיינען אַלע ביטערע יונגען... מען דאַרף טאַקע אַ ביסל ציקער... — האָט דער בעל־עגלה טיפזיניק געזאָגט און זיך געקראַצט מיט דער פּיזשאָלע (בייטש־שטעקעלע) אין דער פאָטילניצע.

צוועלפֿטער קאַפּיטל

דער בעל־עגלה האָט מיך געבראַכט קיין זשוואַנעץ און צוגעפֿירט צו אַ גרויסער אויסגעקאַלעכטער שטוב מיט לאָדנס ביי די פֿענצטער, און אָנגעוויזן מיר, אַז דאָ, אין דער שטוב, וואוינט לייב זאַקען.

עס איז אַרויסגעקומען אַ פֿרוי אין אַ פּאַרוק, מיט אַ פֿעט פּנים, רויטע בעקעלעך, אַ גוידער און מיט צוויי גרויסע שמאַלציקע, גראָע אויגן. איך האָב באַלד די דאָזיקע פֿרוי עפּעס ניט ליב־באַקומען. פֿאַרוואָס, האָב איך ניט געוואוסט.

— איך דאַרף ר׳ לייב זאַקען — האָב איך איר געזאָגט.

— מיין מאַן, ר׳ לייב זאַקען, איז ביים דאַוונען — ענטפֿערט זי מיר, און וויל ביי מיר צונעמען דאָס שטרויענע קוישעלע. איך גיב עס איר ניט.

— אַ דאַנק, איך קאָן עס אַליין אַריינטראָגן.

איך באַצאָל דעם בעל־עגלה און גיי־נאָך דער דאָזיקער פֿרוי אינע־וויניק אין הויז אַריין. זי פֿירט מיך אַריין אין אַ באַזונדער צימער, וואו עס שטייט אַ דיוואַן, אַ וואַש־געשטעל מיט אַ מעדניצע און עס הענגט אַ ווייסער האַנטוך. זי ברענגט מיר אַ גרויסע קוואָרט מיט וואַסער צו וואַשן זיך. דורך צוויי פֿענצטער קוקט אַריין די זון, און אַ גרויסער הויף מיט שטאַלן.

— איר ווילט עפּעס עסן? — פֿרעגט די פֿרוי.

— יאָ.

— וואָס וועט איר עסן?

— מאַכט מיר אַ פּאָר קאָטלעטן.

— און אַ ביסל וויין?

— שאַט נישט אַ ביסל וויין — ענטפֿער איך.

איך וויל שוין פֿון איר פּטור ווערן, כּדי איך זאָל זיך קאָנען אָרומ־וואַשן. זי גייט אַוועק. איך וואַש זיך אָרום און פֿיל זיך אַביסל דערפֿרישט. עס ווייזט מיר אויס צו זיין זייער אַ ריינער איינפֿאָרהויז, אָבער איך האָב עפּעס ניט ליב אָט־די באַלעבאָסטע...

לאַנג טראַכטן אָבער לאָזט די באַלעבאָסטע ניט. זי קומט צוגיין מיט געפּעס און טישטוך און גרייט פֿאַר מיר צום טיש.

— ר׳ לייב זאָקען וועט מסתּם באַלד קומען פֿונעם דאַוונען — זאָגט זי — אָבער טאָמער דאַרפֿט איר עפּעס נויטיק, קאָנט איר מיר אויך זאָגן... אין דער אמתן מישט זיך ניט מיין מאַן, ר׳ לייב זאָקען, דאָ אין די געשעפֿטן... ער איז אַ פֿרומער ייד און וויסט נאָר צו לערנען תּורה...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — זאָג איך — אָבער איך דאַרף מיט אים אַליין רעדן...

— מיט אים אַליין?... — לאַכט זי עפּעס מיט אַ טריפֿהנעם שמייכעלע — ער וועט מסתּם באַלד קומען... כ׳וועל אייך דערלאַנגען עסן, און איר ווילט זיך מסתּם צולייגן אָפּרוען...

זי איז אַוועק און באַלד געבראַכט שמעקעדיקע קאָטלעטן מיט ברויט און אַ פֿלאַש מיט רויטן וויין. זי האָט אַליין שכל געהאַט אַוועקצוגיין און מיך לאָזן אַליין. איך בין געווען גוט הונגעריק, און די קאָטלעטן זיינען געווען געשמאַק. איך האָב פֿאַרטרונקען מיט אַ גלאָז וויין. און ווען איך האָב געענדיקט האָב איך געטאָן אַ קלונג מיטן גאָפּל און טעלער און די באַלעבאָסטע איז געקומען צולויפֿן.

— איר׳ט עפּעס געוואָלט?

— נאָך ניט געקומען ר׳ לייב זאָקען?

— נאָך ניט... ער דאַוונט זייער אַ סך...

— איך וועל זיך דערווייל צולייגן — זאָג איך — און ווען ר׳ לייב קומט, מעגט איר מיך אויפֿוועקן.

— גוט...

— איך לייג זיך אויף דעם דיוואַן און ליג און קוק דורך די אָפֿענע פֿענצטער. איך זע שטאַלן, אָבער עפּעס אַ מאָדנע טויטקייט איז אין הויף. טראַכט איך, אַז מען דאַרף אַרויסגיין אַ קוק טאָן, וואָס עס איז פֿאַר אַ מין איינפֿאַרהויז, וואו מען זעט ניט קיין פֿערד און וועגענער.

איך בין אַרויס אין הויף.

איך דערזע, אַז פֿון צווישן די שפּאַלטן פֿון די ברעטער פֿון אַ שטאַל שטעקן אַרויס פֿינגער פֿון מענטשלעכע הענט. פֿריער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען קעפּלעך פֿון קאַטשקעס. אָבער דערנאָך האָב איך שוין געזען קלאָר, אַז דאָס זיינען פֿינגער פֿון מענטשלעכע הענט...

גיי איך צו נאָענט. איך קוק אַריין דורך אַ שפּאַלט פֿון שטאַל און דערזע, אַז ס׳איז פֿול דאָרט מיט מענטשן.

— גייט אַוועק פֿון דאַנען! — הער איך, ווי מען וואָרנט מיך פֿון אינעווייניק.

— וואָס גיכער!

— ווי גאָט איז אייך ליב! אַנטלויפֿט פֿון דאַנען!...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און גענומען צוריקגיין גיך אין הויז אַריין. איצט האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ ליגן; אַז אָט די פֿרוי איז ניט ר׳ לייב זאַקענס ווייב... איך קום אַריין און נעם מיין קוישעלע און גיי גלייך צו דער באַלעבאָסטע. זי דערזעט מיך מיטן קוישעלע, הויבן־אָן אירע שמאַלציקע אויגן ווערן גרעסער, גרינער.

— וואוהין גייט איר? — פֿרעגט זי מיך — ר׳ לייב זאַקען וועט באַלד זיין...

— איך מוז אַרויסגיין צו די קרעמער... איך בין אַ וואַיאַזשאַר פֿון צוקער...

— וואָס־זשע איילט איר זיך אַזוי?

אָבער איך האָב שוין ניט געשאַנקען קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט צו אירע רייד. איך בין שוין געווען מיט איין פֿוס אויף דער שוועל פֿון דער דרויסנדיקער טיר.

— וויפֿיל קומט אייך?

וואָס־זשע, איר קומט ניט צוריק? — זי האָט גוט געוואוסט, אַז איך קום ניט צוריק. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט זי מיך געפּרואווט פֿאַר־רעדן, ווייל זי האָט דערוואַרט אימיצן פֿון אירע „אַרויסהעלפֿער". צו מיין גליק איז זי געווען איינע אַליין. זי האָט מיר געזאָגט, וויפֿיל עס קומט איר פֿאַרן עסן, און איך האָב איר באַצאָלט און אַוועק.

ווען איך בין אַרויס אויפֿן גאַס, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פֿונעם האַרצן. איך בין געגאַנגען מיט מיין קוישעלע און געזוכט אימיצן, ביי וועמען איך זאָל זיך קאָנען אָנפֿרעגן, וואו ר׳ לייב זאַקען וואוינט.

עס זיינען מיר געקומען אַנטקעגן דריי יונגע מיידלעך מיט ביכער אונטער די אָרעמס. זיי זיינען געגאַנגען פֿון זייער שולע. זיי האָבן גערעדט רוסיש. אָבער איך האָב דערקענט אין זייער רוסיש, אַז זיי זיינען יידישע קינדער.

— קאָנט איר מיר ניט זאָגן, וואו ר׳ לייב זאַקען וואוינט? — פֿרעג איך ביי זיי אויף יידיש.

— פֿאַרוואָס ניט? מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן!... — ענטפֿערן זיי אַלע דריי, און זיי קערן זיך אום און פֿירן מיך צו צו אַן אמתן יידישן איינפֿאָר־הויז מיט אַ גרויסן טויער, און זאָגן מיר, אַז דאָ וואוינט ר׳ לייב זאַקען.

באַלד איז מיר אַנגעקומען אַ הויכער ייד, אין הוילע אַרבל, מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט פּאות, אַנגעטאָן אין אַ יאַרמעלקע אויפֿן קליינעם קאָפּ, און מיר געגעבן שלום.

— ר׳ לייב זאַקען? — פֿרעג איך.

— יאָ.

איך זאָג אים ווער איך בין און מיין טאַטנס נאָמען.

אָ, ר׳ יוסף־חיימס זון! מיר פֿאָרן צו איין רבין... קומט אַריין... — און ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסער שטוב, וואו עס איז געזעסן ביים טיש אַ דערוואַקסן מיידל און האָט שטודירט איבער ביכער און פּאַפּירן. דאָס מיידל האָט מיר געשאָנקען בלויז איין בליק און ווידער זיך פֿאַרטיפֿט.

ר׳ לייב האָט מיך אַריבערגעפֿירט פֿון דער גרויסער שטוב אין אַן אַלקער.

איך דערצייל אים, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפֿן.

— טאַקע נאָר גאָט אַליין האָט אייך געראַטעוועט פֿון יענע קאַטאַר־זשאַנעס... — זאָגט ר׳ לייב זיי זיינען יד־אחת מיט די בעל־עגלות... און אַז אַ בעל־עגלה זעט אַ יונגן מאַן, ווייסט ער שוין, אַז מסתּם איז עס אַ יונגער מאַן, וואָס דאַרף אַריבערגיין די גרענעץ, און ער פֿירט אים שוין צו זיי... איר זייט גליקלעך, וואָס די קאַטאַרזשאַנעס זיינען היינט נישטאָ... זיי האָבן אַ „דיעלע" אין סוד... אַנישט וואָלטן זיי שוין אייך אויך געהאַט אין זייערע הענט...

— פֿאַרוואָס שוויגט די שטאָט?

— איר זייט נאָך צו־יונג צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די שטאָט שוויגט... נאָר לאָמיר בעסער רעדן וועגן אייך...

דער דאָזיקער לייכטער וואונק האָט מיך געבראַכט צו דעם, אַז איך זאָל אים דערציילן וועגן מיר און וואָס איך וויל פֿון אים. מיין פֿאָטער האָט מיר געשריבן, אַז ר׳ לייב זאָקען וועט מיר העלפֿן אַריבערגיין די גרענעץ...

— איר ווילט גיין מיט אַ „פּאַס", צי גנבֿענען די גרעניץ?

— מיט אַ „פּאַס" וואָלט געווען בעסער — האָב איך געזאָגט.

— און פֿון וואַנען ווייס איך, אַז איר זייט יוסף־חיימס זון? — זאָגט פּלוצים ר׳ לייב — אַמאָל קאָן גאָר זיין, אַז די קאַטאַרזשאַנעס זאָלן צו מיר אונטערשיקן אימיצן...

— איך האָב אַ שוועסטערקינד אין כאָטין, פּרויקע ראַבאַי.

— פּרויקע איז אייער שוועסטערקינד?

— יאָ.

— וועט איר אַזוי גוט־זיין און אַריבערגיין קיין כאָטין מיטן פּאַראָם[1] און ברענגען מיר אַ בריוו פֿון פּרויקען... מען דאַרף זיין פֿאָרזיכטיק...

אין אמתן האָב איך אונזער שוועסטערקינד גאָר ניט געקאָנט און ביי אים קיינמאָל ניט געווען. נאָר אַז איך האָב געמוזט האָבן פֿון אים אַ בריוו,

[1] פּאַראָם — פּערי.

בין איך אַריבער דעם דניעסטער מיטן פּאַראָם און צוגעפֿאָרן מיט אַ דראָזשקע צו פּרויקען. און אַז איך האָב זיך געמאָלדן ווער איך בין, האָט מען פּרויקע אויפֿגענומען זייער פֿיין. איך האָב שוין דאָרטן געמוזט צוזאָגן צו נעכטיקן. ביי פּרויקען זיינען געווען צוויי דערוואַקסענע מיידלעך און אַ בחור. מיר האָבן זיך באַלד באַקאַנט, און איינע פֿון די „באַרישניעס״ איז מיט מיר געגאַנגען קיין זשוואַנעץ, כּדי פּערזענלעך איבערגעבן ר׳ לייב זאַקען, אַז איר פֿאָטער פּרויקע ווייסט ווער איך בין און אַז עס איז אַלץ אין אָרדענונג. דאָס מיידל האָט אַפֿילו ניט גענומען מיט זיך קיין מאַנטל, נאָר אַזוי אין איר זומערדיק קליידל איז זי מיט מיר צוגעפֿאָרן צום טייך דניעסטער און מיר זיינען אַריבער מיטן פּאַראָם. מיר האָבן געדאַרפֿט נאָך צוריקצופֿאָרן און קומען צוריק קיין כאָטין צו וועטשערע.

עס איז געווען אַ הערלעכער פֿאַרנאַכט. דער דניעסטער איז געווען קלאָר און רואיק ווי אַ שפּיגל, און איך מיט דער מאַדמאַזעל פּאַולינע זיינען געשטאַנען אויפֿן פּאַראָם און האָבן זיך געשפּיגלט אין וואַסער. זי איז געווען אַ ראָמאַנטיש מיידל, אַ גרויס־שטאָטישע, אַ כאָטינער, און אַ גימנאַזיסטקע, און איך געזונט, הויך און קליינשטעטלדיק. זי רעדט און איך שוויג. איך ענטפֿער נאָר דאָס נויטיקסטע. פֿאַרוואָס איך פֿאָר קיין אַמעריקע — זאָל איך איר זאָגן. זאָג איך איר... אַך! ווי זי וואָלט אויך געוואָלט פֿאָרן, פֿליען ערגעץ אַוועק ווייט, ווייט... נאָר זי איז שוואַך... זי האָט ניט מיין מוט...

אַט אַזוי זיינען מיר בשלום אַריבער דעם דניעסטער, און מיט דער גרויסער סקאַלע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט אַרויפֿקלעטערן ביז קיין זשוואַנעץ, זיינען מיר געגאַנגען אויפֿן וועג באַרג־אַרויף געאָרעמט. זי האָט מיר דערציילט פֿון איר לעבן אין כאָטין... ביי זיי איז דאָ אַ פּאַרק, און דאָרטן שפּילט מען אַלע אָוונט... עס איז אַזוי גוט... אָבער עס פֿעלט איר דאָך עפּעס, וואָס זי אַליין קאָן ניט זאָגן וואָס עס איז...

און אַט אַזוי זיינען מיר געקומען ביז צו דער שטוב פֿון ל׳ לייב זאַקען, וואו פּאַולינע האָט אים איבערגעגעבן אַלץ, וואָס איר פֿאָטער פּרויקע האָט אים געהייסן איבערגעבן. מיר זיינען דערנאָך צוריקגעגאַנגען צום דניעסטער, כּדי זיך אַריבערצושיפֿן מיטן פּאַראָם קיין כאָטין.

נאָר פּלוצים איז דער האָריזאָנט געוואָרן כמאַרנע און שוואַרץ, כאָטש עס איז נאָך געווען ווייט צום זון־פֿאַרגאַנג. עס איז געוואָרן אַזוי פֿינצטער, אַז מיר האָבן ניט געזען וואו צו גיין. מיר האָבן זיך געהאַלטן פֿעסט ביי די הענט. און עס האָט אַלע ווײַלע אַ שניט געטאָן מיט אַ בליץ אויפֿן הימל און עס האָט געדונערט אַזוי שטאַרק, גלייך די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין...

דרייצנטער קאַפּיטל

מיר, דאָס הייסט, איך און מאַדמאַזעל פּאָולינאַ, האָבן גאָר ניט געוואוסט אין וואָס פֿאַר אַ געפֿאַר מיר זיינען געווען. איך האָב שוין דערציילט, אַז בשעת מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען מיט דעם סקאַלע־באַרג צום דניעסטער איז פּלוצים אָנגעקומען אַ גרויסער שלאַקס־רעגן מיט בליצן און דונערן און עס איז געוואָרן אַזוי פֿינצטער, אַז מיר האָבן ניט געזען וואוהין מיר גייען.

מיר זיינען אַוועק אָן אַ זייט פֿון דעם וועג און ווען אַ בליץ וואָלט ניט געטאָן אַ באַלויכט דעם אַרום און אַרום, וואָלטן מיר ניט דערזען דעם סקאַלע־אָפּשניט און מיר וואָלטן זיכער אַראָפּגעפֿאַלן און אומגעקומען.

דער בליץ האָט אונז געראַטעוועט. און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַרויף באַרג. דער רעגן האָט געליאַפּעט און אונז געשמיסן ווי מיט בייטשן. איך האָב אַראָפּגענומען מיין ראָק און איינגעדעקט דאָס מיידל און זי האָט זיך צו מיר געטוליעט. אויף אונזער גליק איז אָנגעקומען אַ מאַן מיט אַ לאַמטערן און מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ.

— ווער זייט איר דאָרט? — האָט ער אויסגעשריען.

— מיר...

— ווער מיר?

— פֿון כאָטין...

— איר גייט ניט אויפֿן ריכטיקן וועג...

— גוטער מענטש — זאָג איך צו אים — אפֿשר קאָנסטו אונז פֿירן אויפֿן ריכטיקן וועג?

— פֿאַרוואָס דען ניט? קומט.

און ער האָט אונז געפֿירט ביז ער האָט אונז געבראַכט צום דניעסטער. דאָס הייסט, מיר האָבן ניט געקאָנט זען דעם טייך, אַזוי פֿינצטער איז געווען, אָבער מיר האָבן געהערט ווי דער רעגן כליאַפּעט איבער דער פֿלאַך פֿון טייך.

— העי, פּאַראָם! — האָט אונזער פֿירער גענומען שרייען.

נאָר קיין פּאַראָם איז ניט געקומען.

אַט אַזוי האָבן מיר געשריען: „העי, פּאַראָם!" אַ שיינע פּאָר שעה, ביז דער רעגן האָט ענדלעך אויפֿגעהערט און דאַן איז ערשט דער פּאַראָם

אַריבערגעקומען. איך און די מאַדמואַזעל זיינען שוין געווען גוט דורכ־געווייקט. עס איז איצט געוואָרן אַביסל קילער די לופֿט און מירביידע האָבן געכאַפּט אַ גוטן ציטער. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און שטערנדלעך האָבן זיך באַוויזן. דער פּאַראָם איז געשוואומען איבערן טונקעלן דניעסטער נאָר מיט איין לאַמטערן צוגעבונדן צו איינעם פֿון די פּאַרענטשעס. אונזער פֿירער האָט זיין לאַמטערן אויסגעלאָשן און די לייכטע וועלן פֿונעם טונקעלן דניעסטער האָבן צעבראָכן די זייל ליכט פֿונעם איינציקן לאַמטערן. עס איז געוואָרן זייער קיל, און ווען מיר זיינען אַריבערגעקומען אויף דער צווייטער זייט האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן אויף אַ דראָזשקע. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. גיין צו פֿוס צו פֿרויקעס הויז איז געווען צו־ווייט.

— אייך איז קאַלט? — האַלט איך אין איין פֿרעגן באַ פּאַולינאַן. אָבער איך באַמערק, אַז זי איז עפּעס אויפֿגעבראַכט אויף מיר. פֿאַר וואָס זי איז ברוגז, ווייס איך ניט. בין איך שולדיק אין דעם שלאַקס־רעגן?!

הכּלל, עס איז ענדלעך אָנגעקומען אַ דראָזשקע און מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און געקומען אַ היים צו מיין קוזין פֿרויקע. דאָרטן איז דאָס גאַנצע הויז־געזינט געווען אויפֿגערעגט און דערשראָקן. זיי האָבן געהאַט יסורים וועגן אונז און ווען זיי האָבן אונז דערזען אַזוינע אויסגעווייקטע און פֿאַרקאָוועטע האָט מען זיך גענומען אונז דערוואַרעמען מיט הייסער טיי און מיט ראָם.

די מאַדמאַזעל פּאַולינאַ האָט גאָר ניט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין. זי האָט נאָר איבערגעביטן עפּעס אַ קליידל און אַוועק אין איר שלאָפֿצימער און געלייגט זיך אין בעט אַריין.

מיר האָט מען געגעבן אַנדערע קליידער און וועש און מען האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ באַזונדער צימער. איך האָב זיך איבערגעטאָן און בין אַריינגעגאַנגען אין דער „סטאָלאָווע".[1] אַ דינסט האָט מיר דערלאַנגט עסן. און מיין קוזין פֿרויקע איז אַריינגעקומען און מיך גענומען אויף אַ גאַנצן פֿאַרהער:

— וואו זייט איר געוועזן?

— וואָס הייסט, איר ווייסט ניט? ביי ר' לייב זאַקען.

— אָבער ווי אַזוי גייט מען אין אַזאַ שטורעם מיט אַ פֿריילין?

— עס האָט אונז פֿאַרכאַפּט אינמיטן וועג.

— קערט מען זיך אום!

---

[1] סטאָלאָווע — עסצימער.

— אָבער איך האָב ניט געוואוסט דעם וועג, אַחוץ דעם איז געווען זייער פינצטער.

— פּאָולינאַ וויינט... וואָס האָט איר געטאָן?

— גאָרניט...

— פאַר וואָס זשע וויינט זי?... אונזער פּאָולינע האָט קיינמאָל פריער ניט געוויינט...

— וואָס קאָן איך וויסן?

— איר זייט דאָך עפּעס אַ קאַוואַליער...

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב זי ניט באַליידיקט מיט קיין איין וואָרט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין ביים טיש. איך האָב זיך שוין געוואָרגן מיט יעדן ביסן, נאָר הונגעריק בין איך געווען ווי אַ וואָלף, און אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן האָב איך זיך פאַרנומען אין מיין צימערל און געוואָלט האָט זיך מיר פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, אָבער מיינע פּאַפּיראָסן זיינען געווען נאַס. נו, האָב איך זיך שוין געלייגט אָן אַ פּאַפּיראָס און ניט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט מיך געמאַטערט איין פראַגע: — וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן פּאָולינאַן?

אויף מאָרגן, אַז איך האָב שוין דערלעבט צו זען דעם וויסן ליכטיקן טאָג, בין איך אַראָפּ און געשטאַנען ביים פענצטער, וואָס האָט אַרויסגע־קוקט אין אַ גרויסן גאָרטן — וויזט אויס, אַז דאָס איז עס געווען דער כאָטינער שטאָט־גאָרטן.ביימער, אַלייען, פייגעלעך, איינצלנע מענטשן...

וואָס טוט מען איצטער? זאָל איך אַריינגיין אין שטוב? שעם איך זיך... איך וועל וואַרטן ביז מען וועט מיך קומען רופן און מיר ברענגען מיינע קליידער, וואָס מען האָט אויפגעהאַנגען צום אויסטריקענען.

אָבער מען קומט מיך ניט רופן... צי האָבן זיי פאַרגעסן אין מיר? צי זיינען זיי ברוגז אויף מיר?

וואָס האָב איך איר געטאָן?

איך דערהער אַ קלאַפּ אין טיר.

— יאָ!

עס קומט אַריין דער בחור פּרויקעס און ברענגט מיר מיינע קליידער. ער קאָן מיר ניט קוקן גלייך אין די אויגן.

— וואָס טוט פּאָולינאַ? — פרעג איך.

— אוי, האָבן מיר דאָס געהאַט מיט איר צו זינגען און צו זאָגן אַ גאַנצע נאַכט... וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אייך? מיר מעגט איר דאָך דערציילן...

— ליבער פריינט, איך האָב ניט וואָס צו דערציילן.

— מיך ווילט איר נארן ? — שמייכלט ער עפעס מאדנע ניט־שיין.

— הערט, יונגערמאן, איר זייט טאקע מיין קוזין, אבער איר קאנט מיך ניט... איך באליידיק זיך פון אזוינע פראגן...

ער האט מיך איבערגעלאזט אליין און איך האב זיך איבערגעטאן. איך בין דערנאך אריין אין שטוב און געבעטן, אז מען זאל מיך צולאזן צו פאולינאן.

— זי וועט אייך ניט וועלן זען — האט מיר איר שוועסטער גע־ענטפערט.

איך האב פארלאזט דאס הויז א באליידיקטער און אוועק צום דניעס־טער און אריבער מיטן פאראם און אנגעקומען צו ר׳ לייב זאקען. דא האב איך, אויף דער עצה פון דעם יידן, זיך פארמאכט אין אלקער און זיך ניט געוויזן אין גאס פאר גאנצע דריי טעג, כדי מען זאל מיך ניט זען אימיצער פון די „קאטארזשאנעס״ און מיך נאך מסורן...

אריינברענגען עסן אין מיין צימער פלעגט אמאל ר׳ לייב זאקען, אדער דאס דערוואקסענע מיידל. די באלעבאסטע איז געווען א האלב פאראַ־ליזירטע. עס איז געווען א גליק, וואס דאס מיידל האט פארמאגט ביכער — האב איך כאטש געלייענט — אניט וואלט איך משוגע געווארן.

איך האב ניט געקאנט אריבערגיין די גרענעץ מיט א „פאס״ און עס איז מיר אויסגעקומען צו גנבענען די גרענעץ.

אין א זונטיק פארנאכט, ווען ר׳ לייב זאקען האט שוין געהאט אלץ „אפגעבעט״, האט ער געהייסן זיין מיידל, וועלכע האט געהייסן חיה־רייזי, אז זי זאל זיך מאכן ווי זי גייט מיט מיר שפאצירן און זאל מיט מיר רעדן העברעאיש און זאל מיך צופירן ביזן וואלד ארויס פון שטאט. און דערנאך זאל זי גיין צוריק אהיים. דארטן האב איך געדארפט שטיין ביים זוים פון וואלד ביז איך וועל באמערקן, אז פון צווישן די קארטשעס וועט זיך אויפהויבן א „גוי״ אין א שטרויענעם קאפעליוש. ער וועט שוין געבן א פייף און צוקומען צו מיר...

מיר זיינען ארויס אויפן „שפאציר״... מיין קוישעלע איז שוין פון פריער באזארגט געווארן... מיר האבן געדארפט רעדן העברעאיש...

— מה נאה ערב זה! (ווי שיין דער דאזיקער אוונט!) — זאגט צו מיר חיה־רייזי.

— כן... (יא)

— והשמש שוקע. (און די זון זעצט זיך)

— כן...

— ראה! זבובים של זהב... (גיב אַ קוק, פֿליגעלעך גילדענע...)
— מה שם הרחוב הזה? (וואָס איז דער נאָמען פֿון דער גאַס?) — פֿרעג איך.
— אין לו שם! (זי האָט ניט קיין נאָמען) — ענטפֿערט זי.
— מפני מה? (פֿאַרוואָס?)
— אינני יודעת. (איך ווייס ניט).

דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס האָט געהייסן ווי מײַן מאַמע, האָט שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר געשפּילט אַ טראַגישע ראָל אין דעם לעבן פֿון אונזער פֿאַמיליע און איז אַליין אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט. אָבער בשעת מיר זײַנען געגאַנגען אויף יענעם אומשולדיקן „שפּאַציר" האָבן מיר ביידע ניט געהאַט קיין שום אָנונג וועגן דעם.

אַט זײַנען מיר שוין אַרויס פֿון שטעטל זשוואַנעץ. עס ליגט אַ וועג אַרויף אַ קליין בערגל. מיר גייען אויפֿן שטויביקן וועג. פֿון ביידע זײַטן וועג פֿעלדער מיט סטיעבליעס פֿון אָפּגעשניטן ברויט. און אַט איז שוין דאָס געוויסע וועלדל. מיר געזעגענען זיך מיט וואַרעמע הענט־דריקענישן. און זי בויגט זיך אָן און רייסט אָפּ אַ רומיאַניק און גיט עס מיר צום אָנדענקען. איך גיב אַ שמעק און לייג אים, דעם רומיאַניק, אַרײַן אין אַ קאָנווערט פֿון אַ בריוו ביי זיך אין בוזים־קעשענע.

זי גייט אַוועק צוריק און איך גיי צום וועלדל און שטעל זיך אַוועק ביים ברעג. עס איז אַ וואונדערלעכער זונפֿאַרגאַנג. דער הימל צינדט זיך אָן מיט אַלערליי קאָלירן אין מערב. איך זוך צווישן די קאַרטשעס און באַמערק ווי עס וואַלט איינער פֿון די קאַרטשעס זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד און עס איז אויסגעוואַקסן אַ „גוי" מיט אַ שטרויענעם קאַפּעליוש. ער גיט אַ פֿײַף און גייט צו מיר.

ער גיט מיך אַ רוף מיט דער האַנט, אַז איך זאָל גיין נאָך אים דורכן וועלדל. גיי איך אים נאָך ביז עס ווערט טונקל. און דערנאָך קומען מיר אַרויס אויפֿן וועג.

עס קומט אָן אַ וואָגן.

ווידער אַ פֿײַף און דער וואָגן שטעלט זיך אָפּ און מען הייסט מיר אַרײַנקריכן אין וואָגן און זיך באַהאַלטן אין שטרוי.

איך ליג אַזוי אין שטרוי און דער וואָגן טרייסלט זיך איבערן וועג. און דערנאָך בלײַבט דער וואָגן שטיין און דער גוי הייסט מיר אַרויס־קריכן. און עס נעמט מיך איבער אַ ריזיקער פּויער און איך זע, אַז ער האַלט מײַן קוישעלע אין זײַן האַנט.

פערצנטער קאַפּיטל

עס איז געווען אַ מיטן־זומערדיקער אָוונט. אויפן הימל מילי־מיליאָסן שטערן. און די לופט אַ מילדע, אַ קיל־וואַרעמע. אויף די פעלדער האָט מען שוין געזען די סנאָפּעס מיט ווייץ און די קוקורוזע איז שוין געווען הויך איבער אַ מענטשנס קאָפּ. עס האָט געשמעקט מיט די זיסע ריחות פון פאַרטיקן ווייץ און גערשטן און עס איז אָנגעגאַנגען אַ כאָר פון גרילן און זשאַבעס.

איך בין געגאַנגען ביי דער זייט פונעם פויער, וועלכער האָט מיך געדאַרפט ברענגען צו דער גרענעץ. אָט זיינען מיר געגאַנגען מיטן וועג און אָט האָבן מיר זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין אַ טאָל פונעם וועג אַראָפּ און גיין מיטן סקאָס פון אַ באַרג. דער פויער איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי איך. ער האָט צו מיר גערעדט און איך האָב אים געדאַרפט פאַרשטיין אויפן וואונק. איז דאָך אָבער געווען אַ פינצטערע נאַכט, האָב איך ניט געקאָנט זען זיין יעדן וואונק און איך האָב זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף מיין אינסטינקט.

יעדער שאָרך, וואָס עס האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ, האָט אונז אָפּגעשטעלט. דער פויער האָט זיך צוגעזעצט אויף זיינע קני און זיך אָנגעבויגן צו דער ערד און זיך לאַנג איינגעהערט. אויב עס איז געווען ביי אים אַ שטיקל פאַרדאַכט, אַז עס גייט אימיצער, האָט ער זיך באַלד אַ וואַרף געטאָן אין אַ זייטיקן וועלדל, אָדער קוקורוזע פעלד. איך האָב אים נאָכגעטאָן בלינד און שטילערהייט. ניט איינמאָל זיינען מירביידע יענעם אָוונט אָפּגעלעגן אין די טיפענישן פון אַ קוקורוזע־פעלד, געלעגן האַרט ביי דער ערד און געשוויגן און זיך צוגעהערט ווי אימיצער איז דורכגעגאַנגען מיטן וועג, אָדער דורכגעפאָרן. איך בין געוואָרן אויסגעשמירט מיט ערד און מיין מויל איז געווען פול מיט שטויב. אָבער איך האָב זיך אַפילו נישט געקאָנט באַקלאָגן פאַרן פויער, ווייל מען האָט מיר פאַרזאָגט, אַז איך זאָל ניט רעדן.

אַרום נאָך צוועלף ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען צו זייער אַ הויכן באַרג. צופוסנס פונעם באַרג איז געלעגן עפּעס אַזוי ווי אַ טונקעלער שטיין. נאָר ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז עס ניט געווען קיין שטיין, עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ מענטש.

מיין פויער האָט מיך איבערגעגעבן אַט דעם מענטשן און אים אויך איבערגעגעבן מיין קוישעלע. דער נייער פויער האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אויף דעם הויכן באַרג און מיר געהייסן שטיין און וואַרטן אויף אים. ער איז אַוועק אין דער פֿינצטער און זיך לאַנג געזאַמט. איך האָב אויסגע־רויכערט עטלעכע פּאַפּיראָסן ביז ער איז צוריקגעקומען. ער האָט מיך אַראָפּגעפֿירט אין אַ טאָל אַריין און דאָרטן מיר געהייסן אויסטאָן מיינע שיך און זאָקן. באַלד האָבן מיינע הייסע פֿיס דערפֿילט קאַלט וואַסער. עס האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ טייכל. געזען האָב איך עס ניט, נאָר איך האָב געפֿילט ווי דער באָדן פֿונעם טייכל איז פֿול מיט שטיינער. עס האָט ניט גע־נומען לאַנג און מיר זיינען אַרויס פֿונעם טייכל און דער מאַן וואָס האָט מיך געפֿירט האָט מיר געהייסן צוריק אָנטאָן מיינע שיך. איך האָב קוים אַרויפֿ־געשלעפּט די זאָקן אויף מיינע נאַסע פֿיס און אַרויפֿגעצויגן מיינע שיך, ווי דער מאַן האָט מיך אַ טאַרע געטאָן, אַז מען דאַרף לויפֿן... איך האָב אַפֿילו ניט באַוויזן צו פֿאַרקנעפּלען די שיך, ער נעמט לויפֿן און איך נאָך אים. ער שפּרינגט אַריבער איבער אַ פּלויט און איך נאָך אים. עס איז ווייזט אויס דאָ אַ דאָרף. אָט דערזע איך ווייסע שטיבעלעך. אָבער עס איז פֿינצטער אין זיי. הינט האַוקען און פֿאַלן אויף אונז אָן. אָבער מיר לויפֿן און לויפֿן.

ביי איינעם פֿון די שטיבעלעך בלייבן מיר שטיין. דער מאַן קלאַפּט אָן אַ טיר. אימיצער עפֿנט. מיר גייען אַריין שטיל און דער באַלעבאָס פֿאַרמאַכט די טיר אויפֿן ריגל.

ער פֿירט אונז אַריין אין שטוב און צינדט אָן אַ קליין לעמפּל. איך דערזע פֿאַר זיך אַ יידן מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד און מיט גרויסע צע־יאָטערטע אויגן און מיט אַ יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ. ער גיט מיר „שלום“ און דער פויער נעמט ביי מיר אַ סימן, כּדי צו באַווייזן, אַז ער האָט מיך געבראַכט איבער דער גרענעץ. דער פויער גייט אַוועק און דער ייד הייסט זיך מיר לייגן שלאָפֿן. עס איז דאָ אַ ליידיק בעט. איך לייג זיך און דעק זיך איין אָבער קאָן ניט שלאָפֿן, כאָטש איך בין שוין אין עסטרייך און האָב שוין ניט וואָס מורא צו האָבן.

ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו ווערן טאָג, איז דער ייד אַריינגע־קומען און האָט מיך געפֿרעגט וואוהין איך וויל פֿאָרן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל פֿאָרן קיין מילניצע. ער זאָגט מיר, אַז עס וועט מיך קאָסטן פֿינף ראַנעש. בין איך איינשטימיק. ער שפּאַנט איין אַ וואָגן, וואָס האָט איין דישל, וואָס עס מיינט פֿאַר צוויי פֿערד, אָבער ער האָט ניט מער ווי איין פֿערד. שפּאַנט ער איין דאָס איינע פֿערד צום דישל און מיר פֿאָרן איבערן דאָרף. איך זיץ לעבן אים אויף דער קאָזלע. פויערים גייען שוין אין די

פֿעלדער און גריסן זיך צו אונז. עס ווערט וואָס אַ מאָל ליכטיקער און ליכטיקער. די זון גייט אויף. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז עפּעס אַן אַנדער זון דאָ אין עסטרייך. דער ייד רעדט צו מיר עפּעס אַזוי פֿאַרצויגן און מיט עפּעס אַ געל קול. פּונקט אַזוי איז די עסטרייכישע ערד עפּעס געל און זאַמדיק. און די פּויערים, וואָס קומען אונז אַנטקעגן זיינען אַ סך אַנדערש פֿון מיינע בעסאַראַבישע מאָלדאַוואַנעס. מיין אַנטרייבער פֿרעגט מיך צו וועמען איך וויל פֿאַרפֿאָרן. איך זאָג אים, אַז איך דאַרף צו ר׳ איטשע־מאירן, דער וואָס האָט אַן „איינפֿאָר״. זאָגט צו מיר דער אַנטרייבער:

— אין איטשע־מאָיער איז דאָ אין מילניצע!...

איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן, ווייל מיין פֿאָטער האָט מיר געהייסן פֿאַרפֿאָרן צו ר׳ איטשע־מאירן אין איינפֿאָר, וואו ער פֿלעגט שטענדיק איינשטיין. ער פֿלעגט פֿאָרן צום רבין קיין הוסיאַטין.

דעם אַנטרייבער האָט איך געזאָגט:

— דער איטשע־מאיר, וועלכער איז אַ הוסיאַטינער חסיד...

— אַ, פֿאַרוואָס־זשע שוואָגט עך? — האָט דער אַנטרייבער געזאָגט — עך וואָיס וואָס פֿאַר אַן איטשע־מאָיער.

און ער האָט מיך צוגעפֿירט צום ריכטיקן איינפֿאָר אין דעם קליינעם עסטרייכישן שטעטעלע מילניצע. דאָס איינפֿאָר־הויז האָט זיך ניט אונטערשידן פֿון אונזערע בעסאַראַבישע איינפֿאָר־הייזער.

ר׳ איטשע־מאיר איז אונז אַרויסגעקומען אַנטקעגן ביים טויער און מיר געגעבן שלום. ווען איך האָב אים געזאָגט מיין טאַטנס נאָמען האָט ער זיך מיט מיר דערפֿרייט און באַלד אַרויסגערופֿן זיין זון שלום.ביידע, אי דער טאַטע אי דער זון, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות און מיט פּלושענע קאַפּעליושן אויף זייערע קעפּ. זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ צימערל און מיך געפֿרעגט צי איך וויל עפּעס עסן. דער פֿאָטער האָט גענומען אויסרעכענען, וואָס עס איז דאָ צום עסן: געפֿילטע פֿיש, קישקע, געבראָטנס, אַ שטיקעלע געפֿילטע מילץ, אַ ביסעלע געהאַקטע לעבער צי גראַשעצע אָדער אפֿשר וויל איך גאָר אַ יויך מיט לאָקשן, אָדער אַ קוגעלע אַזוי אַ פּעטס און גוטס; אָדער אפֿשר וויל איך גאָר וואַרעניקעס מיט וואַנשל...

איך האָב קוים געקאָנט עפּעס אויסקלייבן פֿון אָט די אַלע מינים עסנס און זיך צוגעלייגט אָפּרוען. איך בין געווען אַזוי מיד, אַז איך בין געשלאָפֿן ביז שפּעט נאָכמיטאָג.

ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָבן זיך צו מיר דערנענטערט צוויי יונגעלייט און זיך פֿאַר מיר פֿאַרגעשטעלט, אַז זיי זיינען אויך רוסישע און אַז זיי פֿאָרן קיין לאָנדאָן. ווי אַזוי זיי האָבן געהייסן האָב איך שוין פֿאַרגעסן. אָבער זיי האָבן געמאַכט אויף מיר זייער

אַ גוטן איינדרוק מיט זייער פֿיינעם רוסיש רעדן און מיט זייער האַלטונג. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך פֿאָר קיין אַמעריקע. און זיי האָבן בײדע געטאָן אַ זיפֿץ... זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע...

דער באַלעבאָס פֿון איינפֿאָר־הויז האָט אונז פֿאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן קויפֿן שיפֿסקאַרטן ביי דעם זון פֿון דעם מילניצער גלח.

מיר זיינען מיט אים אַלע דריי אַוועק צום מילניצער גלחס זון און געטראָפֿן דאָרט אַ יונגן מענטשן — אַ סאָלידן, אַ פֿיינעם. אָבער כאָטש ער האָט געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק האָב איך זיך ניט געאיילט צו קויפֿן ביי אים אַ שיפֿסקאַרטע. איך האָב געהאַט אַריבער 80 רובל אין קעשענע, געוואוסט פֿון צייטונגען, אַז יידישע אימיגראַנטן ווערן זייער פֿיל באַשווינדלט, האָב איך זיך זייער געהיט. די צוויי יונגעלייט האָבן אָבער געהאַט זייער ווינציק געלט, קוים, קוים וואָס עס האָט זיי געקאָנט קלעקן אויף הוצאות ביז לאָנדאָן. און פֿאָר זיי איז געווען זייער באַקוועם, אַז מען זאָל זיי פֿירן פֿון מילניצע ביז לאָנדאָן אויף דעם ביסל געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט. האָבן זיי דערפֿאַר באַלד אָפּגעגעבן זייער ביסל געלט דעם גלחס זון. מיר איז עס אַפֿילו ניט געפֿעלן, אָבער איך האָב עס זיי ניט געקאָנט זאָגן דאָרטן ביים גלח אין שטוב.

געפֿאָרן זיינען מיר אָבער אַלע פֿיר קיין לעמבערג מיט דער זעלבער באַן. און דעם גלחס זון האָט געהאָפֿט, אַז אויפֿן וועג וועל איך זיך איבער־צייגן אין זיין אויפֿריכטיקייט און וועל ביי אים קויפֿן אַ שיפֿסקאַרטע.

מיר איז אויפֿן וועג ניט אַזוי געגאַנגען וועגן מיר פּערזענלעך, ווי אין די אינטערעסן פֿון אָט די צוויי יונגעלייט. מיר זיינען אַלע פֿיר געזעסן אין איין קופּע, אויף דער באַן. דעם גלחס זון האָט אויך געקאָנט ריידן רוטעניש און מיר האָבן זיך געקאָנט פֿאַרשטיין אויף דער רוסישער שפּראַך.

אָבער אויפֿן וועג, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ ביי אַ סטאַנציע, איז דעם גלחס זון אַראָפּ עפּעס עסן. ער האָט עס אויך געדאַרפֿט ברענגען פֿאַר זיינע יונגעלייט עפּעס צו עסן. איך בין דאַך געפֿאָרן אויף מיין אייגענעם חשבון, בין איך אויך אַראָפּ אין וואָקזאַל עפּעס עסן, און איך האָב דערזען, אַז דעם גלחס זון זיצט לעבן אַ דאַמע אין בופֿעט. צוגיין צו זיי? האָב איך ניט געוואָלט זיי שטערן. איך האָב אָפּגעגעסן און בין אַרויף אויף דער באַן, פּונקט ווען דער צוג האָט זיך גענומען רירן פֿון אָרט. איך בין אַריין צו מיינע מיטפֿאָרער און מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג ניט געטראָפֿן דעם גלחס זון. וואו איז ער? — דערצייל איך זיי, אַז איך האָב אים געזען מיט אַ דאַמע.

נאָר מאַלע וואָס אַ יונגערמאַן זיצט מיט אַ דאַמע... אָבער איך בין געווען מער אומרואיק ווי די צוויי יונגעלייט. מיר האָט דאָס האַרץ עפּעס פֿאַראויסגעזאָגט...

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

פֿאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין לעמבערג. מיר האָבן קיין סך ניט געדאַרפֿט זוכן אונזער גלחס זון, כאָטש ער איז ניט געזעסן מיט אונז אין באַן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַ געוויסער דאַמע... ווען מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע לעמבערג, איז דעם גלחס זון באַלד געווען לעבן אונז און געדונגען אַ דראָזשקע, כּדי צו פֿירן אונז אין אַ האָטעל.

מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט אויך פֿאָרן מיט אונז אינאיינעם, אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער אונז נאָכגעפֿאָרן אין אַ באַזונדער דראָזשקע מיט זיין דאַמע.

נו, האָבן מיר געטראַכט, כאַפּט אים דער וואָטנמאַכער! אַ מענטש האָט זיך באַקאָנט מיט אַ דאַמע, האָט ער אויף דעם אַ רעכט... נאָר, ביי מיר אין דער טיף האָט זיך באַהאַלטן אַן אומצוטרוי צו אָט דעם גלחס זון מיט זיין דאַמע... איך האָב דערפֿאַר די גאַנצע צייט פֿון אונזער רייזע פֿון דער באַן־סטאַנציע ביז צום האָטעל געהיט די דראָזשקע הינטער אונז...

מיר זיינען פֿאַרפֿאָרן צו אַ פֿיר שטאָקיקן האָטעל און איך מיט די צוויי יונגעלייט האָבן גענומען איין צימער, אַ גרויס מיט דריי בעטן. דעם גלחס זון האָט פֿאַר זיך אויך גענומען אַ צימער.

אין לעמבערג האָבן מיר געזאָלט איבערנעכטיקן, און דאָ האָט דעם גלחס זון געדאַרפֿט מיט אונז גיין אין דער קאָנטאָר פֿון אַ געוויסער שיף־קאָמפּאַניע און באַזאָרגן די צוויי יונגעלייט מיט רייזע־בילעטן ביז לאָנדאָן און אויך פֿאַר מיר קויפֿן בילעטן ביז ניו יאָרק.

מיר דריי האָבן זיך געהייסן אַרויפֿברענגען עפּעס צום עסן צו אונז אין צימער, אויפֿן פֿערטן שטאָק. פֿון אונזער צימער זיינען געווען פֿענצטער אַרויס אין אַ הויף און אויך אַ באַלקאָן. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. און אין הויף איז געווען טומלדיק. אַרום און אַרום פֿיר שטאָקיקע הייזער מיט ניט קיין זייער רייכער באַפֿעלקערונג... איך האָב אַזאַ הויף קיינמאָל פֿריער ניט געזען. די פֿענצטער און טירן זיינען געווען אָפֿן צוליב דער שטיקנדיק־הייסער נאַכט. און מען האָט געקאָנט זען, וואָס פֿאַר אַן אָרעמ־קייט עס טוט זיך אין די שטיבער. עס האָט געשמעקט מיט עכט יידישע

ראָסעלעך מיט געפּרעגלטע ציבעלעס און עס האָט זיך געהערט דאָס וויינען פֿון קליינע קינדערלעך און קללות פֿון פֿאַרביטערטע מאַמעס און דאָס געפּילדער פֿון יידישע קינדערלעך אין הויף, וואָס האָבן זיך געשפּילט.

די צוויי יונגעלייט זיינען געקומען פֿון אַ גרויסער שטאָט און ביי זיי איז עס ניט געווען קיין נייעס. באַלד נאָכן אָפּעסן האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפֿן. איך בין לאַנג געשטאַנען אויפֿן באַלקאָן און געקוקט אויף דעם גרויסן וואונדער. און ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי בין איך גע־שטאַנען אויפֿן באַלקאָן און זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן פֿון דעם גרויסן פּירעקעכיקן לאַבירינט, וואָס דער דאָזיקער הויף האָט פֿאַרגעשטעלט.

דער באַלעבאָס פֿונעם האָטעל איז אַרויפֿגעקומען און אונז געפֿרעגט ווער דער מאַן מיט דער דאַמע זיינען.

מיר האָבן אים דערציילט ווער דאָס איז. און דאַן האָט אונז דער באַלעבאָס דערציילט, אַז דעם גלחס זון האָט געפּראַוועט אַ שמחה ביי זיך אין צימער אַ גאַנצע נאַכט...

אונז איז געוואָרן קאַלעמוטנע.

— און וואו איז ער? — האָבן מיר געפֿרעגט.

— ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער דאַמע — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט און באַלד געפֿרעגט:

— איז זי זיין ווייב?

— ניין! האָב איך געענטפֿערט.

דער באַלעבאָס איז געבליבן שטיין אַ פֿריטשמעליעטער.

— ס'טייטש, ער האָט זיך דאָך פֿאַרשריבן, אַז ער איז מיט אַ ווייב...

— עס איז אַ ליגן! מיט דער דאַמע האָט ער זיך געטראָפֿן אויפֿן וועג...

דער באַלעבאָס פֿון האָטעל איז געווען אַ געוויינלעכער ייד פֿון אַלע טאָג, שוין אַפֿילו מיט אַ געשאָרענער באָרד, אָבער ביי אים איז נאָך ווייזט אויס געווען דער אַלטער באַגריף פֿון מאַן און ווייב.

— קינדער — זאָגט דער באַלעבאָס — מיר געפֿעלט עס ניט!... איר האָט אים געגעבן געלט?

— ניט איך! — האָב איך געענטפֿערט — נאָר אָט די צוויי יונגע־לייט האָבן אים געגעבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן... אַ גלחס אַ זון... פֿון מילניצע.

עס איז באַלד געוואָרן אַ סומאַטאָכע. דער באַלעבאָס פֿון האָטעל האָט באַלד גערופֿן זיינע באַדינער און געהייסן זיי פֿאָרן צו די לעמבערגער וואָקזאַלן און זיי זאָלן היטן די באַנען.

און איך מיטן באַלעבאָס האָבן אויך גענומען אַ דראָזשקע און מיר זיינען אַוועק צום ווינער וואָקזאַל. די צוויי יונגעלייט זיינען געבליבן אין צימער. טאָמער קומט ער, דעם גלחס זון, זאָלן זיי זיין גרייט... אָנגעקומען אויפֿן וואָקזאַל האָבן מיר זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און ווען עס איז אָוועקגעגאַנגען אַ באַן האָבן מיר געהיט יעדן וואַגאָן.

און שטעלט איך פֿאַר, אַז איך דערזע אים טאַקע גיין מיט זיין דאַמע. און אַט שטעלט ער שוין אַרויף אַ פֿוס אויף די טרעפּ פֿון אַ וואַגאָן. איך גיב אַ געשריי און דער באַלעבאָס פֿון האָטעל רופֿט דעם זשאַנדאַר און מיר כאַפּן אים גלייך בשעת ער וויל זיך אַוועקזעצן אין אַ קופּע מיט דער דאַמע.

— אַרעסטירט! — גיט דער זשאַנדאַר אַ קאָמאַנדע. דעם גלחס זון ווערט זיך. אָבער דער באַלעבאָס פֿון האָטעל הייסט אים אַראָפּפֿירן פֿאַר אַנטלויפֿן און ניט באַצאָלן האָטעל־קאָסטן. די דאַמע וויינט און בעט זיך, אַז עס איז אַ מיספֿאַרשטענדעניש. אָבער עס העלפֿט איר ניט. מיר נעמען דעם גלחס זון אַראָפּ פֿון דער באַן און דער זשאַנדאַר קייטלט אים צו צו זיין האַנט מיט אַ קייטעלע. און מיר פֿאָרן צוריק אין האָטעל.

מ׳האָט געבראַכט דעם גלחס זון אַרויף אין דעם צימער, וואו איך מיט די צוויי יונגעלייט זיינען איינגעשטאַנען. און דער באַלעבאָס פֿון האָטעל האָט באַלד געלאָזט וויסן דאָרט וואו מען דאַרף, און עס זיינען געקומען פּאָליציי און אַן אויספֿאָרשער. מען נעמט זיך צום בחור: ווי ער הייסט, און וואָס ער האָט געטאָן מיטן געלט, וואָס ער האָט גענומען ביי די צוויי יונגעלייט?

ער קאָן ניט אָנגעבן זיין אמתן נאָמען, ווייל אין האָטעל האָט ער זיך רעגיסטרירט מיט אַן אַנדער נאָמען. ער לייקנט, אַז ער האָט גענומען געלט ביי די צוויי יונגעלייט. ער זאָגט, אַז ער קאָן זיי אַפֿילו ניט.

איך טרעט אַרויס אַלס עדות, אַז איך האָב אַליין געזען, אַז ער האָט גענומען ביי זיי געלט. 80 רוסישע רובל. און איך דערצייל די גאַנצע מעשה.

דער באַלעבאָס פֿון האָטעל טרעט אויך אַרויס אַלס עדות, אַז אָט דער אַרעסטירטער האָט אים אַליין געזאָגט, אַז די האָטעל־קאָסטן פֿאַר די צוויי יונגעלייט וועט ער באַצאָלן — וואָס דאָס מיינט, אַז ער האָט געהאַט פֿאַרפֿליכטונגען צו זיי.

דערווייל האָט זיך די גאַנצע מעשה צעטראָגן איבער לעמבערג און דער הויף וואו דער האָטעל איז געשטאַנען איז געפּאַקט מיט נייגעריקע מענטשן. ס׳זיינען אויך געקומען אַ פּאָר רוסישע סטודענטן און זיך אָנגע־

געבן, אַז זיי זיינען פֿון אַ סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר צוועק איז צו העלפֿן רוסישע עמיגראַנטן, וועלכע געפֿינען זיך אין אַ נויט.

דעם גלחס זון זיצט אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן. ער איז געוואָרן אין דעם מעת־לעת אַזוי מאָגער, אַז עס איז אים ניט צו דערקאָנען. ביי אים פֿעלט שוין זיין גאָלדענע קייט פֿון זייגער; ביי אים פֿעלן אויך אַ פּאָר גאָלדענע רינגען פֿון די פֿינגער. דער אויספֿאָרשער האָט אים באַזוכט טאָמער האָט ער נאָך עפּעס געלט ביי זיך; האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה...

און דאָ ווערט ווידער נאַכט. און די יונגעלייט זיצן ביידע דערשלאָ־גענע. זיי האָבן הײַנט מסתם ניט געגעסן. זיי האָבן אָוועקגעגעבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן אַט דעם הינטישן זון. און ער האָט זיי געדאַרפֿט צושטעלן ביז לאָנדאָן מיט עסן און אַלע הוצאות. עס איז זיי ניט גוט. זיי זיינען ביידע בלאַס און פֿאַרמאַטערט פֿון טויזנט מאָל איבערדערציילן די גאַנצע מעשה. און זיי איז קלאָר, אַז זייער געלט איז שוין נישטאָ. און וואָס זיי וועלן טאָן אין דער פֿרעמד אָן געלט ווייסן זיי ניט. און ווי אַזוי וועלן זיי שוין קאָנען קומען קיין לאָנדאָן.

דער אויספֿאָרשער באַפֿעלט דער פּאָליציי צו נעמען דעם גלחס זון אין געריכט.

אַזוי ווי איך בין געווען דער וויכטיקסטער עדות, און איך האָב גע־זאָגט, אַז מאָרגן וויל איך אָוועקפֿאָרן ווייטער אויף מיין רייזע קיין אַמעריקע, האָט דערפֿאַר דער אויספֿאָרשער געוואָלט נאָך הײַנט אויפֿדערנאַכט אים פּראָצעסירן.

איך האָב געטאָן אַ קוק אויפֿן גלחס זון, און איך האָב ניט געקאָנט זען, ווי אַזוי עס מאַטערט זיך אַ מענטש אינעווייניק. עס קאָן דאָך זיין, אַז עס איז ניט זיין שולד, וואָס ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט מיט אַ דאַמע...

איך האָב זיך איינגעשטעלט פֿון זיינעטוועגן און דערציילט דעם אויס־פֿאָרשער, וואָס פֿאַר אַ פֿיינע היים ער האָט אין מילניצע, מיט אַ שיינער הויז און מיט אַ גאָרטן. און איך האָב פֿאָרגעשלאָגן, אַז דעם גלחס זון זאָל קלאַפּן אַ דעפּעשע אַהיים, אַז אַזוי ווי ער איז אין אַ זייער קריטישער לאַגע, זאָל מען אים באַלד צושיקן אַ סומע געלט, וויפֿיל עס באַטרעפֿן 80 רוסישע רובל. און דאַן, אויב ער באַקומט געלט, לאָזן מיר אים פֿריי...

דער דאָזיקער פּלאַן איז אַלעמען געפֿעלן. דעם גלחס זון האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן. די דעפּעשע איז אָוועקגעשיקט געוואָרן. און דערווייל האָט דעם גלחס זון אומווילנדיק זיך מודה געווען, אַז ער איז עס טאַקע דעם גלחס זון פֿון מילניצע און אַז ער האָט טאַקע גענומען 80 רובל ביי אַט די צוויי יונגעלייט. און ער האָט שוין דערווייל דערציילט, ווי אַזוי

ער האָט באַגעגנט אַ דאַמע, און זי האָט ביי אים אויסגענאַרט דאָס גאַנצע געלט און אויך זיין זייגער און רינגען...

עס האָט געזאָלט אָנקומען אַן ענטפער אַרום 12 ביינאַכט. און דערווייל האָב איך געהייסן ארויפטראָגן עסן פאַר מיר מיט די צוויי בחורים. און מיר האָבן אויך איינגעלאַדן דעם גלחס זון, אַז ער זאָל עסן מיט אונז. אָבער ער האָט אונז אָפּגעזאָגט דאָס פאַרגעניגן צו עסן מיט אונז. און אַרום 12 איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון גלח פון מילניצע, אַז ער וויל אַפילו ניט וויסן פון זיין זון... אַפּנים, אַז דער טאַטע זיינער האָט שוין גענוג צרות געהאַט פון אים...

האָט מען דעם גלחס זון באַלד ווידער צוגעקייטלט די הענט און — מאַרש אין געריכט אַריין. און נאָך אונז גייט נאָך גאַנץ לעמבערג. יידן, יידענעס, קינד און קייט.

דאָס געריכט איז איבערגעפּאַקט. און דער ריכטער פרעגט מיך אויס אויף אַזאַ דייטש, וואָס איך פאַרשטיי. און איך ענטפער אויף האַלב יידיש און האַלב דייטש: „האַטע געגעבן"... „דיזע צוויי יונגען"... „האָבע אַליין געזען"...

עס האָט געדויערט אפשר צוויי שעה. און דער ריכטער האָט דעם גלחס זון פאַרשיקט אויף צוואַנציק יאָר געפענגעניש און שווערער אַרבעט...

מיר זיינען אַהיים געגאַנגען אין האָטעל מיט אַ שווער געמיט און צעבראָכענע. און די צוויי יונגעלייט זיינען געווען ווי פאַרלאָרן. זיי האָבן געשוויגן, אָבער איך האָב געקאָנט לייענען זייערע מחשבות: נו, פאַרשיקט אַ מענטשן... אָבער ווערט זיי דערפון בעסער?...

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן. עס איז געווען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אַז איך זאָל דערזען, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן אַראָפּפאַלן אין דעם טיפסטן אָפּגרונט פון זינד... און איך האָב עס ניט געקאָנט פאַרשטיין...

זעכצנטער קאַפּיטל

אויפֿן צווייטן טאָג איז דער באַלעבאָס פֿון לעמבערגער האָטעל מיט מיר געגאַנגען אין אַ קאַנטאָר פֿון אַ שיף־קאָמפּאַניע און איך האָב דאָרטן אויסגעביטן מיינע רוסישע רובלס אויף עסטרייכיש געלט. מ׳האָט מיר דער־לאַנגט אַזוי פֿיל עסטרייכישע פּאַפּירלעך, אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. דאָרטן האָט מען מיר אויך פֿאַרקויפֿט אַ שיף־קאַרטע ביז ניו יאָרק, אויף אַ נייער שיף, וועלכע האָט געדאַרפֿט מאַכן איר ערשטע רייזע איבערן ים. איך האָב באַצאָלט פֿאַר דער שיף־קאַרטע און ס׳זיינען מיר נאָך אַלץ געבליבן אַ סך עסטרייכישע פּאַפּירלעך. איך האָב געזאָלט נאָך יענעם טאָג אָפּפֿאָרן פֿון לעמבערג קיין ווין און פֿון דאָרטן קיין טריעסט, איטאַליע, וואו איך האָב זיך געדאַרפֿט זעצן אויף דער נייער שיף „פּאַנאָניאַ״.

איך האָב זיך געפֿרייט, וואָס איך וועל פֿאָרן איבער איטאַליע און ניט דאַרפֿן אָנקומען אין דעם האַמבורגער האַפֿן, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט שוידערלעכע זאַכן. אין איטאַליע, האָט מען מיר דעמאָלט געזאָגט, פֿילט מען זיך פֿרייער. היינט וואָס וועט האָבן די ווערט, אַז איך וועל זיין אין דער שיינער איטאַליע ?

איך בין געקומען צוריק אין האָטעל און געטראָפֿן דאָרט דעם קאָמיטעט פֿון די רוסישע סטודענטן. זיי האָבן שוין באַצייטנס גענומען באַזאָרגן די צוויי יונגעלייט, וואָס זיינען געבליבן אָן מיטלען. און אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט זייער אַ סך „פּאַפּירלעך״, האָב איך זיי אַרויסגענומען פֿון קעשענע און זיך צעטיילט האַלב אויף האַלב מיט די צוויי יונגעלייט. זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען סיידן איך זאָל זיי געבן מיין ניו יאָרקער אַדרעס, כּדי זיי זאָלן עס מיר קאָנען אָפּשיקן פֿון לאָנדאָן. איך האָב זיי געגעבן מיין ניו יאָרקער אַדרעס. אָבער זינט דעמאָלט האָב איך פֿון זיי ניט געהערט...

איך בין נאָך יענעם טאָג אַוועקגעפֿאָרן און אָנגעקומען פֿרייטיק פֿאַר־נאַכט קיין ווין. איך האָב געהאַט אַזאַ קאַרטל, וואָס איך האָב אַריינגעשטעקט אין מיין הוט בשעת איך בין אַראָפּ אויף דער סטאַנציע ווין. מען האָט מיר אָנגעזאָגט אין לעמבערגער קאָנטאָר, אַז ביי דער סטאַנציע אין ווין וועט

צו מיר צוקומען אַ מאַן אויך מיט אַזאַ קאַרטל אין זיין הוט, און אַט דער מאַן וועט מיך שוין פֿירן וואוהין מען דאַרף.

איך דריי זיך אַרום אויף דער פּלאַטפֿאַרמע מיט דעם קאַרטל אין מיין הוט. צוביסלעך יאָוועט זיך נאָך אַזוינע ווי איך, מיט קאַרטלעך אין די היטלען, מיט רענצלעך און פּעק. דער זשאַנדאַר הייסט אונז שטיין אויף איין אָרט. דערווייַלע באַקאַנט מען זיך. אָט איז איין יונגערמאַן פֿון מיין זיידנס שטאָט קאַמעניץ. ער קאָן מיין זיידן זייער גוט. ווערט מיר שוין אַ ביסל היימלעכער. דער יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ געזונטער, מיטן נאָמען טייטלבוים, האַלט זיך ווי עפּעס אַ וויכטיקער סוחר. זיין באַגאַזש איז מאַסיוו. עטלעכע וואַליזן און אַ גרויסער ראַנעץ מיט שלעסער און מיט לעדערנע רימענס. ער אַליין איז זייער עלעגאַנט אָנגעטאָן. ער פּראָטעסטירט פּאַרוואָס מען לאָזט אונז שטיין און לאַנג וואַרטן.

און אָט איז אַ כאַטינער פֿריילין, שוואַרץ, אַ קליינטשיקע, אַ בלאַסע בלאָנדינקע. זי קאָן מיין קוזין פֿרויקע פֿון כאָטין. זי פֿירט מיט זיך אַ גאַנצע גאַרדעראָבע מיט קעסטלעך, פּודלעס און קוישעלעך. זי ווייזט אויס צו זיין נאָך אַ קינד. זי האַלט אין איין גיסן מיט טרערן. זי בענקט שוין צוריק אַהיים קיין כאָטין... אַ טיפּיש־יידישער יונגערמאַן שטייט איבער איר און ציטערט איבער איר, אַז זי זאָל אויפֿהערן צו וויינען. מ׳האָט גע־קענט מיינען, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז איר מאַן. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז אַ ווילד־פֿרעמדער. נאָר ער איז מיט איר צוזאַמען אַריבער די גרענעץ און פֿון דאַן אָן איז ער דער פֿריילין שוואַרצעס באַגלייטער. אָבער זיין פּנים, באַדעקט מיט אַ שוואַרץ פּוכקע בערדל, מאַכט אים אויס־זען צוויי מאָל אַלט ווי זי.

אַז עס איז געוואָרן פֿינצטער, איז ענדלעך צוגעקומען איינער מיט אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער און מיט אַ קאַרטל אין זיין היטל: „פּאַנאַניאַ״...

ער האָט צוגענומען ביי אונז אונזער באַגאַזש און אָנגעפּאַקט אויף זיין וועגעלע און דאַן האָט ער אונז געהייסן נאָכגיין.

גייען מיר איבער די ווינער גאַסן. עס איז אַן עלעגאַנטע שטאָט, ליכטיק באַלויכטן, און עס זינגט אַ פֿרייד פֿון די קראָמען און סאַלאָנען; מיר וואָלטן געשוואוירן, אַז אין יעדן הויז שפּילט אַ קאַפּעליע מוזיק. אָבער מיר האָבן ניט קיין צייט זיך איינצוהערן. דער מאַן מיטן וועגעלע לויפֿט ווי אַ גוט פֿערדל און מיר דאַרפֿן אים נאָכיאָגן. ענדלעך ברענגט ער אונז אין אַ זייטיקער גאַס און פֿירט אונז אַרויף אין אַ שטוב, וואו עס ברענען שבת־דיקע ליכט אין מעשענע לייכטער. דאָ, זאָגט ער, וועלן מיר דאַרפֿן איבער־נעכטיקן און מאָרגן אינדערפֿרי וועט ער אונז קומען נעמען צו דער באַן, וואָס גייט קיין טריעסט.

גוט, מיר האָבן דען אַ ברירה? דער באַלעבאָס איז אַ ייד מיט אַ געשאָרן בערדל, וואָס איז געווען אי געל אי גראָ, מיט אַן אויסגעמוטשעט, דאַר און שאַרף פּנים און מעלאַנכאָלישע גרויסע אויגן. זיין ווייב איז עפּעס אַ טיפּ יידענע, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל געזען — אַ מין האַלב גויע און האַלב יידענע. גערעדט האָט זי האַלב יידיש און האַלב דייטש און אירע האָר זיינען שוין אויך געווען האַלב גראָ און האַלב שוואַרץ און זייער האַרט פאַרקעמט און צעטיילט אין מיטן מיט אַ שרינט.

וואו זיי וועלן אונז פיר באַלייגן, איז געווען אַ רעטעניש, אַז אינגאַנצן האָבן זיי געהאַט אַ קיך מיט נאָך אַ צימערל. אמת, די קיך איז געווען גרויס. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטוך און אויך אַזאַ מין דיוואַנדל. דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געזען דאָס צווייטע צימערל מיט צוויי בעטן און מיט קוים־קוים אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן די צוויי בעטן. אָבער די דאָזיקע רעטעניש איז געוואָרן נאָך גרעסער און טיפער ווען עס איז אָנגעקומען אַ דערוואַקסן מיידל, זייער טאָכטער. זי איז אַריין מיט קוראַזש, אַ טאַנצנדיקע און אַ זינגנדיקע. זי איז טאַקע געווען שיין און מיט אַ גרויסן הוט אויף איר קאָפּ און אין אַ שוואַרץ קליידל, וואָס האָט ווי אָפּגעטאַקט אירע שיינע גלידער. אויב די דאָזיקע טאָכטער שלאָפט אויפן דיוואַנטשיקל, איז אַ שאלה, וואו וועלן מיר שלאָפן?

דערווייל האָט מען זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און די ווינער יידענע־גויע האָט דערלאַנגט אמתע געפילטע פיש און יעדן איינעם אַ קליין־געפלאָכטן קוילישל און מיר זיינען טאַקע געווען אמת הונגעריק... דאָס קוילישל האָט געקלעקט ווי אויף איין צאָן...

דאָס ווינער מיידל האָט געפלאַפּלט צו אירע עלטערן און זיי האָבן נאָר צוגעבאָמקעט מיט „יאָ, יאָ"... די מאכלים זיינען געווען זייער גע־שמאַק און מיר האָבן זיך אָנגעגעסן. און די פריילין שוואַרץ האָט נאָך אַלץ געגאָסן מיט טרערן...

און ווען עס איז געקומען די צייט זיך לייגן שלאָפן, איז טאַקע אַזוי געווען: דאָס ווינער פריילין האָט זיך געלייגט אויפן דיוואַנדל. זי האָט אויסגעלאָשן די ליכט און מיר זיינען דערווייל געזעסן אין דער פינצטער ביז זי האָט זיך אויסגעטאָן און איינגעדעקט. דאַן האָט זי אונז געהייסן אָנצינדן די ליכט. פאַר אונז אַלע האָט די באַלעבאָסטע אוועקגעלייגט גראָבע קאָלדרעס אויפן דיל און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין אונזער אָנטועכץ. נאָר אַזוי ווי ווין איז ניט געשלאָפן, זיינען מיר אויך ניט געשלאָפן.

גאַנץ פרי איז דער מאַן געקומען אונז נעמען צו דער באַן. די שטאָט איז געווען ריין און לויטער אין פרימאָרגן און שטיל ווי אַ טויב. מיר

זעצן זיך אויף דער באַן און פֿאָרן קיין טריעסט. ביי יעדער סטאַנציע קומען קינדער מיט קריגלעך פֿריש וואַסער. זיי שרייען: פֿרישעס וואַסער!... פֿרישעס וואַסער!... די טעג זיינען הייסע אויגוסט־טעג. מיר פֿאָרן אַריין אין דעם טייל איטאַליע, וואָס איז נאָך ביי עסטרייך. דאָס פֿאָלק רעדט איטאַליעניש און די פֿאַרוואַלטער, קאָנדוקטאָרן, פּאָליציי רעדן דייטש.

מיר קומען אָן אין טריעסט. ווידער קאַרטלעך אין אונזערע היטלען. דאָ איז שוין פֿאַראַן אַ היבשע צאָל מענטשן מיט אַזוינע קאַרטלעך. אַ פּאָר מענער נעמען אונז איבער און מען פֿירט אונז אַוועק אין אַ גרויסער קאָנטאָר. דאָ ווערן מיר אַלע פֿאַרשריבן און יעדער איינער באַקומט פּאַפּירן. מ׳פֿרעגט ביי מיר אויס צו וועמען איך פֿאָר קיין אַמעריקע און וואָס פֿאַר אַן אַרבעט איך קאָן. פֿון די פֿענצטער האָט מען געזען וואַסער. איך האָב אַרויסגעקוקט און זיך דערשראָקן פֿאַר דער וואַסערדיקער ווייטקייט. דאָס איז געווען, אַפּנים, דער ים... עס האָט געשמעקט מיט געזאַלצנקייט. זעג־שיפֿלעך האָבן זיך געוויגט און אָט איז אונזער שיף "פּאַנאָניאַ". אַ לאַנגע, שוואַרצע, מיט אַ ווייסן הויכן קוימען און אַרומגעפֿאַרבט מיט רויטע פּאַסן.

איך האָב געמיינט, אַז מען וועט אונז באַלד אַרויפֿלאָזן אויף דער שיף. אָבער איך האָב געמאַכט אַ טעות. מען האָט אונז גענומען אויסגרופּירן און מען האָט אונז אַוועקגעפֿירט אין אַ האָטעל.

פֿירט מען אונז איבער טריעסטער גאַסן. עס איז אַזוי הייס, אַז אַלץ ווערט אויף מיר צעווייקט פֿון שוויס. איך גיי אין אַ גרופּע פֿון פֿיר: איך, צוויי סלאָוואַקישע ברידער, און נאָך אַ יונגער בחור. איך ווייס נאָך ניט ווער דער דאָזיקער בחור איז, ביז איך דערהער אים זינגען אַ רוסיש ליד: „מאַרש וו׳פּעריאָד ראַבאָטשי נאַראָד"! איך העלף אים אונטער און מיר גיבן זיך די הענט: איזידאָר, זאָג איך; וואָלאָכאָנסקי, זאָגט ער.

— פֿון וואַנען? פֿרעגט ער.

— פֿון בעסאַראַביע. און פֿון וואַנען זייט איר?

— פֿון וויטעבסק — ענטפֿערט וואָלאָכאָנסקי.

מען פֿירט אונז אַריין אין טויער פֿון אַ גרויסער שטיינערנער וואַנט. אויפֿן טויער איז אָנגעשריבן „גאַטטאָ איזראַעליטאָ".

איך מיט וואָלאָכאָנסקין קוקן זיך איבער און שמייכלען טרויעריק.

פֿון יענער זייט טויער איז אַזאַ מין מאַרק. אויף אַ גרויסן פּלאַץ ליגן אויף דער ערד קופּקעס מיט אַלערליי סחורות ווי געוואַנט, זייף, גרינוואַרג, פּרוכטן און די „סוחרים" זיצן אויף דער ערד מיט די פֿיס הינטער זיך. עס הערט זיך אַ געשריי. אָבער מיר פֿאַרשטייען ניט, וואָס די סוחרים שרייען־אויס.

דער מאַן פֿירט אונז אַריין אין אַ זייער שמאָלער גאַס, אַזוי שמאָל, אַז ווען עס איז אונז אָנגעקומען אַנטקעגן אַן אייזל געשפּאַנט אין אַ וועגעלע, האָבן מיר געדאַרפֿט זיך באַהאַלטן אין אַ קאָרידאָר פֿון אַ שטוב, כּדי דאָס אייזעלע דורכצולאָזן. פֿון ביידע זייטן גאַס — הויכע, פֿאַרשוואַרצטע, קוי־טיקע שטיבער פֿון שטיין און ציגל. די פֿענצטער אין די שטיבער אָפֿענע און אָן שויבן. בשעת מיר זיינען געגאַנגען אין גאַס, האָבן פֿון די דאָזיקע שויבנלאָזע פֿענצטער אַרויסגעקוקט קינדער און פֿרויען און צו אונז עפּעס געשריען, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הויז מיט פֿיר שטיינערנע זיילן און דער מאַן, וואָס האָט אונז געפֿירט, האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן אַ דראָט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון דער זייט וואַנט וואָס ביי דער טיר. אויף אַלץ איז געלעגן זשאַווער, אַש פֿון דורות און קויט, קויט...

די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ מאַן מיט פֿאַרדרייטע שוואַרצע וואָנצעס און פֿאַרגאָסענע פֿעטע באַקן איז אַ שמייכלענדיקער אַרויסגעקומען אונז אַנטקעגן. באַלד זיינען מיר געגאַנגען מיט טרעפּ אַרויף אין דער פֿינצטער. מיר האָבן געמוזט טאַפּן די טרעפּ מיט אונזערע פֿיס. ביז מיר זיינען אַריין אין אַ פּלאַנטער פֿון אָפֿענע טירן און פֿענצטער, וואו שוויס און די דרויסנ־דיקע שטיקעניש האָבן זיך צעמישט מיטן ריח פֿון געבראָטן פֿלייש...

זיבעצנטער קאַפּיטל

די באַלעבאַטים פונעם האָטעל אין טריעסט זיינען געווען איטאַליענישע יידן. די באַלעבאַסטע, אַ פּעטע, צעוואַקסענע פרוי מיט אַ ברייט־קיילעכיק פּנים און מיט צווי רונדע, גרויסע אויגן אונטער זייער אַ קליינעם שטערן און מיט פּעך־שוואַרצע גלאַנצנדיקע פּעטע האָר, איז געשטאַנען ביי אַן אָפענעם אויוון און אויף אַ פלאַמענדיקן פייער געפּרעגלט פליש.

די קיך אַ גרויסע און מיט פאַרסאַזשעטע ווענט. אין דער מיט — אַ טיש מיט לאַנגע בענק. די אויבערדעק פון טיש — פאַרשמאַלצעוועט און אין דעם האָלץ אַרום די ברעגן פונעם טיש זיינען געווען סמנים, אַז מען האָט אויף אים געגעסן שוין אַ סך יאָרן: שניטן פון מעסער און רונדע אָפּדרוקן פון הייסע טעלער געקעכץ.

דער רויך פונעם פלאַמיקן פייער האָט זיך געהויבן אינדערהויך צו דער סטעליע און די באַלעבאַסטע האָט געשוויצט און זיך געווישט מיט אירע נאַקעטע הענט. זי האָט צו אונז אַ שמייכל געטאָן, ווען איר מאַן האָט אונז אַריינגעבראַכט אין אָט־דער קיך.

ער האָט אונז אָנגעוויזן אויפן טיש און מיר האָבן זיך געזעצט.

באַלד איז אויפן טיש שוין געשטאַנען אַ פלאַש רויטער וויין און ברויט. דער באַלעבאָס האָט געבראַכט אַ שיסל מיט אַזוינע גרינע לאַנגעכיקע פלוימען. איך האָב אַלנפאַלס געמיינט, אַז דאָס זיינען פלוימען, ווייל איך בין געווען געוואוינט ביי אונז אין בעסאַראַביע צו עסן אַזוינע פלוימען. איך האָב גענומען איינע און געטאָן דעם ערשטן ביס. און עס האָט איבער מיינע ליפּן גענומען זיך גיסן זיסער סאָק. איך האָב באַלד געפילט, אַז דאָס איז ניט קיין פלוימען.

— וואָס פאַר אַ פרוכט איז עס? — האָב איך געפרעגט מיין נייעם חבר וואָלאַכאַנסקי.

— עס מוז זיין פייגן — האָט ער געזאָגט נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן איינע פון אָט־די גרינע פרוכטן.

מיר האָבן אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן מאַלצייט פון געבראָטן פליש מיט מאַקאַראָנקעס, און איך מיט וואָלאַכאַנסקין זיינען אַרויס אָנקוקן איטאַליע. עס איז געווען זייער הייס, מיר זיינען שיעור ניט צעשמאָלצן געוואָרן. איך אין מיין טוזשורקע מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער און ער אויך אין זיין

מונדיר פֿון אַ פּאָליטעכניקום, אויך מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער. מיר מוזן אַראָפּנעמען די רעקלעך און מיר בלייבן אין אונזערע רוסישע העמד־לעך — איך אין אַ בלויען און ער אין אַ רויטן.

איצט קוקט מען אונז נאָך. די העמדלעך מיט די קוטאַסן ציִען אויף אונז די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די פֿאַרבייגייער.

מיר כאַפּן זיך אַריין אין אַ שענק טרינקען אַ גלאָז קאַלט ביר. דער שענק איז דאָ אַנדערש ווי אין צאַרן־רוסלאַנד. עס איז אַ קלייןביידל. ביי אַ טיש שטייט אַ מיידל און פֿאַרקויפֿט ביר. דאָס מיידל רעדט דייטש. און זי דערקענט, אַז מיר זיינען אויסלענדער. זי איז זייער צוגעלאָזן צו אונז און שמייכלט מיט צוויי חן־גריבלעך אין אירע פּוכקע באַקן. מיר טרינקען אויס צו איינציקע גלעזער שוימיקן ביר. עס דערפֿרישט אונז און מיר רעדן זיך צונויף מיט דעם מיידל און זי זאָגט אונז, אַז אויב מיר ווילן עפּעס זען זאָלן מיר נעמען דעם טראַמוואַי אַט־דאָ און פֿאָרן ביז וואַנען ער גייט. און פֿון דאָרטן זאָלן מיר גיין מיטן וועג ביז מיר וועלן אָנקומען צו אַ הויכן באַרג און דאָרט אויפֿן באַרג איז אַ וואונדערלעך אָרט, וואָס עס הייסט אַבאַציע...

— נאָר אַזוי ווי היינט איז שוין שפּעט, לאָזט בעסער די דאָזיקע רייזע אויף מאָרגן — זאָגט דאָס מיידל, מיט אַזוי פֿיל ערלעכקייט אין איר שטים, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אונזערס אַ שוועסטער.

מיר האָבן איר באַדאַנקט און זי שיעור ניט אויפֿגעגעסן מיט אונזערע בליקן. מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס און עס איז אונז ווידער געוואָרן היים. זיינען מיר ווידער צוריקגעגאַנגען אין יענעם שענקעלע און ווידער זיך באַגריסט מיט דעם זיסן מיידל און זיך געהייסן געבן נאָך אַמאָל ביר... נאָר דאָס מיידל האָט אונז ניט דערקאָנט, אָדער זיך געמאַכט, ווי זי דער־קאָנט אונז ניט, יעדעס מאָל ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין שענקל, און אַריינגעקומען זיינען מיר אַהין יענעם נאָכמיטאָג עטלעכע מאָל.

הכלל מיר האָבן זיך גענוג אָנגעטרונקען מיט ביר און געפֿילט זיך אַביסעלע שיכּורלעך. מיר זיינען אַהיימגעקומען אין אונזער האָטעל אין דער „געטאָ איזראַעליטאַ". דער באַלעבאָס האָט אונז אַריינגעפֿירט אין אונזער שלאָף־צימער. דאָרטן זיינען געשטאַנען פֿיר בעטן, און די צוויי טשעכאָ־סלאָוואַקן זיינען געזעסן אויף זייערע צוויי בעטלעך. די בעטלעך זיינען געשטאַנען לאַנגאויס פֿונעם צימער. די ווענט פֿאַררויכערטע, קוי־טיקע; דאָס איינציקע פֿענצטער, אַ לאַנגעכיקער, אויסגעשניטענער קאַסטן אין אַ וואַנט אַן שויבן. אַ ליכט האָט געברענט צוגעשמאָלצן צו אַ בענקל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז תּשעה־באָב אויפֿדערנאַכט. מיר איז ניט גוט געווען אויפֿן האַרצן פֿונעם ביר, וואָס איך האָב זיך אָנגעטרונקען.

און איך האָב געזען טרויעריקע שאָטנס אויף די ווענט. עס איז מיר אָבער באַלד ווידער געוואָרן פרייליך, ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלעקל. דאָס האָט מען גערופן צו גיין עסן וועטשערע. ווען מיר זיינען אַריין אין דער גרויסער קיך, איז שוין דער טיש געווען באַזעצט מיט נאָך עמיגראַנטן. דאָ איז געווען דער קאָמעניצער יונגערמאַן און דאָס כאַטינער מיידל און נאָך אַנדערע.

ווידער פייגן און ווין און פליש און דער באַלעבאָס קאָן ניט קיין יידיש, נאָר איין וואָרט: „איזראַאיליט...״

אָבער נאָך פרייליכער איז ערשט געוואָרן, ווען מען האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך געלייגט אין די בעטן... אָבער וואָס הייסט פרייליך!... מיר האָבן אַזש אַראָפּגעטאָנצט און אָנגעצונדן דאָס ליכט און צו אונזער גרויסער פרייד... דערזען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט באַדעקט מיט מחנות לעבעדיקער סחורה... דאָס אַזוי אויך קויטיקע בעטגעוואַנט איז געווען באַדעקט מיט די מיאוסע ברואימלעך...

מיר האָבן קוים דערלעבט דעם מאָרגן, און מיר זיינען אַוועק צוריק אין קאָנטאָר פון דער שיף־קאָמפּאַניע און געמאַכט אַ גוואַלד. האָט מען אונז גלייך געמוזט אַרויפנעמען אויף אונזער נייער שיף. מען האָט אונז אַראָפּגעפירט מיט אַ סך טרעפּ אין דער טיפעניש און דאָרטן זיינען געווען אייזערנע בעטלעך איינס איבערן אַנדערן. איך מיט וואָלאָכאָנסקין האָבן זיך אויסגעקליבן צוויי בעטלעך לעבן אַ פּאָרט־פענצטער, אַזאַ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע לבנה ווען מען האָט עס געעפנט און אַרויסגעקוקט אויפן ים. מיר האָבן באַלד אויפן אָרט אויסגערעכנט, אַז ביינאַכט וועלן מיר קאָנען ליגן אויף די בעטלעך און קוקן אויפן ים דורך אָט־דעם רונדן פענצטערל, און חוץ דעם וועט אונז זיין קיל פון דער ים־לופט...

מיר האָבן געמיינט, אַז אונזער שיף „פּאַנאָניאַ״ וועט מסתם באַלד זיך לאָזן אין ווייטן ים. אָבער מיר האָבן געהאַט אַ טעות. די שיף איז געשטאַנען גאַנצע צוויי וואָכן אין טריעסטער האַפן. און אמת, מען האָט אונז געגעבן גוט עסן און אויך ווין צום טרינקען, און מיר זיינען אַפילו זיך צוזאַמענגעקומען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געגעסן אַלע אינאיינעם ביי איין טיש.

ביי אונזער טיש האָבן מיר געהאַט שוין צוויי מיידלעך. איינע איז געווען פריילין שוואַרץ פון כאַטין און די צווייטע איז געווען פאַניע פון דער ליטע. אָט די ליטוויטשקע איז גאָר געווען אַ שיינהייט און אַ שטאָלצע. אויב זי האָט מיט אימיצן אויסגערעדט אַ וואָרט איז דאָס געווען אַ גרויסע זכיה. זי האָט געהאַט שוואַרצע געקרויזטע האָר, און אירע צוויי אויגן האָבן געברענט מיט יוגנט און שטאָלץ. זי איז געווען זייער דין און מיט אַ געטאָקטן קערפּער.

פֿאַרקערט, די פֿריילין שוואַרץ איז ניט געווען קיין שיינע, און אַזוי ווי מיר זיינען געווען אַ חשבון פֿון אַ זיבן־אַכט מאַנספֿאַרשוינען, זיינען מיר אַלע שיעור נישט געשטאָרבן נאָענט צו ווערן מיט דער ליטוויטשקע פֿאַניע. אָבער זי האָט זיך אויסגעקליבן נאָר איינעם אַ ביטשאַנער בחור, וואָס האָט אויך געהאַט אַ קוטשעראַווע קאָפּ האָר און האָט אויסגעזען ווי אַ נאַרישע שאָף... אָט מיט דעם בחור האָט פֿאַניע שפּאַצירט אויפֿן דעק פֿון שיף יעדן אָוונט.

די שיף האָט נאָך די צוויי וואָכן מיט מזל זיך געדרירט. מיר האָבן געמיינט, אַז זי פֿאָרט שוין גלייך קיין אַמעריקע. אָבער זי איז אויפֿן צווייטן טאָג אָנגעקומען קיין פּיאומע און זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט ביים ברעג. די מאַטראָסן האָבן אונז פֿאַרטרויט, אַז די שיף וועט דאָ ווידער שטיין אַ פּאָר וואָכן.

פֿון דער שיף האָבן מיר געזען די שטאָט פּיאומע אַזוי ווי אַ האַלבער קרייז און אַזוי ווי די שטאָט וואָלט אַרויפֿגעקראָכן פֿונעם ים העט אַרויף אַ באַרג.

דאָ אין פּיאומע האָט מען אונז שוין דערלויבט אַראָפּצוגיין אין שטאָט אַריין. איך מיט מיין חבר וואָלאָכאָנסקי האָבן אין פּיאומע יעדע נאַכט געהערט איטאַליענישע אָפּערע און ביי טאָג פֿלעגן מיר זיך באָדן אין אַדריאַטישן און אָפּט אויך אַריינגיין אין אַ קאַפֿע. מיר זיינעןביידע געוואָרן אָפּגעברענט פֿון דער זון און זיך געקויפֿט צוויי שטרויענע קאַפּעליושן מיט גרויסע דענעקעס און שיינע צוויי שטעקעלעך און מיר האָבן ביידע אויסגעליידיקט אונזערע קעשענעס, אַזוי, אַז ווען די שיף איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק האָבן מיר ניט געהאַט קיין איין גראָשן צו ווייזן די באַאַמטע אין קעסטל־גאַרדן. נאָר מיין פֿריינט וואָלאָכאָנסקין איז מען גלייך געקומען אַראָפּנעמען אָבער מיין טעלעגראַמע איז ניט אָנגעקומען אין צייט. האָב איך געמוזט נעכטיקן אין עליס־איילאַנד. פֿאַרנאַכט האָט מען מיך געפֿירט אין עס־צימער עסן. איך קום אַריין און טרעף דאָרטן די ליטוויטשקע פֿאַניע ביים טיש.

— אייך האָט מען אויך ניט אַראָפּגענומען? — פֿרעג איך.

— ניין... — ענטפֿערט זי מיט איין וואָרט.

— מיך אויך ניט...

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט צווישן זיך. נאָכן עסן האָט מען מיך באַלד אָוועקגעפֿירט צווישן די מענער, אָבער שלאָפֿן איז געווען אוממעגלעך. עס האָט זיך געפֿילט דער שאַרפֿער ריח פֿון קאַרבאָליק און די מאַטראַצן זיינען געווען פֿול מיט כל־ערליי קריכנדיקע ברואים.

פערטער טייל

גרינע יאָרן

ערשטער קאַפּיטל

עס איז געווען יום־כּפּור, 1904, גאַנץ פֿרי. איך האָב שוין געהאַט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרייהייט אין עליס איילאַנד. מען האָט מיך, מיט נאָך אימיגראַנטן, אויפֿגעוועקט ווען עס איז נאָך געווען אין דרויסן טונקל בלוי. מען האָט אונז געציילט ווי מען ציילט שאָף און גע־טריבן מיט טרעפּ אַן אַ שיעור ערגעץ אַרויף אויף אַ דאַך. דאָ האָט מען אונז געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט און אַרונטערגיין אונטער אַ שפּריצבאָד.

עס איז געווען מיין ערשטע שפּריצבאָד אין מיין לעבן. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב ניט אַזוי געהאַלטן פֿון איר. אין דרויסן איז געווען קיל און דער פֿרימאָרגן האָט זיך שוין דורכגעבראָכן אויפֿן אַמעריקאַנער הימל דורך צעריסענע וואָלקנס. עס האָט געבלאָזן אַ ווינט, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. איז מיר אָט די באָד ניט געווען אַזוי צום האַרצן. ווען איך וואָלט געווען געהאַט מיין אייגענעם אויסוואַל, וואָלט איך זיך ניט געבאָדן אין אַזעלכע באַדינגונגען. איך האָב זיך געפֿילט ווי אַ שאָף צווישן אַנדערע שאָף, און אַז מען האָט אונז געטריבן, איז דאָך ניט געווען קיין אַנדערע ברירה...

וואָלט כאָטש געווען אַן אַנשטענדיקער האַנטוך זיך אָפּצואווישן... איך האָב זיך געמוזט אין איילעניש אָנטאָן אַזוי נאַסערהייט. דאַן האָט מען אונז ווידער געציילט און געטריבן אַראָפּ מיט די טרעפּ און אונז אַריינגעטריבן אין אַ באַראַק מיט טישן און בענק.

דאָ האָט מען מיר געגעבן אַן אַפּעלסין און ברויט מיט קאַווע. אַפּעלסי־נען האָב איך פֿיינט געהאַט, האָב איך דעם אַפּעלסין געלאָזט ליגן. דאָס ברויט איז געווען לעפּקע און די קאַווע ביטער ווי גאַל.

אָבער אין דער מיטן האָט מען אויסגערופֿן מיין נאָמען. איך האָב זיך דערפֿרייט און בין אַרויס פֿון אונטערן טיש און מען האָט מיך געפֿירט אין אַ צימער, וואו איך האָב פֿון ווייטנס דערזען מיין ברודער משה. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן צו אים און ער איז מיר אַנטקעגנגעלאָפֿן און מיר זיינען אַרויפֿגעפֿאַלן איינער אויף דעם אַנדערן און זיך געקושט.

דערנאָך האָט מען ביי מיין ברודער משהן געפֿרעגט אַ פּאָר שאלות און מען האָט מיך איבערגעגעבן אין זיינע הענט. גייען מיר אַזויביידע. משה טראָגט מיין שטרויען קוישעלע. ער איז שיין און הויך, אין אַ נייעם

געקעסטלטן גאַרניטור, ווייסן זשילעט און אין האַלבע געלע שיך און גרינע געקעסטלטע זאָקן, אַ הויכן, ווייסן קאָלנער מיט צווײ איינגעבויגענע שפּיצן, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט אַ פֿלאַמיקער בינדע מיט רויטע קווייטעלעך און מיטן שוואַרצן האַרטן קאַפּעליוש. זיין פּנים איז געווען אַזוי גלאַט און ווייס, ווי ער וואָלט זיך געפּודערט.

— איך האָב דערהאַלטן דיין טעלעגראַמע שפּעט ביינאַכט... — פֿאַר־ענטפֿערט ער זיך — האָסטו דערפֿאַר געמוזט נעכטיקן אין עליס איילאַנד.

— מילא, פֿאַרפֿאַלן.

— וואָס־זשע מאַכסטו?

— אָט... — זאָג איך — און וואו איז מאָטיע? פֿאַרוואָס איז ער אויך ניט געקומען?

— מאָטיע איז נאָך אַ גרינער... — דערקלערט ער מיר.

— וואָס איז ער?! — האָב איך זיך דערשראָקן.

— אַ גרינער... נאָך ניט אויסגעגרינט... — דערקלערט מיר משה נאָכאַמאָל, און גיט מיר צו פֿאַרשטיין וואָס דאָס איז.

מיר זיינען דערווייל אַרויף אויף אַ שיפֿל און איך האָב זיך אוועקגע־זעצט ביי דעם אָפֿענעם פֿאַרענטש צום וואַסער. די כמאַרעס זיינען זיך ביס־לעכווייז צעגאַנגען און איך האָב דערזען אַנטקעגנאיבער אויפֿן ברעג אַ מאַ־סע מיט הויכע טורעמס און פֿענצטער. זיי האָבן מיר אויסגעזען ווי אָנגע־וואָרפֿענע אויף איין קופּע און זיי האָבן מיך געשראָקן.

— וואָס איז דאָרטן? — פֿרעג איך מיין ברודער.

— ניו־יאָרק — ענטפֿערט ער מיט אַ שמייכעלע. ער באַטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס. מיינע שמאָלע הויזן זיינען אויף דער רייזע גע־וואָרן נאָך שמאָלער און איינגעלאָפּענער, און מיינע שיך מיט די קנעפּע־לעך און שמאָלע שפּיצן זיינען געווען צעקנייטשט און אָפּגעריבן. מיין טו־זשורקע איז אויך געווען צעקנאָדערט און אומריין. און איבערהויפּט איז מיין שטרויענער קאַפּעליוש געווען זייער „חנעוודיק"... פֿון אים האָט מיין ברודער גאָר ניט אַראָפּגענומען קיין אויג...

דאָס שיפֿל איז געגאַנגען אין דעם מוטנעם וואַסער, ווי עס וואָלט גע־שניטן באַראַנדעס מיט דעם נאָז. איבערן טייך זיינען געפֿלויגן ווייסע מע־ווערס אַרום די שיפֿן און קליינע שיפֿלעך אין דער ברייט און דער לענג. עס האָט זיך געהערט אַלע מאָל אַ פֿייף פֿון אַ שיפֿל, אָדער אַ גראַבער, באַסאָווער ברום פֿון אַ גרעסערער שיף.

— וואָס טוט די מאַמע? — פֿרעגט מיך משה.

— זי איז געזונט.

— און די ברידערלעך?

— געזונט.

— אַט וועסטו באַלד זען אַמעריקע — גיט משה אַ זאָג און הויבט זיך אויף.

די שיף איז געבליבן שטיין און מיר זיינען אַראָפּ אויף דער אַמערי־קאַנער ערד. קיין צו גרויסע וואונדער זע איך דערווייל ניט. אַ ברייטע גאַס, זייער ניט קיין ריינע; וועגן מיט גרויסע פֿערד און אָנגעלאָדן מיט משא. די זון שטייט שוין איבער דער גאַס. זי איז אויך ניט קיין אַנדערע ווי אומעטום. נאָר באַלד דערזע איך דעם ערשטן וואונדער: מענטשן זעצן זיך אין מיטן גאַס און מען פּוצט זיי די שיך... באַלד דערזע איך אַ צווייטן וואונדער: אַן אָנטרייבער זיצט אויפֿן הויכן זיץ פֿון זיין וואָגן און לייענט אַ בלאַט... און באַלד דערזע איך אַ דריטן וואונדער: אַ טראַמוואַי, אין וועלכן עס זיינען איינגעשפּאַנט צוויי ווייסע פֿערד...

מיר גייען אַרויף אויף אַט דעם טראַמוואַי. מיר זעצן זיך אַנידער ניט וויט פֿונעם טרייבער. ער איז מיט אַ צעקנייטשן פּנים און אין אַ מאָדנעם קאַפּעליוש, וואָס פֿאַלט אַראָפּ ביי אים ביז צו די אויגן. ער האָט ניט קיין האָר אויפֿן קאָפּ און קיין וואָנצעס און זיין מויל איז אויך אָן איין צאָן. אָבער ער האַלט אַ ליולקע אין מויל און רעדט מיט מיין ברודער משהן און די ליולקע זיינע שאָקלט זיך ביי אים אין מויל.

איך פֿאַרשטיי ניט קיין איין וואָרט, כאָטש איך באַנעם, אַז זיי ריידן וועגן מיר. איז מיר עפּעס מאָדנע ניט אָנגענעם, וואָס זיי קאָנען די שפּראַך און איך ניט. פֿאַרשעם זיך אַפֿילו...

דער טראַמוואַי רירט זיך פֿון אָרט. באַלד באַווייזט זיך דער קאָנדוק־טאָר און שטרעקט די האַנט. מיין ברודער באַצאָלט אים און איך באַטראַכט דעם דאָזיקן פּאַרשוין. אַן אַלטיטשקער, מיט ווייסע האָר, פּונקט ווי ביי די צוויי ווייסע פֿערד, וואָס שלעפּן דעם טראַמוואַי, נאָר ביי אים איז אַן אויסער־געוויינלעך רויט פּנים און צוויי בלויע אויגן ווי ביי אַ טויב. ער שפּייט עפּעס מיט אַזאַ טונקל רויטן שפּייעכץ דורך אַן אָפֿן פֿענצטער פֿון טראַמ־וואַי און איך האָב אַלץ מורא, אַז ער וועט ניט טרעפֿן אין אָפֿענעם פֿענצ־טער...

די גאַסן, וואו מיר פֿאָרן דורך, זיינען רוישיק, און, כאָטש ניט קיין פֿרומער, קאָן איך ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס עס איז ניט צו דערקענען, אַז עס איז יום־כּיפּור.

— וואָרט — זאָגט מיין ברודער — מיר קומען באַלד אין יידישן געגנט...

דער טראַמוואַי איז אָנגעקומען אין דילענסי סטריט. און איך האָב באַלד דערקאַנט, אַז עס איז יום־כּיפּור, אָבער דערפֿאַר איז די דאָזיקע גאַס

געווען אין גאַנצן צעגראָבן אין טיפֿע קאַנאַוועס. מיין ברודער האָט מיר דערציילט, אַז מען בויט דאָ אין דער גאַס אַ גרויסע בריק און אַן אונטערערדישע באַן.

די אָפּגעריסנקייט פֿון דער גאַס און די חורבות פֿון די אַנגעוואָרפֿענע און אַראָפּגעוואָרפֿענע הייזער האָבן מיך אַזוי מצער געווען, אַז איך האָב גאָר ניט געהערט מיין ברודערס ווערטער וועגן אַן אונטערערדישער באַן.

אויפֿן ראָג פֿון דילענסי און עסעקס זיינען מיר אַראָפּ פֿון דעם טראַם. דאָ איז באַלד געווען נומער 118 דילענסי סטריט, וואו מיין זיידע האָט געוואוינט. מיין ברודער האָט מיר געהייסן, אַז איך זאָל אַליין אויפֿזוכן דעם נומער פֿון הויז, און איך האָב עס געטאָן. קיין גרויסער פּאַלאַץ איז עס ניט געווען. אַ שמאָלע טיר אַריינגעקוועטשט צווישן קראָמען. אַ שמאָלער, פֿינצטערער קאָרידאָר, וואו עס האָט געשמעקט מיט אַזאַ ביטערלעך־זיסלעכן ריח פֿון גאַז, אַז מען האָט געקאָנט דערפֿון חלשן; הילצערנע, קרעכצנדיקע טרעפּ, שמאָל און פֿינצטער, אַז מען איז ניט געווען זיכער, וואו מען שטעלט אַ פֿוס.

מיין ברודער גייט פֿאָראויס און איך נאָך אים, ביז מיר קומען אַרויף העט אויבן. דאָ זאָגט ער צו מיר, אַז ער וויל זיי אָפּנאַרן. ער וועט אַריינגיין פֿריער און מיך לאָזן אין קאָרידאָר. שפּיל האָב איך אַלע מאָל ליב געהאָט, בלייב איך אין קאָרידאָר און משה גייט אַריין.

— וואו איז דער גרינער? — הער איך עטלעכע קולות מיטאַמאָל.

— מען וויל אים ניט אַראָפּלאָזן! — זאָגט משה.

— אָ, דאָס קאָן ניט זיין!

מיין ברודער מאַטיע עפֿנט די טיר און דערזעט מיך. מיט אַן אויסגעשריי גיט ער זיך אַ וואָרף אַרויף אויף מיר. אינעווייניק אין שטוב ווערט פֿריילעך, און ווען מאַטיע פֿירט מיך אַריין, געפֿין איך דאָרט דעם פֿעטער עקיבא און נאָך עטלעכע יונגעלייט. דער זיידע מיט דער באָבע זיינען געווען אין שול ביים דאַווענען.

מען שלעפּט פֿון מיר אַראָפּ די טוזשורקע און איך בלייב אין מיין בלויער רובאַשקע. איך וואַש זיך אַביסל אַרום. משה גיט מיר אַ האַנטוך מיט אַ שטיקל זייף און פֿירט מיך אַרויס אין קאָרידאָר. דאָרטן איז געווען אין דער וואַנט אַ קראַן מיט אַן אייזערנעם שיסל. ער דרייט פֿון מיינעטוועגן אויף דעם קראַן און עס גיסט זיך קאַלט וואַסער. איך וואַש זיך גוט אַרום. טירן עפֿענען זיך... מען באַטראַכט מיך... דאָס געפֿעלט מיר ניט.

איך קום אַריין און זעץ זיך ביים טיש, צווישן צוויי פֿענצטער, פֿון וואַנען איך זע די צעוואָרפֿענע און צעגראָבענע גאַס. עס ליגן בערג מיט גע־

לער ערד. עס איז זייער אַ הייסער טאָג און ביים אַנבליק פֿון טרוקענער ערד ווערט מיר אַזש דאָס גאַנצע לייב שווער און שטויביק.

דאָ אין צימער זע איך אַ בעט מיט קישן כּמעט ביז צו דער סטעליע. די סטעליע איז נידעריק און ווי פֿאַרשוויצט. אין דער מיט פֿון דער סטעליע הענגט אַ הענגלייכטער מיט צוויי דינע רערן. אַנטקעגן בעט שטייט אַן אייזערנער אויוון. די ווענט זיינען גרין און בלישטשען, ווי זיי וואָלטן געשוויצט. איבערן אויוון איז דאָ אַ געזימס. אויף אים שטייט אַ היימיש שטייסל פֿון מעש, עטלעכע מעשענע לייכטערלעך און אַן אַלט שפּיגעלע. די בענקלעך זיינען אַלטע און צעפֿאָרענע — אַ סימן, אַז דאָ וואוינט ניט קיין גרויסער גביר...

איך זיץ און ענטפֿער אויף פֿראַגן, וואָס פֿאַלן אויף מיר פֿון אַלע זייטן. איך קאָן זיך אָבער ניט העלפֿן און טראַכט כּסדר מיט ווייטיק פֿון אָט דעם פּאַלאַץ אין וועלכן מיין זיידע וואוינט.

מיינע ברידער זיינעןביידע אויסגעפּוצט און אויך די איבעריקע יונגעלייט זיינען אָנגעטאָן זייער שיין. חוץ מיין פֿעטער עקיבא, אויף וועמען דער קבצן איז געלעגן... מיך האָט באַלד אַרומגענומען אַ טרויער. איך האָב אין דעם מאָמענט געוואָלט זיין צוריק אין דער היים...

דערווייל האָט מען אָבער געבראַכט קאַלט ביר און קישקעלעך מיט זעמעלעך. אַזוינע קישקעלעך האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געגעסן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אויף יידיש וואָלטן זיי געהייסן: הייסע הינטלעך...

האָב איך געלאַכט און ס'איז געוואָרן פֿריילעכער אויפֿן האַרצן.

צווייטער קאַפּיטל

אין אָוונט זיינען געקומען דער זיידע מאָניס און די באָבע, אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ זיידן טיכל אויפֿן קאָפּ, ווי אין אַ קליין שטעטל; איר פּנים געל ווי וואַקס, מיט בלויע אויגן און מיט קליינע קנייטשעלעך; הויך און שלאַנק, ווי אַ יונגע דאַמע, אירע הענט אַביסעלע צעקנייטשט און פֿאַר־האַרעוועט. דער זיידע מאָניס — נידעריק, אַביסעלע סטולעוואַטע, מיט אַ בייכעלע און אין אַ גאַרניטור ניט פֿון איין קאָליר. די הויזן פֿון איין סאָרט געוואַנט, מיט פּאַסיקלעך אַראָפּ, זייער ברייטע און מיט אויסגעריבענע קני, און דאָס רעקל שוין פֿון אַן אַנדער סאָרט געוואַנט, אַ טונקעלערער, אָבער אויך ברייט אויף אים. דער קאַפּעליוש — אַ האַרטער און אַביסעלע אַ גרויסלעכער פֿאַר זיין שיינעם יידישן קאָפּ, מיט די זילבערנע ווייסע האָר. איז דערפֿאַר דער קאַפּעליוש געלעגן אויף זיינע אויערן און זיי אַביסעלע איינגעפּלעטשט. עס האָבן ביי אים פֿון אונטערן קאַפּעליוש אַרויסגעשטעקט צוויי איינגעדרייטע פּאות, ווי צוויי זילבערנע קנעפּלעך, און זיין רויט פּנים איז געווען איינגעפּאַסט אין אַ ווייסער שיין־פֿאַרקעמטער באָרד, וואָס איז געווען צעטיילט אין צוויי עקן.

איך האָב זיך מיט דער באָבען און זיידן געקושט און געהאַלזט. דער זיידע האָט אויסגעטאָן זיין האַרטן קאַפּעליוש און אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע און געמאַכט הבדלה. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען זיין רעקל און איז געבליבן זיצן אין אַ העמד מיט ראָזעווע פּאַסיקלעך. די באָבע האָט נאָר אָנגעטאָן אַ פֿאַרטוך און זיך גענומען פּאָרען ביים אויוון. מיין ברודער משה האָט אָנגעצונדן די גאַז און אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק און עס האָט באַלד גענומען שמעקן געקאָכטע קרויט — דאָס טראַדיציאָנעלע געקעכץ ביי יידן יום־כיפּור נאָכן פֿאַסטן.

אָט דער דאָזיקער קרויט־ריח האָט מיך דערמאָנט אין דער היים. און אַז איך האָב באַטראַכט מיין זיידן און די באָבע, ווי אַזוי זיי זעען אויס, האָט מיך ווידער געטאָן אַ ציִ צוריק אַהיים...

נאָך הבדלה האָט דער זיידע מאָניס מיך גענומען אויספֿרעגן, וואָס די טאַטע־מאַמע מאַכן און דורך וועלכן וועג איך בין געקומען און ווי לאַנג עס האָט מיר גענומען די רייזע. אויף אַלעם האָט ער געשמאַטשקעט מיט די ליפּן, אויסדריקנדיק דערמיט, אַז איך האָב באַוויזן גרויסע וואונדער...

— נו, גענוג! — האָט די באָבע געזאָגט — האָסט דאָך היינט גע־פֿאַסט... מען וועט גיין עסן. און זי האָט פֿאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטוך און געזאָגט:

— טאָמער איז ביי מיר ניט אַזוי ריין, אייזיקל, ווי ביי דיין מאַמע, זאָלסטו וויסן זיין, אַז דאָ איז אַמעריטשקע... עס איז געווען אין איר שטים חוזק און אַביסל ביטערקייט.

— פֿאַרוואָס, באָבע? עס איז ביי איך זייער ריין... — האָב איך געוואָלט זאָגן, כּדי זי זאָל זיך פֿילן אַביסעלע גרינגער.

די באָבע האָט געשטעלט צום טיש טיפֿע טעלער מיט הייסן טונקל־ברוינעם קרויט. עס האָט געשמעקט זייער גוט און געקיצלט דעם גומען, הויפּטזעכלעך מיין גומען, ווייל איך האָב שוין אַ חשבון פֿון אַ פּאָר חדשים ניט געגעסן קיין היימיש געקעכץ.

— מאַריץ — האָט דער זיידע געזאָגט — מען דאַרף צוליב דעם גרי־נעם אַרויפֿנעמען אַ „פּיינטעלע" ביר...

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיין ברודער משה הייסט שוין דאָ מאַריץ און אַז מיטן וואָרט „גרינעם" מיינט מען מיך. נאָר אַנשטאָט, אַז מאַריץ זאָל גיין, איז מאָטיע געגאַנגען נאָך ביר.

דערווייל האָבן זיך אויפֿן טיש באַוויזן אַזוינע ברוינע, לאַנגעכיקע אינזעקטן, וואָס האָבן מיר שטאַרק דערקוטשעט און נאָר געוואָלט אַרויפֿ־קריכן אויף מיין ברויט ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיי געטריבן פֿון מיר. דער זיידע האָט באַמערקט ווי איך קעמף מיט זיי, האָט ער גע־זאָגט:

— דו ווייסט וואָס פֿאַר אַ חיה דאָס איז?

— כ'ווייס ניט...

— דאָס איז אַן אַמעריקאַנער קאַקורעטש...

— אַזוי?!

— יעס, אַ קאַקורעטש... זיי זיינען דאָ פֿאַראַן אין אַלע הייזער, וואו עס וואוינען מענטשן... צי זיי זיינען געזונט פֿאַרן מענטשן... קאָן איך דיר ניט גאַראַנטירן...

— שווייג, מאָניס! — האָט די באָבע אַנגעשריגן גוטמוטיק — האָסט שוין ניט וועגן וואָס צו שמועסן נאָר וועגן קאַקורעטשעס!...

מיין ברודער מאַריץ האָט געשמייכלט. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס איך קריג די ערשטע לעקציע אין זאָאָלאָגיע. און סיי־ווי איז מאָטיע באַלד אָנגעקומען מיטן פֿולן קעסעלע און מיר האָבןביים פֿלייש עסן פֿאַרטרונקען מיט שוימיקן ביר.

נאָכן עסן האָט די באָבע געזאָגט, אַז מען זאָל גיין מיט מיר און מיר קויפֿן אַמעריקאַנער קליידער.

— כ׳קאָן אויף אים ניט קוקן... — האָט זי געלאָכט מיט אַ קווי־טשענדיקן קול.

מאַריץ מיט מאַטיען זיינען מיט מיר אַראָפּ אין גאַס און מיך געפֿירט אין דער מיט צווישן זיך געאָרעמט.

מיר זיינען אַריין אין אַ קעלער מיט טרעפּ אַראָפּ. דאָ איז געווען אַ קראָם פֿון מענערשע קליידער. אַ ייד מיט פֿליכעוואַטן קאָפּ און מיט אַ גראָבן ציגאַר אין זיין מויל, האָט מיר באַלד אָנגעמאָסטן אַ רעקל. עס איז געווען אַביסל גרויסלעך אויף מיר. אָבער מיינע ברידער האָבן געזאָגט, אַז עס ליגט אויף מיר גוט. דאָס זעלבע איז געווען מיט די הויזן. איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזן מיינע היימישע קליידער און זיך געפֿילט ווי אַ פֿאַר־לוירענער אין די אַמעריקאַנער בגדים. און דערנאָך האָבן די ברידער מיך געבראַכט אין אַ שוך־קראָם און מען האָט מיר אָנגעטאָן אמתע אַמעריקאַנער שיך מיט שנירלעך. דערנאָך האָט מען מיך גענומען אין אַ קראָם פֿון קאַפּעליושן און געקויפֿט מיר אַ האַרטן קאַפּעליוש, וואָס האָט געדריקט מיין קאָפּ ווי מיט אַ שווערן האַק־מעסער.

— העמדער וועסטו טראָגן אונזערע — האָט מאַריץ געזאָגט.

ווען מען האָט מיך געבראַכט צו פֿירן אַהיים, האָט די באָבע אַזש אַ פּליעסק געטאָן מיט אירע דאַרע הענט פֿון פֿרייד, ווען זי האָט מיך דערזען אין די אַמעריקאַנער קליידער.

וואָס איז שייך מיר, האָב איך גראָד זיך ניט געפֿרייט, נאָר זיך גע־פֿילט זייער געפּאַלן און פֿאַרלוירן אין די אַמעריקאַנער קליידער. ביי זיך אין די אויגן בין איך עפּעס געוואָרן אַ סך נידעריקער אין וואוקס, ווי איך בין געווען פֿריער.

די באָבע שבע האָט גענומען מיין קוישעלע און ווען זי האָט עס גע־עפֿנט, האָט זי גענומען מיינע זאַכן און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער אין גאַס אַריין.

— זאַקן גריבע!... — האָט זי געזאָגט בשעת זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר זאָקן, וואָס מיין מאַמע האָט אַליין אויסגעאַרבעט — דאָ טראָגט מען אַנדערע זאָקן...

און דאָס אייגענע האָט זי געטאָן מיט מיינע העמדער, קאָלנערס, נאָז־טיכלעך. אַז זי האָט אויסגעליידיקט דאָס רענצעלע האָט זי אין אים אַריינ־געשאָטן דאָס מיסט און עס אַרויסגעשטעלט פֿון יענער זייט טיר.

מיינע צוויי ברידער און דער זיידע מאַניס האָבן דערווייל מיך גע־פּרוּווט באַזאָרגן מיט אַ קאַריערע...

— וואָס וועסטו מאַכן פֿון אים? — האָט דער זיידע געפֿרעגט, און מאָריץ האָט געענטפֿערט: — דערווײַלע איז נאָך דאָ צייט.

— וועסט אים מאַכן פֿאַר אַן אָפּערייטער? — האָט דער זיידע גע־פֿרעגט.

— מיר וועלן זען...

— אייזיק וועט ניט קאָנען זיין קיין אָפּערייטער — רופֿט זיך אָן מאַטיע.

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס אַן אָפּערייטער איז. האָב איך געשוויגן.

— וואָסי, איר קאָנט זיין אָפּערייטאָרס, און ער ניט? — האָט דער זיידע געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז עס האָט מיר ווי געטאָן.

— ער איז אַן אַנדערער — האָט מאַטיע געזאָגט זיין מיינונג וועגן מיר.

— איך פּראָטעסטיר! האָב איך געזאָגט — כ׳בין פּונקט אַזאַ מענטש ווי איר אַלע...

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — טריאומפֿירט דער זיידע.

אָבער מאָריץ און מאַטיע האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן מיך ניט מאַכן פֿאַר אַן אָפּערייטער.

— איך וועל פֿאַר אים אויסזוכן אַ שיינע אַרבעט — האָט מאָריץ גע־זאָגט.

— און עפּעס אַ ריינע אַרבעט — האָט מאַטיע צוגעבאָמקעט.

דער זיידע האָט עס אָבער ניט געקאָנט פֿאַרליידן.

— וואָסי. אייער זיידן שטייט אָן צו אַרבעטן ביי העמדער? — האָט ער געפֿרעגט.

— איר זייט אַן אַרבעטער?! — האָב איך זיך געוואונדערט.

— וואָס דען בין איך, אַ רב?

— איר, אַן אַרבעטער?!

— איין קליינינקייט... דאָ איז ניטאָ קיין יחוס... גאָט זאָל מיר נאָר געבן כּוח צו אַרבעטן...

איך האָב געטאָן אַ קוק צו מיינע ברידער, כּדי צו זיין זיכער, אַז מען מאַכט ניט קיין חוזק פֿון מיר.

— וואָס איז אייער אַרבעט, זיידע? — האָב איך געפֿרעגט.

— איך פּאַקעווע העמדער... — האָט זיך צעגאָסן אַ שמייכעלע אי־בער זיינע רויטע באַקן — און איך שלעפּ אַרויס די פּאַסטריגעס... ווען דו ווייסט עס, קומסטו ניט קיין אַמעריקע, איאָ?

— זיידע, איך שעם זיך ניט מיט אייך דערפֿאַר וואָס איר זייט אַן אַר־בעטער... — האָב איך געזאָגט — פֿאַרקערט, איך באַוואונדער אייך... און איך בין שטאָלץ מיט אייך...

— אַ קלאַג צו קאַלאַמבוסן! — האָט דער זיידע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

די באָבע האָט דערווייל צעוואַשן דאָס געשיר און האָט זיך אַוועקגע־זעצט אין אַ זייט ביים אויוון. זי האָט אונטערגעשפּאַרט מיט איין האַנט איר מאָרדע און אויף איר געל, צעקנייטשט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס קאָמישעס...

מיין ברודער מאָריץ האָט זיך אויפֿגעהויבן און געזאָגט, אַז מיר גייען אַראָפּ שפּאַצירן.

— שוין? — האָט דער זיידע געזאָגט — טאָמער ווילעך אויסריידן אַ וואָרט, אַנטלויפֿט מען...

— זאָלן די קינדער גיין — בייזערט זיך די באָבע.

מיר זיינען אַראָפּ אין גאַס.

— ס'ט עסן אַן אייזקרים? — פֿרעגט מאָריץ.

— וואָס?

— אַ סאַכאַרנע מאָראָזשענע — דערקלערט מיר מאָטיע.

— גוט!

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו אַן אָפּענעם „סטענד" און מאָריץ האָט גע־קויפֿט דריי פּאָרציעס. זיי זיינען געווען פֿאַר מ'ר אַזוי ניי ווי אַמעריקע, ווייל איך האָב נאָך אַזאַ מאכל פֿריער ניט געזען. זיי האָבן מיך גיכער דערמאָנט אין פּורימדיקן פֿלאָדן איידער אין דעם רוסישן „סאַכאַרנע מאָ־ראָזשענע". מיר זיינען אַלע דריי געגאַנגען איבער דער גאַס און געגעסן. און ווען מיר האָבן באַגעגנט מיידלעך, האָבן מיינע ברידער זיי געוואָלט געבן צו פֿאַרזוכן פֿון זייער „מאָראָזשענע". די מיידלעך האָבן אָבער ניט גענומען. דערנאָך זיינען מיינע צוויי ברידער צוגעגאַנגען צו אַ ראָג פֿון אַ גאָס און זיך דאָרטן אַנידערגעשטעלט מיט נאָך יונגעלייט, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַגריסט: „האַלאָו!".

איך בין אויך געשטאַנען מיט זיי. אָבער ווי אויף קוילן, ווייל קיין אַנ־דער וואָרט איז ניט געווען פֿאַר מיר ווי נאָר דאָס וואָרט „גרינער". איך האָב סיי־ווי ניט שטאַרק ליב געהאַט אָט דאָס שטיין אין גאָס פֿון אַ גאַנ־צער טשאַטע בחורים מיט האַרטע קאַפּעליושלעך און איך האָב אויך ניט געקאָנט פֿאַרליידן זייער באַנעמען זיך מיט די דורכגייענדיקע מיידלעך...

דריטער קאַפּיטל

מיר איז באַלד דעם ערשטן אָוונט ניט געפֿעלן געוואָרן דאָס שטיין אויפֿן ראָג פֿון גאַס, כאָטש איך האָב זיך באַקאַנט מיטן יידישן לעבן, וואָס האָט געווירבלט פֿאַר מיינע אויגן. עס האָבן איבער דער צעגראָבענער ערד אויף דילענסי סטריט געשפּאַצירט די אַמעריקאַנער ניט־יידישע מיידלעך און בחורים. די מיידלעך, אין גרויסע היט מיט פֿעדערן און בלומען און מיט געפֿאַרבטע בעקעלעך, און זייערע האָר אָנגעשמירט מיט פֿעטס און מיט באַ־האַלטענע קובליקס אין שוואַרצע האָר־נעצן. עס האָט געגוג געשלאָגן חלשות פֿון זייערע געפֿאַרבטע בעקעלעך און די גלאַנציק־פֿעטע האָר — האָבן זיי נאָך דערצו געוויזן זייער אַ סך גאָלדענע ציינער אין זייערע מיי־לער, וואָס האָט זיי צוגעגעבן אַן אָפּגעבלאָקעוועטקייט און זיי האָבן אויס־געזען ווי מידע און פֿאַרוועלקטע. די בחורים, אַלע מיט האַרטע קאַפּע־ליושלעך, פֿון פֿאַרנט אויף זייערע שטערנס מיט צוגעפּרעסטע לאָקן, נאָס־פֿעטע לאָקן, וואָס האָבן זיי צוגעגעבן אַ שרייענדיקע, אַ וואולגאַרע וואויל־יונגערישקייט.

און ווער איז דאָ ניט געווען אין גאַס? עלטערע יידענעס און יידן, מיט פֿולע מיילער גאָלדענע ציין, אין פּאַרוקן און מיט גאָלדענע קייטן און זיי־גערס און מיט דימענטן אויף די פֿינגער. און יידן מיט שטופּ־וועגעלעך, באַלויכטענע מיט שטורקאַצן, האָבן געהאַט פֿון פֿויגל־מילך צו פֿאַרקויפֿן. און אָט די יידן האָבן אויסגעשריען מיט קולות זייער סחורה. איך האָב באַלד ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָ לעבן די יידן אַ גאַסן־לעבן. איך זאָל זאָגן, אַז עס איז מיר געפֿעלן — דאָס קאָן איך ניט איצט, ווען איך דער־מאָן זיך, ווי דערווידער עס איז מיר געווען צו קוקן אויפֿן בילד פֿון מענטשן, וואָס שטופּן זיך און זאַמלען זיך אַרום אַ שטופּ־וועגעלע אין אַ גרויסן ראַד, ניט הלילה, כדי וואָס פֿריער צו קאָנען כאַפּן די מציאות, וואָס דער ייד פֿאַרקויפֿט. נאָר גלאַט אַזוי, צו שטיין און קוקן...

סיי־ווי־סיי איז עס פֿאַר מיר געווען ניי און אויסטערליש. איך האָב געהערט אַ נייעם מין יידיש רעדן, וואָס איך האָב קוים געקאָנט פֿאַרשטיין. און ווען איך בין מיט מיינע צוויי ברידער געגאַנגען אַהיים שפּעט אין אָוונט, האָב איך זיי גלייך געזאָגט, אַז מיר געפֿעלט ניט אַמעריקע און אַז איך וועל מער מיט זיי ניט שטיין אויפֿן ראָג פֿון גאַס.

— איך האָב ליב צו שפּאַצירן...

— שור, עס איז גוט צו שפּאַצירן... — האָט מאַטיע געזאָגט מיט אָפּ־לאַכעריי אין זיין שטים — ווען מען טאַראַבאַרקעט אָפּ אַ גאַנצע וואָך מיט די פּיס אויף דער מאַשין...

— זאָג אים עפּעס... — האָט מאָריץ צוגעבאָמקעט.

— דו אַרבעטסט אויף אַ מאַשין? — האָב איך אים געפרעגט.

— נאָך ווי אַזוי! — ענטפערט מאַטיע.

— און דו, מאָריץ? — וויל איך וויסן וואָס מאַטיע טוט.

—יאָ, איך אויך... — שמייכלט מאָריץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין ברודער מאָריץ קאָן גאָר אַנדערש ניט, ווי נאָר שמייכלען.

מיר זיינען געקומען אַהיים און איך האָב ווידער דערפילט דעם געוויסן זיס־זויערן ריח אין קאָרידאָר און אויף די טרעפּ... דער דאָזיקער ריח האָט מיך זייער געשטיקט און איך האָב ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער איך האָב שוין מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם, כדי איך זאָל ניט האָבן דעם אָפּשניט וואָס איך האָב געהאַט מיטן גיין שפּאַצירן... אַז מיינע ברידער האָבן אויפגעשלאָסן די טיר, איז שוין ביים זיידן אין שטוב געווען פינצטער. פונעם האַלב־טונקעלן ליכט, וואָס איז געקומען פונעם קאָרידאָר, האָב איך געקאָנט זען, אַז דער זיידע מיט דער באָבען ליגן שוין אין בעט.

מיר זיינען אַריין אין אונזער שלאָף־צימער. דאָרטן זיינען געשטאַנען צוויי בעטן. קיין פענצטער איז דאָרטן ניט געווען. איין גאַז־רער פון דער וואַנט האָט טרויעריק און זויער באַלויכטן דאָס צימער מיט די גרין־געפאַרבטע ווענט. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום שלאָפן. איך האָב געדאַרפט טאָן מיינע מענטשלעכע באַדערפענישן... און ניט געוואוסט וואו צו גיין...

האָט מען מיך געפירט מיט טרעפּ ביז אַראָפּ, און מען האָט מיר געגעבן אַ ליכט אין האַנט אַריין.

העט אונטן איז מיין ברודער מאַטיע מיט מיר דורכגעגאַנגען קאַמערן און מיך געבראַכט צו אַן אָרט, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן נאָך פון דער וויטנס... דאָרטן זיינען געווען דריי טירלעך. און וועלכע טיר איך האָב געפּרוווט עפענען, איז שוין דאָרטן אימיצער געווען פון פריער...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אָפּשיילעכן איינדרוק, וואָס אָט דער ערשטער אַמעריקאַנער „טאַילעט" האָט אויף מיר געמאַכט. ווען איך וואָלט נאָר געווען האָבן אויף הוצאות, וואָלט איך צוליב דעם אַליין געווען צוריקגעפאָרן אַהיים... איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן קאָנען אַזוי לעבן... ווי אַזוי זיי ווערן ניט קראַנק פון אַזוינע אומסאַניטאַרע באַדינגונגען...

ווען איך בין אַרויפֿגעקומען צוריק, האָבן ערשט מײַנע ברידער מיר אײַנגעגעבן אַ דאָזע ביטער־זאַלץ, ווײַל די באָבע האָט פֿונעם בעט געשריען און זיי געוואָרנט, אַז מען זאָל מיר בלי שום תּירוץ אײַנגעבן ביטער־זאַלץ.. איך האָב זיך בײַ זיי געבעטן ווי מען בעט זיך בײַ גזלנים, אַז זיי זאָלן אויף מיר האָבן רחמנות און מיך צורו לאָזן... פֿאַר מײַנע אַלע חושים איז גע־שטאַנען דאָס בילד פֿונעם „טאָילעט"...

עס האָט מיר ניט געהאָלפֿן קיין שום זאַך — איך האָב אײַנגענומען אַ היפּשע דאָזע ביטער־זאַלץ אין אַן עס־לעפֿל, און מיר האָבן זיך בשלום אַרײַנגעלייגט אין די בעטן. און אַז מען האָט נאָר אויסגעלאָשן די גאַז, האָט זיך דאָס ביטער־זאַלץ צעאַרבעט און איך האָב געמוזט נעמען דאָס ליכט און ווידער מאַכן די נסיעה אַראָפּ מיט די טרעפּ...

דאָס בעט, אין וועלכן איך מיט מאָטיען זײַנען געלעגן, האָט געהאַט אַ טבע זיך אײַנצובויגן אינדערמיט ווי אַ מולטער און ווי מיר האָבן זיך ניט געמאַטערט צו האַלטן זיך בײַ די ברעגן פֿונם מאַטראַץ, האָבן מיר דאָך זיך אַלע מאָל געפֿונען אַראָפּגעקאַטשעט טיף אין דער „מולטער".

איך האָב שוין קוים מיט צרות דערלעבט דעם פֿרימאָרגן.

מאָריץ מיט מאָטיען האָבן זיך געאײַלט און זײַנען אַוועק צו דער אַרבעט. אויך דער זיידע מײַנער איז אַוועק און איך בין געבליבן מיט דער באָבען אין שטוב. זי האָט מיר געגעבן אַ גלאָז קאַווע און אַ בייגל און מיר דער־ציילט אין קורצן ווי אַזוי זיי האָבן זיך געמאַטערט דאָ אין אַמעריקע. (איצט, האָב איך געטראַכט, מאַטערט זי זיך ניט?...)

— ס'איז אַ לאַנד נאָר פֿאַר יונגעלײַט און מיידלעך... קומט אַהער אַן עלטערער מענטש, איז ער אַ פֿאַרלוירענער... — האָט די באָבע געזאָגט צווישן איין זופּ קאַווע און דעם אַנדערן — פֿאַר דיר איז אַמעריקע ווי אָנ־געמאָסטן... אָבער זאָל דײַן טאַטע קומען, וועט ער דאָ בידעווען...

— נאָך מײַן טאַטע פֿעלט דאָ!... — האָב איך געזאָגט מיט גרימצאָרן.

— גאָט זאָל אָפּהיטן!

— באָבע, איך וויל אַרויסגיין אַביסל אַ קוק טאָן.

— כ'האָב מורא זאָלסט נאָך ניט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

— האָט ניט מורא, באָבע, איך וועל ניט פֿאַרבלאָנדזשען.

— נו, גיי אַראָפּ, נאָר האָב אין זינען, אַז דו וואוינסט אין 118 דילענסי סטריט. און שטעל זיך ניט אָפּ רעדן מיט קיינעם ניט. לויף ווי אַלע לויפֿן...

— וואָס הייסט לויפֿן גאָר? איך וויל שפּאַצירן...

— כ'מיין, מאַך זיך ווי דו גייסט ערגעץ גיך און האָסט ניט קיין צײַט...

—כ'פֿאַרשטיי...

איך בין אַראָפּ אין גאַס. לייענען לאַטייניַשע בוכשטאַבן האָב איך געקאָנט, האָב איך באַלד געזען אויפֿן ראָג גאַס, אַז איך בין אויף עסעקס און דילענסי. בין איך אַוועק מיט עסעקס גאַס, צו מיין רעכטער האַנט און אָנגעקומען ביז ריווינגטאָן גאַס. אַז עס וואַוינען דאָ געדיכט אונזערע יידן, האָב איך געזען פֿון די יידישע אותיות אויף די פֿענצטער פֿון די קראָמען און פֿון דעם וואָס איך האָב געהערט שמועסן צווישן ווייבער.

איך האָב זייער גוט געדענקט, וואָס מיין באָבע האָט מיר פֿאַרזאָגט, אַז איך זאָל זיך מאַכן ווי איך גיי גיך. עס האָט זיך מיר אָבער געדאַכט, אַז מען קוקט מיר נאָך און מען היט מיך און מען דערקאָנט אין מיר, אַז איך בין אַ פֿרעמדער. בין איך צוריקגעגאַנגען און אַרויף אין שטוב.

דער טאָג איז געווען זייער אַ לאַנגער און איך האָב שוין אַרומגערעדט מיט דער באָבען פֿון קליין ביז גרויס. אַרום דריי אַזייגער האָב איך געקויפֿט צוויי יידישע צייטונגען. און איך האָב זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו זייער אויסזען. זיי זיינען געווען אַזוי אַנדערש פֿון די היימישע יידישע צייטונגען. און דער יידיש איז געווען אַזוי מאָדנע ניי, אַז איך האָב אים כּמעט ווי ניט פֿאַרשטאַנען. נאָר געזען האָב איך, אַז איין צייטונג „דאָס טאָגעבלאַט" איז אַ פֿרומע יידישע צייטונג, און די צווייטע צייטונג, דער „פֿאָרווערטס", איז פֿאַר די אַרבעטער. אין אַ קעסטעלע העט אויבנאָן איז געשטאַנען: „אַרבייטער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אייך"...

די באָבע האָט געלייענט „דאָס טאָגעבלאַט" און איך האָב געלייענט דעם „פֿאָרווערטס", כאָטש איך האָב דאָרטן ניט געפֿונען, ווי אין די היימישע צייטונגען, עפּעס אָן ערנסטן אַרטיקל אָדער אַ גוטע ליטעראַרישע זאַך. אַלץ איז געווען נאַריש, אידעניש, בולוואַרנע... אַרום נאָך זעקס אַזייגער האָט מיר די באָבע געהייסן אַראָפּקוקן פֿונם פֿענצטער. איך האָב געזען גרויסע מחנות מענטשן גיין פֿון ביידע זייטן.

— דאָס גייט מען פֿון דער אַרבעט — האָט זי מיר געזאָגט.

— אָ, ווי ריזיק! — האָב איך אויסגעשריען.

— נו, האָסטו דאָס געזען ביי אייך אין שטעטל? — האָט די באָבע ווי טריאומפֿירט.

דערנאָך זיינען געקומען מאַריץ מיט מאַטיען. אַביסל שפּעטער איז געקומען דער זיידע מיינער און מען האָט געגעסן „סאַפּער".

אַט אַזוי איז אַריבער אַ וואָך און איך האָב זיך געריסן עפּעס צו טאָן. מאַריץ האָט אַלץ געזאָגט, אַז עס איז נאָך דאָ צייט.

איך האָב דערווייל זיך גענומען צו דער פּען און אָנגעשריבן די ערשטע זאַך פֿונם אַמעריקאַנער לעבן. די באָבע האָט געהערט מיך לייענען און עס איז איר געפֿעלן געוואָרן.

אָבער ווען דער פֿעטער עקיבא איז געקומען און איך האָב אים געוויזן מיין דערציילונג, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך בין נאָך ניט לאַנג גענוג אין אַמעריקע כּדי צו קענען עס איבערגעבן אין אַ מעשׂה.

— נאָר סיי־ווי־סיי שרייבסטו אַ געזונטן יידיש און אויב דו ווילסט, וועלן מיר פּרובירן גיין זען אַ פּאָר רעדאַקטאָרן — האָט דער פֿעטער עקיבא געזאָגט — איך קען זיי אַלע, כאָטש קיין יידיש שרייב איך ניט.

די ערשטע דערציילונג, וואָס איך האָב אָנגעשריבן דאָ אין אַמעריקע, איז מיר אַליין אויך ניט געפֿעלן. איך האָב באַשריבן, ווי אַזוי אַ ייד אַ פֿאַר־וואַקסענער און אַן אָפּגעריסענער יאָגט זיך אַרום מיט אַ פּאַק צייטונגען אי־בער די ניו־יאָרקער גאַסן. דער טיפּ איז געווען אַן אויסטערלישער. עס איז אין דער דערציילונג ניט געווען קיין פֿאַבולע, ער האָט גאָרניט פּאַסירט. עס יאָגט זיך אַ ייד מיט אַ פּאַק צייטונגען און שרייט אויף זיינע העכסטע קולות.

ווי אַזוי איך האָב אין יענער צייט געקאָנט מאַכן פֿון אָט דעם קנאַפּן מאַטעריאַל אַ דערציילונג, איז פֿאַר מיר איצט אַ רעטעניש. און נאָך רע־כענענדיק זיך מיט מיינע זייער קליינע דערפֿאַרונגען אַלס שרייבער... איז טאַקע קיין וואונדער ניט, וואָס די דערציילונג איז מיר ניט געווען צום האַרצן, און זי איז מיין פֿעטער עקיבא פֿליישמאַן אויך ניט געפֿעלן.

מיין פֿעטער עקיבא איז שוין דעמאָלט געווען אַ דערפֿאַרענער זשור־נאַליסט: געדרוקט אין וואַרשעווער „הצפירה" און געהאַט אַ נאָמען ביי די העברייער. איך אַליין האָב פֿון מיין פֿעטערס שרייבן זייער געהאַלטן. איך האָב זיך געשעצט גליקלעך, וואָס איך האָב אַזאַ פֿעטער. איך האָב אויף אים געלייגט פֿיל האָפֿענונגען, אַז ער זאָל מיך פּראָטעזשירן. און אַז ער וועט מיט מיר גיין אין די רעדאַקציעס און מיך באַקאַנען מיט די רעדאַק־טאָרן, איז עס ביי מיר געווען אַ גרויסע פֿרייד.

פֿערטער קאַפּיטל

דעם ערשטן טאָג סוכּות איז מיין פֿעטער געווען פֿריי פֿון זיין אַרבעט אַלס לערער אין אַ תּלמוד־תּורה און איז געקומען צו אונז און צו דער באָבען, ביי וועמען ער איז געווען דער איינציקער זון. די באָבע האָט פֿאַר אים געמאַכט אַ גוטן יום־טובדיקן אָנבייסן. מאָריץ מיט מאָטיען האָבן גראָד געאַרבעט און ניט געהאַלטן פֿון סוכּות. דער זיידע מאָניס האָט גענומען אַ טאָפּ אין וועלכן די באָבע האָט אַריינגעלייגט זיין אָנבייסן און איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אויף אַ בלאָק די וויט כּדי ער זאָל קאָנען עסן אין אַ סוכּה. זיינער אַ שול־ייִד האָט אַליין געמאַכט אַ סוכּה אין דעם „יאַרד" און אַ סך ייִדן זיינען אַהין געגאַנגען עסן, פּונקט ווי דער זיידע מאָניס.

די באָבע האָט אונז ביידע, דאָס הייסט מיר מיטן פֿעטער עקיבאן, געגעבן עסן אין הויז. און מיר האָבן ביים עסן גערעדט וועגן ליטעראַטור און שרייבער.

— דעם אמת, וואָלט איך דיר גאָר ניט געראָטן צו ווערן אַ שרייבער — האָט דער פֿעטער עקיבא געזאָגט — וואָס האָט דען אַ ייִדישער שרייבער? אָט נעם מיך... ווען איך וואָלט ניט געוואָרן קיין לערער, וואָלט מיר אויסגעקומען אויסצוגיין פֿון הונגער. אויף נחום סאָקאָלאָווס האָנאָראַר קאָן מען קיין סך ניט בויען. אַז ער שיקט מיר שוין דאָרט אַ פּאָר רובל... וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָבן זיי, ווען איך בייט זיי אויס אויף דאָלאַרן? איז מיין ראָט, איייזיק, שלאָג דיר אַרויס פֿון קאָפּ צו ווערן אַ ייִדישער שרייבער... און דו וועסט זיך ניט דאַרפֿן פּלאָגן... ווער בעסער אַ קירזשנער... אַ שניידער...

איך האָב געהיט מיין פֿעטערס פּנים. עס איז געווען אַ ווייס אָפּגעגאָלט פּנים. ער איז געווען געראָטן אין מיין מאַמען, און בשעת ער האָט גערעדט, האָט זיך איבער זיין ווייסן פּנים אויסגעגאָסן אַזאַ מין שמייכעלע פֿון פֿאַרניכטונג. די אויגן האָט ער כּמעט ווי צוגעמאַכט, כּדי ער זאָל קאָנען אַריינקומען טיפֿער אין דעם ענין. ביי אים איז געווען אַ גרויסער ווייסער שטערן מיט אַ סך קנייטשן און זיינע האָר האָבן זיך טיף געווינקלט פֿון ביידע זייטן שלייפֿן...

ער וועט מיך ניט פֿאַרניכטן... — האָב איך געטראַכט. אויב איך וויל ווערן אַ שרייבער, וועט ער מיך ניט אָפּשרעקן מיט קיין שום זאַך.

אָבער איך וויל ניט ווערן קיין שרייבער, כּדי צו לעבן פֿון מיין פּען. איך ווייס נאָך איבערהויפּט ניט, צי איך וועל טאַקע ווערן אַ שרייבער. דערווייל וואָלט איך כאָטש געוואָלט אָפּדרוקן איין זאַך און זען מיין נאָמען געדרוקט... איז וואָס זשע רעדט ער מיט מיר וועגן האָנאָראַר און נאָך אַזעלכע זאַכן? ...

נאָכן עסן איז מיט מיר דער פּעטער עקיבא אַוועק אין די רעדאַקציעס אויף איסט בראָדוויי.

— מיר וועלן אָנהייבן מיטן „מאָרגען זשורנאַל" — האָט דער פּעטער געזאָגט — דער רעדאַקטאָר איז אַ ייד אַן עם־הארץ... אָבער ער האָט געלט און איז גראָד ניט קיין שלעכטער מענטש. וואָס ער האָט צו זאָגן זיינע שרייבער, זאָגט ער זיי אין די אויגן... קיין חניפֿות גייט ביי אים ניט. ער מעסט אַ שרייבערס טאַלאַנט מיט דעם ווערט פֿון דעם, וואָס זיין שרייבן ברענגט אַריין אין דער קאַסע. אָט, זעסט, דאָס איז העסטער פּאַרק... פֿרעגסט מסתּמא, וואו זיינען די בוימער? עס איז אַ סברא, אַז זיי זיינען דאָ קיינמאָל ניט געווען... אָבער אַן אַנדער סברא איז דאָ, אַז וואו אונזערע יידן זיינען דאָ, קאָנען קיין בוימער ניט וואַקסן...

מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ קליין פּאַרקל מיט פּאַרטריקנטע בוימלעך און מיט בענק. יידן זיינען געזעסן אויף די בענק און געקנאַקט ניסלעך... אַנטקעגן האָט זיך געצויגן אַ גאַס מיט צוויי־שטאָקיקע הייזער און מיט גרויסע פֿענצטער און אויף די פֿענצטער יידישע ווערטער. טייל פֿון די ווערטער האָבן פֿאַר מיר ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג, ווייל איך האָב זיי ניט פֿאַרשטאַנען.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הויז און אַראָפּ מיט טרעפּ אין אַ קעלער. דאָרטן זיינען געלעגן פּעק מיט צייטונגען און עס איז געשטאַנען אַ וואָג, אַ לאַנגער טיש, און פֿון יענער זייט טיש רייען מיט קעסטעלעך. אין די קעסטעלעך זיינען געלעגן צייטונגען. אויפֿן טיש איז געזעסן אַן עלטערער ייד מיט אַ שפּיציק גראָ בערדל און מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ, אַן אַ רעקל און מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל. ער האָט געשאָקלט מיט די פֿיס און געקוקט אין אַן אָפֿענער צייטונג.

עקיבא איז מיט מיר צוגעגאַנגען צו אָט דעם יידן און האָט געזאָגט:

— מיסטער סאַפּירשטיין, באַקאַנט זיך מיט מיינעם אַ „נעפֿיו", אַ יונגער שרייבער, נאָר וואָס פֿון רוסלאַנד.

— אָ, האַלאָו — האָט מיסטער סאַפּירשטיין ניט אַרויסגענומען זיינע אויגן פֿון דער צייטונג און אַפֿילו מיך ניט אָנגעקוקט — וואָס זאָגט איר?

— האָט ער איבערגעפֿרעגט, ווי ער וואָלט געווען אַ טויבער.

— איך וויל אייך באַקאַנען מיט מיינעם אַ פּלימעניק, אַן אָנפֿאַנגער, — האָט מיין פּעטער געזאָגט נאָכאַמאָל.

איך בין געשטאַנען און באַטראַכט די דאָזיקע רעדאַקציע און עס איז מיר עפּעס געווען מאָדנע. ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַ רעדאַקציע, האָבן געדאַרפט שטיין טישן און שרייבער וואָלטן געדאַרפט זיצן און שרייבן. און דאָ זיצט דער רעדאַקטאָר אויף אַ לאַנגן טיש און שאָקלט מיט די פיס און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל... נאָר אויב דאָס האָט מיך שאָקירט, איז מיר אָבער נאָך מער געפעלן דעם דאָזיקן מיסטער סאַפּירשטיינס זיך ניט אומקוקן אויף מיין פעטער עקיבא, און זיין ניט אויפמערקזאַמקייט צו מיר.

— וואָס זאָגט איר ! — האָט מיסטער סאַפּירשטיין נאָך אַמאָל גע־פרעגט מיין פעטער, ניט אַרויסנעמענדיק זיינע אויגן פון דער צייטונג.

מיין פעטער עקיבא האָט געטאָן אַ קוק צו מיר און געשאָקלט מיט זיין פאַרניכטנדיקן שמייכעלע.

— וואָס זאָגסטו, איזיק, צו אונזערע יידישע רעדאַקטוירים ?...

מיסטער סאַפּירשטיין האָט פּלוצים געטאָן אַ וואָרף די צייטונג צום דיל מיט כעס. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם טיש און געזאָגט :

— ווען איך האָב אים איצט דאָ, וואָלט איך אים דערוואָרגן... עט זיין ווינציקער מיט איין קאַליקע ביי יידן — עך הייס אים שרייבן וועגן יום־טוב סוכות ביי יידן, און ער שרייבט גאָר פּאָעזיע... אַזאַ קאַליקע !...

עס איז געווען אַ גליק וואָס עס איז אַריינגעקומען אַ ייד אַן איינגע־בויגענער, מיט אַ שטריקל אַרומגעבונדן אַרום זיינע לענדן. דער ייד האָט געזאָגט, אַז ער וויל צען „מאָרגן זשורנאַלן".

— און מערער ביסטו קראַנק צו פאַרקויפן ?! — לאָזט מיסטער סאַ־פּירשטיין צום יידן אויס זיין כעס — מע צעכאַפּט זיי ווי מצה־וואַסער און ער וויל נאָר צען !

דער ייד האָט גאָרנישט געענטפערט און געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געבעטן אַ נדבה ביי סאַפּירשטיינען און געוואָרט ביז זיין ווייך האַרץ וועט זיך עפענען. סאַפּירשטיין האָט פון אַ הויכן שטויס מיט צייטונגען אָפּגעציילט צען צייטונגען, זיי נאָך אַמאָל איבערגעציילט און דערלאַנגט דעם יידן. דער ייד האָט געזוכט אין דער קעשענע פון זיינע אָפּגע־טראָגענע הויזן און אַרויסגענומען אַביסל געלט און צוגעטראָגן די האַנט מיטן געלט נאָענט צו זיינע אויגן און געציילט, דערנאָך דער־לאַנגט סאַפּירשטיינען עטלעכע קופּערנע מטבעות. סאַפּירשטיין האָט דער־נאָך אויך געציילט און אַריינגעלייגט די מטבעות אין זיין קע־שענע.

— גיי, גיב זיי אַ צייטונג מיט אַזוינע פּעניס !... — האָט ער אָפּגע־זיפצט — איז וואָס זשע, יונגערמאַן — האָט ער זיך פּלוצים געווענדט צו

מיר — איר ווילט ווערן אַ שרייבער ביים יידישן פֿאָלק? מיין ראַט איז, אַז איר זאָלט אַנטלויפֿן פֿון דערפֿון ווי פֿון אַ פּעסט...

— איך ראַט אים אויך דאָס אייגענע — זאָגט מיין פֿעטער.

— זאָל ער נעמען איך פֿאַר אַ ביישפּיל...

— כ׳מיין אויך אַזוי... — זאָגט מיין פֿעטער און איך באַמערק, אַז אים שמעקט ניט דאָס וואָס סאָפּירשטיין רייצט זיך מיט אים.

פֿאַרבלייבן דאָרטן אין אָט דער רעדאַקציע איז געוואָרן איבעריק. איך פֿון מיין זייט האָב שוין דאָרט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. מיין פֿעטער האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן און מיר זיינען אַוועק און באַלד אַריינגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע פֿון „יידישן טאָגעבלאַט״. אייגנטלעך האָב איך שוין אַהין ניט געהאַט קיין חשק אַריינצוגיין. אָבער דער פֿעטער עקיבא האָט מיך ווי אַריינגעשלעפּט: „קום, עס איז טשיקאַווע...״

באַלד האָב איך טאַקע דערזען אַ ריכטיקע רעדאַקציע מיט אַ גרויסן טיש, מיט שרייבער אַרום אים. יעדער שרייבער איז געזעסן מיט אַ יאַר־מעלקעלע אויפֿן קאָפּ און מיט פּאַפּיר פֿאַר אים אויפֿן טיש.

דער רעדאַקטאָר איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש, אַ קליינטשינקער מיט אַ האָרב און מיט אַ קליין קעפּעלע און מיט גרויסע ברילן אויף זיין נאָז. דער פֿעטער האָט מיך צוגעפֿירט און פֿאָרגעשטעלט, און דער רעדאַקטאָר האָט מיר געגעבן די האַנט און געזאָגט:

— אַזוי, איר שרייבט?... שרייבט, שרייבט... ברענגט צו טראָגן, וועלן מיר אַ קוק טאָן...

ער האָט זיך באַלד ווידער גענומען צו זיין פּען און פּאַפּיר, און אַריינ־געדרוקט דאָס קליינע קעפּעלע נאָך טיפֿער אין האָרב אַריין. מיר זיינען ביי־דע אַרויסגעגאַנגען און מיין פֿעטער האָט מיך געפֿרעגט:

— נו, ווי געפֿעלט דיר?

— בע...

— זעסטאָך, זיי מאַכן צייטונגען און דער עולם־גולם לייענט.

— איך קאָן די אַמעריקאַנער צייטונגען ניט נעמען אין מויל אַריין.

— זיי זיינען פּוסטע... נעמסט אַן ענגליש בלאַט איז עס פֿול מיט נייעס, מיט אינפֿאָרמאַציע. די יידישע צייטונגען גייען דאַכט זיך אַרויס אין אַמעריקע, אָבער זיי שמעקן מיט שניפּישאָק...

— אַ שאָד...

— אַ פֿאַרברעכן! — שרייט אויס מיין פֿעטער און צעהיצט זיך — זיי נעמען דאָס פֿאָלק אויף זיכער און שטאָפּן אים אָן מיט שונד, מיט שמוץ. זיי מיינען, אַז דאָס יידישע פֿאָלק וויל ניט קיין בעסערס... דאָס יידישע פֿאָלק איז נעבעך אומשולדיק. וואָס קאָן דאָ אַ ייד טאָן, אַז ער קומט אין

אַ פֿרעמד לאַנד אַריין און פֿאַרשטייט ניט די לאַנדס־שפּראַך און ער קומט און מוז, נעבעך, לייענען אַ יידיש וואָרט? די יידישע שפּראַך, דאָס איז דאָך זיין בענקשאַפֿט נאָך דער אַלטער היים, זיין פֿריינט אין דער פֿרעמד, זיין לופֿט מיט וועלכער ער אָטעמט. איז וואָס זאָל אַ ייד טאָן? ניט קויפֿן קיין יידישע צייטונג? די זשוליקעס וויסן עס גאַנץ גוט, און זיי נוצן אויס אָט די סיטואַציע פֿאַר זייער אייגענער קעשענע... שונד קאָסט ביליקער ווי אמתע ליטעראַטור. שונד קאָן מען שעפּן מיט עמערס אין אַלע גאַסן און אַן עכט וואָרט וואַלגערט זיך ניט אין די גאַסן. אַן עכט וואָרט דאַרף מען אויסוואַרעמען, אויסטראָגן און אָפּהיטן... און דאָן איז דאָ נאָך אַן אַנדערע זאַך, וואָס די זשוליקעס וויסן: פֿון עכטער ליטעראַטור קאָנען נאָך די מאַסן ווערן קליגער... און דאָס ווילן זיי ניט... פֿאַר זיי איז בעסער, אַז די מאַסן זאָלן אויף שטענדיק פֿאַרבלייבן בלינד...

פינפטער קאַפּיטל

אין אַלע רעדאַקציעס בין איך געווען, נאָר אין דער רעדאַקציע פון „פאַרווערטס״ האָט מיין פעטער עקיבא מיט מיר ניט געוואָלט אַריינגיין.

— ימח שמם — האָט ער אויסגעשריגן און אויסגעשפיגן, ווי אַ פרומער ייד שפייט אויס בשעת ער גייט פאַרביי אַ קלויסטער. איך האָב נאָך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען מיין פעטערס האַנדלונג. אָבער ווען מיר זיינען שוין געווען ווייט אויפן וועג אַהיים, האָט מיין פעטער זיך דערמאָנט, אַז ער איז מיר שולדיק אַ דערקלערונג.

— פאַרשטייסט, יענע צוויי זיינען אַזוי שונדיסטיש, האָבן זיי כאָטש ניט קיין פרעטענזיעס. ער איז געקומען אויף דער יידישער גאַס, כדי צו ראַטעווען... און ער פאַרפאַסקודיעט און דערנידעריקט דאָס יידישע וואָרט... עס איז אַ זנות־בלאַט, ניט קיין „פאַרווערטס״...

מילא, מיין קאַריערע אַלס שרייבער אין אַ רעדאַקציע האָט זיך געענדיקט זייער טרויעריק. און אויפדערנאַכט, ווען מיינע צוויי ברידער, מאָריץ און מאָטיע (מעקס) זיינען געקומען פון דער אַרבעט און מען האָט שוין אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קאָנסיליום — וואָס צו טאָן מיט מיר.

— איך וויל עפּעס טאָן — האָב איך געפאָדערט — איך בין ניט געקומען קיין אַמעריקע זיך אַרומדרייען ליידיק.

— נעם אים אַריין אין דיין שאָפּ און לערן אים אויס דיין מלאכה — זאָגט דער פעטער עקיבא — ווי איך בין אַ ייד, אַז איך אַליין וואָלט זיך נאָך אויך געוואָלט אויסלערנען אַ מלאכה און ניט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט קאָמיטע־לייט און מיטן פרעזידענט פון דער תלמוד־תורה, מיטן גראָבן יונג...

— אָ, ניין, איך וועל ניט דערלאָזן, אַז אייזיק זאָל זיין אַן אָפּערייטאָר!

— רופט זיך אָן מעקס — אים באַדאַרף מען אויסלערנען עפּעס אַ טרייד, וואָס איז ריין און איידל... עפּעס אַזאַ טרייד, וואו ער זאָל קאָנען אַמאָל אַ טראַכט טאָן אויך... עס וועט זיין אַ גאָטס־פאַרברעכן אים אַוועקצוזעצן אין אַ שאָפּ ביי דער מאַשין און ער זאָל גאָר קיינמאָל ניט קאָנען זיך אַביסל פאַרטראַכטן...

— שיין וועט ער אויסקוקן אויב ער זאָל זיך פֿאַרטראַכטן ביי אונזערס אַ מאַשין... ער וועט ווערן מיט אַ פֿינגער ווינציקער... — זאָגט מאַריץ, — און מיין באָס דאָדאָ וועט מערער ניט דאַרפֿן, נאָר ער זאָל באַמערקן, אַז זיינער אַן אַפּערייטאָר האָט זיך פֿאַרטראַכט...

— איז וואָס זשע פֿאַר אַ מלאכה לערנט מען אים אויס? — פֿרעגט דער פֿעטער עקיבא און פֿאַררוקט זיין קאַפּעליוש אַריבער זיין גרויסן שטערן.

— איך האָב אַ פֿריינט, וואָס אַרבעט ביי אַ שיינעם טרייד — זאָגט מאַריץ — וועל איך מיט אים רעדן.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ טרייד? — פֿרעגט מעקס.

— לעידיס העטס.

— עס איז אַל רייט — מישט זיך אַריין די באָבע שבע — איך האָב געהערט, אַז ביי לעידיס העטס מאַכט מען שווערע פּעידעס... ווע סט מיר מאַכן אַ העט! — גיט זיך די באָבע שבע אַ ווענד צו מיר — עך בין געגאַן יום־טוב אין שול מיט אַ פֿאַטשיילע און מען האָט מיר נאָכגעקוקט ווי אַ משוגענע... עך וויל אַזוי האָבן אַ העט... יע, יע, לערנט אייזיקן אויס ביי לעידיס העטס...

איז אויב דער באָבע שבען איז עס אויך געפֿעלן, איז טאַקע מאַריץ אַוועק און גערעדט מיט זיין פֿריינט און יענער האָט אים געגעבן אַן אַדרעס פֿון אַ שאַפּ, און טאַקע באַלד אויפֿן צווייטן טאָג זיינען מיר אויפֿגעשטאַנען זייער פֿרי, ווייל מיין ברודער מאַריץ האָט מיך געוואָלט באַזאָרגן איידער ער האָט געדאַרפֿט גיין צו זיין אַרבעט.

אין דרויסן איז נאָך געווען בלוי. די לאַמטערנעס אויף די גאַסן האָבן נאָך געברענט. איבער די גאַסן האָט זיך דער הימל געליכטיקט. אויף די שטיינער פֿון ברוק איז געלעגן אַ פֿייכטקייט, ווי טוי. עס זיינען געגאַנגען מענטשן אַן אַ שיעור מיט פּעקלעך אונטער די אַרעמס. דער שלאָף איז נאָך געלעגן אויף זייערע אויגן. אַלע זיינען געגאַנגען ערגעץ אַהין אין איין ריכטונג. פֿיס האָבן געקלאַפּט אויפֿן שטיין.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז די אַלע וואָס גייען וואָלטן באַדאַרפֿט זיין גליקלעך, וואָס זיי גייען צו דער אַרבעט. אָבער איך האָב עס ניט געזען אין זייערע פּנימער. אַזוי פֿיל מידקייט און אַזוי פֿיל טרויער!

מיין ברודער מאַריץ איז געלאָפֿן און ווי געוואָלט איטלעכן אַריבעריאָגן, און איך האָב אים ניט געקענט נאָכיאָגן. עס האָט ביי מיר זיך אַזש פֿאַרהאַקט דער אָטעם. איך האָב אים געמוזט אָננעמען ביי זיין אָרעם און בין מיט אים געלאָפֿן, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַן אָרט. דאָ איז געווען

אַ געל־גראָע געביידע פֿון ציגל. זי איז געווען 3 שטאָק הויך מיט פֿאַר־שטויבטע פֿענצטער. איך האָב געקאָנט זען דעם שטויב אויף די שויבן. מיין ברודער מאַריץ האָט מיך אַנגענומען ביי דער האַנט און אַרויפֿגעפֿירט מיט די הילצערנע טרעפּ, וואָס זיינען געווען שטאַרק אויסגעריבן פֿון צופֿיל גיין אויף זיי. מיר זיינען אַרויף ביזן לעצטן שטאָק. דאָרטן זיינען געווען עטלעכע טירן און אַ טונקעלע גאַז־רער האָט באַלויכטן דעם קאָרידאָר.

מאַריץ האָט געעפֿנט אַ טיר, און מיר זיינען אַריין אינעווייניק. בשעת די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָט עס אויטאָמאַטיש געטאָן אַ קלונג אין אַ גלעקל. עס איז אונז באַלד געקומען אַקעגן אַ יונגערמאַן מיט פֿאַרדרייטע וואָנצעס און מיט אַ גלאַט אָפּגעראַזירט פּנים און מיט צוויי אויגן, וואָס האָבן אונז דורכגעגנומען ווי מיט שפּילקעס... ער האָט בשעת מעשה פֿאַר־קאָשערט זיינע אַרבל, ווי ער וואָלט געקליבן זיך שלאָגן מיט אונז, און גע־פֿרעגט וואָס מיר דאַרפֿן.

מיין ברודער מאַריץ האָט אים געזאָגט וואָס מיר דאַרפֿן.

— באַ מיר, וויסן זי, מוזט מאַן צוואַי וואָכן אומזאָנסט לערנען.. — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— זאָל זיין צוויי וואָכן — שטימט איין מיין ברודער.

דער יונגערמאַן האָט זיך דאַן גענומען צו מיר: — ווי הייסן זי?

— איזידאָר — זאָג איך. ווי באַלד ער רעדט דייטשמעריש, וועל איך אים אויך וויזן, אַז איך הייס איזידאָר.

— גוט — האָט ער געזאָגט — קאָמען זי מיט.

מיין ברודער, מאַריץ, איז אָוועק זיין וועג, און איך בין נאָכגעגאַנגען דעם דייטש.

ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פֿיר־עקעכיק גרויסן פּלאַץ, וואו עס איז נאָך געווען האַלב פֿינצטער, און ער האָט מיך געהייסן זיך אויסטאָן דעם ראָק. איך האָב אַזוי געטאָן און פֿאַרקאָשערט מיינע אַרבל.

אַ יונגערמאַן אין ברילן איז צו מיר צוגעקומען און זיך פֿאַר מיר פֿאַר־געשטעלט.

— מיין נאָמען איז סיימאָן.

איך האָב אים געגעבן מיין האַנט און אים געזאָגט מיין נאָמען.

— פֿון וואָס פֿאַר אַ געגנט?

— פֿון בעסאַראַביע.

— און איך בין פֿון וואַרשע — זאָגט סיימאָן — שוין לאַנג דאָ?

— אַריבער אַ וואָך.

— ווי גליכט איר אַמעריקע?
— כ׳ווייס ניט...

דערווייל האָב איך דערהערט ווי דער „דייטש״ רופֿט מיך: — איזידאָר, קאָמען זי אַהער...

בין איך צוגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען לעבן אַ בחורל אַ קליינעם, אַ פּעטינקן, און צו מיר געזאָגט: — בעני וועט אינען צייגען...

אָט דער בעני איז געשטאַנען לעבן אַ טיש. ביי אים זיינען געווען די פּאַטיאַזשקעס [1] אַראָפּגעלאָזט, זיינע אַרבל פֿאַרקאַטשעט און דער קאָלנער אויפֿגעשפּיליעט. עס איז ביי אים געווען אַ געזונטער פּעסטער האַלז, אַ נידעריקער, און זיין קאָפּ מיט געקרויזטע שוואַרצע האָר איז געזעסן ברייטלעך אויף דעם האַלז. ער האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ יונג בחורל. זיין פּנים איז געווען גלאַט און ווייס ווי ער וואָלט זיך געוואַשן מיט מילך. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ צוועננגעלע פֿון געזילבערטן ניקל. איין פֿינגער פֿון דער צווייטער האַנט, דער צייג־פֿינגער, איז געווען אַרומגעוויקלט מיט ווייסן פלאַסטער. אַרום זיינע לענדן, דאָרטן וואו די פּאַטיאַזשקעס זיינען לויז געהאַנגען, איז ביי אים געווען ווי אַ גאַרטל אַרומגעוויקלט מיט דראָט. פֿאַר אים, אויפֿן טיש, איז געשטאַנען אַ גיפּסענער פֿורעם מיט נעגעלעך אַרומגעקלאַפּט אין קיילעכדיקע רייען.

בעני האָט צו מיר געטאָן אַ שמייכל און געזאָגט:

— קוקט ווי איך אַרבעט. קיין גרויסע תורה איז עס ניט. איך האָב עס אויך ניט געקאָנט. פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך אויסגעלערנט.

ער האָט געטאָן אַ נעם דעם עק פֿונם דראָט, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון אַ שטעקן נאָענט לעבן אים אויפֿן דיל. און ער האָט דאָס דראָט געטאָן אַ לייג אויס אַרום איין שורה צוועננגעלעך אויפֿן גיפּסענעם פֿורעם.

— דאָס רופֿט מען העדזש־וואַיער — זאָגט צו מיר בעני — אויף דעם אַ דראָט האַלט זיך די גאַנצע העט.

איך טאַפּ אָן דעם דראָט. עס איז געווען אַזאַ מין דראָט געוויקלט אין ווייסן באַנוול.

— ניטע, טאַטש עס ניט מיט די הענט! וואָס ווינציקער מען טאַטשט עס, איז געזינטער דערפֿאַר, ווייל עס איז ווייס און עס שמוצט זיך גיך...

דערנאָך האָב איך געקוקט, ווי אַזוי ער נעמט אָן אַנדער מין דראָט, אַביסל אַ דינערן און לייגט אויס אין דער ברייט פֿונם פֿורעם. דאָ האָט ער שוין גענוצט זיין פֿינגער מיטן פֿלאַסטער, געטאָן מיט אים אַ רייב דאָס דראָט.

---

[1] פּאַטיאַזשקעס — הויזן־שלייקעס.

— ווי לאַנג זייט איר אין אַמעריקע? — פֿרעגט בעני.
— אַריבער אַ וואָך.
— פֿאַרהייראַט צי סינגל?
— אַ בחור.
— איז אייך גוט. איך האָב שוין אַ ווייב מיט אַ קינד.
— אַזוי?!
— אַריינגעפֿאַלן... געמאַכט מאַנקי־ביזנעס מיט אַ מיידל און פֿאַר־טיק... היט זיך פֿאַר די אַמעריקאַנער מיידלעך!
— כ׳האָב נאָך צייט — זאָג איך.
— יו־בעטשע־בוטס!... איר האָט דאָ אימיצן?
— צוויי ברידער און אַ זיידן מיט אַ באָבען.
— סאָם לאַק! אייך וועט זיין גוט. ניט ווי איך... איך האָב דאָ קיינעם ניט געהאַט.
— אַליין?
— אַ, איצט האָב איך שוין אַ „מאַטהער אין לאָ" (אַ שוויגער) און אַ גאַנצע מישפּאָכטע... איר מעגט מיך מקנא זיין...

בשעת ער האָט גערעדט האָט ער געהאַקט דראָט מיט זיין צוועגנגעלע און געפֿלאָכטן גאַנצע דראָטענע פּאַסאַנען און זיי אַראָפּגענומען פֿונם פֿור־רעם און זיי אויסגעלייגט דאָ אויפֿן טיש איינס אויף איינס אין אַ שטויס. ביז עס איז געקומען די צייט צו עסן אָנבייסן איז שוין לעבן אים אויפֿן טיש געלעגן אַ הויכער שטויס מיט דראָטענע פּאַסאַנען. ער איז געווען זייער פֿלינק אין זיין אַרבעט. און איך האָב זיך געוואונדערט, ווי אַזוי ער קאָן טאָן צוויי אַרבעטן מיט איין מאָל: אי רעדן און טאָן זיין מלאכה.

בעני האָט מיר שוין כמעט דערציילט זיין גאַנצע ביאָגראַפֿיע. און ווען עס האָט געטאָן ערגעץ אין גאַס אַ שטאַרקער פּייף פֿון אַ טרובע און דערנאָך האָבן אָנגעהויבן זיך הערן נאָך פֿייפֿערייען, האָט בעני אַוועקגעלייגט די אַרבעט און געזאָגט צו מיר:

— עס איז דינער־טיים!

איך בין באַלד געוואויר געוואָרן, וואָס „דינער־טיים" מיינט. אָבער דערווייל האָב איך ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז, פּונקט ווי איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען אַ סך ווערטער, וואָס בעני האָט צו מיר געזאָגט.

זעקסטער קאַפּיטל

איז מיין טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן און איך לערן זיך צו זיין אַן אַרבעטער. אָבער דעם אמת געזאָגט, איז עפּעס די ווירקלעכקייט געווען אַזוי ווייט פונם טרוים. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין אַמעריקע זיי־נען דאָ גרויסע, גרויסע פאַבריקן, און דאָ בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ קליינעם שאַפּ, מיט פאַרשמירטע פענצטער, וואָס מען קאָן דורך זיי ניט אַרויסקוקן, סיידן מען עפנט זיי. און אַז מיין לערער בעני עפנט זיין פענצ־טער, קוקט עס אַרויס אויף רעלסן איבער וועלכע עס יאָגט זיך אַלע ווײַלע אַ באַן. און בעני מאַכט פון מיר חוזק אויב איך רוף עס אַן אַ באַן. עס איז, זאָגט ער, אַן עלעווייטעד... אַ באַן איז גרין... אַ באַן אויף דער ערד און דאָס אַ גייט איבער די דעכער...

וואָס איך זאָל זאָגן, לאַכט ער פון מיר, בעני, מיין לערער. זאָג איך דראָט, לאַכט ער. „וואַיער, וואַיער... מיט דראָט לאַטעט מען טעפּ אין יוראָפּ...". זאָג איך, „צוועגגל", לאַכט ער. „פּינטשערס, פּינטשערס... שיין וועט איר אויסקוקן, אַז איר זאָלט אַריינגיין צו וועסטפאַלן אין סטאָר און זיך הייסן געבן אַ צווענגל"....

דעם ערשטן האַלבן טאָג האָב איך פון בענין זיך אויסגעלערנט זייער אַ סך ווערטער, ווי למשל: בלאָק, וואַיער, העדזש־וואַיער, טאַי־וואַיער, פּינטשער, עלעווייטעד, ווינדע, פלאָר, קאַטן, סילק, דוידי, קלין און נאָך... פאַרן ערשטן האַלבן טאָג איז עס געווען גענוג.

אין שאָפּ איז פונקט צום האַלבן טאָג געקומען צוגיין אַ ייד מיט אַ שטרויענעם קאָשעק, וואָס איז געווען פול מיט כל־טוב: פון אַ ציבעלע ביז אַ טרונק בראָנפן. זיין נאָמען איז געווען: מיסטער איציק. ער איז געווען באַוואַקסן מיט רויטע האָר פון קאָפּ ביז צו דער באָרד און טאָמער האָט אַרויסגעשטעקט ביי אים אַ נאָז, איז זי נעבעך געווען בלאָס און געל. ער האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש, וואָס האָט זיך שוין געמעגט וואַלגערן אויפן מיסט און זיין ראָק, הויזן און שיך האָבן שוין אויך געהערט מער אויפן מיסט... דער קאָשעק איז נישט איבעריק ריין. און אינע־ווייניק זיינען געלעגן עפּעלעך, זעמעלעך, בייגל, הערינג, קישקע און ציבעלעס. און די אַלע זאַכן זיינען אויסגעמישט אינאיינעם.

מיסטער איציק האָט אויסגעזען ווי אַ תם. גערעדט האָט ער ווינציק און אויב שוין יאָ עפּעס, איז עס געווען מערער מיט זיינע קליינע צוויי אויגן.

באַלד ביי זיין אַריינקומען האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מיט פון שאַפּ און די אַרבעטער האָבן אים אַרומגערינגלט.

— וואָס האָט׳ס מיסטער איציק?

— אַ טרונק בראַנפן האָט איר?

און מיסטער איציק איז אַריינגעקראָכן אין זיין פּאַזוכע און פון דאָרטן באַקומען אַ פלעשל מיט ווייסן ספּירט.

מיין לערער בעני האָט גענומען אַ טרונק בראַנפן פאַר דריי סענט.

— ע, מיסטער איציק, איר פּעיקט...

— אי?! — מיסטער איציק האָט ניט געזאָגט דאָס וואָרט איך מיטן פולן מויל, נאָר „אי״ און אים צוגעגאָסן נאָך אַביסעלע ספּירט.

איך האָב געוואָרט אויף סיימאָנען און געוואָלט זען וואָס ער וועט טאָן. אויף מיר האָט סיימאָן געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק מיט זיין פיין געשליפענעם לשון און מיט זיין באַנעמען זיך. פאַרוואָס דער באַלעבאָס האָט מיר ניט געגעבן סיימאָנען אַלס לערער, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. איך וואָלט גיכער געוואָלט אים אַלס לערער, איידער דעם פּראָסטן בענין.

סיימאָן איז צו מיר צוגעקומען:

— נו, ווי גייט אייך אין דער לערע?

— ניט אַזוי גוט.

— זאָרגט זיך ניט, איר וועט זיין אַ בעל־מלאכה — זאָגט סיימאָן — איר ווילט עפּעס עסן?

— כ׳בין ניט הונגעריק — זאָג איך ניט דעם אמת, און קוק ווי מען איז באַפאַלן מיסטער איציקן מיט זיין סחורה...

— קומט אַראָפּ אין גאַס, וועלן מיר עפּעס נעמען — זאָגט סיימאָן.

— גוט — בין איך זיך מחיה, וואָס איך האָב שוין מיט וועמען זיך צו הברן. מיר האָבן גענומען די רעקלעך און זיינען אַראָפּ אין גאַס. און סיימאָן האָט מיך אויפן וועג באַקאַנט מיט נאָך אַנדערע אַרבעטער. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינען געווען הונגעריק און זיך געאיילט, האָבן מיר ניט גע־האַט קיין געלעגנהייט זיך בעסער צו באַקענען. אַ זאָג געטאָן דעם נאָמען און אַנטלאָפן...

מיר זיינען אויך אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַציע. און דאָרטן איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מיר זיינען געשטאַנען אַ צייט, ביז מיר האָבן געקראָגן פּלאַץ צום זיצן. סיימאָן האָט געגעסן פליש און איך האָב נאָר געטרונקען אַ קאַווע מיט זעמל.

— דאָ אין דעם אָרט איז אונדזער גאַנצער טרעיד — זאָגט סיימאָן — דאָ עסן נאָר היטל־מאַכער...

— ווי לאַנג זייט איר שוין אין דער אַרבעט? — פֿרעג איך ביי אים.

— דאָס צווייטע יאָר. איך גיי אין אָוונטן אויף קורסן. האָב איך אויסגעקליבן אַ גרינגע אַרבעט.

— איר גייט אויך אויף קורסן?

—ניין, דערוויילֿ ניט. איך שרייב... איך בין אַן אָנהויבער...

— אָ! אין וואָס פאַר אַ שפּראַך?

— איך וועל מסתּמא שרייבן יידיש.

— ווייזט מיר אויך וואָס איר שרייבט — בעט זיך סיימאָן — איך האַלט זיך פֿאַר אַ שטיקל מבין... איך קום פֿון וואַרשע, פֿון פּרץ׳ס שטאָט...

— אַז איך וועל אָנשרייבן עפּעס גוטס, וועל איך אייך ווייזן.

— ווי קומט צו אייך שרייבן, פֿון זיך אַליין?

— פֿון זיך אַליין.

— שוין געדרוקט?

— נאָך ניט.

— אַ שאָד, וואָס איר זייט פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן קיין אַמעריקע — זאָגט סיימאָן — ווען איר פֿאָרט בעסער קיין וואַרשע צו פּרצן...

— איר זייט געווען ביי פּרצן? — פֿרעג איך ביי אים.

— צוליב וואָס? אַז איך שרייב ניט... — ווערט סיימאָן זייער רויט אויף זיין פּנים.

— פּרץ איז אַ גרויסער מענטש... — זאָג איך.

— ער גייט אַרום איבער די גאַסן פֿון וואַרשע אין אַ פּעלערינע... קינד־און־קייט ווייסט שוין, אַז פּרץ גייט...

— געלייענט זיין „קראַנק ייִנגל״?

— אַ שאלה... איך האָב ניט פֿאַרפֿעלט קיין איין שורה זיינע — שטאָלצירט סיימאָן. איך האָב שטאַרק מקנא געווען סיימאָנען מיט דעם, וואָס ער האָט אַליין געזען פּרצן. מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אין שאַפּ אַריין און עס איז מיר שוין געווען אַ סך גרינגער צו שטיין און קוקן, ווי אַזוי מיין „רבי״ בעני פּלעכט די דראָטענע פֿאַסאָנען.

איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ וואָך צייט און געקוקט און אויף דער צווייטער וואָך האָט דער באַלעבאָס מיך אַליין אָוועקגעשטעלט אַרבעטן. מיין ברודער מאָריץ איז מיט מיר געגאַנגען קויפֿן אַ „פּינטשער״. און עס איז מיר אָט דאָס צוועננגל דערגאַנגען די יאָרן. איך האָב עס געדאַרפֿט האַלטן אין מיין רעכטער האַנט און קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט, בשעת

דער אַרבעט. און מען האָט דעם פינטשער ניט געטאָרט לאָזן פאַלן צו דעם דיל, כדי ער זאָל ניט קאַליע ווערן.

האָב איך ביידע זאַכן ניט געקאָנט דורכפירן. איך האָב דעם „פינ־טשער" באַלד אַראָפּגעוואָרפן, אומגערן, צום דיל און די שאַרפע מעסער־לעך, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין שנאָבל, זיינען קאַליע געוואָרן.

— אַלע גרינע זיינען אַזוי... — האָט געזאָגט מיין לערער בעני.

אָבער דאָס איז געווען פון די קליינע זאַכן. די הויפּט־צרה איז געווען מיט מיר, וואָס איך האָב ניט געקאָנט האַלטן דעם „פינטשער" אין מיין האַנט בשעת איך האָב געאַרבעט. איך האָב אים יעדע ווײַלע געמוזט אַוועקלייגן אויפן טיש.

— איר פאַרלירט צייט!... האָט בעני אויף מיר געשריען — יעדע ווײַלע דאַרפט איר „אים" זוכן...

מיר האָט מען געגעבן צו אַרבעטן די „ביליקסטע" און אומוויכטיק־סטע אַרבעט: „קראַונס"... דאָס הייסט די קעפּלעך, וואָס מען האָט אַרויפ־געטאָן אויף די היט. און דער ערשטער „קראַון" האָט מיר גענומען צו מאַכן אפשר אַ האַלבן טאָג. און איך האָב קאַליע געמאַכט אפשר אַ טוצן „קעפּלעך". און בעני האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין באַרג מיט שמוץ, כדי דער באַלעבאָס זאָל ניט זען, ווי איך מאַך אַ תל פון זיין דראָט...

דער באַלעבאָס איז זייער ווינציק געווען אין שאָפּ און דאָס איז געווען מיין גליק, ווײַל ווי איך האָב באַמערקט, היטן זיך די אַרבעטער פאַר אים ווי פאַר פייער. ווען ער איז נאָר אַריינגעקומען אין שאָפּ אַריין, האָט ער תמיד געשריען און געווען בייז. די אַרבעטער פלעגן דאַן שווייגן... און ווען ער פלעגט נאָר אַוועקגיין האָבן זיי זיך צעלאַכט פון אים.

ווער האָט געקאָנט פילן מיין פּיין יענעם ערשטן טאָג פון דער אַר־בעט? מיינע הענט האָבן געשוויצט פון גרויס אויפרעגונג און פאַר מיי־נע אויגן זיינען געלאָפן רעדער און פון די פינגער האָט שוין געררונען מיין יונג בלוט פון דעם, וואָס איך האָב זיך צעשטאָכן מיט די דראָטן...

מיין לערער בעני איז געווען אַ גוטער פּראָסטער יונג... ער האָט מיר פאַרבאַנדאַזשירט אַלע פינגער מיט ווייסן פּלאַסטער און האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז איך זאָל כאָטש מאַכן עט־לעכע „קראַונס" גוטע, וועלכע מען זאָל קאָנען נוצן.

איך אַליין האָב זייער געוואָלט קאָנען די מלאכה. זי האָט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי גרינג, ווען בעני האָט זי געטאָן. פאַרוואָס זשע קומט עס מיר אָן אַזוי שווער?

פאַרנאַכט איז צו מיר צוגעקומען מיין נייער חבר סיימאָן און האָט מיר געוויזן ווי אַזוי ער טוט די אַרבעט.

— קודם, זייט דער מייסטער איבער דער מלאכה... — האָט ער צו מיר געזאָגט — און לאָזט ניט די מלאכה איבער אייך הערשן... איר זעט ווי קיל איך בין? אָט אַזוי! נעמט דעם דראָט. עס איז נישט מער ווי טויטע מאַטעריע... וואָס איר ווילט, דאַרפט איר קענען טאָן מיטן דראָט. ער איז ווייך און בויגיק.

אָט די קורצע לעקציע האָט מיך זייער אַ סך באַרואיקט. ס'אַ מחיה צו האָבן אַזאַ לערער ווי סיימאָן.

ווי גראַציעז ער טוט אַ פֿיר מיטן פינגער איבערן דראָט! און דאָס דראָט פֿאָלגט אים און פֿאַרמירט זיך ווי אַזוי ער וויל. ווייל ער אַ קנייטש, גיט ער מיטן נאָגל פֿון זיין ציַיג־פֿינגער אַ בויג דאָס דראָט און עס ווערט אַ קנייטש.

און ווי שנעל ער גיט מיטן „פינטשער" אַ האַק־אָפּ אַ שטיקל דראָט און עס בלייבן ניט איבער קיינע פֿעדעמלעך.

— האַלט דעם „פינטשער" אַביסל מן־הצד. אָט אַזוי... איר זעט? און טוט עס מיט איין קוועטש...

סיימאָנס פּאָר מינוט לערנען האָבן מיך פּלוצים געטאָן אַ טראָג אַוועק זייער ווייט... איך האָב אין דער לעצטער שעה פֿון טאָג פּלוצים אָנגע־הויבן מאַכן גוטע אַרבעט.

— אָל־ראַיט! האָט בעני אויסגעשריען, ווען ער האָט עקזאַמינירט מיין אַרבעט — דאָס קאָן מען שוין נוצן...

און איך האָב זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן און דערפֿילט דעם באָדן אונטער מיינע פֿיס. איך האָב פֿרייער אָפּגעאָטעמט. און מיט וואָס פֿאַר אַ פרייד איך בין געקומען אַהיים און באַלד ביי מיין אַריינקומען געלאָזט וויסן, אַז איך אַרבעט שוין אַליין.

מיינע ברידער זיינען געווען קאַלט ווי אייז און זיך ניט געפֿרייט מיט מיין פֿרייד. נאָר די באָבע שבע האָט באַמערקט, אַז מיינע פֿינגער זיינען כמעט אַלע פֿאַרבאַנדאַזשירט.

— זע נאָר, וואָס האָסטו געטאָן צו דיינע הענט! — האָט זי אָנגע־מאַכט אַ געוואַלט.

— ס'גאָרנישט, באָבע — האָב איך זיך אַביסל פֿאַרשעמט און באַ־האַלטן מיינע הענט — אַביסל צעשטאָכן...

— מאָריץ, גיב נאָר אַ קוק אויף זיינע הענט, אפֿשר האָט ער פּאַיזן?...

— האָט די באָבע ניט אָפּגעלאָזן דעם ענין.

מאָריץ האָט געגעבן אַ קוק אויף מיינע הענט און געשמייכלט און גע־זאָגט:

— ס'האָט זיך דיר געגלוסט אַמעריקע...

זיבעטער קאַפּיטל

איך האָב שוין קוים דערלעבט, אַז מיינע צוויי לערן־וואָכן זאָלן זיך ענדיקן. אויף דער דריטער וואָך האָב איך שוין כמעט געקאָנט די מלאכה פון „וואיער־פּרעימס״... נאָר איין זאַך האָט מיר געפעלט — שנעלקייט. סיימאָן האָט מיך געטרייסט, אַז „שנעלקייט״ וועט קומען מיט דער צייט, און נביאות געזאָגט, אַז איך וועל נאָך זיין אַ שנעלער בעל־מלאכה... געאַרבעט האָט מען דאַן אין פאַך „שטיק־אַרבעט״, און געצאָלט האָט מען 5 סענט פאַר יעדן דראָט. למשל: אויב עס זיינען געווען אין אַ הוט 4 דראָטן האָט מען דערפאַר געקראָגן 20 סענט אַ טוץ מלאכה־געלט. געוויינלעך האָט אַ גוטער בעל־מלאכה געדאַרפט קאָנען מאַכן צוויי טוץ אַ שעה.

איך האָב נאָך אפילו ניט געקאָנט מאַכן איין טוץ אין צוויי שעה. איך האָב זיך געסטאַרעט צו מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט. אַי, דאָס וואָס איך האָב פאַרדינט 10 סענט אַ שעה און אפשר ווינציקער? מילא, איך האָב גאָר ניט געקאָנט טאָן דערצו.

אַז איך האָב אָפּגעאַרבעט דעם ערשטן טאָג אויף מיין חשבון האָב איך דאָס צעביטן אין מיין מחשבה אויף רוסיש געלט און עס איז געוואָרן איין רובל מיט 50 קאָפּיקעס. וויפיל יידן ביי אונז אין שטעטל וואָלטן אַזאַ סומע געוואָלט כמעט פאַרדינען אַ וואָך?

איך האָב טאַקע באַלד געשריבן אַ בריוו אַהיים און אָנגעזאָגט דער מאַמען די בשורה, אַז איך פאַרדין שוין אַ רובל מיט 50 קאָפּיקעס אַ טאָג...

אפילו דאָ אין אַמעריקע, ביים זיידן אין שטוב, בין איך געוואָרן זייער חשוב. און כמעט מיינע ברידער האָבן ביידע פאַרדינט אַ סך מערער פון מיר, זיינען זיי דאָך געווען מיט מיר שטאָלץ, וואָס איך מאַך אַ לעבן... צוביסלעך האָב איך זיך אַרומגעקוקט וואו מיר זיינען אין דער וועלט און צו מיין גרויס שטוינען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין ברודער מאָריץ, כאָטש ער איז שוין דריי יאָר אין אַמעריקע, קאָן נאָך אַלץ ניט שרייבן און ליינען קיין ענגליש. זיינען מיר אַלע דריי ברידער אַוועק אין אַ נאַיט־סקול און זיך רעגיסטרירט. אַגב, האָט דאָס גיין אין סקול דערוויל אָפּ־געריסן מיינע ברידער פון שטיין „פּוסט און פּאַס״ יעדן אָוונט אויפן ראָג פון גאַס.

חוץ דעם, האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז שבת צונאַכטס, ווען מיר אַלע דריי וועלן ברענגען די קאָנווערטעלעך מיטן געלט, זאָלן מיר עס אַריינלייגן אין איין קעשענע, צו מאָריצן; און מיר זאָלן לעבן אויף איין קעשענע און פּרובירן אָפּשפּאָרן געלט אויף אַרויסצונעמען די איבעריקע ברידער און שפּעטער אויך דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט די קלענערע קינדער.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. שבת אָוונט האָב איך געבראַכט מיין קאָנווערטל פון אַ 4 דאָלאַר און עס דערלאַנגט מיין ברודער מאָריץ, און אַזוי האָט אויך געטאָן מעקס.

מאָריץ האָט אויסגעליידיקט אַלע דריי קאָנווערטעלעך און צונויפגע־לייגט די אַמעריקאַנער דאָלערלעך, די שמאָלע גרינע פּאַפּירלעך אין איין קיילעכדיק בינטל. דערנאָך האָט ער באַצאָלט דער באָבען פאַר אונז אַלע דריי פאַר אַ וואָך. און מיר זיינען אַלע אַוועק צום באַרבער. דאָרטן איז געווען פול מיט נאָך מענטשן. און מיר האָבן געוואַרט אויף נעקסט. דערווייל האָט דער באַרבער דערציילט מעשיות און מיר האָבן געלאַכט. ער איז געווען אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַ פאַרקעמטן קאָפּ האָר און מיט טיפע אויגן, און שוואַרצע שאָטנס אַרום זיי.

מיין ברודער מאָריץ האָט געהאַט אויף דער פּאָליצע זיין אייגן טעפּעלע און בערשטעלע מיט זיין נאָמען אויסגעשריבן אויפן טעפּעלע. מעקס און איך האָבן נאָך קיין אייגענע טעפּעלעך ניט געהאַט, האָט דער באַרבער געניצט מאָריצעס טעפּעלע, אונז אַרומגעגאָלט און באַשפּריצט אונזערע האָר מיט שמעקעכץ און אונז באַפּודערט. דאַן זיינען מיר אַוועק אויף רי־ווינגטאָן סטריט אין אַ דעליקאַטעסן. און מיר האָבן געגעסן סטעיק מיט „פרענטש פראַיד פּאָטעיטאָס", און אָנגעגאָסן אַ סך „קעטשאָפּ" אויף די געבראָטענע קאַרטאָפל.

— וואו גייען מיר היינט? — האָט מעקס געפרעגט.

— מיר וועלן גיין אין טעאַטער — זאָגט מאָריץ — אייזיק האָט מסתמא נאָך קיינמאָל ניט געזען אַדלערן... האָסט געהערט וועגן אַדלערן?

— ניין.

— וועלן מיר גיין און דו וועסט אים זען שפּילן — זאָגט מאָריץ און זיין פּנים לויכט מיט פרייד און זיינע קוטשעראַווע האָר שיינען און פינק־לען — ער שפּילט אין דער „שחיטה".

ריווינגטאָן סטריט האָט געווירבלט מיט אַ ים מענטשן. עס איז גע־ווען זייער שווער דורכצוגיין די גאַס. און וואו איז דען געווען פרייער צו גיין? אַלע גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן.

— וויפיל מענטשן! — האָב איך זיך געוואונדערט.

— וואַרט, וועסט זען וואָס עס טוט זיך אויף גרענד סטריט! — פֿרייט זיך מאַריץ.

מיר זײַנען באַלד אַריין אין גרענד סטריט. דאָרטן זײַנען איצט געשטאַנען פּושקאַרטס פֿון ביידע זײַטן גאַס און עס איז געווען אַזאַ באַלאַגערונג פֿון מענטשן ביי אָט די פּושקאַרטס, אַז מען האָט זיך פּשוט אָפּגעריסן די זײַטן איידער מען איז דורכגעגאַנגען ביז צום גרענד טעאַטער.

מיר זײַנען לאַנג געשטאַנען ביים אַרײַנגאַנג צו דער גאַליאַרקע אין אַ לאַנגער רייע, ביז מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף אונזער נעקסט...

ענדלעך זײַנען מיר אַריין אין טעאַטער אויפֿן העכסטן גאָרן און פֿאַרנומען די זיץ־פּלעצער. און באַלד האָט זיך דער פֿאָרהאַנג געעפֿנט און איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן דערזען יידיש טעאַטער... איך בין געבליבן זיצן ווי פֿאַרגאַפֿט. די סצענע האָט געוויזן אַן אָרעמע שטוב. און די באַלעבאָסטע אין שטוב האָט געשפּילט די אַקטריסע מיסעס מאָגנע. דערנאָך איז דערשינען אויף דער בינע אַ הויכער מאַן, זייער אָרעם אָנגעטאָן. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. נאָר אַז דער דאָזיקער הויכער מאַן האָט געטאָן אַ זאָג אַ פּאָר ווערטער צו זײַן ווײַב, איז אין טעאַטער געוואָרן אַ גרויסע פּאַטשעריי און פּייפּעריי...

— דאָס איז אַדלער! — האָט מיר מאַריץ געזאָגט שטילערהייט — לאָמיר אויך פּאַטשן בראַוואָ... — און מיר אַלע דריי ברידער האָבן גענומען פּאַטשן בראַוואָ.

צו זײַן אין אַ יידישן טעאַטער דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן איז טאַקע געווען אַ גרויסע איבערלעבונג פֿאַר מיר, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַלד גייען מיר אַהיים, אויף דילענסי סטריט, און וואו מיר דאַרפֿן שלאָפֿן, איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

אמת, מיר זײַנען נאָכן טעאַטער געגאַנגען אין אַ בעקעריי טרינקען קאַווע מיט פרישע זעמעלעך, און מיר האָבן אַלע דריי ברידער אַרומגערעדט די דראַמע און זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן און געזעסן ביז שפּעט אין דער קאַפֿע. אָבער מיר האָבן זיך דאָך געמוזט גיין לייגן שלאָפֿן. איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַגיטירן מײַנע ברידער, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסציען אין אַ בעסערער וואוינונג.

מאַריץ איז געווען קעגן דעם אַרויסציען זיך פֿון זיידנס הויז. ער איז געווען אַזאַ גוטער, אַז זײַנע פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן האָבן ביי אים ניט געשפּילט קיין שום ראָלע.

האָב איך געמוזט זיך שוין אַזוי אָפּמאַטערן אַ גאַנצן ווינטער ביים זיידן אין הויז, ווײַל אַליין דינגען אַ צימער האָב איך ניט געקאָנט.

ערשט נאָך פּסח, ווען דער פרילינג האָט זיך איינגעשטעלט אין ניו־יאָרק, און עס האָבן אין די פּאַרקן אָנגעהויבן צו בליען די בוימער און די גראָזן זיינען געוואָרן גרין, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט אַן אַר־בעטער ביי מיר אין שאַפּ, „דזשעק" האָט מען אים גערופן, וועגן מיין וואוינונג. דזשעק האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך אַריינציען צו אים אין האַרלעם. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אים קאָן איך האָבן אַ באַזונדער צימער מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן פאַר דער סומע פון 5 דאָלער אַ חודש. היינט דער סענטראַל פּאַרק, וואָס איז ניט ווייט פון זיין שטוב, האָט דאָך אויך עפּעס אַ ווערט.

דער דאַזיקער שאַפּ איז שוין געווען מיין דריטער שאַפּ יענעם ווינטער. און כאָטש עס איז שוין איצט נאָך פּסח געווען „סלעק" אין אונזער פאַך, בין איך געבליבן דאָ אין דעם שאַפּ, ווייל ער איז געווען איינער פון די גרויסע שעפּער, און דאָ איז אין סעזאָן געווען אַ סך אַרבעט. דער הויפּט־סעזאָן האָט געדאַרפט קומען אין יוני אָדער אין אָנהויב יולי. דערווייל האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דזשעקס פאַרשלאַג צו וואוינען ביי אים. איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ מיין ער האָט דערביי...

ווען איך האָב דערציילט מיינע ברידער, אַז איך צי זיך אַריבער קיין האַרלעם, האָט מאַריץ זיך מיט מיר צעקריגט און איז געוואָרן אויף מיר ברוגז און אויפגעהערט מיט מיר צו רעדן. דער צווייטער ברודער, מעקס, האָט מיר גראָד געגעבן מוט, אַז איך זאָל זיך יאָ אַריבערציען קיין האַר־לעם, וועט ער האָבן וואו צו קומען זונטאָג זיך אָפּרוען... קיין סך באַ־גאַזש האָב איך ניט געהאַט: אַ פּאָר העמדער און קאָלנערס און עטלעכע רוסישע און העברעאישע ביכלעך. האָב איך געמאַכט אַ קליין פּעקעלע און זיך געזעגנט מיט דער באָבען און זיידן.

— דו מופּסט? וואוהין? — האָט דער זיידע געפרעגט.

— קיין האַרלעם.

— אַזוי ווייט? דאָרט זיינען דאָך קיין מענטשן נישטאָ... — האָט דער זיידע געזאָגט.

— וועט מיר זיין רואיק און גוט — זאָג איך.

— איך האָב בעסער ליב דילענצי סטריט — זאָגט דער זיידע — דאָ איז אַ מחיה..

— זאָל ער גיין!... ער וועט קומען צוריק... — האָט די באָבע מיך ווי געטרייסט — גאַדיר גאָר האַרלעם!... דאָרטן וואוינען מי־ליאָנערן... מענטשן, וואָס האָבן פליי אין דער נאָז...

איך האָב גענומען דעם טראַם און אַוועקגעפאָרן קיין האַרלעם און בין געקומען בשלום אין אַ צווייי שעה אַרום אויף דער 99טער גאַס צו

דזשעקן אין שטוב. דאָרט געפֿונען אַ מאָדנע טענעמענט־הויז פֿון גראָע ציגל, מיט טרעפּ פֿון פֿאָרנט און מיט מעשענע פּאָרטשעס. מיין פֿריינט דזשעק האָט געוואוינט אין דריי ליכטיקע צימערן מיט שיינעם מעבל. ער איז געווען אַ שנעלער בעל־מלאכה און האָט ניט שלעכט פֿאַרדינט. זיין יונג ווייבל האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ שלאָף־צימער מיט אַ ווייס און ריין בעט און מיט אַ טישעלע לעבן פֿענצטער. עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין קינדער. די באַלעבאָסטע האָט איצט געטראָגן און זיך געריכט צו האָבן אַ קינד. זי האָט מיר אַפֿילו געוואָלט געבן עסן אויך. נאָר אַזוי ווי איך האָב געזען, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדן, האָב איך איר באַדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב מיינע העמדער און קאָלנערס באַהאַלטן אין דעם שופֿלאָד, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר אָפּגעגעבן און די ביכלעך אָוועקגעלייגט אויפֿן טישל אין מיין צימערל.

איצט, האָב איך געטראַכט, וועל איך זיך איינקויפֿן פּאַפּיר, טינט און פֿעדער און וועל זיך גרייטן עפּעס אָנצושרייבן. דאָ האָב איך אַ באַזונדערן צימער און מיט אַ פֿענצטער, וואָס קוקט אַרויס אפילו אויף אַ וואַנט — אָבער דאָך אַ פֿענצטער.

אַכטער קאַפּיטל

איך האָב איינגעקויפט פּאַפּיר, טינט און פּעדער און אַוועקגעלייגט אויף מיין טישל, כּדי ווען עס וועט צו מיר קומען די „מוזע", זאָל איך זיך באַלד קאָנען זעצן שרייבן.

דערווייל האָט מיך דזשעק מיט זיין ווייב איינגעלאַדן צו זיין זייער גאַסט אויף וועטשערע. און איך האָב באַלד אויסגענומען מיט זיי אַ תּנאַי, אַז דאָס איז די ערשטע און לעצטע וועטשערע וואָס איך וועל עסן ביי זיי.

בשעת וועטשערע עסן, זיינען אַריינגעקומען דזשעקס שוועסטער, וואָס האָבן געוואוינט מיט אַ שטאָק נידעריקער אין דעם זעלבן הויז. זיי זיינען געווען דריי שוועסטער און האָבן געהאַט נאָך אַ ברודער, אַ בחור אין מיי־נע יאָרן.

דזשעק האָט מיך באַקאַנט מיט די שוועסטער. די קלענערע איז נאָך געווען אַ שול־קינד, אָבער אַ רייפע פּאַר־דער־צייט. די עלטערע צוויי זיי־נען געווען אַרבעטער־מיידלעך.

מיר זיינען אַוועק שפּאַצירן אין סענטראַל פּאַרק. אין סענטראַל פּאַרק איז געווען מילד און זיס. די בוימער אין פּאַרק האָבן נאָר וואָס זיך צע־לאָזט מיט קנאָספּן. אַלטע, הויכע בוימער האָבן איצט אויסגעזען ווי אָב־געגאָסן מיט געל־גרינלעכן זאַפט. דאָס גראָז איז געווען זייער נידעריק געשניטן און גרין און עס האָט געשמעקט מיט בעז און אַקאַציע.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויפן גראָז און די מיידלעך האָבן געזונגען אַ פּאָר אַרבעטער־לידער ווי „ניט זוך מיך דאָרט" פון מאָריס ראָזענפעלד און אברהם רייזינס „העמערל, העמערל, קלאַפּ".

— וואָס פאַר אַ שיינער אָוונט — האָבן די מיידלעך ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן די נאַטור.

— זעט נאָר, וואָס פאַר אַ שיינער הימל!

עס איז באמת געווען וואונדערלעך. איך האָב זיך געפילט, ווי אַ נייער מענטש אין אָט דער אַטמאָספערע. אין דילענסי סטריט האָב איך קיין בוים ניט אָנגעזען אין די אויגן און קיין גראָז אויך ניט. און מיט ווענען מיין ברודער מאָריץ האָט מיך באַקאַנט, האָבן זיי גערעדט אַ צעקאַליע־טשעטן יידיש און דאָ בין איך אַריין אין אַ געזעלשאַפט, וואו מען זינגט

יידישע לידער און מען רעדט אַ ריינעם יידיש. אפילו דאָס שול־מיידל מאַטערט זיך צו רעדן אַ ריינעם יידיש, כאָטש מען קאָן זען, אַז עס קומט איר אָן שווער...

מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסן, אַז די „מוזע״ איז צו מיר באַלד דאָ אין פּאַרק געקומען צוגיין און מיך געריסן צום שרייב־טיש. איך בין געלעגן מיטן פּנים אַרויף צום הימל און עס איז מיר פאַרגעקומען, ווי אַ שטערן זאָל האָבן צו מיר געטאָן אַ וואונק. איך האָב זיך אויפגעהויבן און געבעטן אַנטשולדיקונג.

— וואָס איילט איר זיך?

— מסתמא איז אייך ניט אָנגענעם אונזער געזעלשאַפט...

— ניין, פאַרקערט, זייער אָנגענעם — האָב איך געזאָגט — נאָר איך האָב אַרבעט אין הויז.

— אַרבעט?! — האָבן זיך אַלע ווי דערשראָקן.

— איך... דאַרף שרייבן...

— אָ, ויבאַלד אַזוי, וועלן מיר אייך ניט שטערן — האָט דזשעק געזאָגט. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן און מיר זיינען געגאַנגען אַהיים. איך האָב זיך באַלד פאַרשפאַרט אין מיין צימער. איך האָב דעמאָלט געררויכערט אַזוינע קליינע ציגאַרלעך פון הוילן טאַבאַק. איך פלעג זיי קויפן זיבן שטיק פאַר דריי סענט. איך האָב פאַררויכערט, זיך געזעצט ביים טישל און געשריבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטע אַרבעטער־דערציילונג: „ווי אַזוי אַן אַרבעטער מוז נעמען אַהיים נאַכט־אַרבעט״.

איך האָב איבערגעלייענט דאָס וואָס איך האָב אָנגעשריבן און געזאָגט צו זיך אַליין: זייער גוט! פונדעסטוועגן האָב איך זיך נאָך אַלץ ניט באַרואיקט און ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפן און נאָך אַלץ געאַרבעט אויף דער דערציילונג. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט און פאַרענדיקט די דערציילונג.

אין שאַפּ אַריין האָב איך זיך ניט געהאַט וואָס צו איילן, ווייל עס איז סיי־ווי ניט געווען קיין אַרבעט. איך האָב געענדיקט מיין איבערשרייבן אַרום 12 אַזייגער. עס איז שוין געווען גאָר אַ נייע דערציילונג, ניט אַזוי ווי די דערציילונג פון לעצטער נאַכט.

ווען איך בין געקומען אין שאַפּ אַריין האָב איך געטראָפן די מערסטע אַרבעטער שפּילן „קרעפּ״... אָבער איין אַרבעטער איז געזעסן און גע־

לייענט אַ בוך אין אַ זייט. דאָס איז געווען יאַפּע. מיר האָבן זיך שוין געקאָנט. נאָר ער האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז איך שרייב.

ווי אַזוי זאָגט מען אים, אַז איך שרייב? מיך בריט דער מאַנוס־קריפּט אין קעשענע. איך מוז אים פּאָר אימיצן איבערלייענען. וואַרט איך ביז איך האָב אַ געלעגנהייט צו גיין מיט יאַפּען אַראָפּ אין גאַס אריין, און דאַן זאָג איך אים אויס דעם סוד, אַז איך שרייב און האָב אַפּילו אַ דער־ציילונג ביי זיך אין קעשענע.

— אַזוי? — קוקט מיך יאַפּע אָן מיט זיינע מילדע, ברוינע אויגן.

— אָט איז עס... — שלעפּ איך אַרויס מיין מאַנוסקריפּט.

מיר בלייבן שטיין אין מיטן בראָדוויי און דעמאָלט איז בראָדוויי געווען די סאַמע טומלדיקסטע גאַס אין שטאָט און די פּראָמינענטסטע. שטייען מיר צוויי יידישע יונגעליים און קוקן אַריין אין אַ יידישן מאַנוסקריפּט אין מיטן בראָדוויי...

יאַפּע איז געווען אַ געזעצטער טיפּ און געטאָן יעדע זאַך מיט אַ מאָס און געוויכט. ער האָט ניט געשמייכלט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אויב ער האָט שוין יאָ געטאָן אַ שמייכל האָט עס געמוזט זיין אַ גרויסער זכות... אָדער, פאַרקערט, פון יענעמס אַ נאַרישקייט...

איך גיב אַ קוק — יאַפּע לייענט און שמייכלט.

טראַכט איך, מסתם איז מיין זאַך אַ נאַרישע זאַך...

— ס'טויג ניט? — פרעג איך.

— מיר געפעלט עס — זאָגט יאַפּע.

— טאַקע?

— באמת... עס איז זייער אַ שיינע זאַך... — זאָגט יאַפּע און צע־שמייכלט זיך מיט צוויי שורות וויסע ציין — אַזאַ זאַך מוז מען אָפּדרוקן.

— טאַקע?

— טראָגט עס אַריין אין דער „פריייע אַרבעטער שטימע" — זאָגט ער — זיי וועלן עס ביי אייך אויסכאַפּן.

— איך קען דאָרטן קיינעם ניט אין דער רעדאַקציע — זאָג איך.

— איר דאַרפט קיינעם ניט קענען. טראָגט עס אַריין און דערלאַנגט עס דעם רעדאַקטאָר, יאַנאָווסקין.

איך האָב געפאָלגט יאַפּען און בין אַוועק אין דער רעדאַקציע „פריייע אַרבעטער שטימע" און געטראָפן יאַנאָווסקין מיטן פּליכבעלע אויף זיין כיטרע קעפּעלע.

— וואָס, אַ מאַנוסקריפּט? — האָט ער מיך געפרעגט מיט ליצנות — צו מיר קומט מען בלויז מיט מאַנוסקריפּטן... נעכאַי וואָלט מען מיר געבראַכט בעסערע זאַכן...

דער דאָזיקער זאַג האָט מיך אָפּגעגאָסן ווי מיט אַן עמער קאַלט וואַסער און איך האָב שוין ניט געוואָלט איבערלאָזן ביי אים מיין דערציילונג. נאָר ער האָט עס כּמעט ווי אויסגעריסן פון מיינע הענט.

— קומט אַריין אין צוויי וואָכן אַרום...

איך בין געקומען אין צוויי וואָכן אַרום.

— נאָך ניט געלייענט... קומט אין צוויי וואָכן אַרום...

— איר האָט דאָך געזאָגט... — האָב איך אָנגעהויבן צו האָבן צו אים טענות.

— וואָס האָט איר קיין צייט ניט?

— איך האָב יאָ צייט... אָבער...

— קומט אין צוויי וואָכן אַרום...

ער האָט מיך געלאָזט שטיין און איז אַוועק אויף יענער זייט פון ווענטל.

אָט אַזוי בין איך געלאָפן צו יאַנאָווסקין אַ גאַנצן זומער, ביז איך בין אַרויס פון געדולד און געוואָלט אָפּנעמען מיין דערציילונג. אָבער ווען ער האָט זי גענומען זוכן האָט ער די דערציילונג ניט געפונען.

— צו וואָס טויג עס אייך? — האָט ער מיך געפרעגט.

— וואָס הייסט, צו וואָס? — עס איז מיין דערציילונג און איך דאַרף זי...

ס'האָט דאָך סיי־ווי ניט געטויגט!... — זאָגט ער.

— איר האָט דען געלייענט?

— ניין... נאָר איך שטעל זיך פאָר, אַז איר קאָנט ניט שרייבן...

— אַ שיינע באַציאונג... האָב איך געזאָגט מיט פיל ווייטיק — און איך האָב געמיינט, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע" איז פון אַ העכערן סאָרט...

— האַקט ניט קיין טשייניק! — איז ער שוין אַריינגעפאַלן אין כּעס און אָפּגעשניטן מיט מיר.

און אַזוי איז מיר פאַרפאַלן געוואָרן מיין ערשטע דערציילונג אין ניו־יאָרק און איך האָב זיך געפילט דערשלאָגן און פאַרביטערט.

אין שאַפּ איז אויך ניט געגאַנגען אַזוי גוט. אַנשטאָט עס זאָל ווערן אַרבעט אין אָנהויב יולי, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, איז גאָר קיין אַרבעט ניט געווען. און איך האָב זיך דערווייטערט פון מיינע צוויי ברידער און פון מיין גאַנצער משפּחה. מיין לאַגע איז געווען זייער שלעכט. איך האָב דאַמאָלסט געלעבט אַ גאַנצן טאָג אויף קאַווע מיט זעמל. פאַר 5 סענט האָב איך געגעסן צוויי זעמל מיט קאַווע און מיך האָט געקאָסט $1.25 אַ וואָך דירה־געלט און דאָס פאָרן מיט דעם טראַמוואַי האָט מיך אויך

געקאָסט 60 סענט אַ וואָך. אַרום און אַרום האָב איך געדאַרפט 3 דאָלער אַ וואָך, און איך האָב עס ניט פאַרדינט. אויב איך האָב פאַרדינט אַ צוויי דאָלער אַ וואָך איז עס געווען אַ סך. האָב איך גענומען קאַרגן אויפן עסן...

די מענטשן זיינען געווען זייער פיינע. זיי האָבן געזען, אַז איך לייד און זיי האָבן מיר געוואָלט העלפן, נאָר איך בין געווען איינגעעקשנט און ניט געוואָלט אָננעמען זייער הילף...

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי ווילן מיך פאַרשלייערן מיט איינער פון די מיידלעך... און חתונה האָבן האָב איך ניט געוואָלט... עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות אין חשבון... אַז זיי האָבן אפילו ניט געהאַט אין זינען מיך צו פאַרשלייערן... אַז זיי זיינען געווען גלאַט אַזוי גוטע, טייערע מענטשן...

נאָר איך בין דאַן געווען יונג און נאַריש. און איך האָב געליטן אָן אַ ברעג. איך האָב אפילו אָנגעהויבן טראַכטן פון באַגיין זעלבסט־מאָרד... איך האָב בלויז געזוכט אַזאַ געלעגנהייט ווען איך וועל בלייבן אַליין אין שטוב. די דאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך מיר געמאַכט איין מאָל אין אַ זונטאָג. די גאַנצע משפחה פון מיין באַלעבאָס דזשעק איז אַוועקגעפאָרן צו דער עקסקורסיע פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ און איך בין געבליבן אַליין אין שטוב, און איך האָב זיך גענומען גרייטן צו נעמען זיך מיין אייגן לעבן.

ניינטער קאַפּיטל

יאָ, איך האָב זיך געגרייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד... איך האָב שוין אַפּילו געהאַט צוגעפּעסטיקט דאָס גומענע קישקל צום קראַן פֿון דער גאַז־רער און האָב זיך אָוועקגעזעצט אָנשרייבן אַ צעטעלע צו מיינע באַלעבאַטים פֿון צימער...

אָבער פּלוצים האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל.

— ווער קאָן דאָס זיין? זאָל איך עפֿענען, צי ניט?

איך האָב די דאָזיקע פֿראַגן געדאַרפֿט באַלד אָנטשיידן.

און איך האָב באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי עס מוז זיין עפּעס אַ פֿרעמדער, וועל איך צוגיין און אים אָוועקפּטרן... און דאַן...

איך האָב דערפֿאַר געלאָזט דאָס גומענע קישקעלע שטעקן אויף דער גאַז־רער און בין צוגעלאָפֿן צו דער טיר, וואו דאָס גלעקל האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלינגען.

איך עפֿן די טיר. ערשט איך קוק צי דאָס איז אַ חלום, צי וואָר — ס׳איז מיין ברודער מעקס...

— האַלאָו! ביסט געשלאָפֿן? — שרייט ער אויס פֿריילעך.

— יעס... ניין... — האָב איך ווי אַ צעמישטער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. דערווייל איז מיין ברודער אַריין אינעווייניק אין הויז. איך האָב אים ניט געקאָנט אַריינפֿירן אין מיין צימער, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט וואָס דאָרטן טוט זיך. בין איך מיט אים געבליבן שטיין אין דער גרויסער קיך.

— וואו איז דיין צימער? — פֿרעגט מיך מעקס.

— דאָס צימער איז איצט ניט אויפֿגעראַמט.... ס׳איז אַנגעוואָרפֿן — פּרוביר איך זיך דערקלערן אים.

— דאָס איז גאָרנישט... — נעמט זיך מעקס שפּאַנען גלייך אין דער אָפֿענער טיר צו מיין צימער.

— איך... אַז איך זאָג דיר עס איז דאָרט ניט צוגעראַמט... — שטאַמל איך. אָבער מעקס הערט מיך ניט און גייט אַריין אין מיין צימער. איך גיי אים נאָך.

— עס איז זייער אַ שיינער צימער ביי דיר — זאָגט מעקס און קוקט זיך אַרום און דערזעט דאָס גומענע קישקעלע הענגען אויף דער גאַז־רער.

— וואָס איז דאָס ביי דיר ?! — דערשרעקט ער זיך. איך גיב אויך אַ ציטער.

— דאָס... אַ גומענע קישקעלע...

— איך זע... אָבער וואָס טוט ,עס דאָ ?...

— איך... די באַלעבאָסטע האָט מיר געגעבן אַ גאַז־אויוון צו מאַכן פאַר זיך קאַווע...

— וואו זשע איז דער אויוון ?

— אין קיך...

— האָסט נאָך ניט געגעסן קיין איבערבייסן ?

— ניין...

— עס איז דאָך שוין איינס אַזייגער...

— מעקס — האָב איך געזאָגט מיט טרערן אין מיינע אויגן — איך האָב ניט פאַרוואָס צו עסן איבערבייסן...

— פאַרוואָס זשע בלאָפסטו מיך אָפּ ?... — האָט מיך מעקס אַרומ־גענומען און מיך געדריקט צו זיך — דו האָסט זיך געגרייט עפּעס אָפּצו־טאָן...

— עס וואָלט ניט געווען קיין גרויסער שאָדן...

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן !... — האָט מעקס געטאָן אַ ריס אַראָפּ דאָס גומענע קישקעלע מיט כּעס.

— מען דאַרף עס צוריק אַרויפטאָן אין קיך אויפן אויוון — זאָג איך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מעקס איז אַריין אין קיך און דאָס גומענע קישקעלע אַרויפגעטאָן, וואו עס האָט געדאַרפט זיין. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין מיין צימער.

— עס האָט מיך עפּעס געטאָן אַ טראָג היינט צו פאָרן צו דיר — זאָגט ער און פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל — ווי וואָלט געווען, אַז זאָלסט מיט מיר איצט פאָרן דאָרן טאָון.

— איך וועל פאָרן, אָבער מיט איין תּנאַי, אַז דאָס וואָס דו האָסט גע־זען זאָל בלייבן אַ סוד — זאָג איך.

— גוט.

— וואוהין גייען מיר ?

— דו קום נאָר מיט מיר.

איך האָב גענומען מיין ראָק און מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס. עס איז געווען אַ ליכטיקער זונטאָג. עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע רואיקייט האָט געהערשט אויף די גאַסן. מיר איז געווען מאָדנע ליכטיק אין די אויגן. איך בין איצט געווען אַ נייער מענטש...

מיר האָבן זיך אויפֿגעזעצט אויף דעם מעדיסאָן עוועניו טראַם און געפֿאָרן מיט אים ביז דילענסי און בויערי. די גאַנצע רייזע איז געווען אַזאַ דערפֿרישנדיקע. אַן אָפֿענער טראַם... עס האָט געשמעקט מיט רו, מיט קילע ווינטלעך, און מיט די טייכן, וואָס לויפֿן לענג־אויס אויף בײדע זייטן פֿון ניו־יאָרק.

אַפֿילו די שטענדיק־שמוציקע בויערי איז איצט געווען ריין און מען האָט ניט געזען כּמעט קיין שום פֿאַרוואָרלאָזטע מענטשן זיך וואַלגערן אויף די טראָטואַרן. מעקס האָט מיך געפֿירט צום זיידן אין שטוב און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. די באָבע האָט זיך דערפֿרייט מיט מיר און מיין ברו־דער מאָריץ האָט מיר געגעבן די האַנט און געדריקט זי זייער וואַרעם. דער זיידע מאָניס איז געווען אין שאָפּ ביי דער אַרבעט.

— ווען זיי זאָלן וויסן וואָס איך האָב זיך געקליבן צו טאָן?

— נו, ווי גייט עס דיר אין האַרלעם? — פֿרעגט די באָבע שבֿע.

— אַט...

— דו זעסט אויס אַזוי שלעכט...

— ווערליק האַרלעם האָסטו געדאַרפֿט אויסזען בעסער... — זאָגט זי.

— עס איז גאָר ניט, באָבע, ער וועט זיך פֿאַפּראַווען — זאָגט מעקס.

מיר זיינען אַלע דריי ברידער אַרויס און געגעסן אָנבייסן אין ריווינג־טאָן סטריט, דערנאָך זיינען מיר געפֿאָרן קיין קוני איילאַנד.

איך בין נאָך דאָרטן פֿריער ניט געווען.

מיר האָבן גענומען די פֿערי און אַריבער קיין ברוקלין און דאָרטן האָבן מיר גענומען אַן איבערגעפּאַקטע קאַר ביז צום דערשטיקט ווערן, און אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין קוני איילאַנד. מיר האָבן געדונגען באַד־קאָסטיומען און זיך געבאָדן אין ים. אָפּגעקילט זיך האָבן מיר זיך אָנ־געטאָן און געגאַנגען איבער די גאַסן און באַקוקט די וואונדער פֿון קוני־איילאַנד.

מיר האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם לופֿ־דע־לופּ, געזונגען און געשריען יאָגנדיק זיך באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. דערנאָך האָבן מיר זיך פֿאָטאָגראַפֿירט אַלע דריי, געגעסן קאָקאָשעס געפּרעגלט אין האָניק, און ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן זיינען מיר געפֿאָרן אַהיים.

מעקס האָט נאָך יענעם אָוונט געוואָלט פֿאַר מיר געפֿינען אַ צימער דאַון־טאַון.

דעם גאַנצן וועג פֿון קוני איילאַנד זיינען מיר געהאָנגען אויף די הענג־רימענס פֿון אַ קאַר, וואָס האָט אונדז געבראַכט צו דער ברוקלין־בריק, און

מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז איצט, זונטיק אָוונט, איז שוין צו שפּעט צו זוכן אַ צימער.

מאָריץ האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין געפינען דורך דער וואָך אַ צימער פאַר מיר און מעקסן. ער אַליין האָט געוואָלט בלייבן ביים זיידן אין שטוב. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע דאָלער אין קעשענע אַריין, אַז איך זאָל דערווייל האָבן מיט וואָס צו לעבן — ביז עס וועט זיך אָנהויבן אַרבעט.

מאָריץ מיט מעקסן האָבן ביידע געאַרבעט ביים צונויפנייען שטיקלעך שוואַרצן קאַראַקול און געמאַכט גרויסע געלטער. זיי האָבן זיך שוין גע־רעכנט אַלס די בעסטע בעל־מלאכות.

ווען איך בין שפּעט אין אָוונט געקומען אַהיים, האָב איך געפונען מיי־נע באַלעבאַטים אין הויז. זיי זיינען נאָר־וואָס געקומען פון דער עקסקורסיע און דערציילט מיט באַגייסטערונג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. די דאָזיקע עקסקורסיע איז געווען די איינציקע זומער־אונטערנעמונג, וואו די יידישע ראַדיקאַלע אַרבעטער האָבן זיך באַגעגנט איינמאָל אין אַ זומער אויפן פרייען האַדסאָן, אויף שיפן און אויף דער גרינער שיינער נאַטור...

אויף מאָרגן בין איך געפאָרן אין שאַפּ מיט אַ פרייען מוט. איך האָב זיך שוין פאַרגונען צו עסן אַן איבערבייסן פון אַ געפּרעגלט איי מיט קאַווע און זעמל.

גלייכצייטיק איז אויך אין שאַפּ פּלוצים געוואָרן צוביסלעך אַרבעט. די אַרבעטער אין איינעם מיט מיר האָבן זיך שטאַרק געפרייט, וואָס ענדלעך קומט שוין דער לאַנג־דערוואַרטעטער סעזאָן.

דער פאָרמאַן סעם, אַ געזונטער יונג מיט אַ רויט פּנים, און מיט געל־בלאָנדע האָר, האָט צווישן אונז געטיילט דאָס ביסל אַרבעט, וואָס עס איז געווען. ער האָט שוין צוגעזען, אַז יעדער איינער פון אונז „באָיעס" זאָל קריגן זיין חלק. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן יאַט און נאָר דער־ציילט מעשׂות ווי אַזוי ער הערשעוועט איבער זיין בלאָק... אין שאַפּ זיינען מיר געווען צוויי „שוואַכע באָיעס"... דאָס זיינען געווען יאָפּע און איך. די איבעריקע זיינען געווען יונגען פון סעמס שניט. איך מיט יאָפּען האָבן גאָר געלייענט ביכער אין שאַפּ... מיר האָבן גערעדט יידיש, ניט געקאָנט דערציילן קיין „דוירטי דזשאָוקס" און זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו די אַרבעטערינס אין שאַפּ.

סעם האָט דווקא פאַר אונז ביידע געהאַט גרויס דרך־ארץ. און בעת מיר זיינען געווען אין שאַפּ, האָט מען ניט געטאָרט ריידן קיין גראָבע רייד.

— די „שוואַכע באָיעס" קאָנען עס ניט פאַרטראָגן... — פלעגט סעם זיך ווייצלען אויף אונזער חשבון.

אין יענער צייט האָבן זיך צווישן די אַרבעטער אָנגעהויבן אַרומטראָגן געדאַנקען, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט גרינדן אַ יוניאָן.

די ערשטע צווישן די דאָזיקע גרינדער זיינען געווען קוילין, ראָזען, סיימאָן, רעזניקאָוו, יאַפֿע, באַבסקי און איך. און ווען מיר האָבן זיך פֿאַר־זאַמלט צום ערשטן מאָל איז אויך אונזער פֿאָרמאַן סעם געקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג און צוליב אים איז אויך געקומען אונזער גאַנצער שאַפּ. סעם האָט געהאַלטן אַ דרשה ווי וויכטיק עס איז צו האָבן אַ יוניאָן. כאָטש, זאָגט ער, איך בין אַ פֿאָרמאַן, פֿונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ יוניאָן, כדי צו וויזן די באָסעס אַ פֿייג...

עס איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע „ווייער פּרעים מעיקערס יו־ניאָן" און איך בין געוואָרן דער סעקרעטאַר.

דערנאָך זיינען אַוועק טעג גאַנצע מיט רייד וועגן דער יוניאָן ביי אונז אין שאַפּ.

סעם דער פֿאָרמאַן האָט געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט זיינע „באָ־יעס", אַז מען דאַרף אַ יוניאָן. אָבער די „באָיעס" האָבן נאָר געוואָלט אַ גוטע „קרעפּ" געים...

דאָס אַלץ וואָס זיי האָט געפֿעלט!...

צענטער קאַפּיטל

יענעם זומער האָב איך פֿאַרזוכט דעם ערשטן טעם פֿון אַ גענעראַל־סטרייק. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט פֿאָדערונגען פֿון 5 סענט אַ העכערונג אויף אַ טוץ, בעסערע באַהאַנדלונגען און בעסערע סאַניטאַרע קאָנדיציעס. דער גענעראַל סטרייק האָט כמעט ווי אָפּגעשטעלט די גאַנצע „ווייער־פּרעים"־אינדוסטריע. מיר וואָלטן זיכער געוואונען דעם סטרייק. נאָר לײדער האָט זיך דער סטרייק פֿאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק און קיין געלט האָבן מיר ניט געהאַט אין דער קאַסע פֿון דער יוניאָן. מיר האָבן אפֿילו ניט געהאַט פֿאַרוואָס צו דינגען אַ שטענדיקן האָל פֿאַר די סטרייקער. ווער שמועסט שוין פֿון קאָנען געבן אַ סטרייקער אַלע וואָך אַביסל געלט — סטרייק־בענעפֿיט...

די בעלי־בתּים האָבן געוואוסט, אַז מיר האָבן ניט קיין פֿאָנדן און זיי האָבן דעם סטרייק עקסטראַ פֿאַרצויגן. הכּלל, דער גענעראַל סטרייק איז פֿאַרלוירן געוואָרן און די פֿירער זיינען געוואָרן פֿאַרשריבן פֿון די בעלי־בתּים אויף אַ „בלעק־ליסט".

איך האָב אַ גאַנצן ווינטער ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט מחמת דעם וואָס איך בין געווען ביי די באַלעבאַטים אויפֿן בלעקליסט. ערשט אַרום פּסח־צייט האָב איך קוים געקראָגן אַ שאָפּ וואו צו אַרבעטן.

איך האָב שוין געוואוינט מיט מיין ברודער מעקס אין איין צימער און ער האָט זיך מיט מיר געטיילט מיט זיינע פֿאַרדינסטן. איך האָב יענעם ווינטער זייער פֿיל געלייענט און געשריבן.

אמת, איך בין ניט געווען צופֿרידן מיט מיינע אָנגעשריבענע זאַכן און איך האָב זיי צעריסן. איך האָב געוואָלט עפּעס אָנשרייבן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע האָט דאַן געהערשט די „סקיצע" (אָ, ווי פֿיינט איך האָב געהאַט אָט דעם נאָמען...).

אַלע האָבן געשריבן „סקיצעס". געוויינלעך האָבן זיך די סקיצן אָנגעהויבן מיטן לעבן פֿון יענער זייט ים און פֿאַרענדיקט דאָ אין אַמעריקע. עס איז געווען אַזאַ מין אָנגענומענער שאַבלאָן, און אַלע שרייבער דאָ אין אַמעריקע זיינען געגאַנגען מיט איין וועג... ווער עס האָט אַביסל מערער פּסיכאָלאָגיזירט... און ווער עס האָט געקאָנט, האָט באַזונגען אַ בוימעלע

ביים שטיבעלע אויף יענער זייט ים... און געגאָסן מיט ביטערע טרערן אויף דעם וואָס דאָ אין אַמעריקע איז נישטאָ דאָס בלימעלע מיטן שטי־בעלע, נאָר דאָס קאַלטע, גרויע טענעמענט...

מיר האָט זיך געוואָלט אָנשרייבן עפּעס נייעס. און איך האָב יענעם ווינטער אָנגעשריבן מיין ערשטע זאַך „שטריכן", וואָס איז טאַקע שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „וואָרהייט".

אַז איך האָב איבערגעלייענט די דערציילונג „שטריכן" פאַר מיין ברו־דער מעקס, איז עס אים זייער געפעלן געוואָרן. און איך בין מיט אָט דער זאַך אַוועק צו יואל ענטין. ענטין האָט דאַמאָלט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט מיט זיינע קריטישע אַר־טיקלען און ער איז געווען אַ קעמפער פאַרן נייעם, פּראָגרעסיוון וואָרט פון יענער צייט.

געוואוינט האָט ענטין ערגעץ אויף קלינטאָן סטריט און איך בין צו אים אַרויף אין אַ זונטיק פאַרמיטאָג. געטראָפן האָב איך אים אין אַ באַ־זונדערן צימער פון זיין אָרעמער היים. אין צימער זיינען געווען אַ בעטל, אַ טישל און אַ בענקל. אויפן טישל האָבן זיך געוואַלגערט ציטונגען, בי־כער און פּאַפּירן. ענטין האָט זיך מיר געהייסן צושפּאַרן אויפן בעטל.

— וואָס גוטעס? — האָט ער געשמייכלט מיט זיינע גרויסע אויגן פון הינטער זיינע ברילן. ער האָט זיך געגלעט זיין האָרלאָזן קאָפּ און גע־קנייטשט מיט זיין גרויסן שטערן.

— איך האָב געבראַכט אַ דערציילונג... — האָב איך קוים געקאָנט ריידן פון גרויס אויפרעגונג, וואָס איך האָב געפילט אין דער אָנוועזנקייט פון אַזאַ גרויסן מענטשן.

— נעמט און לייענט — זאָגט ענטין.

איך שלעפּ אַרויס פון קעשענע דעם מאַנוסקריפּט און דערלאַנג אים ענטינען. ער זאָגט מיר גלייך: — אַ שיינע האַנטשריפט ביי אייך!

ער הויבט אָן לייענען און זיין פּנים ווערט ווי באַשיינט מיט אַ שמיי־כעלע. ער רייסט ניט אָפּ די אויגן פון דעם מאַנוסקריפּט און מישט די בלעטלעך מיט אַפּעטיט...

איך דערפיל, אַז מיין זאַך געפעלט ענטינען און איך טרעט צוביסלעך אַריין אין דער ראַליע פון אַ באַאָבאַכטער. איך באַטראַכט ענטינס געזיכט, זיין אויסערגעוויינלעכן, גרויסן שטערן און זיין וואָגיקע, לאַנגע נאָז, זיינע פאַרזשמורעטע אויגן און דאָס אָרעמע העמד, וואָס ער טראָגט מיט דעם גומענעם, וויס־געלן קאָלנער און מיט דעם קליינעם שניפּסעלע, וואָס האָט קאָמיש געשטעקט אין קאָלנער און פון דעם אַלעמען האָט זיך געפילט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ מאַרטירער.

דאָס צימערל מיט די גרינע ווענט און דאָס איינציקע פֿענסטער דורך וועלכן עס האָט זיך גראָד געזען ווי עס פֿאַלט אַ שניי, האָבן אויך עדות געזאָגט, אַז דאָ איז פֿאַרשפּאַרט אַן אײדעלע נשמה, וועלכע מען מאַטערט מיט אומגעוויינלעכע יסורים.

— נו — האָט ענטין איבערגעריסן מיין טראַכטן — עס איז דאָ אַ סך פֿייער ביי איך. איז עס אייער ערשטע זאַך?

— כמעט.

— איך וועל זען צי מ׳קאָן זי אָפּדרוקן אין דער „וואַרהייט“ — זאָגט ענטין און שטרעקט אויס אויף מיר זיינע גרויסע אויגן דורך די ברילן — אויב איר וועט דערלויבן...

— מיט פֿאַרגעניגן — זאָג איך.

— ווי לאַנג זייט איר אין אַמעריקע?

— שוין באַלד צוויי יאָר.

— אַן אַרבעטער?

— יאָ.

— און ווען שרייבט איר?

— אין די זונטיק.

— זייער פֿיין... זייער פֿיין... שרייבט אַן אַ פּאָר זאַכן און גייט אַרויף צו דוד פּינסקין. ער וועט איך אויפֿנעמען גוט. ער איז רעדאַקטאָר פֿון דעם וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער“.

— איך דאַנק איך פֿאַר דער עצה — זאָג איך, און הויב זיך אויף צום גיין. איך קנייטש מיין קאַפּעליוש מיט מיינע הענט פֿון גרויס אויפֿרעגונג.

— קאָנט איר מיר געבן פּינסקיס אַדרעס?

ענטין גיט מיר פּינסקיס אַדרעס און הויבט זיך אויף און דריקט מיר מיין האַנט און זאָגט: — שרייבט. איר האָט פֿייער...

איך בין אַרויס אַ פֿאַרשוויצטער און אַ צעמישטער פֿון ענטינס צימער און האָב געדאַרפֿט דורכגיין אַ לאַנגן קאָרידאָר און געמוזט אַריינקומען אין קיך, וואו די מרס. ענטין איז געווען פֿאַרנומען מיט קינדערלעך. זי האָט פֿונדעסטוועגן מיך געפֿרעגט צי איך האָב גוט אָפּגעשניטן.

— זייער גוט! — האָב איך געענטפֿערט אַ פֿאַרפּלאָנטער.

— ניט אַלע האָבן ביי אים מזל...

זי האָט געוויזן אויף ענטינס צימער — קומט אָפּטער.

— גוד באַי!

איך בין אַרויס אין גאַס. דער שניי האָט געשאָטן און איז געפֿאַלן ווי קליינע פּוכקע נאַסע פֿעדערלעך און אַזוי שנעל ווי ער האָט אַנגערירט דעם

טראַטואַר איז ער צעגאַנגען. איך בין געלאָפן אַהיים. מיין ברודער מעקס האָט געוואַרט אויף מיר.

מיר האָבן געוואוינט אין אַ צימער ביי איינער אַ מרס. שטערנטאַל אויף דער צווייטער גאַס און עוועניו איי. ביי איר זיינען געווען 3 מיידלעך, אינטעליגענטקעס פון דער היים, וועלכע האָבן דאָ געאַרבעט אין שעפּער. זונטיק זיינען זיי געווען אין דער היים און גערייניקט דאָס הויז.

איך בין אַריינגעפאַלן אין שטוב, בשעת זיי אַלע דריי זיינען געווען אין פּאַטשיילעס און יעדע איינע האָט געהאַלטן אין האַנט אָדער אַ בעזים אָדער עפּעס אַ שמאַטע. איך האָב געמוזט דורכגיין זייער קיך און זייער עס־צימער, כדי צו קאָנען אַריינקומען אין מיין צימער און עס איז מיר געווען זייער שווער דאָס צו טאָן. איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז איך שטער זיי. אָבער זיי, פאַרקערט, האָבן דווקא הנאה געהאַט פון דעם און יעדעס מאָל, וואָס איך פלעג וועלן דורכגיין דורך זייער היים, האָבן זיי מיט מיר געזוכט צו פאַרפירן אַ שמועס.

איצט, קומענדיק פון ענטינען אַזאַ באַגייסטערטער און צעמישטער, ווען איך האָב נאָר געעפנט די טיר, זיינען מיך אַלע דריי שוועסטער באַפאַלן:

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— ווער? — פרעג איך. איך האָב זיי ניט געזאָגט, אַז איך גיי צו ענטינען און זיי ניט דערציילט, אַז איך שרייב.

— מיר ווייסן... מיר ווייסן... מעקס האָט אונז דערציילט.

— אַ, איר ווייסט?

— וואָדען, מיר ווייסן ניט?! וואָס האָט ער געזאָגט?

— אים איז זייער געפעלן געוואָרן... רויטל איך זיך.

די דריי שוועסטער האָבן אַזש אָנגעהויבן צו טאַנצן פון פרייד.

— אים איז געפעלן!

— מעקס, אים איז געפעלן!

— מיר וועלן האָבן דעם האָנאָר, אַז ביי אונז אין אַ צימער, האָט איר אָנגעשריבן אַ גוטע זאַך! — האָט זיך געפרייט בעקי, דאָס עלטערע מיידל, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל מיט אַ ביינערדיקן פּנים, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ ציגיינערישן.

מיין ברודער מעקס איז אויך אַרויס פון אונזער צימער און זיין פּנים איז געווען צעלויכטן פון פרייד.

— האַ, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

הכלל, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט קויפן אַלע טאָג די „וואָרהייט". אַלע דריי מיידלעך האָבן געקויפט יעדן טאָג די „וואָרהייט" און

געזוכט מיין דערציילונג. מיין ברודער מעקס האָט אויך יעדן טאָג געקויפט אַ צייטונג און געזוכט מיין דערציילונג.

איך אַליין האָב אויך געקויפט יעדן טאָג אַ צייטונג און געזוכט מיין זאַך...

ערשט נאָך פסח, ווען איך האָב שוין כמעט ווי געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען מיין זאַך געדרוקט, האָט פּאַסירט, אַז אין אַ שבת נאָכמיטאָג זיצט אַזוי מעקס און לייענט די „וואַרהייט" און גיט פּלוצים אַ געשריי: — ס'איז דאָ!...

— וואָס איז דאָ? — פרעג איך.

— דיין דערציילונג איז אָפּגעדרוקט, נאָר עס איז אונטערגעשריבן אַן אַנדער נאָמען. איך כאַפּ די צייטונג און געפין מיין ערשטע זאַך געדרוקט. אָבער אַנשטאָט מיין נאָמען איז פאַראַן דער נאָמען „רובין".

עלפטער קאפיטל

עס איז געווען פרילינג, 1906, ווען מיין ערשטע דערציילונג האט זיך אפגעדרוקט אין דער ניו־יארקער „ווארהייט״ אונטערגעשריבן דורך א טעות מיטן נאמען רובין און איך האב באלד אריינגעשריבן א קארטל און פאררריכט דעם דאזיקן טעות.

אבער איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון פרייד. און וואו איך האב יענעם טאג געזען א צייטונג־סטענד האב איך זיך אוועקגעשטעלט און זיך צוגעקוקט צי מען כאפט די „ווארהייט״. צו מיין גרויס שטוינען האב איך עפעס ניט באמערקט, אז מען זאל זיך רייסן איבער דער צייטונג. איך אליין האב געקויפט עטלעכע נומערן און אויסגעשניטן מיין דערציילונג און זי באהאלטן.

איך האב זיך שוין געזעצט צום טישל שרייבן גאר מיט אן אנדער מין חשק. מיין ברודער מעקס, וועלכער איז מיט מיר געשטאנען אין איין צי־מער, האט מיר אלע אוונט אפגעטראטן דאס צימער און ער איז אוועק אין זיבעטער גאס פארק ביז שפעט אין דער נאכט.

די באלעבאסטע, מרס. שטערנטאל מיט אירע דריי מיידלעך האבן שוין אויך געוואוסט, אז איך זיץ און שרייב. און זיי זיינען אויך באלד נאך ווע־טשערע אוועק פון שטוב.

אזוי האב איך געארבעט א שיינע עטלעכע אוונטן, און איך האב אנגע־שריבן מיט אמאל דריי דערציילונגען. אזוי שנעל ווי א דערציילונג איז פארטיק געווארן, האב איך זי געלייענט פאר מיין ברודער מעקס, און ער איז אזש געשפרונגען פון פרייד.

אז איך האב שוין אלע דריי דערציילונגען איבערגעשריבן צו עטלעכע מאל און אריינגעלייגט אין זיי מיינע בעסטע כוחות, האב איך זיי ערשט איבערגעלייענט פאר מיין שאפ־חבר יאפע. מיר האבן שוין דעמאלסט ניט געארבעט אין שאפ, נאר מיר זיינען געווען אזוינע גוטע־פריינט, אז מיר האבן ביידע גאר ניט געטאן ביז מיר האבן זיך ניט דורכגעשמועסט פריער. יאפע האט דעמאלט געשריבן פובליציסטיק און געדרוקט זיך אין א ציוניס־טיש וואכנבלאט. ער איז געווען א ציוניסט. פלעגט ער פאר מיר לייענען זיינע ארטיקלען. און איך האב פאר אים געלייענט מיינע דערציילונגען.

ווען יאַפּע האָט איבערגעלייענט מיינע דריי דערציילונגען האָט ער מיך אַזש געוואָלט קושן.

—דו גייסט מיט זיכערע טריט!... — האָט ער צו מיר געזאָגט — און מירן נאָך דערלעבן פון דיר אַ סך נחת...

איך האָב געשריבן דוד פּינסקין אַ בריוו, אַז איך בין אַן אָנפאַנגער און וויל צו אים קומען מיט מיינע דערציילונגען. עס איז מיר אָנגעקומען פון אים אַן ענטפער מיט אַ פערלדיקן כתב, אַז איך זאָל צו אים קומען אין אַ מיטוואָך בייטאָג צווישן 2 און 4.

און אַזוי ווי אין שאַפּ איז סיי־ווי־סיי ניט געווען קיין אַרבעט בין איך אַוועקגעפאָרן צו דוד פּינסקין.

איך קום צופאָרן אַהין און געפין אים זיצן אין אַ זייער שיינעם קאַבי־נעט מיט אַ טיש אין דער מיט און דער טיש איז פאַרוואָלגערט מיט פּאַפּירן. פּינסקי זיצט ביים טיש. אין קאַבינעט זיינען דאָ פאָטעלן און שאַפעס מיט ביכער.

פּינסקי נעמט מיך אויף זייער וואַרעם. ביי מיר קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; מיינע הענט שוויצן און איך בין צעטומלט.

ער הייסט מיר זיצן. און איך שלעפּ אַרויס דריי מאַנוסקריפּטן און דערלאַנג זיי פּינסקין. ער נעמט זיי ביי מיר און קוקט זיי אָן.

— גאַנצע דריי מיט אַמאָל?! — זאָגט ער.

— איך... אפשר... וועט איר אויסקלייבן... — שטאַמל איך.

— דאָס זיינען אייערע ערשטע זאַכן?

— כמעט.

— שוין ערגעץ געדרוקט?

— אין דער „וואַרהייט", איין זאַך.

— אַ בעסאַראַבער?

— יאָ.

— פון וואַנען?

— פון רישקאָן.

— מיין פרוי איז אויך אַ בעסאַראַבער — זאָגט ער — און ווי לאַנג זייט איר אין אַמעריקע?

— שוין באַלד צוויי יאָר — ענטפער איך.

— און וואָס טוט איר כדי צו מאַכן אַ לעבן?

— איך אַרבעט אין אַ שאַפּ.

— ביי וואָס?

— ביי דאַמען־היטלעך.

— און ווען שרייבט איר?

— אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט.

— פֿאַלט עס אײַך ניט שווער?

— ניין.

— איר קאָנט שוין עמיצן פֿון די יידישע שרייבער?

— נאָר יואל ענטין.

— און מאַני לייבן קאָנט איר?

— ניין, זי קאָן איך ניט...

— מאַני לייב איז ניט קיין זי... — לאַכט פינסקי — ער איז אַ יונגער־מאַן פּונקט ווי איר און ער איז אויך אַן אַרבעטער.

— און איך האָב געמיינט, אַז מאַני לייב איז אַ פֿרוי — זאָג איך אַביסל אַ פֿאַרוויטלטער.

דערווייל איז אָנגעקומען פינסקיס פֿרוי און ער האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר איר, אַז איך בין אירער אַ לאַנדסמאַן. זי האָט מיר געדריקט די האַנט און געקוקט פֿאַרדעכטיקט אויף מיין פּנים. ביי מיר, אויף איין זייט פֿון דער נאָז, איז געווען אַ גרויסע שוואַרצע באַראָדעווקע. דאָס איז ביי מיר געקומען פֿון די גיפּסענע בלאָקס אויף וועלכע איך האָב געאַרבעט. מען האָט זיי געדאַרפֿט אַלע ווײַלע אָפּלאַקירן מיט „שעלאַק". און דאָס האָט דאָך דעם באַלעבאָס געדאַרפֿט קאָסטן געלט... האָט מען די בלאָקס ניט לאַקירט און דער גיפּס האָט זיך געקרישלט, און פֿון דעם איז ביי מיר געוואָרן באַ־ראָדעווקעס אויף אַלע פֿינגער און אויך איינע אויף דער לינקער זייט פֿון דער נאָז...

די מאַדאַם פינסקי האָט מיר גאָר ניט געזאָגט; זי איז אָוועק אין אַן אַנדער צימער און פינסקי האָט מיט מיר ווייטער געפֿירט דעם געשפּרעך.

— טראַכט איר עפּעס וועגן אַ גרעסערער אַרבעט? — האָט ער גע־פֿרעגט.

— ניין.

— איר דאַרפֿט זיך פֿאַרטראַכטן וועגן אַ גרעסער ווערק. עס זיינען דאָ ביי אונז צופֿיל קליין־קינסטלער. אונזער ליטעראַטור ווערט צעפּיצלט אין עקסקיזן און בילדלעך. מען דאַרף פּרוּוון געבן דאָס גרויסע ווערק: דעם ראָמאַן, די דראַמע, די פּאָעמע.

— עס וועט מסתּם קומען דער שריפֿטשטעלער. וואָס וועט עס קאָנען טאָן... איך בין ערשט אַן אָנהויבער... — זאָג איך.

— איר האָט זייער אַ שיינע מעלה: באַשיידנקייט — זאָגט פינסקי.

— דאָס איז אמת.

— איר וואָלט זיך געדאַרפֿט באַקאָנען מיט די שריפֿטשטעלער, וועלכע קומען אַריין צו אונז. זיי זיינען שוין ניט אַזוינע באַשיידענע, אָבער עס

שאַדט ניט... אַ שרייבער טאָר ניט זיין צופיל באַשיידן — גיט מיר פינסקי די ערשטע לעקציע וועגן שרייבער. פּלוצים דערמאָנט ער זיך און פרעגט:

— ווי לייגט איר אויס אייער נאָמען?

— ראַבוי.

— דאָס קלינגט צופיל העברעאיש.

— אַזוי האָט געהייסן מיין זיידע, מיין טאַטע...

— איך וואָלט געראָטן, אַז איר זאָלט אויסלייגן אייער נאָמען: ראַבאַי, ניט ראַבוי.

— ראַבאַי? נו, וואָס איז דען אין אַ נאָמען?

— ראַבאַי וועט זיין גרינגער אי פאַרן לייענער און אויך פאַר אַלעמען. עס וועט קלינגען: ראַבאַי!

און איך האָב אָנגענומען פינסקיס עצה און האָב דערנאָך געהאַט גע־ברענטע צרות. נאָך עד־היום מיינען מענטשן, אַז איך בין אַ „ראַבאַי", און ווייסן ניט ווי אַזוי אויסצורײדן מיין נאָמען. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דוד פינסקין...

מיר וועלן זיך צוריק אומקערן צו יענעם ערשטן טאָג, ווען איך בין געווען ביי פינסקין אין הויז. ווי אַזוי מען האָט מיך איינגעלאַדן טרינקען אַ גלאָז טיי. איך האָב זיך זייער געשעמט פאַר דער רייכקייט, ווי אַזוי עס איז סערווירט געוואָרן די טיי, און איך האָב פון צעטומלטקייט איבערגע־קערט מיין גלאָז טיי אויפן ווייסן טישטוך און שיינעם טיש...

איך בין שוין קוים, מיט צרות און מיט לייד, אַוועק פון דאָרטן, און זיך אַליין געהאַסט, פאַרוואָס איך בין אַזאַ פּרא־אדם. און עס איז ניט אַוועק קיין צוויי טעג, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון דוד פינסקין, און ער האָט מיר געשריבן, אַז מיין „צוויי אויגן, (דער נאָמען פון מיין דערציילונג) וועט „אַרייך" אין דרוק נאָך היינטיקע וואָך, און אויך די אַנדערע צוויי דערציילונגען וועלן זיך דרוקן אין וואָכנבלאַט, און אַז איך האָב טאַלאַנט, און אַז ער לייגט זייער אַ סך האָפענונג אויף מיר. הכלל — איך זאָל שרייבן און ברענגען...

— אויב עס איז דאָ גליק אויף דער וועלט, האָב איך עס געהאַט יע־נעם אָוונט.

וויפיל מאָל איך האָב געלייענט דעם בריוו!

איבערהויפּט איז מיין ברודער מעקסן געווען געפעלן, וואָס אַזאַ גרויסער „פיסאַטל" מאַכט שוין מיט מיר „פּאַניע־בראַט": — אייער „צוויי אויגן" וועט „אַרייך"...

הכלל, איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט.

צוועלפֿטער קאַפּיטל

איך בין באַלד נאָך וועטשערע אַוועקגעפֿאָרן צו מאיר בלינקין. ער האָט געוואוינט אין האַרלעם. און ווען איך בין אַריין אין צימערל, וואו בלינקין האָט געוואוינט, איז מיר אַזש פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ס׳איז געווען אַ געוויינלעך אַמעריקאַניש צימערל. אין אַ וויגעלע איז גע־לעגן אַ קינד. איבער אַ בלעכענער וואַנע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בענקל, איז געשטאַנען אַ פֿרוי און האָט געוואַשן גרעט. איבער דער לענג פֿון צימערל איז געווען געצויגן אַ שטריק און אויפֿן שטריק האָבן זיך שוין געטריקנט ווינדעלעך. אויף איין וואַנט, אַ גאַז־רער באַלויכטונג. עס איז געשטאַנען אַן איינגעוואַליעט בעט און ביים איינציקן פֿענצטער — אַ טי־שעלע.

— גוטן אָוונט — זאָג איך — דאָ וואוינט מאיר בלינקין?

— יאָ, דאָס רעדט מיט אייך מאַדאַם מאיר בלינקין — הויבט די פֿרוי אויף איר פּנים פֿון דער באַליע מיט גרעט. עס איז אַ בלוטלאָז פּנים מיט בלאָנדע לאָקן באַדעקט — בלינקין וועט באַלד זיין צוריק. איר זייט ראַ־באַי, איך ווייס, בלינקין האָט מיר געזאָגט, אַז ער דערוואַרט אייך. זעצט זיך צו אויפֿן בעט.

איך האָב איר געוואָלט געבן די האַנט, אָבער זי האָט מיר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט. זי האָט זיך גענומען וואַשן איר גרעט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג פֿונם צעוואַליעטן בעט, פּונקט לעבן וויגעלע. דאָס קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע, איז געווען געל און בלוטלאָז. עס איז געשלאָפֿן מיט אַן אָפֿן מיילכעלע און מיט אַ קורץ העמדעלע, אַ צעריסנס. פֿונם וויגעלע און דעם בעטגעוואַנט האָט געשמעקט שוויס, אָרעמקייט. פּלוצים האָט דאָס קינד אָנגעהויבן וויינען.

— אַז איר ווילט, ראַבאַי, גיט אַ שאָקל ס׳וויגעלע — זאָגט מאַדאַם בלינקין. איך האָב שוין סיי־ווי געטאָן אַט די אַרבעט. איך האָב געטראַכט צו זיך אַליין, אַז אָט איז אַ יונגער יידישער שרייבער . . . ווי אָרעם עס לעבט זיך אים.

מאיר בלינקין איז אָנגעקומען. אַ געזונטער יונגערמאַן פֿון אַ יאָר דרייסיק. אַ געפּילפּול פּנים מיט ברייטע באַקן־ביינער. שוואַרצע האָר וואָס זיינען צעפּאַטלט און לאָזן פּאַסמעס אויפֿן געזונטן קאַרק. צוויי טיפֿע, ברוי־

נע אויגן מיט בלויע רינגען אַרום פֿון ניט דערשלאָפֿן. צוויי געזונטע הענט מיט ברייטע פֿינגער. ער גיט אַ טרייסל מיין דעליקאַט הענטל און זאָגט: דאָס קוועטשט אייך דער סטאָליאַר בלינקין, ניט דער שרייבער.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען — זאָג איך און זעץ זיך צוריק אויפֿן ברעג פֿון בעט.

— דער פּרא־אדם איז נאָך נישט געווען? — פֿרעגט בלינקין זיין ווייב.

— נאָך ניט.

— מען דאַרף, טייערע, מאַכן טיי און עפּעס צובייסן.

— אַט באַלד, איך ענדיק דאָס געוועש.

— נו, ראַבאָי, זאָגט דעם אמת, איר האָט עפּעס געלייענט מיינע זאַכן?

— געלייענט ערגעץ אין אַ צייטונג — זאָג איך — אָבער כ׳געדענק ניט וועגן וואָס איר האָט געשריבן.

— וועגן וואָס איז ניט וויכטיק... וויכטיק איז צי כ׳קאָן שרייבן. איך בין דער איינציקער, וואָס קאָן זיי אַלעמען אַרויסשאַרן פֿונם אַרבל... אין מיינע זאַכן דערפֿילט מען באַלד דעם סטאָליאַר. אַנטשולדיקט! וואָס איז אייער מלאכה?

— איך אַרבעט ביי דאַמען־היטלעך.

— נו, געלייענט אייער „נשמות, וואָס צאַפּלען זיך" און דווקא ניט געפֿילט אין אייער שרייבן, אַז איר זייט אַ היטל־מאַכער... עס איז מסתּם ניט קיין אַרבעט... אַט אַ סטאָליאַר! איך הובליעווע יעדעס וואָרט... ביי מיר איז די פּסיכאָלאָגיע אַזוי טיף ווי מיט אַן עקבער... און יעדע שורה איז אויסגעטאָקט ווי מיט אַ טאָקער...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאָזט? — מישט זיך אַריין פֿרוי בלינקין.

— אָ, יעס, מיט מיין פֿרוי זייט איר שוין באַקאַנט? — דערמאָנט זיך בלינקין און גיט זיך אַ שאַר מיטביידע הענט די צעפּאַטלטע שוואַרצע האָר.

— מיר זיינען שוין באַקאַנט — זאָג איך.

די פֿרוי האָט דערווייל אויפֿגעהאַנגען דאָס געוועש אויפֿן שטריק און דאַן האָט בלינקין געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען גוט זיך פֿריער אַביסל דורכצושפּאַצירן אין סענטראַל פּאַרק.

די בלינקינס האָבן מיטגענומען זייער קינד מיטן וויגעלע. און מיר זיינען געגאַנגען אין פּאַרק. די גאַנצע צייט האָט בלינקין גערעדט וועגן זיינע זאַכן און וועגן די דאַמאָלסטדיקע יידישע שרייבער. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ טשודאַק.

— נו, מירן גיין אַהיים און עפּעס אַרויפֿנעמען צום צובייסן.... בלינקין האָט געזוכט אין זיינע קעשענעס און האָט דאָרט גאַרנישט געפֿונען.

— אפשר קאָנט איר מיר געבן אַ גמילות־חסדל? — ווענדט ער זיך צו מיר.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך — און איך נעם אַרויס געלט און גיב אים.

— איך דאַרף מאַכן אַ דזשאָב דאַון טאַון, וועל איך אייך אָפּצאָלן.

— ס'אָל רייט...

בלינקין איז אויפן וועג אַהיים אַריין אין אַ שפּייז־קראָם קויפן עפּעס צום עסן.

— אייך לאָז איך איבער מיט מיין פרוי — האָט ער געזאָגט מיט וואָרנונג אין זיין שטים און ווי האַלב אין שפּאָס — גיט אויף איר אַכטונג...

מיר זיינען געבליבן שטיין אין פראָנט פון שפּייז־קראָם און איך האָב ניט געוואוסט וואָס עפּעס גוטעס צו זאָגן אָט דער אויסגעמאַטערטער פרוי פון אַ יידישן שרייבער. איך האָב באַמערקט, ווי זי נעצט מיט איר צונג די פאַרדאַרטע ליפּן.

— אַ שיינער אָוונט — האָב איך ענדלעך געזאָגט.

— יע... — האָט זי קורץ געענטפערט. זי האָט געטאָן אַ שטילן זיפץ. דאָס קינד אין וויגעלע איז געווען אומרואיק און זיך געקאַטשעט פון איין זייטעלע אויפן צווייטן און שטיל געפּישטשעט ווי אַ קליין פויגעלע.

בלינקין איז דערווייל אַרויס פון קראָם מיט גאַנצע פּעק. און מיר זיינען דערנאָך צוריק אַרויף צו זיי אין צימער.

פרוי בלינקין האָט ביי איר באַלעבאָסטע אין קיך אויפגעקאָכט טיי און בלינקין האָט צעשניטן אַ ברויט און אָנגערייפטלט אַ סך וואורשט. מען האָט זיך באַזעצט ביים טישל און געגעסן. איך האָב צוליב זיי אויך גענומען אַ שטיקל ברויט מיט וואורשט, כאָטש איך בין ניט געווען הונגעריק.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— דער פרא־אדם גייט! — זאָגט בלינקין.

עס איז אַריין אַ קליינטשיקער יונגערמאַן מיט אַ קיילעכיק קאָפּעליושל אַ פאַרשמאַלצעוועטס, מיט אַ קליין ווייס־בלייך פּנימל אָן אויסגערונדעטס, מיט אַ מאָדנעם צעקנייטשטש און פאַרקנעפּלט רעקל און מיט קורצע הענט און פיס.

— דאָס איז דער באַרימטער ידידיה מרגלית — שטעלט אים בלינקין פאָר פאַר מיר.

— נאָר אָן דעם „בארימטן" — זאָגט ידידיה מרגלית און גיט מיר זיין קורץ ווייס הענטל.

— זיצט און כאַפּט אויך אַ קיי — זאָגט בלינקין, און צו מיר — איר זאָלט זיך היטן פֿאַר אים... ער שרייבט קריטיק אויך...

ידידיה מרגלית האָט זיך בשעת מעשה אויסגעקנאַקט זיינע פֿינגער און געשמייכלט מיט זיינע קרענקלעכע אויגן אין זיך אַריין.

— ער מיינט, אַז אַלע דאַרפֿן פּונקט אַזוי מורא האָבן פֿאַר קריטיקער ווי ער האָט מורא — זאָגט ידידיה מלגלית מיט אַן אויפֿגעשטעלט קעפּל און נאָך אַלץ אַנגעטאָן אין קיילעכדיקן קאַפּעליושל.

— פּרא־אדם, פֿאַרוואָס נעמט איר ניט אַראָפּ דעם הוט? — גיט בלינקין אים אָפּ פֿאַר זיין שטאָך־וואָרט.

ידידיה נעמט דאַן אַראָפּ זיין קאַפּעליושל און זעצט זיך אַוועק לעבן מיר אויפֿן בעט.

— כ'האָב געלייענט אייערע דערציילונגען און זיי געפֿעלן מיר זייער!

— אַ דאַנק.

— מען דאַרף אייך דאַנקען, ניט מיר, פֿאַר געבן אונז אַזוינע שיינע זאַכן. ווירקלעך, עס איז אַ דערקוויקונג צו לייענען אַזעלכע זאַכן אין אונזער אָרעמער יידישער ליטעראַטור.

—איר זעט! — רופֿט זיך אָן בלינקין — עס באַצאָלט זיך צו שרייבן שיין... יאָ, אגב, איך האָב צו אייך אַ גרוס פֿון דער מאַדאַם פּינסקי. זי בעט אייך, אַז איר זאָלט אַראָפּשניידן די באָראָדעווקע פֿון אייער נאָז.

איך בין מאָמענטאַל געוואָרן רויט און עס איז מיר ניט געווען באַקוועם דאָס, וואָס איך האָב זיך פֿאַרשעמט. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿונם בעט און בין זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם קליינעם שטח פֿון דעם צימערל און דערנאָך האָב איך פֿאַררויכערט.

— פֿאַרוואָס זעט מען אייך ניט צווישן שרייבער? — פֿרעגט מרגלית.

— איך האָב ניט קיין צייט. איך אַרבעט אין אַ שאַפּ.

— נו, איז וואָס? אָט אַרבעט איך אויך אין אַ שאַפּ. פֿונדעסטוועגן קום איך צווישן שרייבער.

— איך האָב ניט קיין צייט, — וויל איך זיך אַרויסדרייען פֿון דעם ענין.

— מען דאַרף זיך שאַפֿן צייט. דאָס אויסטוישן פֿון מיינונגען און די שרייבערישע אַטמאָספֿערע איז נויטיק פֿאַר אַ יונגן שרייבער ווי לופֿט פֿאַר די לונגען.

— אָבער איך אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט ווילט זיך לייענען און אַמאָל שרייבט זיך אויך — בעט איך זיך ביי מרגליתן.

— טאַמער איז נאָך פֿאַראַן אַ געזונטער שרייבער, וויל ער אים אויך קאַליע מאַכן — מישט זיך אַריין בלינקין — לאָמיר בעסער רעדן פֿון פֿריילעכערע זאַכן. האָט איר עפּעס אָנגעשריבן אַ ניי ליד? נעמט און לייענט... אַניט וועל איך לייענען...

דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן ביידע געלייענט. בלינקין האָט גע־לייענט אַ דערציילונג און מרגלית — אַ ליד. און איך האָב געדאַרפֿט זיין דער מבין.

דרייצנטער קאַפּיטל

און מיר זיינען געווען פינף ברידער אין אַמעריקע. און מיר האָבן אַלע פינף געאַרבעט און צונויפגעלייגט געלט. און ווען די עלטערן האָבן געדאַרפט אָנקומען, האָבן מיר געדונגען אַ דירה פון זעקס צימערן, אויף אַטוירני סטריט. דאָרטן איז געווען אַ שיינער בלאָק מיט הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט דאָקטוירים און דאָרטן איז אויך געווען אַ פּאָסט־אָפיס. עס איז איז ניט געווען קיין רויש און עס איז געווען זייער אַ ריין געסעלע.

און אין מיטן יאַנואַר, 1907, זיינען די עלטערן אָנגעקומען. און מיר האָבן שוין געהאַט די דירה מיט מעבל פאַרטיק.

איך מיט מיין ברודער מאָריץ זיינען געפאָרן אַראָפּנעמען די עלטערן פון עליס איילאַנד און האָבן זיי געבראַכט אין אַטוירני סטריט. און דעם טאַטן מיט דער מאַמען איז שטאַרק געפעלן די נייע היים. דער טאַטע איז געווען אַ פּופּציקער און די מאַמע אין די פערציקער. און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בעט־געוואַנט און אַ סאַמאָוואַר און זילבערנע לייכטער, אויך היימישע ליילעכער און ציכן, האַנטעכער און טישטעכער.

און צו אונז אין שטוב האָבן גענומען קומען לאַנדסלייט אָפּצונעמען גרוסן פון רישקאָן. און עס האָט זיך געטומלט אין שטוב עטלעכע וואָכן.

די צוויי קלענערע ברידערלעך האָבן מיר אָוועקגעפירט אין פּאָבליק־סקול און די צוויי עלטערע, כאָצקעלע מיט לעווען, האָט מען אָוועקגעפירט זיך לערנען ביי „פּאָר"[1] און אַז דער טאַטע איז אַזוי אַרומגעגאַנגען „ליידיק" אַ פּאָר וואָכן האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל אויך עפּעס טאָן. און מיר אַלע ברידער האָבן באַשלאָסן, אַז ער זאָל מאַכן אַ שאַפּ אין בליקער סטריט.

דער טאַטע האָט שוין געהאַט צונויפגעלייגט עטלעכע צענדליק דאָלער. מיר פלעגן ברענגען אונזערע קאָנווערטעלעך און אים אָוועקגעבן. און ער האָט געגעבן דער מאַמען אויף הוצאות און געצאָלט דירה־געלט. און אים איז נאָך געבליבן געלט.

און איין שיינעם זונטיק זיינען די ברידער, די פאָריער, אָוועק מיט אים אין בליקער סטריט און געדונגען אַ שאַפּ און געקויפט דריי פיר אַלטע מאַשינען, און געקויפט סחורה, אַזוינע שטיקלעך „פּאָר". פון די דאָזיקע שטיקלעך האָט מען צונויפגענייט אַזוינע פּאַסן אַ פוס די לענג און 4 אינ־

---

[1] „פּאָר" — פוטערוואַרג.

טשעס די ברייט. די דאָזיקע פּאַסן האָט מען גערופֿן „פּאָר־בענדס״, און מען האָט זיי גענוצט פֿאַר ווינטערדיקע היטלען אָדער פֿאַר פּאָר־קאָלנערס אויף ווינטער־מאַנטלען.

נחום, הושיקע, לעווע און כאַצקעלע האָבן זיך געזעצט אַרבעטן ביים טאַטן אין שאַפּ. און דאָס געשעפֿט איז אַוועק אַ גאַנג. דער טאַטע האָט שוין געגעבן טשעקס און געחתמעט זיין נאָמען „היימאַן ראַבאַי״ — פֿון יוסף־חיים איז געוואָרן „היימאַן״.

אונזער הויז האָט זיך אין אַמעריקע געפֿירט כמעט ווי אין רישקאַן. די מאַמע האָט אַפֿילו געבאַקן אייגענע חלה אויף יעדן שבת. און דאָס גאַנ־צע עסן, אי אינדערוואָכן, אי שבת, איז געווען לויט דער רישקאַנער טראַדיציע: קאַשע מיט יויך, קאַזשאַדע אָדער פּיטשע, צימעס־פּאַסאָליעס, געפֿילטע פֿיש, אַ באָרשט מיט הייסע קאַרטאָפּליעס, אַ קרויט מיטן פֿלייש איינגעקאָכט, אַ ראָסל, אַן עסיק־פֿלייש, אַ גוט קיכעלע, אַ בוימל־בולקעלע, אַ מאָן־פּלעצל, אַ שטיקל האָניק־לעקעך אָדער אַ שטיקל פֿלאָדן — אָט די אַלע גוטע זאַכן האָט מיין מאַמע דאָ געמאַכט אין אַמעריקע, פּונקט ווי אין רישקאַן און אַפֿילו נאָך מיט מער רחבות.

זי איז געווען די מוטער פֿון ניין זין — אַ גאַנצע לעגענדע... אין בור־טשער־סטאָר איז מען איר אַנטקעגן געקומען מיטן גוטן שמייכעלע: אָט גייט די מאַמע פֿון די ניין זין... און אַזוי אויך אין גראָסערי און אין פֿרוכט־סטאָר.

די מאַמע האָט געהאַלטן דעם פּאַסאַן. עפּעס אַ קלייניקייט: ניין זין ברענגען אַריין „פּעידעס״!

אַזוי איז אַרומגעגאַנגען די לעגענדע.

פֿאַקטיש האָבן געאַרבעט זיבן ברידער פֿון די ניין, ווייל צוויי זיינען נאָך געגאַנגען אין סקול — דאָס האָט אָבער ניט געשאַדט דער לעגענדע.

גאַנץ פֿרי איז דער טאַטע אויפֿגעשטאַנען און געדאַוונט אין הויז און דערווייל אויפֿגעוועקט די חברה. איידער מיר האָבן זיך איינגעוואַשן און אָנגעטאָן, איז שוין די קאַווע געווען פֿאַרטיק מיט די פֿרישע זעמל מיט אַ גוט שטיקל פּוטער און מיט דעם פֿריש איי און מיט אַלערליי גוטע פֿרוכטן ווי באַרן, מאַראַנצן, באַנאַנעס, און מיט עפּעס אַ געזאַלצענער זאַך, ווי, למשל, אַ שטיקעלע לאַקס, אָדער געמאַרענירטן הערינג. מיר זיינען אַלע געזעסן אַרום טיש און האָבן געהאַט הנאה פֿונעם איבערבייסן.

דערנאָך זיינען אַלע אַוועק אַרבעטן און די מאַמע איז געבליבן אַליין אין אַזאַ גרויסער היים פֿון זעקס צימערן. זי האָט געדאַרפֿט פֿאַרבעטן אַזוי פֿיל בעטן און מאַכן ריין דאָס הויז. און אַ בריה איז זי געווען! ביי איר

האָט אַלץ געמוזט בלישטשען פֿון ריינקייט. און זי האָט צען אַזייגער שוין געמוזט גיין איינקויפֿן אי אויף אָנבייסן אי אויף וועטשערע.

האַלב נאָך עלף איז דער טאַטע שוין געקומען נאָכן אָנבייסן פֿאַר די קינדער ביי אים אין שאַפּ און די מאַמע האָט שוין געהאַט פֿאַרטיק די קאָט־ליעטן. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צוצוגרייטן וועטשערע.

און אין אָוונט, ווען די גאַנצע כאַליאַסטרע האָט געטאָן אַ פֿאַל אַריין אין שטוב, איז שוין דער טיש געווען געגרייט. דער טאַטע האָט געדאַוונט מעריב, זיך געוואַשן און מיר אַלע האָבן זיך געטאָן אַ זעץ־אויס אַרום טיש עלטער נאָך עלטער. דער טאַטע אין דער יאַרמעלקע און מיר אַלע אָן היטלען. דעם טאַטן האָט עס גאָר נישט געאַרט, וואָס מיר זיצן אָן היטלען.

נאָר שבת איז געווען אַביסעלע „טראַבל". ערשטנס, האָט מען קיין טשאָלנט ניט געהאַט. און צווייטנס, האָט מען קיין שבת־גוי ניט געקאָנט קריגן אויף אַטוירני סטריט, אַפֿילו פֿאַר אַ מיליאָן...

איז מען געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז מען זאָל אָנשיטן דעם אויוון מיט קוילן פֿרייטיק פֿאַרנאַכט, כדי עס זאָל ברענען ביז איבער שבת. איז אָבער דער פּלאַן ניט געווען גוט אום זומער, ווען ס'איז אָן דעם אויוון געווען הייס. דערצו האָט דער טשאָלנט פֿון דעם אייזערנעם אויוון געטויגט אויף כּפּרות. מען האָט שבת אַרויסגענומען ניט קיין טשאָלנט, נאָר קוילן...

ענדלעך האָט די מאַמע רעוואָלטירט און עס איז אַזוי געווען: זי האָט אָפּגעקאָכט אַלע מאכלים פֿרייטיק און זיי אַוועקגעשטעלט אין אייז־באָקס און שבת, איידער זי האָט געדאַרפֿט געבן צום טיש, האָט זי די מאכלים צוגעשטעלט אויפֿן הייסן אויוון.

דער טאַטע האָט אַוועקגעקוקט.

אין אַמעריקע איז ער גאָר געוואָרן עפּעס אַן אַנדערער טאַטע. ער איז שוין געווען אַ ייד אין די פּופּציקער, אָבער ענערגיע האָט ער געהאַט, ווי אַ יונגערמאַן אין די פֿערציקער.

עס האָט זיך אים נאָך געוואָלט איבערקערן וועלטן אין אַמעריקע. און ער האָט טאַקע איבערגעקערט וועלטן. ער האָט איינגעקויפֿט רויע וואַרע און איז דערנאָך אַרומגעלאָפֿן צו דזשאַבערס, קלאָוקמאַכערס, און איבעראַל האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען גיט אים כּבוד און מען גיט אים אַ „שאַו" און מען קויפֿט גראַד ביי אים, אַפֿילו ווען מען דאַרף גאָר די וואַרע ניט, ווייל ער גיט זיי אַ וואַרף אַריין אַ גמרא־ווערטל... כאָטש זיי זיינען נעבעך גראָבע־יונגען און האָבן קיינמאָל קיין גמרא ניט געלערנט און ניט אָנגעזען, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך צוליב זייער רייכקייט שוין אויסגע־איידלט, האָבן זיי דרך־ארץ פֿאַר אַ גמרא־ווערטל...

אַזוי־אַ האָט דער טאַטע דעם ערשטן זומער געמאַכט אַ פּאָר הונדערט דאָלער. און ווען יידן האָבן דערשמעקט, אַז מיין טאַטע האָט אַביסל געלט, האָט מען מיט אים גענומעןריידן וועגן אַן אייגענער „הייזקע״...

אַרום ענדע זומער האָט שוין דער טאַטע געקויפט טאַקע אַזאַ „הייזקע״ אויף ניו־לאָטס אין ברוקלין. ער האָט גענומען מיט זיך מיך און מאָריצן, די עלטסטע צוויי זין, אַז מיר זאָלן זאָגן מבינות. און מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גרויסער מבין איך בין געווען. אַז איך האָב דערזען אַ הויז שטייט אין מיטן פעלד, בין איך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן צו קוקן צי דאָס הויז האָט אַ דאַך צי ניט...

דאָס איז געווען אַ הויז אַ געווײַנלעכס פון צוויי שטאָק, מיט אַ גאָניקל פון פאָרנט און מיט אַ הויף פון 20 פוס ביי 40. פון דרויסן איז עס געווען ווייס געקאַלעכט און עס האָט ניט געהאַט קיין שום באַפּוצונגען פון פאָרנט, סיידן אפשר די געל־געפאַרבטע טירן און פענצטער.

אָבער דאָס ווילדע גרינע גראָז אַרום און אַרום האָט אונז אַזוי גע־לאַקערט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן צו זען די חסרונות פון דער „הייזקע״...

מיר האָבן מיט מזל זיך אַריבערגעצויגן אין אונזער אייגן הויז צווישן ראש־השנה און יום־כיפור. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ גוטע צייט פאַר אַ נייער דירה. נישט מער, אַז מיר האָבן שוין דאָרט געוואוינט און עס האָט גערעגנט, האָט ביי אונז אַריינגעקאַפּעט פון סטעליע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער נייער דאַך איז נעבעך צעלעכערט. דער „ביל־דער״ האָט ניט געגעבן קיין גוט בלעך...

שפּעטער אַביסל האָבן מיר אויסגעפונען נייע צרות, אָבער וואָס האָבן אַט די אַלע צרות געהאַט אַ ווערט אַנטקעגן דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ גאָניקל פון פאָרנט און מיט אַ „יאַרד״, וואו דער טאַטע האָט באַלד אויפגעשטעלט אַן אייגענע סוכה און געפּראַוועט דעם ערשטן סוכות מיט אמתן סכך און מיט קילע נעכט. מיר האָבן זיך אַלע אָוועקגע־זעצט אין סוכה. און עס איז עפּעס געווען קאָמי־טראַגיש: מיר זיצן אַן די היטלען... און דער טאַטע קוקט קרום אויף אונז, אָבער זאָגן אונז, האָט ער ניט קיין מוט...

נאָך סוכות האָט דער טאַטע אויך איבערגעפירט זיין שאַפּ פון בליקער סטריט אַהערצו, אין דער אייגענער „הייזקע״, אין „בעיסמענט״. דער טאַ־טע האָט געטענהט, אַז עס איז פאַר אים ממש אַ גליק. ער פאַרשפּאָרט צווייערליי „רענט״.

מיר האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימערל אויפן צווייטן שטאָק: „זאָל ער זיין נאָענט צו גאָט״... האָט דער טאַטע געזאָגט. מען האָט פאַר

מיר אַריינגעשטעלט אַ בעט מיט אַ טישל און מיט צוויי בענקלעך; מען האָט פֿאַר מיר אויך געקויפֿט אַ קעראָסין בליך־לאָמפּ מיט אַ ווייסן אַבאַ־זשור. און איך האָב גענומען ערשט ריכטיק פֿראַווען התבודדות. אַזוי גיך ווי איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט ביים טאָטן אין שאָפּ, בין איך באַלד אַרויף צו זיך אין צימערל און געווען מיט זיך אַליין...

איך האָב געשריבן, געלייענט, אָדער גאָר געלעגן אויסגעשטרעקט אויפֿן בעטל און געקוקט דורכן פֿענסטער צום הימל.

קיין סך שרייבן האָב איך ניט געהאַט קיין חשק. ערשטנס, האָב איך ניט געהאַט וואָס צו דרוקן. מיט דוד פּינסקין בין איך געווען צעקריגט און קיין אַנדער פּלאַץ וואו צו דרוקן האָב איך ניט געהאַט. צווייטנס, האָב איך ניט געשריבן, ווייל איך האָב דאַן געמיינט, אַז אַ שרייבער דאַרף וואַרטן אויף אינספּיראַציע. און זי, די אינספּיראַציע, איז צו מיר ניט געקומען, כאָטש איך האָב געהאַט התבודדות און בין געווען גרייט, אַז זי זאָל צו מיר קומען.

דערווייל האָט פּאַסירט, אַז איינמאָל בין איך געזעסן אויפֿן גאַניקל אַזוי אַ פֿאַרטראַכטער. דער האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט איז געווען אַ מילדער און אויף די פֿעלדער אַרום האָבן פֿויגעלעך געזונגען פֿאַרן שלאָפֿן־גיין. פּלוצים גייט פֿאַרביי אַ יונגערמאַן און שטעלט זיך אָפּ.

— דאַכט זיך מאַני לייב — זאָג איך.

— דאַכט זיך ראַבאָי — זאָגט ער.

— ווי קומט איר אַהער?

— איך וואוין איין בלאָק פֿון דאַנען — שמייכלט מאַני לייב און באַגלייט זיינע ווערטער מיט אַ מאָדנעם חנדלעך און עפּעס אַ צו־זינג.

— גוט! — שריי איך אויס און עס קלינגט אַזש אָפּ אין די פֿעלדער אַרום. איך לאַד אים איין צו אונז אין שטוב און באַקען אים מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע. און די מאַמע שטעלט טיי מיט קיכלעך, און פֿון דעמאָלט אָן ווערן מירביידע גוטע פֿריינט. איך גיי צו אים און ער קומט צו אונז.

און אָפֿט שפּאַצירן מיר איבער די בראָנזווילער פּוסטע פֿעלדער און מיר רעדן זיך אַראָפּ פֿון די הערצער. דער הויפּט האַרצווייטיק איז: עס איז נישטאָ וואו זיך צו דרוקן...

מיר קומען צום שלוס, אַז מען מוז גרינדן אַן אייגענעם זשורנאַל, וואו מיר זאָלן קאָנען דרוקן אונזערע זאַכן אומגעשטערט פֿון קיין שום רע־דאַקטאָר.

פֿון יענע רייד איז טאַקע געבוירן געוואָרן דער זשורנאַל „די יוגנט״. אין ערשטן נומער בין איך געווען פֿאַרטראַטן מיט מיין „רויטע בלום״, מרגלית מיט זיינע לידער און מאַני לייב, זישע לאַנדוי און חיימאָוויטש מיט זייערע זאַכן. צוליבן נאָמען פֿון אונזער זשורנאַל, „די יוגנט״, באַקומען מיר דעמאָלט דעם נאָמען „די יונגע״.

מיר פֿלעגן אַרומגיין אינאיינעם איבער איסט־בראָדוויי און אַז מען האָט אונז געזען אַריינקומען אין קאַפֿע האָט מען געזאָגט: אָט גייען „די יונגע״...

מיר האָבן געוואוסט, אַז מען מאַכט פֿון אונז חוזק...

פֿערצנטער קאַפּיטל

דער ווינטער 1907־8 איז אַוועקגעגאַנגען ביי מיר מיט אויפֿשטיין אין דער פֿרי און אַראָפּגיין אין קעלער אַרבעטן. אַלע פֿינף ברידער אונזערע האָבן געאַרבעט ביים טאַטן. נאָך דער אַרבעט פֿלעג איך זיך אָפּזונדערן אין מיין באַזונדער צימערל. דאָרט איז געווען קאַלט, ווייל קיין „סטים" האָבן מיר ניט געהאַט. דורכן פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ גראָע לאַנד־שאַפֿט פֿון פֿאַרטריקנטע גראָזן איבער די ליידיקע לאָנקעס, אָפֿט באַ־שפּרינקלט מיט שניי; אָדער אין גאַנצן אַ ווייסער פּעיזאַזש פֿון טיפֿע שניי־ען. מיין טינט איז אָפֿט געווען פֿאַרפֿרוירן. פֿונדעסטוועגן האָב איך פּרו־בירט שרייבן יעדן אָוונט. איך האָב אַפֿילו געפֿירט אַ טאָג־בוך, אין וועלכן איך האָב פֿאַרשריבן די איינדרוקן פֿון יעדן טאָג און אַלע מיינע איינפֿאַלן, וואָס זיינען מיר געקומען אויפֿן געדאַנק דורכן טאָג, בשעתן זיצן ביים שנייד־טיש.

איך האָב צוגעגרייט אַ דערציילונג פֿאַרן צווייטן נומער „די יוגנט". איך האָב זיך שוין געפֿילט ווי אַן עכטער שרייבער. דאָס שרייבן איז מיר אָנגעקומען שווער. און מיין מאַמע האָט געוואוסט, אַז איך פֿריר דאָרט אין מיין באַזונדער חדרל. און זי האָט מיך אַלע מאָל געבעטן, אַז איך זאָל שרייבן אונטן אין שטוב, וואו עס ברענט אַ קוילן־אויוון. אָבער איך האָב זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. איך בין שוין געווען ביי זיך אַ גדול, ווערן ווען די קריטיק האָט שוין געשריבן — אַפֿילו שלעכט געשריבן; מיך געריסן און אויסגעלאַכט...

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען מיט שרייבן אַ גרעסער ווערק. איך האָב געוואָלט אָנשרייבן אַ ראָמאַן וועגן בעל־שם. און איך האָב צו־ליב דעם איינגעקויפֿט אַ גאַנצע ביבליאָטעק וועגן דעם לעבן פֿון בעל־שם. און אַז מיין פֿאָטער האָט דערזען, אַז איך לייען ביכלעך וועגן בעל־שם, האָט עס אים הנאה געטאָן. און אַרום נאָך פּסח האָב איך שוין געהאַט אַ באַרג מיט נאָטיצן וועגן בעל־שם. און איך געדענק, אַז איך האָב אָנ־געהויבן זומער, 1908, שרייבן דעם ראָמאַן.

מיין חבר יאָפֿע איז געקומען צו מיר זיך מיט מיר צו געזעגענען. ער איז געפֿאָרן קיין וואודביין לערנען זיך פֿאַרמעריי, און איך האָב אים גע־

וויזן די ערשטע קאַפּיטלען פֿונם ראָמאַן. ער האָט געזאָגט, אַז אים געפֿעלט זייער מיין שרייבן. אָבער דאָס וואָס איך מאַך פֿונם בעל־שם אַן ערדישן מענטשן געפֿעלט אים ניט.

מיר האָבן לאַנג גערעדט אי וועגן מיין ראָמאַן און אויך וועגן זיין פֿאַרמעריי. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר שרייבן, ווי אַזוי מען לערנט אין דער באַראָן הירש שולע.

— דו וואָלסט אויך דען געוואָלט לערנען פֿאַרמעריי? — פֿרעגט יאָפֿע.

— אויב עס איז גוט...

— מילא איך דאַרף עס האָבן. איך פֿאָר קיין ארץ־ישראל. אָבער צו וואָס טויג עס דיר?

— עפּעס איז מיר אַריינגעפֿלויגן אַ געדאַנק...

— נו גוט. איך וועל דיר שרייבן ווי אַזוי עס איז דאָרטן.

מיין חבר יאָפֿע איז אַוועקגעפֿאָרן, און איך האָב פֿון אים ניט געהערט דעם גאַנצן זומער. האָב איך געטראַכט, אַז מסתּם איז אים דאָרטן ניט גוט. אָבער צום סוף זומער איז יאָפֿע געקומען קיין ניו־יאָרק אויף וואַקאַציע און ער איז געקומען מיך זען. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר ניט שרייבן: עס איז געווען זומער און ער איז געווען פֿאַרנומען מיט אַרבעט אויף די פֿעלדער. ער איז געווען אָפּגעברענט פֿון דער זון און געזונט ווי אַ פּויער. זיינע הענט זיינען געווען פֿאַרהאַרטעוועט און אַפֿילו זיין קול איז פֿאַרענדערט געוואָרן — געזונט געוואָרן און עפּעס אַזוי זיכער.

יאָפֿעס רייד האָבן מיך געצונדן און גערופֿן אין פֿעלד אַריין, צו דער ערד.

אין שטאָט איז דעמאָלט שוין געווען איבערזעטיקונג, דעקאַדענץ. מיר האָבן זיך שוין דערעסן די פּוסטע רייד וועגן ליטעראַטור און דאָס לעבן פֿון די שרייבער אַרום און אַרום.

איך האָב געזאָגט יאָפֿען, אַז איך וואָלט אויך וועלן פֿאָרן זיך לערנען פֿאַרמעריי.

— אויב דו ווילסט, וועל איך רעדן מיטן סופּערינטענדענט פֿון שולע.

— רעד מיט אים.

— אָבער וועסט מוזן אויפֿגעבן דיין שרייבן. און שולע וועסטו ניט קאָנען שרייבן.

— עס איז מיר שוין סיי־ווי דערווידער דאָס שרייבן.

הכלל, איך האָב דערווייל קיינעם ניט געזאָגט וועגן מיין נייער אַוואַנטורע. נאָר אין אַ פּאָר טעג נאָך סוכּות איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פֿון

מיין חבר יאַפּע, אַז מען נעמט מיך אַריין אין דער באַראָן־הירש שולע; אַז איך זאָל באַלד קומען איידער דער נייער סעמעסטער הויבט זיך אָן; אַז איך דאַרף מיטנעמען אַ גאַנצע גאַרדעראָבע: אַ שבתדיקן גאַרניטור, אַ פּאָר גומענע שטיוול, צוויי בלויע ווינטערדיקע העמדער, 6 פּאָר אונטערוועש, אַ פּאָר פּאַרמערישע, שטאַרקע שיך און וואַרעמע הענטשקעס און צוויי פּאָר אָוועראָלס.

אַז איך בין אַריין אין שטוב און דערציילט, אַז איך פֿאָר זיך לערנען אין דער באַראָן הירש שולע פּאַרמעריי — האָט די פֿאַמיליע זיך אַזש דערשראָקן.

— וואָס פּלוצים פּאַרמעריי?! האָסטו דיר אַ נייעם שגעון!... צו וואָס טויג דיר פּאַרמעריי?!

נאָר דער טאַטע האָט אויסגעהערט און געזאָגט:

— פֿאָר, זון, און לערן זיך אויס, און דאַן וועלן מיר קויפֿן אַ פֿאַרם... אַז אַ איד מעג יאָ קויפֿן אויף זיין אייגענעם נאָמען ערד, פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט קויפֿן קיין ערד?...

אַז די מאַמע האָט דערהערט אַזוינע רייד פֿונם טאַטן, איז זי געוואָרן זייער פֿריילעך:

— טאַקע, לאָמיר קויפֿן ערד... מיר וועלן פֿאַרזעצן אַ גאָרטן און האָדעווען אייגענע הינער, קאַטשקעס און גענז...

און אַזוי בין איך פּלוצלונג געוואָרן דער העלד פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע. אַנשטאָט וואָס ביז דאַמאָלט האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ „קרענק", האָט מען איצט אויף מיר אָנגעהויבן צו לייגן אַ סך האָפֿענונגען.

די מאַמע איז אַוועק און פֿון מיינעטוועגן איינגעקויפֿט די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב געדאַרפֿט מיטנעמען. איך האָב זיך פֿאַרפּאַקעוועט און אַוועקגעפֿאָרן קיין וואודביין. איך האָב אַפילו זיך ניט געזעגנט מיט קיינעם פֿון מיינע חברים שרייבער.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט מיין קומען קיין אַמעריקע, אַז איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט מיט אַ באַן.

די אַמעריקאַנער באַן איז מיר זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן מיט אירע ווייכע זיץ־בענק, און איבערהויפּט איז מיר געווען געפֿעלן די אַמעריקאַנער לאַנדשאַפֿט. דער האַרבסט איז געווען הערלעך. אויף די פֿעלדער זיינען געשטאַנען קוקורוזע־סנאָפּעס און אַרום די סנאָפּעס זיינען געלעגן גאַנצע קופּעס פּאַפּשויעס און זיך געגילדיקט אין דער זון. עס זיינען אויך געלעגן גרויסע, העל־רויטע קאַבאַקעס און זיך געבאַקן אין דער זון. די פּויערישע שטיבער זיינען געווען גאָר, גאָר אַנדערש פֿון די שטיבער, וואָס איך

בין געווען געוואוינט צו זען אין בעסאַראַביע. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן די צעוואָרפנקייט פון די פויערישע שטיבער. איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אַמעריקאַנער קי צעשפּרייט איבער די גרינע לאַנקעס און ניט באַמערקט, אַז מיט די דאָזיקע קי זאָל זיין אַ פּאַסטעך...

מיט איין וואָרט — איך האָב אַזוי פאַרביילויפנדיק מיט דער באַן גע־זען זייער אַ סך נייע זאַכן און בין אָנגעקומען קיין וואודביין אַרום 3 אַזייגער נאָכמיטאָג. מיט מיין רענצל אין האַנט בין איך אַרויס פון דעם קליינעם וואָקזאַל און בין אַוועק מיטן ווייסן שליאַך.

ווי שיין און ווייס דער שליאַך איז דאָ! דאָס שטעטעלע וואודביין איז הינטער מיר, און איך גיי מיטן שליאַך. עס איז אַ זוניקער נאָכמיטאָג. רעכטס, אַ גרויס פעלד מיט קופּקעלעך זייער שיינע קוקורוזעס. ווי עס וויזט מיר אויס זיינען די דאָזיקע קופּקעלעך זייער שיין אויסגעשטעלט אין גלייכע ליניעס. פון ווייטן אָקעגן מיר אַנטפּלעקט זיך אַ הויכע געביידע מיט אַ סך פענצטער און מיט אַ טורעם אויפן דאַך.

— דאָס מוז זיין די שולע — טראַכט איך. איך פאַרגיכער מיינע טריט; איך בין געזונט און יונג. מיר איז איצט 24 יאָר. און דערווייל בין איך נאָך אָנגעטאָן גרויס־שטאָטיש. אָט, אָט — אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך שוין גיין אָנגעטאָן אין אָוועראָלס און אפשר שוין מעלקן די קי... עס שמעקט דאָ אַזוי גוט. די לופט איז דורכזיכטיק און מילד. די פייגעלעך זיצן אויף די טעלעגראַף־דראָטן און זינגען מיר אַ לויב־געזאַנג... איך שפּאַן מיט זיכערע טריט. אָט וואַקסן אויס אַנטקעגן מיר נאָך הויכע, רויטע געביידעס מיט אַ סך פענצטער. איך ווער אַביסעלע אומרואיק. דאָס רענצל איז שווער און איך בייט עס פון האַנט צו האַנט. איך וואָלט שוין געוואָלט זיין עלטער מיט אַ טאָג און פילן דעם טעם פון דער נייער סביבה...

איך קום אַריין אין הויף. אַ מינוט בלייב איך שטיין ווי דערשראָקן. איך ווייס ניט וואוהין צו גיין. אַ יונגערמאַן קומט אָן אין אַן אוניפאָרם.

— מיסטער, וועמען האָט איר געוואָלט זען?

— איך וויל זען יאַפע.

— אָ, דזשאַפי... ער איז ביי די הינער. איך וועל אים לויפן זאָגן — איז דער יונגערמאַן אַוועק מיט גיכע טריט. אין גיכן איז יאַפע געקומען צולויפן אַ פאַרסאַפּעטער און זיך מיט מיר צעקושט.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען! — האָט יאַפע געזאָגט און מיך אַריינ־געפירט אין אָפיס, וואו מען האָט מיך פאַרשריבן און מיר געגעבן אַן אָרט אין אַ צימער אין דער דאָרמיטאָרי.

יאַפּע האָט מיך אַוועקגעפּירט אין מיין צימער און מיר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אויף גיך. ער האָט זיך געאײַלט, ווייל ער האָט נאָך געדאַרפט האָדעווען זיינע הינער און זיי אַריינטרייבן אויף די באַנטעס שלאָפן. האָט ער מיך אַראָפּגעפּירט אין וואַש־צימער, כּדי איך זאָל זיך אָרומוואַשן.

— האַלב נאָך 5 עסט מען סאָפּער — האָט יאַפּע מיר געלאָזט וויסן.

אין וואַש־צימער זיינען געווען דריי לאַנגע קאָרעטעס אָרום די ווענט. איבער די קאָרעטעס זיינען געווען קראַנען פון קאַלט און הייס וואַסער, און איבער יעדן פּאָרל קראַנען איז געהאָנגען אַ שפּיגל אויף דער וואַנט. איך האָב זיך איינגעוואַשן און פאַרקעמט און צוריק אַרויף אין מיין צימער, וועלכער איז געווען אויפן דריטן שטאָק.

דאָ אין צימער זיינען געווען 4 בעטלעך, ווייס און ריין פאַרשפּרייט. לעבן יעדן בעט — אַ שאַפּע פאַר קליידער. אין דער מיט פון צימער — אַ רונדער טיש מיט 4 בענקלעך. איבערן טיש האָט אַראָפּגעהאָנגען אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַ גרינעם אַבאַזשור.

איך האָב געוואַרט אויף מיין חבר יאַפּע, אַז ער זאָל מיך קומען רופן. דערווייל האָב איך זיך צוגעשפּאַרט אויף מיין בעטל און געלעגן און גע־טראַכט, אַז עס איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. אָט ליג איך אויף אַ ווייס בעט אין אַ שיין גרויס צימער — עפּעס גאָר ניט פּויעריש...

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

ביי דער ערשטער וועטשערע אין דער באַראָן הירש שולע האָב איך באַלד דערפֿילט אויף זיך אַ סך „מען טאָר נישטן". פֿריער זיינען אַלע סטו־דענטן געשטאַנען אין אַ לאַנגער ריי; דערנאָך האָבן זיי גענומען גיין מיט טרעפּ אַרויף און איך מיט מיין חבר יאָפּע נאָך זיי. יאָפּע האָט מיר דערוויל געלאָזט וויסן פֿון עטלעכע „מער טאָר נישטן": מען טאָר זיך נישט זעצן עסן ביז דער סופּעראינטענדענט גיט ניט קיין געשריי: „אָל־ראַיט!" ביים טיש טאָר מען זיך נישט אויפֿהויבן פֿון טיש ביז דער סופּערינטענדענט גיט ניט קיין געשריי: „עקסקיוזד!" מען טאָר נישט זיצן צו־ווייט פֿון טיש און מען טאָר נישט, בעת מען זיצט, אַ רוק טאָן זיך אויפֿן בענקל...

— און וואָס נאָך טאָר מען נישט? — האָב איך געפֿרעגט מיט שפּאָס ביי מיין חבר יאָפּע.

— זיי ווילן דאָ איבערדערציען די יידישע יונגעלייט און זיי אויסלער־נען אַמעריקאַנער מאַניערן — זאָגט יאָפּע, האַלטנדיק מיך אונטערן אָרעם. ער פֿירט מיך אַריין אין עס־צימער און וויזט מיר אָן אויף אַ טיש ניט וויט פֿון טיר. אַרום דעם טיש זיינען שוין געשטאַנען אויסגעצויגן אַרום אַ צענדליק חברה אין ציווילע קליידער. איך האָב זיך אויך אַוועקגע־שטעלט ביים ליידיקן בענקל. די טישן זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט פֿון דעם גרויסן זאַל. אויבנאָן ביי אַ טיש זיינען געשטאַנען עטלעכע מע־נער און איין פֿרוי. דאָרט האָב איך דערקענט דעם סופּערינטענדענט, מיט וועלכן איך האָב גערעדט מיט אַ פּאָר שעה פֿריער אין אָפּיס. אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל. דערנאָך האָט זיך דערהערט דער „אָל־ראַיט" און בענקלעך האָבן זיך גענומען רוקן און באַוועגן.

די וועטשערע איז געווען אַ גוטע. ברויט מיט פּוטער, סמעטענע מיט קעז, קאַשע מיט מילך, סוויט־פּאָטייטאָס געפּרעגלט אין פּוטער, האַרטע אייער, פֿלוימען קאָמפּאָט, קאַווע מיט קוכן.

איך האָב געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט מיט קיינעם פֿון מיינע שכנים. שפּעטער בין איך געוואויר גע־וואָרן, אַז מיינע מיט־עסער זיינען אַלע געווען „פֿרעשמען", אַזוי ווי איך, און דערפֿאַר האָבן זיי נאָך נישט געטראָגן קיין אוניפֿאָרמען. די איבעריקע

סטודענטן זיינען אַלע געווען אין קאַקי־מונדירן מיט בראַנזענע קנעפּ, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

נאָך וועטשערע האָט מיך יאַפּע אַריינגעפירט אין סאָושל־רום: אַ גרויס צימער מיט באַקוועמע שטולן צום זיצן. דאָ זיינען געהאַנגען איינ־געקלאַמערט אין אַזוינע שטעקנס אַלערליי צייטונגען, ענגלישע און אויך יידישע. דאָ זיינען אויך געווען אַ פּאָר שאַפּעס מיט ביכער און אַ שפּיל־קאַסטן, אַזאַ מין צימבאַלע. דאָ האָט מיך יאַפּע פאַרגעשטעלט פאַר אַלע סטודענטן און זיי האָבן וואַרעם געדריקט מיין איידל הענטל מיט זייערע מאַזאָליקע הענט. אַ גאַנצע ראָד האָט זיך אַרום אונז אַרומגעשטעלט. עס האָט מיך מער דערמאָנט אָן אַ יידישן בית־מדרש, איידער אָן אַ „סאָושל־רום". די יונגעלייט האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי מיר, וואָס עס הערט זיך אין שטאָט ניו־יאָרק און אין וואָס איך וויל זיך דאָ ספּעציאַליזירן. טייל האָבן מיר באַצייטנס געקלאַפּט אין פּלייצע, אַז איך וועל זיין אַ גוטער פאַרמער. און אַזוי, ביז עס האָט געקלונגען אַ גלאָק. דאָס, האָט מען מיר געזאָגט, איז אַ סיגנאַל, אַז מען דאַרף גיין אַרויף יעדער אין זיין צימער „מאַכן די לעסאַנס".

איך האָב נאָך נישט געהאָט וואָס צו טאָן, אָבער איך בין אַרויף צו זיך אין צימער. יאַפּע האָט מיך באַגלייט און מיך געפרעגט צי איך וויל מאָרגן גאַנץ פרי גיין מיט אים אין קו־שטאַל זען ווי ער מעלקט די קי.

— זיכער! — האָב איך אויסגעשריען מיט פרייד.

ביי מיר אין צימער האָב איך געטראָפן דריי יונגעלייט זיצן אַרום טיש. איך האָב זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט, און זיי האָבן מיר געזאָגט ווי זיי הייסן.

— קומט, זיצט ביים טיש — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט געהייסן בערמאַן, אַ יונגערמאַן מיט אַ לאַנגלעכער נאָז, מיט לויפּנדיקע, גרויע אויגן און מיט אַ קליין פּנימל, וואָס האָט ביי אים געפלאַמט ווי פייער — מיר לערנען זיך צוערשט ענגליש... — האָט ער מיר געזאָגט.

איך האָב זיך געזעצט צום טיש און אַרויסגענומען מיינע ציגאַרעט־לעך און געוואָלט פאַררויכערן.

— מען טאָר נישט רויכערן! — האָט אויף מיר אָנגעשריען דער בחור, וואָס האָט געהייסן חפץ — איר ווייסט עס נישט? שיין וואָלט איר אויסגעקוקט, ווען מען כאַפּט אייך רויכערן...

— אַז ס'גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס מען מעג דאָ טאָן... — זאָגט דער דריטער יונגערמאַן, וואָס הייסט מיטן מאָדנעם נאָמען געבייזער — און איר מיינט, אַז יידיש רעדן מעג מען דאָ? אסור אויב מען מעג...

צוביסלעך האָבן מיר זיך דורכגערעדט און צוביסלעך האָבן די דריי, מיינע נייע קאָלעגן, „געמאַכט זייערע לעסאָנס". מען האָט בלויז אין די קלאַסן פאַרגעבן די ערשטע עטלעכע גראַמאַטישע כללים. איך האָב שוין געזען מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן פון דעם, ווי אַזוי זיי האָבן נע־בעך אַלע דריי געשוויצט איבער אַזאַ געווייניגלעכער זאַך ווי א „נאַון"...

ווידער קלינגט דער גלאָק און דאָס איז אַ סיגנאַל, אַז די סטודענטן דאַרפֿן זיך לייגן שלאָפֿן. יעדער איינער פֿון אונז מאַכט צורעכט זיין בעט און מיר לייגן זיך שלאָפֿן. די נאַכט איז דאָ אַזאַ שטילע, אַ פֿאַרטראַכטע און מיר שלאָפֿט זיך נישט אַזוי גוט אין אַ ניי אָרט.

איך הער באַנען גיין, העגער קרייען, דאָס ניסן פֿון פֿערד, דאָס מרוקען פֿון קי. און מיינע דריי קאָלעגן כראָפּען אויך גאַנץ נישקשהדיק...

מיר ווילט זיך רויכערן, אַז איך שטאַרב. איך בין שוין דעמאָלט גע־ווען אַ ליידנשאַפֿטלעכער רויכערער.

ענדלעך איז געוואָרן טאָג, איך בין אַראָפּ פֿון בעט און געשטאַנען ביים פֿענצטער און געקוקט אויפֿן הימל. אַנטקעגן איז געווען אַ וואַלד פֿון איי־ביק־גרינע, יאַלעווע בוימער. איבער דעם וואַלד איז דער הימל געוואָרן צוביסלעך בלייך. און אין דרויסן איז אַזוי ווי אויפֿגעהויבן געוואָרן דער פֿאָרהאַנג פֿון דער נאַכט.

עס קלינגט דער גלאָק. אַ סיגנאַל אויפֿצושטיין. איך נעם אַרויס פֿון מיין רענצל די גומענע שטיוול און אַ פּאָר אָוועראָלס און איך טו זיך אָן. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אין אָוועראָלס. זיי זיינען גרויס אויף מיר און די גומענע שטיוול זיינען לאַנג ביז איבער די קני. מיינע קאָלעגן מיט־שלאָפֿער וואַרפֿן זיך דורך און קוקן מיך אָן מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן און פֿאַלן ווידער אַוועק שלאָפֿן. איך גיי אַרויס אין דרויסן. יאָפּע קומט אויך אַרויס און ער פֿירט מיך אַריין אין „קרימערי". דאָרטן נעמט ער צוויי עמער און מיר גייען אין שטאַל אַריין.

— ווי ביסטו געשלאָפֿן? — דוצט ער מיך צום ערשטן מאָל.

— כמעט גאָרנישט.

— וועסט זיין אָל־ראַיט!

— איך האָף...

מיר גייען אַריין אין אַ גרויסער שטאַל. צוויי רייען מיט אַ סך קי. עס פֿילט זיך אַ זויערקייט אין דער לופֿט פֿון שטאַל. עס שמעקט ווי פֿון פֿרישער מילך. די קי שטייען פּנים אל פּנים, אָבער וויט איינע פֿון דער אַנדערער מיט אַ גרויסן קאָרידאָר אָפּגעטיילט.

די קי זיינען איינגעשלאָסן אין אַזוינע אייזערנע שטעקנס. צוויי שורות מיט הערנער און מיט קעפּ פון קי. פּיסקעס מעלה־גרהן. אין דער סטע־ליע ברענען עלעקטרישע לאָמפּן. דער דיל איז פון קאָנקריט. די ווענט זיינען ווייס אָפּגעפאַרבט. די קי קוקן מיט זייערע „גלעזערנע" אויגן אויף מיר. איך לייען די טאַבעלן איבער די קיאישע קעפּ: מאַטילדע, לעאָנאָרע, ביוטי, פאַרמעלאַ, לאָטע, און אַנדערע נעמען.

דערווייל גייט אַן אַ שטאַרקע טעטיקייט אין די הינטערשטע רייען פון די קי. מען רייניקט זייער אָפּפאַל, מען קעמט זיי און מען וואַשט זיי און מען באַרשט זיי און מען וואַשט דעם דיל מיט אַ קישקע מיט וואַסער. און אָט גיט מען אַ ברענג אַריין אין וועגעלע עסן פאַר די קי. די קי נעמען זיך רייסן און שטויסן צום עסן.

צוויי יונגעלייט טיילן פאַר די קי דאָס עסן. איינער גיט יעדער קו אין איר צעמענטענער שיסל אַ בינטל סאַילעדזש. מען גיט מיר צו פאַרשטיין וואָס עס הייסט סאַילעדזש: געזייערטע קוקורוזע פלאַנצן... איך גיב אַ שמעק און דערפיל דעם זויער־זיסלעכן ריח דערפון.

דער צווייטער יונגערמאַן גיט יעדער קו אַ מעסטל מיט אַזאַ מעל מיט קלייען געמישט.

דערנאָך רופט מיך מיין חבר יאַפּע, אַז איך זאָל זען ווי אַזוי ער מעלקט אַ בהמה. ער זעצט זיך אויף אַ נידעריק בענקעלע און נעמט דעם עמער צווישן זיינע קני און בשעת מעשה רעדט ער צו דער קו: „אָ, לאָטאַ!..." און הויבט אָן מעלקן. צוויי שטראָמען מילך ווי צוויי ווייסע פעדים רינען אין עמער אַריין. עס קלינגט דער עמער. און אַ געשמאַקער ריח פון פריי־שער מילך גייט גלייך אין מיינע נאָזלעכער און אין מויל אַריין.

— בויג זיך אָן און זע — זאָגט יאַפּע צו מיר — ווי אַזוי איך מעלק. אין אַ פאַר וואָכן אַרום וועסטו אויך מעלקן.

איך בויג זיך אָן און קוק זיך איין ווי אַזוי ער אַרבעט. אין עמער איז שוין אויפגעגאַנגען אַ ווייסע פינע. די צוויי שטראָמען שלאָגן דורך צוויי גריבלעך אין דער פינע. עס קלינגט איבער דער גאַנצער שטאָל מיט עמער, מיט שטראָמען פון מילך און מיט דעם ענערגישן קייען פון קיאישע ציין.

אַז מיין חבר יאַפּע איז פאַרטיק געוואָרן מיט אויסמעלקן צוויי קי, זיינען מיר געגאַנגען צוריק אין דער קרימערי אַריין.

דאָרטן האָב איך געזען ווי אַזוי דער סעפּאַראַטאָר מאַכט באַלד אויפן אָרט סמעטענע פון דער מילך. דער סעפּאַראַטאָר — אַ ווייסער, ווי פון זילבער. ער האָט צוויי רעדלעך. מען גיסט אין אים אַריין אַן עמער מיט מילך און מען דרייט מיט אַ קאַרבע. דורך איין רערל גיסט זיך אַרויס סמעטענע און דורכן צווייטן רערל גיסט זיך סקימד־מילך.

עס איז אַ וואונדערלעכע מאַשין. איך ווייס נאָך נישט, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער מאַשין. נאָר דערווייל איז עס ביי מיר אַ גרויס וואונדער: ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ מיטלען צעטיילט אָט די שטומע מאַשין די מילך אויף צווייען?! נאָר דער פאַקט איז אַ פאַקט. איך זע ווי מען גיסט אַריין מילך און עס קומען אַרויס צווייערליי פּראָדוקטן.

דערווייל קלינגט דער גלאָק.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך.

— מען דאַרף גיין זיך גרייטן צום איבערבייסן.

מיר גייען זיך וואַשן און צורעכט מאַכן אונזערע בעטן. מיר קומט אָן שווער צו פאַרבעטן דאָס בעט, פונקט ווי עס פאָדערט זיך, ווייל איך האָב עס קיינמאָל פריער נישט געטאָן. אָבער מיינע צימער־קאָלעגן לערנען מיך אויס די מלאכה. איך טו זיך איבער און וואַש זיך. ראַזירן האָב איך זיך נאָך געדאַרפט.

אין דרויסן איז שוין געווען פולער פּראַקטיקער מאָרגן. די סאָוט־דזשוירזי־לופט איז געווען ווייניק און זיס — פול מיט דעם ריח פון די איביק־גרינע נאָדל־בוימער. מיר שטייען ווידער אין אַ לאַנגער ריי ביים עס־צימער. דערנאָך עסן מיר אַ געשמאַקן פרישטיק: קאַשע מיט מילך, לויזע אייער, פריש־געבאַקענע בולקעלעך מיט פּוטער און קאַווע און מילך וויפיל מען וויל נאָר אַליין.

זעכצנטער קאַפּיטל

און אַט בין איך אין אַ קלאַס־צימער צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. איך האָב באַקומען אין אָפּיס פּאַפּיר צום שרייבן, שרייב־פּענדלעך, הענטל און פּען און לערן־ביכער — אומזיסט. איך פּיל זיך ווי אַ קינד, כאָטש איך בין שוין באַלד 25 יאָר. ביי אונז אין קלאַס־צימער איז דאָ אַ גרויסער טאָוול אויף דער וואַנט מיט קרייד. מיר זיצן אויף בענקלעך, וואָס זיינען אַ קאָמבינאַציע פון טיש־בענקל. אַקעגן אונז אויף אַן עסטראַדע — דער לערער, פּראָפעסאָר גרעיג. אַ דאַר מענטשעלע מיט קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך מיט אַ ווייסער בלום אין לאַץ.

מיר, די תּלמידים, זיינען אין גאַנצן עלף נפשות: פרעשמען... מיר ווייסן נאָך גאָרנישט וועגן אַגריקולטור; מיר זיינען אַלע געקומען לערנען פאַרמעריי. אָבער פּראָפעסאָר גרעיג האָלט פאַר אונז אַ לאַנגע לעקציע וועגן אַמעריקע און דער אַמעריקאַנער שפּראַך, ווי גרויס און רייך דאָס לאַנד איז און אַז יעדער איינער פון אונז האָט דאָ די „אָפּאָרטוניטי״ צו דערגרייכן דאָס גרעסטע גליק. מיר, זאָגט ער, דאַרפן זיין גוט און זיך לערנען גוט; מיר מוזן קענען ענגליש, און ער וועט זיך באַמיען אונז צו פירן אויף אַ גוטן וועג, אויב מיר וועלן נאָר נאָכגיין נאָך אים. אַט לאָמיר נעמען אים אַלס ביישפּיל: ער איז אויך אַ זון פון אַ גרויסער שטאָט און האָט זיך אַליין דערשלאָגן צו גראַדואירן אַן אוניווערזיטעט, ער איז דאָקטאָר האָרטאָקולטוריסט, (וואָס דאָס הייסט, די וויסנשאַפט פון פּרוכט־בוימער און בלומען) און אַט איז ער דאָ פּראָפעסאָר... אַזוי קאָן יעדער איינער פון איך באַווייזן צו זיין גרויס אויף דעם אָדער אַן אַנדער געביט... און נאָך אַט דער דרשה האָט ער מיך אויסגערופן און מיר געהייסן צוגיין צו דעם טאָוול.

— שרייב אָן דעם עי־בי־צי־סי — זאָגט ער צו מיר.

איך בין געוועזן אַביסל איבערראַשט פון דעם, וואָס מען האָט מיך אַרויסגערופן פאַר אַן עולם, כאָטש דער גאַנצער עולם איז באַשטאַנען פון אַ קליינער גרופּע מענטשן. איך בין ביז דאַמאָלט ניט געווען געוואוינט צו ווערן אַרויסגערופן אין דער עפנטלעכקייט. בין איך טאַקע אַ היפּש ביסל געוואָרן צעמישט.

פֿונדעסטוועגן בין איך צוגעגאַנגען צו דער ברעט און אויפֿגעשריבן דעם אַמעריקאַנער אַלף־בית.

דער פּראָפֿעסאָר גרעיג האָט אָפּנים געהאַט פֿאַרגעניגן צו זען ווי אַ דערוואַקסענער מענטש פּייניקט זיך. ער האָט געזען, אַז מיך פּייניקט דער גאַנצער ענין. האָט ער מיר דערפֿאַר געהייסן איבערלייענען דעם אַלף־בית. איך האָב אַזש געטאָן אַן אינערלעכן ציטער. נאָך אַלעמען בין איך דאָך שוין געווען אַ שטיקל יידישער שרייבער; מען האָט שוין וועגן מיינע זאַכן געשריבן אין די ציטונגען... און דאָ זיצט עפּעס אַ פּראָווינציאַלער פּראָ־פֿעסאָרל און איז זיך נוקם אָן מיר.. איך קוק אים אָן מיט מיינע בייזע אויגן. אָבער מיסטער גרעיג דערשרעקט זיך ניט פֿאַר מיין בייזן בליק און הייסט מיר לייענען דעם אַלף־בית.

איך לייען, אָבער פֿאַרבלייב אים אַ שונא. וויפֿיל איך בין געווען אַ סטודענט אין דער באַראָן הירש אַגריקולטור שול, האָב איך דעם דאָזיקן פּראָפֿעסאָר פֿיינט געהאַט.

יענער ערשטער טאָג ביי אים אין קלאַס־צימער האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין האַרץ.

נאָכמיטאָג האָבן מיר געזאָלט לערנען אין קלאַס־צימער מיט פּראָ־פֿעסאָר לואיס, אָבער מען האָט אונז „פּרעשמען" גאָר געשיקט אויסלאָדן אַ וואַגאָן מיט קוילן. איך האָב געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן צו קריגן די ערשטע מאָזאָליעס אויף מיינע הענט פֿון דעם שאַרן קוילן. און איך האָב אַזוי גע־אַרבעט ביים וואַגאָן קוילן ביז פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט. און דאַן האָט דער גלאָק געקלונגען, אַז די סטודענטן זאָלן גיין אין באָד אַריין.

און אַזוי ווי שבת האָט מען דאָ געערוט האָב איך זיך אַביסל אויסגע־רוט פֿון דעם שאַרן קוילן. מיין פֿריינט יאַפֿע האָט מיך געטרייסט מיט דעם, וואָס ער אַליין האָט אויך געשאַרט קוילן, ווען ער איז געווען אַ „פּרעש־מען" און איבערהויפּט דאַרף מען זיך פֿאַרהאַרטעווען די הענט, איז וואָס פֿריער אַלץ בעסער.

— וואָס, דו שרעקסט זיך שוין פֿאַר אַביסל „שוואַרצער" אַרבעט? פֿאַרגעס וואָס דו ביסט געווען. איצט הויבט זיך ביי דיר אָן אַ נייער פּעריאָד אין דיין לעבן. דו ווילסט זיך באַהעפֿטן מיט דער ערד, צי ניט? מיין פֿריינט, ערד־אַרבעט איז נישט וואָס אַמאָל אין די פּרימיטיווע ציטן. היינטיקע ציטן נוצט מען שוין טראַקטאָרס און צו טראַקטאָרס מוז מען האָבן קוילן. און דו מוזט זיך לערנען שאַרן קוילן אויך...

איך האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן מיין חבר יאַפֿען.

און עס איז אָוועקגעגאַנגען אַ סדרה קוילן פֿאַר מיר. אַלע טאָג האָב איך פֿאַרמיטאָג געלערנט אין קלאַס־צימער ביים פּראָפֿעסאָר גרעיג און

נאָכמיטאָג האָב איך געשאַרט קוילן. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב שוין בעסער ליב געהאַט צו שאַרן קוילן, איידער צו לערנען ביים פּראָפעסאָר גרעיג. איך האָב נישט ליב געהאַט זיין ווייסע בלום אין לאַץ און זיינע דינינקע וואַנצעלעך און זיין שאַרף שטימעלע מיט וועלכער ער האָט אונז געלערנט ווי אַזוי אַרויסצוריידן געוויסע ענגלישע ווערטער. עס האָט זיין שטים אָפּט געקלונגען ווי דער קלאַנג פון אַ העמערל אין אַ וואַלד אָדער פון אַ הינטל וואָס האַווקעט קעגן דער לבנה.

און שטעלט אייך פאָר, אַז נאָך צוויי וואָכן לערנען ביי אים ענגליש און שאַרן קוילן, אַז מיר ווערן שוין געהאָלפן און מיר ווערן שוין פּטור פונם וואַגאָן קוילן, הויבן מיר אָן לערנען האָרטיקולטור און ווער איז אונ־זער פּראָפעסאָר — ווידער מיסטער גרעיג.

אויב איך האָב זיך שפּעטער ניט געוואָלט ספּעציאַליזירן אין פרוכט־בוימער און בלומען איז אין דעם שולדיק דער מיסטער גרעיג...

אין דער באַראָן הירש שול האָט זיך געפירט, אַז יעדער סטודענט האָט צוערשט געמוזט אַרבעטן אין יעדער אָפּטיילונג פון דער שול צוויי וואָכן. דער האָרטי־קולטשור דעפּאַרטמענט האָט געהאַט דריי אָפּטיילונגען:

1) פרוכט־בוימער, 2) בלומען, 3) בינען־צוכט. און אַזוי ווי מיס־טער גרעיג איז געווען דער הויפּט פון אָט די דריי אָפּטיילונגען, האָב איך מיט אים שוין געהאַט צו טאָן 6 וואָכן צייט, אי אין קלאַס־צימער און אויך אויף פּראַקטישער אַרבעט.

עס איז דאָן געווען די צייט פון שפּריצן די פרוכט־בוימער. און מיר איז עס גראַד געפעלן. דער פרוכט־גאָרטן איז געווען אַ שיינער, די בוי־מער אין גלייכע רייען — עפּל־בוימער באַזונדער, וויינשל בוימער באַזונ־דער, פערשקעס בוימער באַזונדער.

איז וואָלט מיסטער גרעיג אונז געלערנט ווי אַזוי צו דערקענען אַן עפּל־בוים, אָדער אַ וויינשל־בוים, וואָלט ער אונז געגעבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס מען שפּריצט די פרוכט־בוימער — האָט ער אָבער מיט אונז געאַרבעט ווי אַ באַלעבאָס אַרבעט מיט זיינע אַרבעטער. ער האָט אונז אַפילו ניט דערקלערט, ווי אַזוי די מאַטעריאַלן הייסן, מיט וואָס מיר באַ־שפּריצן די בוימער. מיר האָבן צוויי וואָכן צייט געשפּריצט בוימער און שיעור ניט בלינד געוואָרן פון די שאַרפע שטאָפן מיט וואָס מיר האָבן געשפּריצט די בוימער, ווייל מיר זיינען געווען גרינע און ניט אָנגעטאָן קיין פּראָטעקטאָרס אויף די אויגן.

און אַזוי איז עס געווען מיט דער אַרבעט אַרום די בלומען, וועלכע מען האָט קולטיווירט אַ גאַנצן ווינטער אונטער גלאָז. אינעווייניק אין דער אָראַנזשערייע איז געווען הייס פונם סטים און שטיקנדיק פון די

פֿאַרשידענע ריחות פֿון די בלומען. מיר פֿלעגן שיר ניט חלשן פֿון אַט־די ריחות. און מיר האָבן געמוזט כּסדר ליגן אויף די קני עטלעכע שעה נאָכ־אַנאַנד כּדי אויסצורייסן די ווילדע גראָזן אַרום די בלומען־פֿלאַנצן. און איך האָב אָנגעהויבן צו פֿילן אַ שנאה צו אַט־די שיינע פֿלאַנצן — די בלומען...

און דאָס ערגסטע איז געשען מיט דער בינען־צוכט. דאָ אין שול איז געווען אַ קאָלאָניע פֿון הונדערטער בינשטאָקן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין עטלעכע רייען אויסגעשטעלט אַקוראַט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שטע־טעלע מיט קליינע שטיבעלעך. די בינשטאָקן האָבן טאַקע אויסגעזען ווי שטיבעלעך מיט דעכעלעך און מיט קליינע טרעפּעלעך ביי יעדן בינ־שטאָק. דאָ איז געווען אַ מאַסע צום לערנען. ערשטנס, די פֿאַרשיידענע מינים בינען, וואָס זיינען דאָ געווען; צווייטנס, וועגן דעם פּראָצעס פֿון מאַכן האָניק.

מיסטער גרעיג איז אַפֿילו ניט געקומען צו די בינען, כּדי מיט אונז עפּעס צו לערנען, נאָר ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן פּשוטן פֿאַרמער, זיין העלפֿער, אַז ער זאָל אונז לערנען די בינען־צוכט. דער פֿאַרמער, איי־נער מיטן נאָמען שאַלעמבוירגער, איז גראָד געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער האָט גערעדט ענגליש מיט אַ דייטשישן אַקצענט און האָט אַלע מאָל געהאַלטן אַ שטיקל פֿון ציגאַר אין זיין מויל. אַט דער שאַלעמבוירגער האָט אונז געלערנט בינענצוכט אויף אַזאַ שטייגער: ער פֿלעגט עפֿענען אַ בינענשטאָק און די בינען פֿלעגן אים באַפֿאַלן אויפֿן פּנים און אויף די הענט. אָבער זיי האָבן אים אַפּנים ניט געביסן, ווייל זיי האָבן אים שוין געקענט. מיר פֿלעגן זיך צוקוקן. פֿלעגט מיסטער שאַלעמבוירגער אַזוי שטיין פֿון דער ווייטנס און לאַכן . . . דערנאָך פֿלעגט ער אַרויס־קומען און אַרויסנעמען אַ קעסטעלע מיט סטעלניק און צוריק אַראָפּשאַרן די בינען פֿון זיין פּנים און הענט אין בינשטאָק אַריין. און דאַן פֿלעגט ער אונז איינטיילן יעדן אַ שטיקל סטעלניק. און מיר פֿלעגן דאָס שטיקל סטעלניק קייען און אויסזויגן דעם האָניק, ביז עס פֿלעגט ביי אונז אין מילך בלייבן אַ שטיקל וואַקס. און דערנאָך פֿלעגן מיר קריגן גרעבליעס און אָוועקשאַרן די בלעטער פֿון אַרום די בינשטאָקן...

צוויי וואָכן האָבן מיר געגעסן האָניק און גאָרנישט!... מיר זיינען געווען אַזוי אומווייסנדיק וועגן בינען פּונקט ווי פֿאַר די דאָזיקע צוויי וואָכן.

עס איז אַזוי אַוועק פֿאַוואָליע צוויי חדשים פֿון מיין סטודענטשאַפֿט אין דער באַראָן הירש שול. איך האָב שוין ביי יענער צייט, אין דער מיט פֿון חודש דעצעמבער, באַקומען מיין אוניפֿאָרם, וואָס איז באַשטאַנען

פֿון אַ קאַקי גאַרניטער מיט „לעגינגס" אויף די פֿיס און מיט אַ קאַפּעליוש מיט ברייטע ברעגן און אויסגעקנייטשט מיט אַ שפּיץ, אַקוראַט ווי ביי אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט. אויף די בראָנזענע קנעפּ פֿון מיין אוניפֿאָרם זיינען געווען דריי בוכשטאַבן: „עיטש", „עי" „עס", וואָס האָבן געמיינט „הירש אַגריקולטור־שולע".

און פֿון איצט אָן הויב איך אָן באַקומען אַרבעט אַליין, ניט אַזוי ווי פֿריער, ווען מיר האָבן באַקומען אַרבעט קאָלעקטיוו.

פֿרייטיק פֿאַרנאַכט האָט דער אָפֿיס אַלע מאָל אַרויסגעהאַנגען אַ בולע־טין, וואו פֿאַר יעדן איינעם איז געווען אָנאָנסירט פֿאַר דער קומענדיקער וואָך אַן אַרבעט.

דעם פֿרייטיק בין איך געווען פֿאַרשריבן אויף אַרבעט אַרום די פֿערד אין שטאַל. איך האָב געדאַרפֿט זונטיק אין דער פֿרי ראַפּאָרטירן אין שטאַל אַריין. עס האָט מיר אַביסל פֿאַרדראָסן פֿאַרוואָס מען האָט מיך ניט פֿאַר־שריבן אויף אַרבעט אין קי־שטאַל אָדער צו די הינער. וואָס וועל איך לערנען אין דעם פֿערד־שטאַל?

אָבער פֿאַרשריבן — איז פֿאַרפֿאַלן. עס איז ניט געווען קיין שום וועג ווי אַזוי איבערצובייטן די אַרבעט צו וועלכער מען איז פֿאַרשריבן פֿון אָפֿיס.

האָב איך געטראַכט, אַז נאָך אַלעמען בין איך דאָך פֿאַרשריבן נאָר אויף צוויי וואָכן. דערנאָך וועט מען מיר מסתּם געבן אַרבעט ביי די הינער און אויך אין דעם קי־שטאַל.

און איך האָב געדולדיק געוואַרט אויף זונטיק, ווען איך האָב געדאַרפֿט אָנהויבן מיין אַרבעט אַרום די פֿערד...

זיבצנטער קאַפּיטל

זונטיק אין דער פֿרי האָב איך זיך אָנגעטאָן אין די גומענע שטיוול מיט אָוועראָלס און מיט דעם בלויען וואָלענעם העמד און בין אַוועק אין דעם פֿערד־שטאַל. אין דרויסן איז נאָך געווען גרוי. דער הימל איז געווען פֿאַרבאָרגן מיט אַ שווערן טומאַן. עס איז געווען קיל און פֿאַסקודנע. אַ דראָזש איז געקראָכן אין די ביינער אַריין. און די ערד אונטער די פֿיס איז געווען פֿייכט פֿונם טומאַן. איך האָב ניט געקענט זען וואו איך גיי. דער טומאַן האָט זיך געלייגט אויף מיין וואַרעם פּנים.

אַ ברייטער פּאַס ליכט האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן טומאַן און מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס איז די ברייטע צעעפֿנטע טיר פֿון פֿערד־שטאַל. צו מיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן דער ריח פֿון פֿערד — אַ שאַרפֿער אַמאָ־ניע־ריח.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין שטאַל. עס האָט מיר געטאָן אַ זעץ אין פּנים אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט. מיטן ריח בין איך שוין פֿון מיין קינדהייט געווען באַקאַנט, ווייל ביי מיין טאַטן איז אַלע מאָל געווען אַ שטאַל מיט פֿערד.

— אַ גוטער מאָרגן! — האָט צו מיר געטאָן אַ געשריי באַלאַבאַן: אַ סטודענט אַ סיניאָר, וואָס איז געווען דער פֿאָרמאַן אין שטאַל. ער איז גע־ווען אָנגעטאָן אין אוניפֿאָרם פֿון שול און זיין ברייט־ביינערדיק פּנים אַ בי־סעלע פֿאַרוואַקסן מיט שוואַרצע האָר. ער איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן און גערעדט ווי מען רעדט אין בעסאַראַביע.

— גוט מאָרגן! — ענטפֿער איך און רייב מיינע באַהענטשקעטע הענט, כּדי זיי צו דערוואַרעמען.

— געווען אַמאָל אין אַ שטאַל, צי ניט? — פֿרעגט ער.

— ניט איין מאָל. מיין טאַטע האָט געהאַלטן די פּאָטשט.

— אַזוי?!

— יאָ. אָבער געאַרבעט אַרום פֿערד האָב איך ניט.

— אויף דעם זענט איר דאָך געקומען אין סקול. אַז איר'ט ווילן וועט איר קאָנען; קומט מיט מיר — האָט ער געזאָגט און מיך צוגעפֿירט צו איינעם פֿון די קעמערלעך, וואו עס איז געשטאַנען אַ ריזיק, גרויס פֿערד

— אָט דאָס פֿערד הייסט „בייבי". אָנו, לאָמיך זען צי איר קענט אַרייַנגיין צום פֿערד.

איך האָב באמת מורא געהאַט פֿאַר אָט דעם ריזיקן פֿערד, וואָס האָט געהייסן „בייבי" און וואָס האָט פֿאַרנומען מיט זיין ברייטקייט כמעט די גאַנצע ברייט פֿונם קעמערל. און כאָטש איך האָב זיך אַנגעזען פֿערד פֿון קליינערהייט אָן, האָב איך פֿונדעסטוועגן ניט געוואוסט אַזאַ קלייניקייט, אַז צו אַ פֿערד אין קעמערל דאַרף מען אַרייַנגיין פֿון דער לינקער זייט.

איך האָב מורא געהאַט פֿאַר אָט דעם ריזיקן פֿערד מיט די ברייטע פֿיס, וואָס זיינען געווען פֿאַרוואַקסן מיט האָר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איין טראָט פֿון זיינעם אַ פֿוס וועט מיך דאָס פֿערד צעטרעטן. נאָר איך האָב ניט געוואָלט אַרויסווייזן מיין מורא פֿאַרן פֿערד, און איך האָב מיט איין שפּרונג געטאָן זיך אַ שטופּ אַריין צום פֿערד אין קעמערל אַריין דורך דער רעכטער זייט.

„בייבי", דאָס פֿערד, איז ניט געווען געוואוינט, אַז מען זאָל צו אים אַרייַנקומען דורך דער רעכטער זייט. ער איז געווען זייער אַ שטיל פֿערד און אַ רואיקס, אָבער פֿון דעם וואָס איך בין צו אים אַריין דורך דער רעכטער זייט, האָט ער זיך דערשראָקן און אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן און טופּען מיט זיינע שווערע פֿיס. ער האָט מיך צוגעקוועטשט צו דעם הילצערנעם ווענטל פֿון קעמערל און מיך שיר ניט צעקוועטשט.

באַלאַבאַן איז געשטאַנען דערבײַ און ער האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף „בייביס" קריזש און אים באַרואיקט און צו מיר האָט באַלאַבאַן גע־זאָגט:

— יונגערמאַן, מען גייט אַריין צו אַ פֿערד פֿון דער לינקער זייט; שטענדיק פֿון דער לינקער זייט!

און באַלאַבאַן האָט געשמייכלט אויף מיין חשבון.

— לאָמיר זען צי איר קענט אויפֿבינדן אַ פֿערד — האָט באַלאַבאַן געזאָגט.

איך האָב אויפֿגעבונדן דעם שליף, מיט וועלכן דאָס פֿערד איז געווען צוגעבונדן, און דאָס פֿערד האָט מיך בשעת־מעשה געטאָן אַ שנאָפּ ביי מיין פּנים מיט זיינע האַריקע ליפּן, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט טאָן אַ קוש, אָדער אפֿשר אַ ביס.

— איצט פֿירט אים אַרויס צום ברונעם טרינקען — זאָגט באַלאַ־באַן — אַ מענטש באַדאַרף קאָנען אַרויספֿירן צוויי פֿערד אויף אַמאָל. נאָר אַזוי ווי איר זייט נאָך אַ גרינער, וועט איר דערווייל פֿירן איין פֿערד...

איך האָב געשטופּט דאָס פּערד, אַז ער זאָל אַרויסגיין פֿון קעמערל. און ווען מיר זיינען ביידע אַרויס פֿונם קעמערל, האָב איך ערשט געזען, ווי ריזיק גרויס „בייבי" איז און ווי נישטיק קליין איך בין אַנטקעגן אים. אָבער די ערשטע מורא איז שוין ביי מיר אַוועק. איך האָב געזען, ווי רואיק דאָס פּערד איז. און איך האָב אים אַרויסגעפֿירט אין דרויסן צום ברונען. עס איז נישט געווען קיין ברונען אין געווײנלעכן זין, נאָר אַזאַ מין קישקע, וואָס האָט געשטעקט אין דער ערד און מיט אַ קראַן האָט מען געצאַפּט וואַסער אין אַ קעסל אַריין.

דאָס פּערד האָט זיך פֿריער גוט אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן איידער עס האָט געטרונקען דאָס וואַסער. דאַן אַביסל געטרונקען און ווידער אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ און געקוקט אין אַלע זייטן, ווי עס וואָלט געוואָלט זען צי עס איז שוין טאָג.

אַז דאָס פּערד האָט זיך אָנגעטרונקען האָב איך אים צוריק אַריינגעפֿירט אין שטאַל.

—איר ווייסט ווי אַזוי צו מאַכן אַ שלייף? — פֿרעגט באַלאַבאַן — אויב איר ווייסט ניט, זאָגט אַז איר ווייסט ניט. איך האָב בעסער ליב, אַז מען זאָגט אַז מען ווייסט ניט איידער מען זאָל זאָגן, אַז מען ווייסט און ערשט ניט וויסן וואָס צו טאָן...

— איך ווייס נישט... — האָב איך געזאָגט.

— עס איז אַזאַ פּראָסטע זאַך — איז באַלאַבאַן אַריין אין קעמערל און מיר געוויזן ווי אַזוי צו מאַכן אַ שלייף.

— אַ דאַנק! — זאָג איך — איך האָב עס קיין מאָל נישט געטאָן.

— אַי, די שטאָט־מענטשן!... צו וואָס טויגן זיי?!... — זאָגט באַלאַבאַן.

— דערפֿאַר וויל איך טאַקע ווערן אַ פֿאַרמער — זאָג איך.

— מען דאַרף נאָר וועלן. צוריק מיט צוויי יאָר ווען מען זאָגט מיר, אַז איך וועל ווערן אַ גאַנצער מאַכער אַרום פּערד, וואָלט איך יענעם געווען אויסגעדראַפּעט די אויגן... געווען אַ קלוירק אין אַ סטאָר אויף גרענד סטריט, נאָר אַט קומט 1907, און דער קריזיס און אויס סטאָר, און איך, אַ יונג פֿון 24 יאָר, האָב שוין אונטערגעהאַקטע פֿיס, און כאָטש זעץ זיך אַוועק אין אַ שטול מיט רעדלעך און פֿאָר אַרויס אין גאַס בעטלען... דאָ זיינען גאָר מיינע פֿיס געוואָרן שטאַרקער און אָט בין איך אַ גאַנצער מאַכער אַרום פּערד. איך מאַך מיט אייך אַ „וועט", אַז איך קאָן אין איין שעה צייט אויסרייניקן דעם שטאָל מיט די פּערד און זיי געבן עסן און טרינקען. קיינער פֿון די באַיעס קען עס ניט באַווייזן.

איך האָב געשלונגען די סלונע און אים געקוקט אין די אויגן אַריין. ביי מיר האָט ער אַלץ געפּועלט. איך האָב געשוויגן. געמאַכט עטלעכע מאָל דעם שליף און ענדלעך אויסגעהאַלטן עקזאַמען.

דערנאָך האָט באַלאַבאַן געבראַכט אַ באַרשט מיט אַ קאַם און מיך ווידער געפּרעגט, צי איך ווייס ווי אַזוי צו רייניקן אַ פּערד. ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער פון מיר און געטאָן אַ פּיר מיט דעם קעמל איבערן פּערדס קריזש און דערנאָך אַ רייב מיט דער באַרשט.

— איר זעט? אָט אַזוי!

איך האָב גענומען די באַרשט. זי איז געווען אַ קיילעכדיקע און מיט אַ גומנדל, וואוהין מען האָט געדאַרפט אַריינשטעקן די האַנט, כּדי די באַרשט ניט צו פאַרלירן. דאָס קעמל האָט געהאַט אַ הענטל צו האַלטן אין האַנט. באַלאַבאַן האָט מיר געהייסן האַלטן אין דער לינקער האַנט. דאָס קעמל איז געווען פון שטאָלענע ציינער. איך האָב געטאָן אַזוי ווי באַ־לאַבאַן האָט מיר געוויזן און עס איז געווען גוט. אָבער איך בין נאָך ניט געווען געוואוינט צו אָט דער אַרבעט. און מיט דער באַרשט האָב איך נאָך ווי עס איז געאַרבעט, אָבער מיט דער קאַם האָב איך מורא געהאַט, אַז די שטאָלענע ציין טוען וויי דעם פּערד. און איך האָב קוים, קוים זיך צוגע־רירט מיט דער קאַם צום פּערדס הויט.

באַלאַבאַן האָט ביי מיר גענומען די קאַם און מיט אים געטאָן אַ רייב דעם פּערד, אַזש עס האָט זיך איינגעבויגן פון ווייטיק.

— בייבי איז אַ קיצלדיקער... ווײ טוט אים נישט... — זאָגט באַ־לאַבאַן — און ציטערט ניט אַזוי. איר טוט אים גוט...

עס האָט געדויערט אפשר אַ שעה אָדער מער, ביז איך האָב דאָס דאָזיקע פּערד אויסגעקעמט און אויסגעבאַרשטן. צי איך האָב טאַקע באמת דאָס פּערד אויסגעקעמט און אויסגעבאַרשטן ריין ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָב איך ניט געוואוסט אויף זיכער; נאָר איין זאַך האָב איך געוואוסט, אַז מיין מויל איז געוואָרן פול מיט פּערדישע האָר און איך האָב געהאַלטן אין איין שפּייען.

איך האָב זיך יענעם פרימאָרגן געוואַשן און געוואַשן און עס האָט זיך דאָך פון מיר געפילט דער ריח פון פּערד־שווייס.

— נו — האָב איך צו זיך אַליין געטענהט אין דער מחשבה — דו ווילסט דאָך ווערן אַ פאַרמער, איז דאַרפסטו קאָנען אַרומגיין אַרום פּערד.

און יענעם פרימאָרגן האָב איך געלערנט ביי פּראָפעסאָר מאַלטבי אין קלאַס זייער אַ סך וועגן פערד.

פּראָפעסאָר מאַלטבי איז געווען זייער איידל צו אונז, „פרעשמען״, און ניט אַנדערש נאָר געוואָלט וויסן יעדן איינעמס ביאָגראַפיע.

מיר האָבן אים אין קורצן דערציילט אונזערע ביאָגראַפיעס. און ער, דער פּראָפעסאָר, האָט אונז אויך דערציילט, אַז ער איז פון מישיגען סטייט און אַז ער איז אַ פאַרמערס אַ זון. זיין טאַטע איז אַ מילך־פאַרמער. ביי זיי איז פאַראַן אַ סך קי און פערד.

— וועל — האָט פּראָפעסאָר מאַלטבי ווייטער געצויגן זיין געשפּרעך — איך האָב אַליין בעסער ליב פערד איידער קי... ווייסט איר, אַז אַ פערד האָט זייער ליכטיקע אויגן? איר ווייסט ניט... אַ פערד זעט מיט זיינע אויגן דריי מאָל אַזוי גרויס ווי, צום ביישפּיל, אַ מענטשלעך אויג. ביי אַ פערד זעט אַ מענטש אויס דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ער איזווירקלעך. אַ יאָ... איר האָט עס ניט געוואוסט? איצט, לאָמיך נעמען, אַ שטייגער, אַ פערדס אויערן. זיי זיינען ביים פערד אַזוי פילבאַר צום געהער, אַז אַ פערד קאָן הערן, ווי אַ האָר באַוועגט זיך אין ווינט. יאָ, איך האָב פאַרגעסן: אַ פערד קאָן ניט נאָר זען וואָס עס טוט זיך אין פראָנט און איןביידע זייטן, נאָר ער קאָן אויך זען וואָס עס טוט זיך הינטער אים. דערפאַר טוט מען אים אָן אַזוינע „בלינדערס״, געמאַכט פון לעדער, כדי ער זאָל ניט קאָנען קוקן וואָס עס טוט זיך פון הינטן... ער קאָן נאָך דעריבער אַראָפּ פון גלייכן וועג. אַ פערד האָט אין זיך אַזאַ אייגנשאַפט, אַז ער קאָן פילן דעם מענטשן, וואָס טרייבט אים, כאָטש יענער זיצט אויפן וואָגן הינטער אים. דאָס פערד וועט דערפילן, צי דער טרייבער איז אַ שטאַרקער כאַראַקטער צי ניט; צי דער מענטש, וואָס טרייבט אים, איז פריילעך, צי ער איז טרויעריק, צי דער מענטש האָט עפּעס אַ גרויסע זאָרג אויף זיין קאָפּ... אַ פערד וועט אַלע מאָל ביישטיין דעם מענטשן, אויב ער האָט אים ליב... עס איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ צו אַ פערדס איי־בערגעגעבנקייט צו אַ מענטשן, וועמען ער האָט ליב. ער וועט דעם מענטשן ראַטעווען פון די גרעסטע געפאַרן און אים אהיים ברענגען גאַנץ. און וועט אָפּט ניט אָפּטרעטן פונם מענטשן און וואַכן איבער אים אין אַ געפאַר. אָבער ווען אַ פערד האָט פיינט אַ מענטשן, וועט ער פאַר אים אפילו ניט וועלן אַרבעטן אָדער גיין אין שפּאַן — יעס, סער...

דערנאָך האָט אונדז פּראָפעסאָר מאַלטבי געהייסן עפענען אונדזערע ביכער, וואָס האָבן געהייסן „פיצוכט״ און מיט אונז געלערנט דאָס קאַ־

פּיטל וועגן פֿערד, זייער קערפּער, זייער מאָגן און זייער נוצלעכקייט אויף דער פֿאַרם.

ביי מיר איז שוין יעדעס וואָרט אין בוך געווען תּורת־משה. און איך האָב דערנאָך אין שטאָל זיך צוגעקוקט צו די לעבעדיקע פֿערד און גע־וואָלט אויסגעפֿינען צי פּראָפֿעסאָר מאָלטביס מעשׂות וועגן פֿערד זיינען טאַקע אמת.

אַכצנטער קאַפּיטל

איך האָב די ערשטע וואָך געאַרבעט אַרום איין פֿערד, אַרום דער „בייבי", און אויף דער צווייטער וואָך האָט מען מיר געגעבן נאָך אַ פֿערד צו רייניקן. דאָס צווייטע פֿערד איז געווען „בייביס" פּאָר אין שפּאַנען און האָט געהייסן „ליידי". דאָס איז געווען אַ זי־פֿערד און אויך פֿון דעם זעלבן מין און קאָליר ווי „בייבי".

מענטשן זאָגן, אַז אויב איינער האָט אין די קינדער־יאָרן עפּעס זייער שטאַרק געוואָלט און עס ניט געקענט דערגרייכן, וועט ער שפּעטער שוין זען צוצושלאָגן זיך צו אָט דעם באַגער זיינעם. מיט מיר האָט עס טאַקע געטראָפֿן, אַז אין מיינע קינדער־יאָרן האָט מיך מיין טאַטע ניט צוגעלאָזט אין שטאַל מיט פֿערד. האָב איך אפֿשר, איצט ווען איך האָב געקראָגן אַ שטאַל מיט פֿערד, זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו די פֿערד, אַז עס איז מיר פּשוט ניט געווען אָפּצורייסן.

איך האָב די צוויי פֿערד „ליידי" און „בייבי" געהאַלטן אַזוי ריין, אַז זיי האָבן געשיינט ווי סאַמעטענע. איך האָב זיי אָפּגעהיט און זיי געגעבן עסן און טרינקען אין צייט און האָב פֿאַר זיי יעדן אָוונט געמאַכט ווייכע שטרוי־בעטן צום שלאָפֿן. איך האָב זיי אַזוי ליב געהאַט און זיי מיך אויך.

איך האָב זיך גאָר נישט געקאַנט מיט די דאָזיקע צוויי פֿערד צעשיידן, אָבער די צוויי וואָכן זיינען אַריבער און מען האָט מיך פֿאַרשריבן אויף אַרבעט אַרום די עופֿות.

הינער זיינען דאָ געווען אַלערליי: ווייסע, טערקאַטע און רויטע. און די הינער־שטיבלעך זיינען געווען אויסגעשטעלט ווי אַ שטעטעלע מיט געסלעך. און אַזוי ווי דער פֿאַרמאַן, דער סיניאָר סטודענט פֿאַקס, איז געווען אַ שטיקל לץ, האָט ער די געסלעך אָנגערופֿן מיט די נעמען: בראָדוויי, פֿיפֿטע עוועניו, א. א. וו.

איך האָב באַלד, צום אָנהויב, ניט ליב געהאַט די הינער. די ערשטע וואָך האָב איך געדאַרפֿט רייניקן זייער אָפּפֿאַל, זיי האָדעווען און צונויפֿ־נעמען די אייער, וואָס זיי האָבן געלייגט. ביי די הינער האָט זיך שוין דעמאָלט ספּעציאַליזירט מיין חבר יאַפֿע, וועלכער האָט זיך געגרייט איינ־צופֿירן אין פּאַלעסטינע אַמעריקאַנער הינער. יאַפֿע האָט זייער ליב געהאַט די הינער, ספּעציעל די ווייסע „לעגהאָרנס".

— זיי זיינען שקצעדיק... — האָט ער צו מיר געזאָגט.

— דו וועסט זיי ברענגען קיין פּאַלעסטינע, וועסטו מיט זיי האָבן צו זינגען און צו זאָגן — האָב איך אים געענטפערט — ווייל די דאָזיקע ווייסע לעגהאָרנס זיין באמת געווען ווילד.

— דערפאַר זיינען זיי ריין־ווייסע — האָט יאַפּע געזאָגט — און איך האָב ליב צו קוקן אויף אַ סטאַיע ווייסע הינער מיט די רויטע קאַמען. פאַר ארץ־ישראל פּאַסט זיך עס אַזוי!

יאַפּע איז שוין געווען פאַרטאָן אין הינער־צוכט ביז איבער די אויערן, און ער האָט שוין געפירט ביכער. יעדע הון האָט ביי אים געהאַט אַ קאָנטע: וויפיל אייער זי לייגט און וויפיל זי עסט. יעדע הון האָט געהאַט אַ בלעכל מיט אַ נומער צוגעטשעפּעט צו איר פוס.

אָבער מיך האָבן אָט די אַלע זאַכן ניט גענומען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז האָבן צו טאָן מיט הינער איז אַ זאַך וואָס געהערט צו פרויען און ניט צו אַ מאַן. איך האָב שוין קוים דערלעבט ווען די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיקט און מען האָט מיך פאַרשריבן אויף אַרבעט ביי די קי.

איך האָב געחלשט זיך אויסצולערנען קי מעלקן. און פון אָנהויב האָבן די הענט אָביסעלע ווי געטאָן פונם מעלקן. עס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט פאַר מיר, און איך האָב ביי דעם סוף פון צוויי וואָכן שוין געקאָנט מעלקן צוויי קי. און איך האָב זיך געוואונדערט ווי אַזוי מעלקערס קאָנען מעלקן צען און מערער קי. מיינע הענט פלעגן ווערן אָנגעדראָלן פון צוויי קי מעלקן. סיי־ווי־סיי, האָב איך ניט געטראַכט אפילו זיך צו ספּעציאַליזירן אין דער מילך־פּראָדוקציע, כאָטש איך האָב נאָך ניט געוואוסט אויף זיכער, וואָס פאַר אַ פאַרמער איך וויל זיין.

אַ גאַנצן ווינטער האָבן מיר געלערנט מער אין די קלאַס־צימערן ווי אויף פּראַקטישער אַרבעט. עס איז איבערהויפּט ניט געווען קיין סך פּראַקטישע אַרבעט.

איך בין געווען, אויב מען מעג זיך אַליין לויבן, זייער אַ גוטער סטודענט. איך האָב געלערנט מיט גרויס פלייס ענגליש, אַריפמעטיקע, פיזיקע, פיזיאָלאָגיע, כעמיע און ביכער וועגן פי־צוכט, הינער־צוכט און באָטאַניק. בייטאָג האָב איך געלערנט אין קלאַס־צימער און אין אָונט ביי זיך אין צימער ביז צען אַזייגער.

חוץ דעם האָב איך געטאָן מיין חלק אַרבעט דריי מאָל אַ טאָג ביי די קי, עופות אָדער הזירים, אָדער ביי דעם פרוכט־גאָרטן. אַזוי איז אַוועק דער ווינטער און אויף פסח בין איך געפאָרן אויף קאַניקולן (וואַקאַציע) אַהיים. איך בין געקומען אַהיים אין מיין אוניפאָרם און מיינע קלענערע ברידערלעך פיני און שמואליק האָבן זייער הנאה געהאַט פון מיר. ביי זיי האָב איך

אויסגעזען ווי אַן אמתער סאָלדאַט און זיי האָבן געפֿירט אין שטוב אַריין זייערע חברים קונדייסים און פֿאַר זיי געוויזן וואָס זיי פֿאַרמאָגן...

דער טאַטע איז געווען פֿאַרנומען ערב פּסח מיטן צוגרייטן דעם פּסח. ער האָט זיך ערשט אין איסט־ניו־יאָרק צעוואַרעמט מיט זיין פֿרומקייט. ער האָט באַקומען עכטע „שמורה"־מצות און האָט אַליין געגלײַט דעם אויוון פּונקט ווי אַמאָל אין דער היים. איך בין געקומען ערב־פּסח אין דער פֿרי פּונקט ווען דער טאַטע האָט פֿאַרברענט דעם חמץ, און אַז דער טאַטע האָט מיך דערזען אין מיין אוניפֿאָרם מיט די קופּערנע קנעפּ און מיט די „לעגינגס" האָט ער מיך געפֿרעגט:

— וואָס ביסטו, אַ סאָלדאַטשיק?

— ניין, טאַטע, דאָס זיינען די קליידער, וואָס מיר טראָגן אין באַראָן הירש שולע...

— ווילסט מיר נישט פֿאַרשטערן פּסח, נעם און טו זיי אויס...

— גוט...

מיינע קליינע צוויי ברידערלעך און אַפֿילו די גרעסערע ברידער, האָבן זייער געוואָלט, אַז איך זאָל ניט אויסטאָן די „סאָלדאַטסקע" קליידער. אָבער איך האָב געוואָלט צוליב טאָן מיין טאַטן און אים ניט פֿאַרשטערן פּסח...

דער טאַטע האָט מיט מיר גערעדט וועגן תּכלית און איך האָב דער־ציילט ווי אַזוי איך לערן און וואָס איך קאָן שוין. איך האָב געזען, אַז ביי מיין פֿאָטער צעלויכטן זיך זיינע אויגן פֿון נחת.

אַז איך בין שוין געווען אין דער היים האָב איך זיך אַראָפּגע־כאַפּט אויף איסט־בראָדוויי און געוואָלט זיך זען מיט די קאָלעגן שרייבער. איך בין אַוועק צו משה יונה חיימאָוויטשן אין הויז און ער מיט זיין ווייב האָבן זיך זייער דערפֿרייט מיט מיר. און באַלד האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַלע חברה — בלינקין, יוסף באָנק, ידידיה מרגלית און אויך מאַני לייב איז געקומען פֿון ברוקלין און מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל סעודהלע און גערעדט וועגן ליטעראַטור.

דעם אמת, האָבן מיר קיין סך וועגן ליטעראַטור ניט גערעדט, מיר זיי־נען אַלע געווען יונג און געהאַט אַ סך אַנדערע ענינים וועגן וואָס צו רעדן. איך בין געוואויר געוואָרן, אַז מען קלייבט זיך אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" — טאַקע אַ גראָבן זשורנאַל, וואו עס וועלן זיך דרוקן אַלע אונזערע חברים. און עס וועט זיין אַ רעדאַקטאָר, צי אפֿשר טאַקע גאַנצע צוויי רעדאַקטאָרן. און אַז עס אַרבעט אויף דעם איינער אַ יונגער בחור מיטן נאָמען דוד איגנאַטאָוו.

איך האָב איגנאַטאָוון געקאָנט פֿון דעם „דאָמענהיטעלעך" טרייד. איך האָב געוואוסט, אַז איגנאַטאָוו שרייבט זייער אייגנאַרטיקע זאַכן. איך אַליין

האָב זייער געהאַלטן פֿון זיין טאַלאַנט. אָבער אַז אָט דער איגנאַטאָוו זאָל זיין פּיאַיק אַרום אַ זשורנאַל, האָב איך ניט געוואוסט. סיי־ווי־סיי בין איך געווען ווייט פֿון שרייבן. איך האָב אַוועקגעלייגט מיין פּען און זי איז שוין מסתמא פֿאַרראָסטעט געוואָרן. נאָר עס האָט זיך נאָך פֿאַרוואַלגערט ביי מיר צווישן מיינע פּאַפּירן אַ דערציילונג מיטן מאָדנעם נאָמען: „דאָס ברעגעכל". און ניט נאָר דער נאָמען איז געווען מאָדנע, נאָר דער גאַנצער אינהאַלט און די גאַנצע סטרוקטור פֿון דער דערציילונג איז געווען אַ מאָדנע. די קאַלעגן זיינען געקומען צו מיר אין שטוב אַריין און גענומען ביי מיר אָט די דערציילונג פֿאַרן ערשטן זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן".

מיין מאַמע האָט געשטעלט טיי און פּסחדיקע קנײדלעך און מיין פֿאָטער האָט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט די שרייבער, כאָטש ער האָט ניט געהאַלטן פֿון מיין שרייבן. מאַני לייב איז אַפֿילו געבליבן שלאָפֿן ביי אונז און איך בין מיט אים געווען „אויף" אַ גאַנצע נאַכט און ער האָט מיר געלייענט לידער אויף אויסנווייניק. און עס האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט ביי אונז דאָס רעדן. אַ, וויפֿיל רייד עס איז פֿאַראַן ווען מען איז יונג!

נאָך פּסח בין איך באַלד צוריק אַוועקגעפֿאָרן אין דער באַראָן הירש שול קיין וואודביין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין מיין לעבן. איך בין געוואָרן אַ „דזשוניאָר" און קיין קלאַסן זיינען שוין ניט געווען מער. דער פֿרילינג אין דרום ניו־דזשורזי איז שיין און הערלעך. אין שול מיט די גרויסע, גרינע לאָנקעס, און אין די סעדער האָבן זיך די עפּל־בוימער צעבליט און די יאַלעווע, אייביק־גרינע בוימער האָבן אין די וועלדער אַרום וואודביין ערשט זיך גוט און זיס צעשמעקט.

די שול האָט פֿאַרמאָגט אַ סך ערד צום פֿאַראַקערן. און איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געשפּאַנט „ליידי" און „בייבי" אין אַן אַקער און בין אַרויס אויף אַ פֿעלד אַקערן די ערד.

מיסטער מאַלטבי איז אַרויסגעקומען רייטנדיק אויף אַ פֿערד און האָט מיר געגעבן די ערשטע לעקציע ווי אַזוי צו אַקערן. ער האָט געמאַכט די ערשטע באַראָזדע, ער האָט זי געמאַכט אַזוי גלייך ווי אַ ווירע, און האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי מען דאַרף האַלטן די הענטלעך פֿונם אַקער און ווי אַזוי מען דאַרף קוקן אויף די פֿערד און אין זינען האָבן דעם צענטער, וואָס איז פֿאַראַן צווישן די צוויי פֿערד אין שפּאַן. איך האָב פֿאַר־וואָרפֿן די לייצעס אַריבער מיינע קריזשעס, ווייל מיט די הענט האָב איך זיי ניט געקאָנט האַלטן. איך האָב דאָך געדאַרפֿט האַלטן דעם אַקער.

מאַלטבי האָט מיר אויך געוויזן ווי אַזוי צו רעגולירן די טיפֿקייט פֿונם אַקער־מעסער. און אַז איך מוז זען, אַז איין פֿערד זאָל שפּאַנען אין

דעם רינשטאָק, וואָס איז געבליבן פֿון דער אויפֿגעהויבענער באַראָזדע, און דאָס צווייטע פֿערד זאָל שפּאַנען אויף דער נאָך נישט צעאַקער־טער ערד.

„לײדי" און „בײבי" זײַנען בסך־הכּל געווען אַליין גוטע אַקערער. זיי האָבן געוואוסט וועגן אַקערן מער פֿון מיר. איך האָב פֿון גרויס פֿרייד, וואָס איך האָב געפּילט, אַז איך האָב דערלעבט צו אַקערן די ערד, אַליין ניט געוואוסט וואָס איך טו. איך בין געווען זייער צעטומלט און דער אַקער האָט זיך געוואַקלט אין מײנע הענט — הענט שטאָטישע און אפֿשר אויך מער־ווײניקער אידישע; ניט מײן טאַטע און ניט מײן זיידע האָבן געאַקערט די ערד... האָט זיך דער אַקער אַביסלע געוואַקלט אַהין און אַהער ביי מיר. אָט איז אַרויס דאָס אַקער־מעסער פֿון דער ערד און אָט איז עס אַרײַן צו טיף אין דער ערד אַרײַן. איז מײן ערשטע באַראָדזע ניט געווען אַזוי גלײַך ווי די באַראָזדע וואָס מיסטער מאַלטבי, מײן לערער, האָט געמאַכט.

אָבער מײן לערער מאַלטבי האָט מיר נאָכגעפֿאָלגט פֿון הינטן און געשמייכלט גוטמוטיק.

— עס איז אַביסעלע קרום — האָט ער געזאָגט — אָבער ווערליק דאָס ערשטע מאָל איז עס אָל־ראַיט. האָב ניט מורא פֿאַר דער ערד. זי איז גוט און שווײַגנדיק און געדולדיק. פּרוּוו זײַן אַזוי רואיק ווי די ערד איז.

די צוויי פֿערד האָבן מיך געפֿירט רואיק און געהאָרכזאַם אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ בלינדער. נאָר דער אַקער האָט זיך געוואַקלט אין מײנע הענט... און איך האָב זיך באַגאָסן מיט שווייס און די זון האָט געשײַנט און געפּאַרעט די פֿריש־אויפֿגעאַקערטע ערד.

אַז איך האָב געענדיקט די ערשטע באַראָזדע און געטאָן אויף איר אַ קוק, האָב איך זיך פֿאַרשעמט פֿאַר מײן לערער, פֿאַר אַלע דורות פֿון מײן שטאַם, וואָס זײַנען געווען אָפּגעריסן פֿון דער ערד.

ניינצנטער קאַפּיטל

די ערד אין סאַוט־דזשוירזי איז אַ זאַמדיקע, פֿון דעם אייגענעם קאָליר, וואָס עס האָט זאַמדביים ברעג פֿון ים. עס איז דאָ גישטאָ קיין בערג און קיין טאָלן, נאָר ערטערווייז פֿאַרפֿלאַנטערטע וועלדער פֿון נאָדל־ביימער און זייער זעלטן אויך אַ דעמב אָדער אַ סאָסנע. אין די וועלדער זיינען פֿאַראַן זייער גרויסע זומפּן און זומער פּלאָדיען זיך דאָ אַלערליי מאָסקיטאָס און קאָמאַרן.

דער שטח, וואָס די באַראָן הירש שול פֿאַרמאָגט, איז זייער פֿלאַך. די וועלדער זיינען שוין אויסגעהאַקט און דער כאַראַקטער פֿון דער ערד איז שוין אויך כמעט ווי איבערגעביטן געוואָרן פֿון אַ זאַמדיקן אויף אַן עכטן פּרוכטבאַרן באָדן. דער קאָליר פֿון דער שול־ערד איז אויך שוין ווייט פֿון דעם קאָליר פֿון דעם זאַמד ביים ברעג ים. די ערד איז שוין אַביסל שוואַרצלעך און האָט שוין אין זיך אַ סך אָרגאַנישע מאַטעריאַלן. יאָר־איין, יאָר־אויס באַמיסטיקט מען דאָ די פֿעלדער מיט קי און פֿערד מיסט און מען שפּרייט דאָ אַלע יאָר אויף די פֿעלדער פֿאָספֿאַט, נאַיטרייט, סאָדאַ און פּאַטאַש.

איך אַקער אָט די דאַזיקע ערד מיט די צוויי פֿערד „ליידי" און „בייבי" געשפּאַנט אין אַן אַקער, וואָס איז רויט געפֿאַרבט. די צוויי פֿערד זיינען גראָ געפּינטלט. צוויי שווערע פֿערד מיט ברייטע פּלייצעס, מיט שיינע, געטאָקטע העלזער, וואָס זיינען אויסגעבויגן, ווי האַלבע בויגנס, מיט גרויסע מענגעס האָר אויף די העלזער, און מיט שווערע שיין־אויסגעקעמטע קאָדעס. די כאָמעטעס זיינען פֿון לעדער און באַפּוצט מיט מעשענע קנעפּ. די אַפּריל־זון איז לאַשטשענדיק, וואַרעם. זי בלישטשעט ווי מיליאָנען בריליאַנטן און שווימט אין אַ לייכט־בלאָען הימל, ריין ווי אַ פֿרילינג־הימל קאָן נאָר זיין.

איז, ווער איז צו מיר גליך? איז דען פֿאַראַן נאָך עמיצער אויף דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי פֿעסט טרעטן מיט ביידע פֿיס אויף דער ערד? איך וואָלט זיך דעמאָלט געוויס נישט געווען געביטן מיטן גרעסטן קינסטלער אויף דער וועלט, מיט זיין גאַנצן רום און מיט זיינע אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפֿן — אַז איך אַליין אַקער די ערד, אויף וועלכער עס וועט וואַקסן ברויט.

מיין ברוסט איז געווען שטאָלץ און מיין פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דעם רויט־געפּאַרבטן אַקער און מיט אים געקעמפּט: דער אַקער האָט נאָר געוואָלט מיר אויף צו־להכעיס, אָדער אַרויס פון דער ערד, אָדער אַריינקריכן וואָס טיפער אין דער ערד אַריין. און איך האָב אים אָט די צוויי זאַכן ניט געטאָרט לאָזן טאָן.

מיין לערער, מר. מאַלטבי, האָט מיר דערקלערט ווי אַזוי צו קאָנטראָ־לירן דעם אַקער. דער אַקער האָט פאַרמאָגט אַזאַ שליטעלע, אויף וועלכן ער האָט זיך געגליטשט אונטער דער אויפגעגראָבענער ערד. אָט דאָס שליטעלע האָט זיך געדאַרפט שליטלען אין אַ גלייכער, האָריזאָנטאַלער ליניע. ווען איך האַלט די צוויי הענטלעך פון אַקער אין אַ געוויסן גלייכ־געוויכט, דאַן שליטלט זיך דאָס שטאָלענע שליטעלע גלייך און דאָס אַקער־מעסער, וואָס איז צוגעשרויפט צום שפּיץ פון שליטעלע, שניידט גלייך די ערד.

— אָבער פּראָפעסאָר מאַלטבי — פרעג איך מיין לערער אַ קלאָץ־קשיה — ווי אַזוי קאָן איך קאָנטראָלירן אָט דאָס שטאָלענע שליטעלע, אַז איך קאָן עס ניט זען? עס איז דאָך אַלע מאָל טיף אונטער דער ערד?

פּראָפעסאָר מאַלטבי האָט ליב, אַז מען פרעגט אים קשיות: זיין איידל פּנים ווערט פול מיט אַזויפיל שמייכעלעך און גוטסקייט.

— מען מוז עס קאָנטראָלירן אינטואיטיוו — ענטפערט מאַלטבי מיט אַ קלוגן שאָקל מיט זיין קליינעם קאָפּ — עס דאַרף זיך אויסאַרבעטן ביים מענטשן אין די הענט אַזאַ מאָס, אַז ער זאָל וויסן ווי צו קאָנטראָלירן דעם אַקער. אָט, נעם מיך אַלס ביישפּיל. איך בין אַ פאַרמערס אַ זון. מיין זיי־דע איז געווען אַ פאַרמער און מיין עלטער־זיידע האָט אויך געאַקערט די ערד. פונדעסטוועגן איז דאָס אַקערן די ערד ניט איבערגעגאַנגען צו מיר בירושה. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אַקערן צום ערשטן מאָל, האָב איך אויך געמאַכט אַזוינע קרומע באַראַזדעס און אויך ניט געקאָנט קאָנטראָ־לירן דעם אַקער. עס נעמט צייט ביז מען כאַפּט דעם שניט.

מיסטער מאַלטבי האָט זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן מיט זיינע רייד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך צעקאַליעטשע די ערד, דערפאַר, וואָס איך בין אַ קינד פון עלטערן, פון דורות, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט גע־אַקערט די ערד. און אָט שטייט פאַר מיר אַ קינד פון יענקי־פאַרמערס פון דור־דורות און ער דערציילט מיר, אַז ער האָט אויך ניט געקאָנט אַקערן די ערד.

סיי ווי סיי איז מיר געווען גוט אויפן האַרצן, סיי פון לערערס גוטע רייד און אויך פון שיינעם דרויסן. עס האָט געשמעקט מיט עפּל־צוויט און מיט בעז און מיט פרישער אויפגעאַקערטער ערד.

איך האָב געהאַט אַ שטיק פֿעלד פֿון אַ דריי אַקער די גרויס. פּראָ־פֿעסאָר מאַלטבי האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף אַקערן נאָר איין אַקער אַ טאָג. דאָ אין שול איילט מען זיך ניט. געוויינלעך פֿאָדערט אַ פֿאַרמער צוויי אַקער אַ טאָג פֿון אַ מענטשן מיט אַ „טים" פֿערד. אָבער דאָ אין שול דאַרף מען מאַכן אַן ערך אַן אַקער לאַנד אַ טאָג.

אַז עס איז געקומען אַרום האַלב נאָך עלף אַזייגער, האָט דער שול־גלאָק געקלונגען. עס האָט געהייסן, אַז מען זאָל אַוועקלייגן די אַרבעט און קומען אַהיים צום אָנבייסן.

איך האָב געהאַלטן גראָד דעמאָלט אין דער מיט פֿון אַ באַראָזדע, האָב איך געוואָלט ענדיקן דעם פּאַס ערד ביז צום וועג.

אָבער „ליידי" און „בייבי", ווען זיי האָבן דערהערט דעם גלאָק קלינגען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און שוין מערער ניט געוואָלט אַרבעטן. איך האָב ניט געוואוסט, אַז די פֿערד פֿאַרשטייען זיך אויפֿן קלונג פֿונם גלאָק. האָב איך זיי געטריבן, אַז זיי זאָלן שלעפּן דעם אַקער. די צוויי פֿערד האָבן מיך ניט געהערט און געשטאַנען. קיין בייטש האָב איך ניט געהאַט. און ווען איך וואָלט אַפֿילו געהאַט אַ בייטש, וואָלט איך אויך ניט אָנגערירט אַזעלכע צוויי שיינע פֿערד.

איך האָב זיי געבראַכט אין שטאַל אַריין און דערציילט באַלאַבאַנען, ווי אַזוי די פֿערד האָבן פּלוצים ניט געוואָלט מערער אַרבעטן, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אַ נייעס ביי איך!... ביי פֿערד איז נישטאָ קיין מאַנקי־ביזנעס.. דער גלאָק קלינגט, כּדי אויפֿצוהערן אַרבעטן, וועלן זיי ניט סקעבן...

— מערקווירדיק!... — האָב איך אויסגעשריגן.

— זיי זיינען אי קלוג, אי שיין, אי ערלעך...

נאָכמיטאָג האָב איך ווידער געאַקערט. מיין ליניע האָט זיך אויס־געבעסערט. עס האָט שוין באַלד אָנגעהויבן אויסצוזען ווי געאַקערט. דאָס שטיק פֿעלד, וואָס איך האָב אויפֿגעגראָבן אינדערפֿרי, האָט אויסגע־זען שרעקלעך. איך האָב אַזוי געאַקערט אַרום פֿיר טעג, ביז איך בין פֿאַר־טיק געוואָרן מיט די דריי אַקער ערד.

און אויפֿן פֿינפֿטן טאָג האָט מיר פּראָפֿעסאָר מאַלטבי געהייסן איינ־שפּאַנען דעם „טים" אין אַ בראָנאָוויק (אין ענגליש האָט מען עס גערופֿן הערראָ). דאָס איז געווען אַזאַ פֿירעקעכיק הילצערן געשטעל פֿון שווערע קלעצער. אין די קלעצער זיינען געווען אַריינגעקלאַפּט גרויסע אייזערנע שפּאַקעס מיט שאַרפֿע שפּיצן צו דער ערד אַראָפּ. אין פֿעלד אַריין האָב איך

אַט דעם בראָנאַוויק געפֿירט מיט די שפּאָקעס אַרויף צום הימל. אָבער אויף דעם פֿעלד, וואָס איך האָב צעאַקערט, האָב איך די שפּאָקעס איבערגעקערט מיט די שפּיצן אַראָפּ.

פּראָפֿעסאָר מאַלטבי האָט מיר געהייסן זיך אָוועקשטעלן אויפֿן בראָ־נאַוויק און טרייבן די פֿערד אַרום און אַרום דעם צעאַקערטן פֿעלד איין מאָל און אַ צווייט מאָל, ביז די ערד וועט ווערן צעמאָלן אין אַ פֿיינעם שטויב.

איצט האָב איך זיך געדאַרפֿט אויסלערנען צו האַלטן מיין גלייכגעוויכט. ניט איינמאָל בין איך שיר ניט אומגעפֿאַלן. איך האָב זיך אָבער די דאָזיקע תּורה אויסגעלערנט זייער גיך. און איך האָב אין יענעם טאָג אַזוי אויס־געאַרבעט דאָס שטיק פֿעלד, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט עס צעקעמט מיט אַ קעמל.

מאַלטבי האָט מיך זייער געלויבט פֿאַר אַט דער אַרבעט.

— דו וועסט זיין אַ גוטער פֿאַרמער! — האָט ער אויסגעשריען מיט באַגייסטערונג. און דאָס איז געווען ביי מיר זייער אַ גרויסער קאָמפּלימענט. איך האָב זייער געוואָלט זיין אַ גוטער פֿאַרמער. אָבער וואָס פֿאַר אַ פֿאַרמער איך זאָל ניט זיין, האָב איך נאָך ניט געוואוסט. איך האָב געדאַרפֿט אויס־קלייבן איינס פֿון די פֿיר מינים פֿאַרמעריי: 1) אַלגעמיינער־פֿאַרמער, וואו איך זאָל פֿירן אַ באַלעבאַטישקייט פֿון כּל־המינים; 2) פּאָולטרי־פֿאַרמער, וואָס באַשטייט נאָר פֿון הינער; 3) וועדזשעטייבל־פֿאַרמער, זיך אָפּגעבן מיט גאָרטנוואַרג, און 4) מילך־פֿאַרמער.

דערווייל האָב איך פֿאַרזייט קוקורוזע אויף מיינע דריי אַקער ערד. איך האָב עס געטאָן מיט אַ מאַשין, וואָס אַרבעט אַטאָמאַטיש. אויף יעדע 4 פֿוס לאָזט זי אַראָפּ צו דער ערד אַזוינע בלעכענע רערלעך, און פֿון יעדן פֿון אַט די רערלעך פֿאַלן אַרויס צו 3 קערנדלעך.

מיסטער מאַלטבי האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן אַט די מאַשין. איך האָב זיך געפֿרייט מיט אַט דער סיוואָלקע אַ גאַנצן טאָג זונטיק, ווי אַ קינד מיטן אַן אינטערעסאַנט שפּילכל. איך בין נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן און האָב נאָר געדאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז די פֿערד זאָלן ניט פֿאַר־קריכן אַן אַ זייט. איך האָב גענוצט די סמנים פֿון די רעדער אַלס אַ צייכן צום האַלטן זיך אין דער ליניע.

דערנאָך האָב איך ווידער געאַקערט אַן אַנדער שטיק ערד. אָבער דאָס דאָזיקע מאָל האָט מען מיר שוין געהייסן איינשפּאַנען צוויי געפֿערלעכע פֿערד. מען האָט זיי גערופֿן מיט די נעמען „קיד" און „דזשיפּ". זיי זיינען דווקא געווען צוויי קליינע פֿערדלעך, אָבער דערפֿאַר זייער רירעוודיקע; ממש די הויט זייערע האָט אויף זיי געשפּרונגען. זיי האָבן גאָר שטיל ניט געקענט איינשטיין אַפֿילו אין זייערע קעמערלעך. מיט איין וואָרט: צוויי

לעבעדיקע מאַסטענגס, טונקל־רויטע מיט וואַנצעלעך ביי זייערע נעזער און מיט דינע, קנעכלדיקע פיס. זייער רעפּוטאַציע איז געווען אַ שלעכטע. עס איז ניט געווען קיין איין מאָל, אַז זיי זאָלן ניט פאַר עפּעס זיך דער־שרעקן און אַנטלויפן און צעברעכן אויף זייער וועג דעם וואָגן אָדער אַ מאַשין. ניט איין סטודענט איז דורך אַט די צוויי פערד צעהרגעט געוואָרן. עס זיינען אויך געווען פאַלן, וואָס אַט די צוויי פערדלעך האָבן געוויסע סטודענטן צו זיך אין די קעמערלעך ניט געוואָלט אַריינלאָזן פאַר קיין שום פּרייז... זיי האָבן דעם סופּערוויזער, מיסטער העלער, אויך ניט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען דער גאַנצער באַלעבאָס דאָ אין שול...

אַז מען האָט מיר געהייסן אַנטאָן די כאָמעטעס אויף אַט די צוויי פערדלעך, האָב איך זיך אַביסל דערשראָקן. און אין שטאָל זיינען געווען אַ סך אַנדערע סטודענטן און דער לערער, מיסטער מאַלטבי.

איך האָב מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע פערדלעך וועלן מיך אַפילו ניט וועלן אַריינלאָזן צו זיך אין די קעמערלעך אַריין. איך האָב געבראַכט אַ כאָמעט פאַר „קידן" און בין צו אים צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין קריזש.

„קיד" איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און מיך אַריינגעלאָזט. בשעת מעשה האָב איך געפילט, ווי מיין האַרץ שפּרינגט פון אויפרעגונג. „קיד" האָט מיך גוט אַרומגעשמעקט און באַלד געוואָרן אַ גוטער פריינט מיט מיר. איך האָב אים געטאָן אַ גלעט איבערן האַלז און פּאַמעלעך און רואיק אַרויפ־געלייגט דעם כאָמעט אויף אים און אויך אַזוי איז געווען מיט „דזשיפּן". איך האָב זיי ביידע אַרויסגעפירט אין דרויסן, כדי זיי איינצושפּאַנען אין אַקער. דאָס מאָל האָט מיסטער מאַלטבי מיר געהייסן נוצן דעם אַקער מיט רעדלעך און מיט אַ דישל, וואָס מען האָט גערופן „סאָלקי". אויף אַט דעם אַקער איז אויך געווען אַ זיץ־פּלאַץ פאַר מיר, און איך האָב ניט געדאַרפט נאָכגיין צופוס נאָכן אַקער.

„קיד" און „דזשיפּ" האָבן אָבער בשום־אופן ניט געוואָלט זיך לאָזן איינשפּאַנען אין דער „סאָלקי". ניט נאָר האָב איך זיי ניט געקאָנט איינשפּאַ־נען, נאָר מיסטער מאַלטבי האָט עס אויך ניט געקאָנט באַווייזן.

הכלל, מען האָט זיי געמוזט האַלטן פונפאַרנט ביי די צוימלעך, און דאַן האָט מען דעם דישל פון דער „סאָלקי" אַריינגעפירט אינדערמיט צווישן זיי און מען האָט זייערע כאָמעטעס צוגעשפּילעט צום אַקער. מען האָט זיי געהאַלטן פון פאַרנט ביי די צוימלעך ביז איך האָב זיך אַנידער־געזעצט אויפן זיצפּלאַץ און גענומען די לייצעס און אַרומגעקרעמפּעוועט מיט זיי מיינע ביידע הענט.

— אַלרייט? — האָט מען ביי מיר געפֿרעגט.

— אַלרייט! — האָב איך געענטפֿערט. און דער, וואָס האָט די פֿערד געהאַלטן פֿון פֿאָרנט ביי די צוימלעך, האָט זיי פֿרייגעלאָזט און איז אָפּגעשפּרונגען אָן א זייט.

און „קיד" און „דזשיפּ" האָבן גענומען טראָגן מיך מיטן „סאָלקי" ווי אַ וויכער טראָגט אַ שטרויעלע. עס איז געווען אַ געוועט צווישן מיר און זיי... ווער וועט וועמען בייקומען. ווען זיי באַזיגן מיך, בין איך אַ דערהרגעטער... וועל איך זיי בייקומען, דאַן וואַקסט אויס מיין רעפּוטאַציע אַלס גוטער טרייבער.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די צוויי פּערד, „קיד" און „דזשיפּ", האָבן טאַקע אויף אָן אמת געוואָלט מיך צעטראָגן אינאיינעם מיטן „סאָלקי" אַקער. נאָר מיין גליק איז געווען, וואָס איך האָב זיי אָנגעטאָן אַזוינע צוימלעך, אַז ווען איך האָב געצויגן שטאַרק די לייצעס, האָבן זיך די דאָזיקע קייטעלעך איינגעקרעמפּע־וועט אין די פּערדס צינגער. דאָס האָט די פּערד פאַרשאַפט אַ גרויסן ווייטיק. זיי האָבן געמוזט דערפילן, אַז אויפן אַקער זיצט אַ מענטש, וואָס האָט פאַר זיי קיין מורא ניט...

איידער די דאָזיקע פּערד זיינען „געקומען צום שכל", האָבן זיי מיך געטראָגן מיטן וועג. די אייזערנע רעדער פונם אַקער האָבן געטאַנצט אין דער לופטן. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער אַקער וועט זיך איבער־קערן און איך וועל זיך צעשעדיקן. אַזאַ מין „אַנטלויפעניש" איז ביי מיר געשען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן... איך האָב אָנגעשפּאַרט מיינע פיס אין די צוויי אייזערנע טרעטערס אויפן אַקער. איך האָב געוואוסט, אַז קיין סך לויפן וועלן די צוויי פּערד ניט קאָנען, ווייל די קייטעלעך האָבן זיי שטאַרק אַריינגעקרעמפּעוועט די צינגער. כדי אָבער זיין נאָך זיכערער, האָב איך אַראָפּגעלאָזט איין אַקער־מעסער און פאַרכאַפּט די האַרטע ערד. דער אַקער האָט אויפגעגראָבן אַ שטיק פונם וועג. די פּערד האָבן דערפילט די שווערקייט און זיי זיינען געבליבן שטיין.

אין דעם מאָמענט איז געקומען צופליען רייטנדיק מיין לערער, מיס־טער מאָלטבי, און אַ סך פון די סטודענטן זיינען אויך געקומען צופליען.

— בראַוואָ — האָט מאָלטבי אויסגעשריען — איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן אייך דערהרגענען. באַי, וואו האָט איר גענומען די דאָזיקע אידייע? דאָס איז זייער אַ פיינער איינפאַל. איר זעט, באָיעס — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע סטודענטן — נעמט זיך עס אריין אין אייערע מוחות: ווען עס וועט זיך מיט אייך אַזוינס טרעפן... לאָזט אַראָפּ דעם אַקער אין דער ערד.

„קיד" און „דזשיפּ" זיינען געשטאַנען, האָבן שווער געאָטעמט און גע־וואָרפן מיט זייערע זייטן ווי אין אַ קדחות. איך אַליין בין געווען אָפּגעגאָסן מיט שוויס. מאָלטבי האָט מיר געהייסן פאָרן אין פעלד אַריין. ער האָט געריטן פאַראויס פון מיר.

די צוויי פֿערד מײַנע זײַנען געווען באַזיגט. איך האָב עס געקאָנט זען אין דעם, ווי אַזוי זיי האָבן געהאַלטן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. נאָר דאָס איז נאָך ניט געווען זייער איינציקע שטראָף. עס איז ערשט געקומען פֿאַר זיי אַ האַלבער טאָג, וואָס זיי האָבן געהאַט צו געדענקען.

איך האָב אַראָפּגעלאָזטביידע אָקער־אײַזנס פֿון דער „סאָלקי״; אַזוי האָט מיר מאַלטבי געהייסן; אָקערן צוויי באַראָזדעס מיטאַמאָל. ניט געבן די פֿערד קיין ביסל רו, נאָר אָקערן מיט זיי כּסדר.

„קיד״ און „דזשיפּ״ האָבן אָנגעהויבן שוויצן; אַ ווייסע פּיענע איז אויף זיי אַרויס. זיי האָבן מיך געפֿאָלגט וואָס איך האָב זיי געהייסן טאָן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויף זיי רחמנות געהאַט. די צוויי פֿערד האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז איך פֿאַרגיב זיי. זיי האָבן צו מיר אַלעמאָל אויסגעבויגן זייערע קעפּ, געקוקט מיט זייערע שיינע אויגן און זיך געבעטן, איך זאָל זיי כאָטש אָפּשטעלן אויף איין רגע אויף אָפּציען דעם אָטעם.

ענדלעך האָט דער שול־גלאָק געקלונגען. איך האָב שוין ניט געוואַרט, אַז די פֿערד זאָלן אַליין בלייבן שטיין, נאָר איך האָב זיי אַליין געהייסן בלייבן שטיין. איך האָב אויפֿגעהויבן די אָקער־מעסערס פֿון דער ערד און בין אַרויסגעפֿאָרן אויפֿן וועג.

איך האָב זיי דערנאָך אַרײַנגעפֿירט אין זייערע קעמערלעך און מיט אַ שטיקל פֿלאַנעל זיי אויסגעווישט און זיי אָפּגעטריקנט.

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריען באַלאַבאַן — אַז איר קאָנט טרײַבן איז קיין שום צווייפֿל נישטאָ ביי מיר. זאָגט מיר דעם אמת, איר האָט פֿריער, איידער איר זייט געקומען אין סקול, מסתּם אויך געטריבן פֿערד.

— קיינמאָל אין מײַן לעבן.

— ווי־זשע קומט צו אײַך אַזאַ מין קאָנען טרײַבן? געוויינלעך קומען אַהער יונגעלײַט, וואָס קאָנען ניט טרײַבן. „קיד״ און „דזשיפּ״ ווייסן שוין מיט וועמען צו האָבן ביזנעס...

— ביי מיר האָבן זיי היינט געקראָגן אַ לעקציע אַז זיי וועלן האָבן צו געדענקען — האָב איך געזאָגט.

— איך זע שוין אויף זיי, אַז זיי האָבן געקראָגן...

ביים אָנבייסן האָבן אַלע גערעדט וועגן מײַן בראַווקייט און דעם אײַנ־פֿאַל מײַנעם מיטן אויפֿאַקערן אַ פֿאַס ערד אינמיטן וועג.

די צוויי פֿערד „קיד״ און „דזשיפּ״ זײַנען מיר איבערגעגעבן געוואָרן אויף אַרבעט אַלע טאָג. איך האָב זיי אַזוי „אײַנגעבראַכן״, אַז זיי זײַנען געוואָרן שטיל ווי צוויי קעצעלעך. איך האָב מיט זיי געאַקערט און געזייט, און דערנאָך, ווען עס איז געקומען די צײַט צו שנײַדן היי האָב איך מיט זיי געשניטן קלאָווער און אַלפֿאַלפֿאַ.

יענעם זומער האָב איך נאָכאַמאָל געהאַט אַ מעגלעכקייט אָנצוקומען אויף צוויי וואָכן אַרבעט אין פֿערד־שטאַל.

אין אָט־דער צייט האָט פּאַסירט מיט באַלאַבאַנען, אַז ער האָט צוליב דער וועשערינס מיידל געמוזט אַנטלויפֿן פֿון שול. איך האָב זיך שוין מיט אים געהאַט זייער גוט באַפֿריינדעט און ער האָט מיך געמאַכט פֿאַר זיין ערשטן געהילף.

אַז באַלאַבאַן איז אַנטלאָפֿן, איז דער פֿערד־שטאַל געבליבן אויף מיר. דער פּראָפֿעסאָר מאַלטבי האָט מיך געפֿרעגט צי איך וויל זיך ספּעציאַליזירן אין פֿערד. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל.

בין איך געוואָרן פֿאַרמאַן פֿונם פֿערד־שטאַל. אין מיין רשות זיינען געווען אַלע פֿערד און איך האָב געדאַרפֿט אויפֿפּאַסן אויף די סטודענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום די פֿערד; איך האָב געדאַרפֿט אַכטונג געבן אויף דעם ווי אַזוי מען האָדעוועט די פֿערד און ווי אַזוי מען רייניקט זיי; ווי אַזוי מען שפּאַנט זיי איין און אויס; איך האָב זיך אויך געלערנט ביי מאַלטבי ווי אַזוי צו קורירן קראַנקע פֿערד. מאַלטבי איז געווען אַ דאָקטאָר וועטערינאַר און ווען עס האָט נאָר עפּעס געטראָפֿן, אַז אַ פֿערד איז קראַנק געוואָרן, האָט מיך מאַלטבי געלערנט, ווי אַזוי צו פֿאַרמישן די מעדיצין און וואָס פֿאַר אַ מעדיצין מען דאַרף געבן פֿאַר אַלערליי קראַנקהייטן.

פּראָפֿעסאָר מאַלטבי האָט מיך זייער ליב געהאַט. ער האָט מיך גע־לערנט פֿאָרן רייטנדיק אויף דעם רייטער־פֿערד „ראודי‟. דאָס איז געווען אַ גראַ־געפּינטלט פֿערדל, וואָס נאָר מאַלטבי האָט גענוצט בשעת ער האָט געדאַרפֿט ערגעץ פֿאָרן.

איך האָב יענעם זומער איינגעפֿירט נייע זאַכן אין פֿערד־שטאַל: ערשטנס, האָב איך זי אויסגעווייסט מיט קאַלך פֿון אינעווייניק; צווייטנס, האָב איך פֿון צעמענט געמאַכט אַ טרינק־קאַרעטע פֿאַר די פֿערד. און דריטנס, האָב איך דיזענפֿעקטירט דעם שטאַל מיט קאַרבאָל אַלע וואָך. די דיזינפֿעקציע האָט ניט צוגעלאָזט קיין פֿליגן און עס האָט פּשוט געשמעקט אין שטאַל.

מיין רעפּוטאַציע איז געוואַקסן. איך האָב זייער אַ סך געלערנט פֿון דאָקטאָר מאַלטבי. איך וועל אָט דעם לערער מיינעם קיינמאָל ניט פֿאַר־געסן, ווייל ער האָט מיר דערלויבט צו פֿאָרן רייטנדיק אויף זיין רייטערל. דאָס דאָזיקע רייטנדיק פֿאָרן אין שול איז מיר דערנאָך צונוץ געקומען אין דער ווייטער וועסט.

איך בין געווען דער גאַנצער באַלעבאָס אין שטאַל און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די פֿערד אין זייער פֿולער פּראַכט.

ביי היינטיקן טאָג זיינען שוין פֿערד אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון אונ־זער לעבן דורך דעם אויטאָמאָביל און טראַקטאָר. אָבער דעמאָלט זיינען נאָך פֿערד געווען דעם מענטשנס בעסטע אַרויסהעלפֿערס אין לעבן, און זיי האָבן דאַן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער וועלט, סיי אויף דער פֿאַרם און אויך אין שטאָט.

איך האָב צוביסלעך אין יענעם זומער פֿון 1909 זיך אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אין פֿערד־האַדעווען. איך האָב שוין דעמאָלט ביי זיך באַשטימט, אַז איך זאָל פֿאָרן אין דער ווייטער וועסט אַרבעטן אויף אַ פֿערד־ראַנדזש. דאָס איז געוואָרן מיין ערנסטע אַמביציע. און ווען איך בין געקומען אַהיים אויף די יום־טובים און איבערגעשמועסט מיט מיין פֿאַ־מיליע וועגן דעם, איז דער פּלאַן מיינער זייער געפֿעלן געוואָרן מיין פֿאָטער.

מיין טאַטע, דער פֿרומער חסיד, דער גרויסער למדן, האָט אויך זייער ליב געהאַט פֿערד. אַז ער האָט דערהערט, אַז איך לערן זיך ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום פֿערד, האָט זיך זיין פֿאַנטאַזיע צעשפּילט און ער האָט שוין באַלד געהאַט פֿאַרטיק אַ פּלאַן צו באַזעצן זיך אויף אַ גרויסער פֿאַרם און האַדעווען פֿערד, עס זאָלן ביי אונז אַרוימלויפֿן שקאַפֿעס מיט לאָשעקעס אַ סך... די ברידער מיינע האָבן אַלע אוודאי געמיינט, אַז עס איז אַ גרינגע זאַך. אַלץ וואָס מען דאַרף נאָר, איז פֿעלדער גרויסע און אויף די פֿעלדער אַפּלאָזן פֿערד אַרומצולויפֿן... מיינע ברידער האָבן דערפֿאַר מסכּים געווען, אַז איך זאָל טאַקע פֿאָרן אין דער ווייטער וועסט אויף אַ פֿערד־ראַנדזש און דערנאָך זיי אַלעמען אַרויסנעמען אַהין אין דער וועסט. זיי איז שוין נמאס געוואָרן ניו־יאָרק מיט דער אַרבעט פֿון „פֿאַר" און מיט דער מאַשין וואָס נאָגט אַרויס דעם מאַרך פֿון די פּיס.

זיי האָבן געזען אין מיר זייערן אַ דערלייזער. ספּעציעל איז מיין ברודער מאָריץ מיט מיר געוואָרן זייער נאָענט. ער איז נאָך אַלץ געווען דער בעסטער פֿאַרדינער צווישן די ברידער. ער האָט געהאַט „גאָלדענע" צוויי הענט און איז געווען דער מיוחס אין דעם פֿאַך.

די פֿאַמיליע האָט נאָך געוואוינט אין דעם אייגענעם הויז אין איסט ניו יאָרק. דער טאַטע מיינער האָט נאָך אַלץ געפֿירט זיין קליינעם שאַפּ פֿון „פֿאַר־שטיקלעך". קיין גביר איז ער ניט געוואָרן, נאָר עס איז געווען פּרנסה און אַ פּאָר הענדערטער אין באַנק אויך.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אים איז שוין אויך דערעסן די שטאָט מיט די „קאַסטאָמער" זיינע; ער וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן, אַז איך זאָל ענדיקן די שול און גאָט זאָל אים העלפֿן אַז מען זאָל קאָנען קויפֿן אַ פֿאַרם.

— אַט אַזוי עפּעס אַ שטיק לאַנד מיט אַ וואַלד און מיט אַ טייכל. אי, אי, אי... אין טייכל זאָל זיין פֿיש... וועלן מיר האָבן פֿיש אויף שבת... און עס זאָל זיין אַ שטיק לאַנד אַזוי ווי ביי אונז אין בעסאַראַביע. אַי, אַי, אַי... ערד איז דאָס געווען אין בעסאַראַביע — עס איז געווען ברויט ניט קיין ערד!... ווי מיינסטו, זון, מען קאָן דאָ קריגן אַזאַ שטיק ערד?

— אַז מירן האָלטן דערביי, וועלן מיר זען וואָס מען האָט צו טאָן — האָב איך געענטפֿערט.

— דיין טאַטע איז אַ מבין אויף פֿערד — זאָגט מיין פֿאָטער — מיין גאַנץ לעבן געהאַנדלט מיט פּאַסעסיעס, ווייץ, פֿערד... עס איז אין מיין בלוט...

— זאָרג זיך ניט, טאַטע, מירן האָבן אַ פֿאַרם, וועט מען קומען קוקן אויף ס'וואונדער — זאָג איך.

אין די לעצטע חדשים פֿאַר יום־טובים האָט זיך די באַראָן הירש שול געגרייט צו אַן אַגריקולטור אויסשטעלונג אויף דער איסט סאַיד אין ניו־יאָרק. די אויסשטעלונג איז פֿאַרגעקומען סוכּות־צייט אין עדיוקעישאַנאַל אַלאַיענס אויף איסט בראָדוועי.

איך בין געווען איינער פֿון די סטודענטן וועמען דער פֿאַקולטעט האָט אויסגעקליבן צו שטיין אויף דער אויסשטעלונג און דערקלערן די איסט־סאַידער יידן אַלץ וואָס זיי ווילן פֿרעגן.

איז אָט בין איך ווידער אויף איסט בראָדוועי. אָבער ווי אַנדערש איז איצט מיין ראָלע. איך בין אַנגעטאָן אין מיין שול־יוניפֿאָרם. ווען איך קום אָן מיט דער דילענסי בריק און גיי דורך דורך קלינטאָן סטריט ביז צו איסט בראָדוועי, שרעק איך זיך נאָר, טאָמער וועט מיך אימעצער דערקאָנען, אַז איך בין דאָס יענער ראַבאָי, וואָס שרייבט דערציילונגען...

איך לויף דערפֿאַר זייער גיך דורך די גאַסן. די קינדערלעך אויף דער איסט סאַיד שרייען מיר נאָך: העי, באַדי!... זיי מיינען, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט. טייל פֿון זיי לויפֿן מיר נאָך און הענגען זיך אָן אויף מיר. אָבער איך רייס זיך פֿון זייערע הענט אַרויס און אַנטלויף.

ביי דער אויסשטעלונג האָב איך די אָפּטיילונג פֿון „וועדזשעטעיבלס״. די שול האָט געבראַכט פֿון אַ סוויט־פּאָטעיטאָ ביז ציבעלעס. אַלץ פֿון די פֿיינסטע זאַכן, וואָס די שול האָט אַרויסגעבראַכט פֿון דער ערד. עס איז געווען אַזאַ זאַך ווי אַרטישאָק, יידן האָבן געוואָלט וויסן ווי עס הייסט אויף יידיש.

— אַרטישאָק!...

— אַרטישאָק?... אָבער ווי רופֿט מען עס אויף מאַמע־לשון? איך בין אַ שרייבער פֿון „טאָגעבלאַט״ — האָט אַ ייד צו מיר געזאָגט — און איך וויל אָט די פּרי באַשרייבן אין אַן אַרטיקל...

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די אַגריקולטור־אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פֿון דער באַראָן הירש אַגריקולטור שול אין עדיוקעישאַנאַל אַלאַיענס אויף איסט בראָדוויי, האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי די פּשוטע יידן פֿון דער איסט סאַיד. זיי זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדערלעך; דאָס גאַנצע אָרעמשאַפֿט איז געקומען אָנקוקן די פּראָדוקטן, וואָס יידישע יונגע־לייט האָבן מיט זייערע אייגענע הענט אַרויסבאַקומען פֿון דער ערד.

אין מיין רשות איז געווען די אָפּטיילונג פֿון „וועדזשעטעיבלס" און אי'ך האָב געהאַט אַ שווערע מערכה מיט די איסט־סאַידער יידן...

די באַראָן הירש שול האָט אויסגעשטעלט אירע גרויסע לענגלעכע קאַרטאָפֿל מיט אַזאַ מין ראָזעווער שאָלעכץ, אַ גלאַטע און אַ ריינע, און די דאָזיקע קאַרטאָפֿליעס האָבן פּשוט געכישופֿט ביי דער אָרעמשאַפֿט די אויגן.

— אַ, וואָס פֿאַר אַ פּאַטעיטאָס!

מיין אָפּטיילונג האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן „רוף־גאַרדן" פֿונם עדיו־קיישאַנאַל אַלאַיענס. איבער דעם אָפֿענעם „רוף־גאַרדן" האָבן מיר גע־מאַכט אַזאַ דאַך פֿון גרינע צווייגן פֿון עפּל־בוימער מיט די עפּל אויף זיי. איז דאָס געווען עפּל פֿון די עכטע „לעידי בלאָש", גרינע מיט פֿלאָם־פֿייערדיקע פּאַסיקלעך; אָדער די אמתע „מאַקינטאָש" עפּל מיט זייער וויניקן ריח. די אַלע עפּל האָבן אַראָפּגעהאַנגען פֿון דער סטעליע, וואָס איז געווען געמאַכט פֿון צווייגן. אינגלעך און מיידלעך פֿון דער איסט סאַיד האָבן ניט געקאָנט ביישטיין דעם יצר־הרע און נאָר געוואָלט רייסן די עפּל. טאַטעס און מאַמעס האָבן אויפֿן אָרט זיי געגעבן אַ שטראָף.

מיר האָבן געבראַכט פֿון שול גרויסע קאַבאַקעס, רויטע און קיילעכ־דיקע ווי די זון, און סוויט פּאַטעיטאָס און פּיסטאַשקעס; ברוקוועס, מערן און בוריקעס, קרויטן צווייערליי, גרויע און רויטע, און סאַלאַטע, מיט פּאַסטערנאַק, פּעטרעשקע, כריין און אַרטיטשאָק; סוויט קאָרן, רובאַרב, ציי־בעלעס און פֿאַסאָליעס אַלערליי; „קידני בינס", „לאַימאַ בינס", „סאָיע בינס" און זיסע אַרבעסלעך.

איך בין געווען מיט זיי זייער פֿאַרנומען. איך האָב ליב דאָס פֿאָלק ווען עס קומט מיט זיינע ווייבער און קינדער; דאָס הערלעכע פֿאָלק, וואָס ווייסט

ניט פֿון קיין שום חכמות, וואָס באַוואונדערט מיט גרויס פּשטות יעדע קלייניקייט.

— זעט נאָר, זעט, דעם סוויט קאָרן!

— און וואָס איז דאָס, מיסטער? — פֿרעגט מיך אַ ייִד, אָנווייזנדיק אויף די רויטע קאַבאַקעס. „מסתּם אַ ליטוואַק", טראַכט איך.

— דאָס זיינען אַזוינע קאַבאַקעס! — זאָג איך.

— האַ, וואָס?! פֿרעגט דער ייִד נאָך מער פֿאַרוואונדערט.

— דינעס... איר געדענקט ניט? וואָס מען קנאַקט זייערע קערלעך...

— אַ! — פֿאַררוקט דער ייִד זיין קאַפּעליוש אויף דער פּאַטילניצע און ער רופֿט צונויף זיין גאַנץ הויז־געזינט, מיידלעך, אינגלעך און דאָס מאַגערע ווייב און ער דערקלערט זיי, ווייזנדיק אויף די קאַבאַקעס, אַז דאָס איז אַזאַ מין דיניע און די קערלעך קריגט מען אין קענדי סטאָר און מען קנאַקט זיי...

איך זע אָבער, אַז דעם ייִדן איז נאָך עפּעס קשה. גיי איך צו אים צו און שטעל אָן מיינע אויערן.

— הערט, מיסטער, מען עסט דאָס? — פֿרעגט ער מיך.

— יאָ, מענטשן עסן דאָס און מען האָדעוועט אויך בהמות מיט זיי...

— טשיקאַווע...

איך האָב אויף יענער אויסשטעלונג ערשט געזען מיט וואָס פֿאַר אַ גרויסער ליבע אונזער פֿאָלק באַציט זיך צו די פּראָדוקטן, וואָס די ערד גיט אַרויס.

ניט איין ייִד האָט זיך אָוועקגעשטעלט און גערעדט צו די קאַרטאָפּ־ליעס ווי צו זיינעם אַן אייגענעם קרוב.

— העלאָ, פּאַטעיטעלעך מיינע, וואָס מאַכט איר עפּעס? ניט דער־קאַנט מיך? געדענקט איר ניט ווי איר פֿלעגט אַמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט פֿאַרבלאָנדזשען צו אונז אויפֿן טיש? און וואָס שעמט איר זיך מיט מיר? נו, בין איך אָן אָרעמאַן... און אַז איר שטייט שוין איין אין די הויכע פֿענצטער?! גיב נאָר אַ קוק!... — אַזוי האָט גערעדט אַ ייִד מיט אַ פֿאַרוואַקסן פּנים, וואָס האָט געפֿירט מיט ביידע הענט צוויי אינגעלעך אין הוילע הויזן און מיט צעריסענע זעקעלעך און שיכלעך.

די אויסשטעלונג איז געווען אָפֿן אַ גאַנצע וואָך סכּות. און דעם לעצטן אָוונט האָב איך געדאַרפֿט צעטיילן די פּראָדוקטן צו אַזוינע ייִדן, וואָס איך האָב נאָך מיין פֿאַרשטאַנד געקאָנט אָפּשאַצן, אַז זיי נויטיקן זיך אין די פּראָדוקטן.

עס האָט ניט גענומען קיין איין שעה און מיין אָפּטיילונג איז געוואָרן באַלאַגערט פֿון טויזנטער מענטשן. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט

קאָנטראָלירן דאָס צעטיילן. אין איינע פּאָר מינוט איז גאָר נישט געבליבן פֿון מיינע „וועדזשעטייבלס". הענט, הענט... טויזנטער הענט... מען האָט מיך שיעור ניט צעטראָגן אויף שטיקער. און איך האָב קוים אָפּגעאָטעמט פֿריי ווען איך האָב זיך דערזען אויף דער גאַס.

איך בין צוריקגעפֿאָרן אין שול אָ פֿריילעכער און מונטערער און זיך גענומען ווידער צום לערנען. איך בין שוין געוואָרן אַ סיניאָר. חוץ דעם וואָס איך האָב געאַרבעט אין דעם פֿערד־שטאַל און זיך ספּעציאַליזירט אין פֿערד, האָב איך יענעם ווינטער געלערנט זייער אַ סך און געפֿירט נאָטיצן און ביכער פֿון די עקספּערימענטן אין דער לאַבאָראַטאָריע.

אַלס סיניאָר האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט בייצואוואוינען דעם געבורט פֿון אַ קעלבל. דאָס קעלבל איז ניט געקומען אויף דער וועלט ווי עס דאַרף געוויינלעך קומען און פּראָפֿעסאָר מאַלטבי האָט עס געמוזט „נעמען" מיט אינסטרומענטן.

די מוטער־קו, אַ ריזיקע, עכטע „גוירנזי"־קו מיט רויטע און ווייסע פֿלעקן, האָט געקראָגן מילך־פֿיווער אין איר אייטער. און כּדי זי אָפּצוראַטע־ווען האָט מען איר געדאַרפֿט איינפּאָמפּען זויער־שטאָף (אָקסידזשען). מיר, די סיניאָר סטודענטן, האָבן געאַרבעט מיט דער פּאָמפּע אַ מעת־לעת נאָכ־אַנאַנד און די קו איז ניט געהאָלפֿן געוואָרן, נאָר זי איז פֿאַר אונזערע אויגן אויסגעגאַנגען. עס איז געווען אַ פּיינלעך בילד. אין איין ווינקל — דאָס ניי־געבוירן קעלבעלע, אַ געפֿלעקטס מיט רויט און ווייס, אַ ליב באַשעפֿעניש מיט שיינע אויגן און צאַרט. און פֿון דער צווייטער זייט ליגט די מאַמע קו און גוססט. דאָס קעלבעלע רופֿט צו דער מאַמע זיינער און די מוטער — ווער ווייסט צי זי הערט איר קינדס געשריי...

מיר זיינען געשטאַנען אין שטאַל אַ גאַנצע נאַכט ביז די קו האָט אויס־געהויכט איר לעצטן אָטעם. דער צער אויף דעם קליינעם קעלבעלע איז געווען זייער גרויס. עס האָט אַפֿילו ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זיין מאַמעס זיסן אָטעם...

נאָך איידער מיר האָבן געדאַרפֿט מקבר זיין די טויטע קו, האָט פּראָ־פֿעסאָר מאַלטבי אינאיינעם מיט פּראָפֿעסאָר לואיס געפּאַלמעסט די קו. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן גומענע הענטשקעס און מיט אונז סיניאָרס דורכגע־גאַנגען אַ קאַפּיטל פֿיזיאָלאָגיע. זיי האָבן אונז געוויזן די לונגען, דאָס האַרץ, די לעבער און אַלע אינעווייניקסטע בלוט־רערן און קאַנאַלן. מיר האָבן געהאַט ביכלעך מיט בלייפֿעדער און פֿאַרשריבן גיך־גיך, וואָס ביידע פּראָ־פֿעסאָרן האָבן אונז געלערנט. מיר האָבן געמאַכט צייכענונגען אין אונזערע ביכלעך פֿון די אַלע קערפּערלעכע מעכאַניזמען פֿון דער קו, וואָס אַט ערשט

נעכטן זיינען זיי געווען לעבעדיק און פונקציאָנירט און איצט זיינען זיי טויט...

דאָס איז פאַרגעקומען ווייט אויפן פעלד. דער גרוב איז שוין געווען פאַרטיק פאַר דער טויטער קו. און העט ווייט דאָרט אין שטאַל האָט דאָס קליינע קעלבעלע געמרוקעט...

און דאָך, ווי גליקלעך מיר, סיניאָרס, זיינען געווען וואָס נאָר מיר אַליין האָבן געהאַט די זכיה צו זיין אַנוועזנד ביי אַט דעם צאַפּאַלמעסן. קיין אַנדערע סטודענטן האָט מען אַהין ניט צוגעלאָזט. מיט וואָס פאַר אַ גדלותדיקע פנימער מיר האָבן באַטראַכט די פאַרשיידענע שטיקער רוי־פליש און זיך גוט איינגעקוקט, אַז מיר זאָלן חלילה ניט מאַכן קיין טעות, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך געקליבן אויפן גאַנצן לעבן צו צעשניידן קי!...

און ווי אינטערעסאַנט אַ קערפּער פון אַ באַשעפעניש איז! עס איז דאָך גאָלע סודות.

טאַקע, ווי אַזוי אַרבעט אַ האַרץ? ווי אַזוי איז עס עפּעס אַ קו באַ־שאַפן מיט גאַנצע פיר מאַגנס? פיר מאַגנס! אַט ווייזט אונז פּראָפעסאָר מאַלטבי דעם גאַנצן שכל פון אַט־די פיר מאַגנס... דאַכט זיך, קלאָר ווי דער טאָג: אין ערשטן מאַגן נעמט זי אַריין דאָס עסנוואַרג גאַנצערהייט. דערנאָך שיקט זי אַ ביסעלע עסן אַוועק דורך אַ קישקע אין צווייטן מאַגן. דערנאָך אין דריטן און אין פערטן מאַגן קומט שוין אַריין דאָס עסן גוט צעקייט. און דערפאַר קאָן מען זען ווי אַ קו מעלה־גירהט און קייט אַלע מאָל. דאָס אַרבעט זי אויף די שטאָפן וואָס זי טראַנספּערירט פון איין מאַגן צום אַנדערן.

דאַכט זיך קלאָר?

אָבער עס איז דאָך מיסטעריע.

אָדער צום ביישפּיל דער פּראָצעס פון מילך. אַט זעען מיר אַלע „געפעסן" און דעם אַפּאַראַט, וואו די קו באַשאַפט מילך אין זיך אינעווייניק.

אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי ווערט געשאַפן מילך, אַט דאָס געטראַנק, וואָס האַלט אויף לעבן?

פּראָפעסאָר מאַלטבי זאָגט, אַז די קו שאַפט די מילך בשעת מען מעלקט זי. און אַז זי פּראָדוצירט די מילך פון דעם עסן וואָס זי עסט. איז וואָס בעסער דאָס עסן אַלץ בעסער די מילך.

דאַכט זיך קלאָר?

אָבער עס איז דאָך מיסטעריע...

מיר נעמען צונויף די שטיקער מיסטעריע און לייגן זיי אַריין אין דעם טיפן גרוב. מיר פאַרשיטן אַלץ מיט דער זאַמדיקער ערד און מיר גייען אַלע אַוועק זיך גוט אָרומוואַשן, און עס שטעלן זיך אָרום אַרום אונדז די

דאָזיקע סטודענטן, וועלכע זיינען ניט געווען ביי דעם פּאַלמעסן און מען פֿרעגט שאלות... דערנאָך עסן מיר אַ געשמאַקן אָנבייסן פֿון קו־פֿלייש אָדער אָקסן־פֿלייש... ווער קאָן וויסן...

און גלייך ווי גאָרנישט.

און דאָס קליינע קעלבעלע, דאָס יתומהלע, איז געוואָרן דער ליבלינג ביי אַלעמען אין שול.

געוויינלעך האָט מען די קעלבעלעך, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין שול, פֿאַרקויפֿט צום קצב. דאָס דאָזיקע יתומהלע האָט מאַלטבי באַשלאָסן צו האָדעווען ביז עס וועט אויסוואַקסן אַ קו.

מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן מאַטילדאַ, נאָך איר מוטער, און מען האָט עס געהאָדעוועט מיט „סקימד" מילך. און יעדער איינער האָט געפּילט ווי עס אַרומצונעמען און גלעטן.

האָט זיך דאָס קעלבעלע געפּילט פֿריי אַרומצוגיין אומעטום און עס פֿלעגט אַריינקומען אָפֿט צו מיר אין פֿערד־שטאַל.

— ס׳קאַצל קומט! — פֿלעג איך אויסשרייען צום קעלבעלע. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז עס פֿאַרשטייט מיך וואָס איך זאָג, ווייל עס פֿלעגט גלייך צוקומען צו מיר און מיר דערלאַנגען זיין שיינעם קאָפּ אין מיינע הענט אַריין.

און אַפֿילו די פֿערד האָבן עס שוין געקאָנט און ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן האָבן די פֿערד געוואוסט, אַז דאָס קעלבעלע האָט נישט קיין מאַמע. און אָפֿט איז דאָס קעלבעלע אַריינגעגאַנגען צו אַ פֿערד אין קעמערל אַריין און דאָס פֿערד האָט עס מיט דער צונג זיינער אָפּגעלעקט און אויסגעקושט.

איז עס נישט קיין וואונדער?

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אַקעגן פֿרילינג האָב איך באַקומען מיין דיפּלאָם און אויך אַ שטעלע אויף אַ פֿערד־ראַנדזש אין נאָרט־דאַקאָטאַ. דער באַלעבאָס פֿונם ראַנדזש האָט מיר געשיקט אַ באַן־בילעט און איך האָב אַהין געדאַרפֿט קומען אָנ־הויב מערץ.

איך בין געקומען אַהיים קיין ניו־יאָרק זיך געזעגענען מיט מיין פֿאַ־מיליע. זיי האָבן שוין מער ניט געוואוינט אין איסט ניו־יאָרק, אויפֿגעגעבן דאָס אייגענע הויז און שוין געוואוינט אויף סעינט־מאַרקס־פּלעיס, ניט ווייט פֿון עווענין „איי", אויפֿן אויבערשטן שטאָק פֿון אַ טענעמענט־הויז. עס איז געווען אַ דירה פֿון זעקס צימערן און איך בין געווען זייער אַן אַנגע־לייגטער גאַסט אין דער היים. דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז איך זאָל כאָטש בלייבן ביז איבער פּסח אין דער היים. אָבער איך האָב געמוזט אָוועקפֿאָרן אין צייט, כּדי דאַרטן צו זיין אין דעם צוגעזאָגטן טאָג.

— פֿאָרסט כאָטש צו אַ יידן? — האָט דער טאַטע מיך געפֿרעגט.

— וואָדען, ניט צו קיין יידן? — האָב איך געמוזט זאָגן אַ ליגן.

— אָבער ווער ווייסט צי דער ייד איז אַ פֿרומער? ווער ווייסט צי עסט ער כאָטש מצה? — האָט דער טאַטע מיינער מיט ווייטיק געפֿרעגט.

— מסתּמא עסט ער מצה... — האָב איך ווידער געזאָגט אַ ליגן.

איידער איך בין אָוועקגעפֿאָרן אין דער וועסט האָט זיך צו אונדז אין שטוב אַריינגעשטעלט אַ קאָזין מיטן נאָמען פּייסי האָרענשטיין. אַ מאָדנער ייד, געראויכערט גראָבע ציגאַרן, אַ פֿאַרוואָקסענער און מיט פֿאַרגרעבטע הענט. ווי נאָר ער האָט געלאָזט וויסן ווי אַזוי ער איז אונדז אַ קאָזין און ווי אַזוי ער האָט אונדז קוים אויסגעזוכט, האָט ער אויך באַלד דערציילט, אַז ער איז אַ פֿאַרמער אין קאָנעטיקוט. אַז איך האָב דערהערט, אַז דער ייד איז אַ פֿאַרמער, האָב איך באַלד פֿאַר אים זיך פֿאַרגעשטעלט ווער איך בין.

— וואָס זשע טוט איר דאָ אין שטאָט? — פֿרעג איך.

— איך אַרבעט דאָ. איך בין אַ ציגאַרן־מאַכער.

— אַ פֿאַרמער און אַ ציגאַרן־מאַכער?! — האָב איך זיך געוואונדערט.

— פֿון פֿאַרמעריי קאָן מען קיין לעבן ניט מאַכן — זאָגט אונדזער נייער קאָזין האָרנשטיין קאַלטבלוטיק.

— ווי געשיקט זיך עס? — פֿרעג איך — אָט האָב איך דאָך ערשט געענדיקט די באַראָן הירש שול און איך האָב שוין אַ שטעלע אויף 40 דאָלאַר אַ חודש. עסן און טרינקען און אַ שיינעם צימער וועט מען מיר געבן.

אונדזער קאַזין האַרנשטיין דערשרעקט זיך ניט, רוקט אַרויף זיין מאָדנע אָפּגעריבן קאַפּעליושל איבער זיין שטערן און זאָגט:

— אָבער לאָמיך זען, אַז איר זאָלט האָבן אַן אייגענע פֿאַרם און פֿאַרדינען 40 דאָלאַר אַ חודש...

— וואָס מיינט איר? — פֿאַרשטיי איך אים נישט.

— גאַנץ פּשוט, אויף אַ פֿרעמדער פֿאַרם וועט איר אפֿשר פֿאַרדינען 40 דאָלער אַ חודש, אָבער ניט ביי אייך אויף דער אייגענער פֿאַרם.

דאָס האָט שוין אָנגערירט מיינע געפֿילן.

— ווען איך וועל האָבן אַן אייגענע פֿאַרם וועל איך פֿאַרדינען מער...

— עס ווענדט זיך — לאַכט דער קאַזין.

— וואָס פֿאַר אַ פֿאַרם איז ביי אייך? — פֿרעג איך.

— וואָס הייסט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרם? איך האָב אַ גוטע פֿאַרם!

— וויפֿיל אַקער ערד?

— עטלעכע און זעכציק אַקער.

— וויפֿיל קי?

— וואָס טויג מיר קי? איך האָב איין קו... נאָך מעלקן קי פֿעלט מיר!...

— און וויפֿיל פֿערד?

— איין פּגירה...

— קיין וואונדער וואָס איר מאַכט קיין לעבן ניט — זאָג איך.

— און ווען איך האָב צוואַנציק קי, מאַך איך דען אַ לעבן?...

— גיט מיר צוואַנציק קי מיט אַ פֿאַרם פֿון 60 אַקער וועל איך שוין זיין גוט־אָפּ... — זאָג איך אַ זיכערער.

— אָ, איר זייט נאָך אַ גרינער אין די ביזנעס... דאָס „בוך" זאָגט מסתּם, אַז אַ פֿאַרם פֿון 60 אַקער מיט צוואַנציק קי דאַרף מאַכן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל... אין בוך איז אַלץ אויסגערעכנט... אָבער ווען עס קומט אין אמתן לעבן איז די זאַך גאַר אַנדערש... איר וועט שוין זען, מירצעשעם ווען איר וועט האָבן אַליין אַ פֿאַרם... איר וועט זאָגן, אַז האַרנשטיין איז געווען גערעכט...

איך האָב מיט דעם דאָזיקן פּעסימיסט שוין מער ניט געוואָלט רעדן, און דער נייער קאַזין האָט דווקא ליב געהאַט אַ סך צו דערציילן און צו רעדן. ער האָט מיין טאַטע־מאַמע איינגערעדט, אַז זיי זאָלן מיך ניט לאָזן פֿאָרן אין דער ווייטער וועסט. ער האָט זיי נאָרייעט צו קויפֿן אַ פֿאַרם אין

קאָנעטיקוט. און אַזוי ווי ער איז איצט געפֿאָרן אַהיים, האָט ער געוואָלט אַז איך מיט די עלטערן זאָלן אַרויספֿאָרן אָנקוקן די פֿאַרם.

— וואָס קאָנט איר פֿאַרלירן? אויב עס וועט אייך געפֿעלן, וועט איר קויפֿן און אויב נישט איז נישט.

איך האָב טאַקע געוואָלט אָנקוקן קאָנעטיקוט. האָב איך צוגעשטימט, אַז מיר זאָלן פֿאָרן. האָבן מיר גענומען די שיף און געפֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאָנטוויל אויף מאָרגן פֿאַרטאָג. פֿון דאָרטן האָט אונדזער קאָזין אָפּגערופֿן זיינעם אַ שכן אויפֿן טעלעפֿאָן און אָנגעזאָגט דורך אים זיין יינגל, אַז ער זאָל אונדז קומען באַגעגענען ביי דער שיף מיט „האָרס און באַגי"...

אָרום אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אָנגעקומען דאָס יינגל מיט אַ פֿערד און בריטשקע, אַז מיר איז אַזש ניט גוט געוואָרן צו קוקן... אַן אויסגע־דאַרט פֿערדל מיט מכּות אויפֿן קערפּער, מיט אַ צעריסענעם כאָמעט און מיט אַ בריטשקע וואָס האָט קוים געזשיפּעט, מיט צעבויגענע רעדער און מיט צונויפֿגעשטיקעוועטע דישליעס...

אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב זיך מיט טאַטע־מאַמע קוים באַ־זעצט אויף אָט דער בריטשקע. און דער קאָזין האַרנשטיין האָט אונדז פֿאַר־געשטעלט פֿאַר דעם קליינעם יינגל זיינעם, מעקס. מען האָט אים, אָט דעם יינגל געקאָנט געבן אפֿשר 10 יאָר, אויב ניט נאָך ווינציקער. דאָס דאָזיקע יינגל האָט געציטערט פֿון דעם מאָרגן־פֿראָסט. און מען האָט שוין געקאָנט זען אויף דעם קינד, אַז זיין טאַטע איז ניט קיין גביר...

מעקס האָט געטריבן. איך האָב געהערט, אַז דאָס יינגל רופֿט דאָס פֿערד „דיק". אָט דער „דיק" האָט נעבעך קוים געפּלאָנטערט מיט זיינע פֿאַרוואָקסענע פֿיס. איך האָב געקאָנט זען, אַז דאָס פֿערד האָט ניט קיין כּוח צו שלעפּן אונדז אַלע 5 פֿאַרשוין, נאָר אַזוי ווי דער וועג איז פֿון „טעימז" טייך ביז צו האַרנשטיינס פֿאַרם געווען אַ גוט־געפּלאַסטערטער וועג, האָט אונדז דער דאָזיקער „דיק" אין אַ האַלבער שעה געבראַכט אויפֿן הויף פֿון אונדזער קאָזינס פֿאַרם. און אָט איז דאָס אָפּגעלישעטע הויז, אַן אַן אַלטער יידישער ברונעם דערביי, מיט אַ האַנט־פּאָמפּע, און באַלד אַן אַל־טער שטאַל. עס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ געוויסער טרויער איבערן גאַנצן הויף. איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפֿן. איך האָב געזען דעם טרויער אויף די פּאָר אויסגעקרימטע פֿרוכט־ביימער, אויף דעם אויסגעבויגענעם שטאַל, אויף די רעשטלעך שניי, וואָס זיינען נאָך געלעגן דאָ און דאָרט.

די גאַנצע פֿאַמיליע: פֿרוי האַרנשטיין, אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אַ קליין מיידעלע און אַ גרויסער בחור, און נאָך איינער אַ קלענערער יינגל,

און דער הונט, אַ פֿאַרוואָקסענער און אָפּגעלאָזענער, אַלע, אַלע זיינען אונדז אַרויס אַנטקעגן און מיר האָבן זיך באַגריסט און אַריין אין שטוב.

קיין גרויסע גליקן האָב איך אין שטוב אויך ניט געטראָפֿן. אַן עכט אַלטמאָדישע יענקי־קיך, וואָס איז חוץ אַ קיך אויך אַן עס־צימער. נאָר ביי די האַרנשטיינס איז געווען אַזאַ אָרעמקייט, וואָס האָט געשריגן „גוואַלד״. די ווענט קויטיק און אָפּגעריסן. די פּאָדלאָגע צעבויגן און צעפּוילט; די פֿענצטער אויסגעשמירט און ערטערווייז האָבן געפֿעלט שייבלעך, פֿאַר־שטעקט מיט שמאַטעס.

אויפֿן טיש זיינען דווקא געשטאַנען מאַקרעטעס מיט אייער און פֿלע־שער מיט מילך.

— דאָס איז ניט פֿון אונדזער פֿאַרם — האָט רחל האַרנשטיין ווי זיך פֿאַרענטפֿערט — איך קויף צונויף ביי מיינע שכנים אָט די אַלע זאַכן און פֿיר זיי אַוועק קיין ניו־לאָנדאָן פֿאַרקויפֿן.

רחל האַרנשטיין האָט געמאַכט מיט איר אויסזען אַ פּיינלעכן איינ־דרוק. אַ קאָפּ שיטערע גרויע האָר, אַ מויל אָן ציין און אָנגעטאָן אין אַן אונטערקליידל און אין אַ פּאָר מענערישע שיך. ווען זי האָט גערעדט האָט זיך געדאַכט אַז זי וויינט.

— פּייסי, ברענג אַריין אַ „פּעיל״ וואַסער — האָט זי געזאָגט.

— איך בין מיד — האָט פּייסי געענטפֿערט — זאָל מאָריצל גיין.

— מאָריצל, ברענג אַ „פּעיל״ וואַסער.

אָבער מאָריצל, דער עלטערער בחור, האָט נישט געהאַט קיין חשק צו ברענגען וואַסער, נאָר שעמענדיק זיך פֿאַר אונדז האָט ער געפֿאָלגט. דאָס איז געווען אַ בחור מיט געזונטע הענט און פּלייצעס. ער איז געשטאַנען פֿאַר אונדז און אונדז דערציילט ווי אַזוי זיין טאַטע איז אַ פֿאַרמער.

— ער קאָן אָפּלאַכן פֿון זיין טאַטן — זאָגט פּייסי האַרנשטיין — אָבער אַליין וויל „עס״ ניט טאָן גאָרניט. ער גייט אַרבעטן אין „ווילעדזש״ פֿאַר דריי דאָלער אַ וואָך, אָבי ניט צו אַרבעטן אויף דער פֿאַרם.

איך האָב געזען אָרעמע פֿאַרמער אין וואָודביין. דאָרטן האָבן די יידן געקלאָגט, אַז דער באַראָן הירש האָט זיי פֿאַרפֿירט אין אַ זומפּ. אָבער אַזאַ אָרעמקייט ווי דאָ, ביי די האַרנשטיינס — און דאָ איז דאָך נישטאָ קיין „באַראָן הירש״. טאָ וואָס איז די אורזאַך פֿון אָט דער אָרעמקייט?

די באַלעבאָסטע האָט דערווייל צוגעשטעלט טיי, און מיין פֿאָטער האָט דערווייל געדאַוונט. פּייסי האַרנשטיין האָט זיך אַוועקגעזעצט וויקלען ציגאַרן פֿון בלעטער טאַבאַק. און אַרום מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט די קינדער און מיך אויסגעפֿרעגט אַלערליי שאלות — צי איך וועל טאַקע זיין אַן אמתער קאָר־באָי? און ווי אַזוי מען כאַפּט אַ ווילד פֿערד? קינדער קלוגע,

ווי עס ווייזט אויס פֿאַרשטייען זיי, אַז איך בין ווער ווייסט וואָס... איך דערקלער זיי, אַז איך פֿאָר טאַקע אין דער וועסט זיין אַ קאַר־באָי, אָבער איך ווייס וועגען דעם גאָרניט.

דאָס גרעסערע מיידל, אסתּר, איז זייער שיין כאָטש זי איז ניט אַזוי ריין אָנגעטאָן. זי איז זייער שעמעוודיק און כאַפּט פֿון צייט צו צייט אַ קוק אויף מיר. איך טו אויך דאָס זעלבע. זי איז אַ טונקל־הויטיקע און פֿאַר־מאָגט צוויי גרויסע טרויעריקע אויגן און שוואַרצע האָר, וועלכע זיינען איצט אין פֿרימאָרגן צעשויבערט. זי „שקראָבעט" אַרום אין צוויי שטעק־שיך מיט באָרוועסע פֿיס. אָבער מיר ווילט זיך זייער אַז זי זאָל צוקומען נאָענט לעבן מיר. זי שוועבט אַלע מאָל פֿאַרביי און פֿאַרשווינדט אין צווייטן צימער.

— אסתּר, גרייט צום טיש — זאָגט די מאַמע אויף יידיש.

— דאָס וואָס איך טו — ענטפֿערט אסתּרל אויף ענגליש. זי האָט, ווייזט אויס, געגרייט אַ טיש אין צווייטן צימער. איך האָב געמיינט, אַז דאָרטן וועט זיכער זיין אַביסל מער אָרדנונג. פֿאָרט אַ דערוואַקסענע טאָכטער אין שטוב, מעג זיין ווי אָרעם. אָבער ווען מיר זיינען אַריין אין צווייטן צימער צום פֿרישטיק, איז דאָרט אויך געווען דאָס אָרעמקייט זייער גרויס און שמוציק. איך האָב באַלד געזען, אַז אסתּרל איז נעבאָך ניט אַזאַ טיכטי־קע באַלעבאָסטע, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז אַזוי שיין.

מיר האָבן געגעסן הערינג מיט ברויט און פֿאַרטרונקען מיט אַ לייכטן טיי. דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ „פּראָבלעם": צי זאָלן מיר פֿאָרן אָנקוקן די פֿאַרם מיט „דיקן", אָדער מיר זאָלן גיין צופֿוס?

מיר האָבן באַשלאָסן אַז מיר גייען צופֿוס. און פּייסי איז מיט אונז גע־גאַנגען דורך אונטערשטע וועגן און מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ הויכן באַרג מיט שטיינערנע סקאַלעס און ווי באַדעקט מיט אַ שיטערן וועלדל.

— דאָס איז די פֿאַרם — זאָגט פּייסי.

— דאָ?! — וואונדער איך זיך, ווייל איך האָב גאָרניט געזען, חוץ סקאַלעס און בוימער, ווי זשע איז דאָ מעגלעך צו באַאַרבעטן די דאָ־זיקע ערד?!

— איר האָט דאָך געענדיקט אַ סקול? וואָס־זשע פֿרעגט איר מיך? — לאַכט פּייסי.

— איר מאַכט פֿון מיר חוזק, צי וואָס? — ווער איך שוין אויפֿגעבראַכט.

— ניין! אָט דאָס איז אַ פֿאַרם. אַלבעטשי, איר ווייסט גאָרנישט וואָס אַזוינס אַ פֿאַרם איז!... אָט דאָס איז אַ פֿאַרם. מיר וועלן אַרויפֿגיין אָט דעם באַרג וועט איר זען דאָרטן דאָס הויז מיט דעם שטאַל.

— מוחל, מוחל!... — זאָג איך.

— פֿאַרוואָס? לאָמיר אַרויפֿגיין אָנקוקן — זאָגט מיין פֿאָטער — מיר זיינען שוין דאָ סאַי־ווי־סאַי...

— עס איז נישטאָ וואָס אָנצוקוקן. איך וויל אַ פֿאָרם, נישט קיין סקאַ־לעס מיט בוימער.

— גיט אים אַ פֿאָרם ווי ביי מיר אויפֿן טיש... וועט ער זיין אַ בריה... זאָגט האָרנשטיין — לאָמיך זען אַז ער זאָל זיין אַ קנאַקער אָט־אָ דאָ...

איך האָב שוין געזען, אַז עס איז נישטאָ וואָס מיט אים צו דעבאַטירן. איך האָב געשוויגן. איך האָב אים צוליב־געטאָן און זיך געדראַפּעט אַרויף באַרג און מיר האָבן דאָרט געזען דאָס אַלטע שטיבעלע מיטן צעפֿוילטן דאַך און דעם קרומען שטאַל, וואָס נאָר איין שטאַרקער ווינט און ער קערט זיך איבער.

דאָס פּלאַץ איז געשטאַנען ליידיק און חרוב. עס איז דאָ נישט געווען קיין שום לעבעדיק נפֿש, און מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט דאָ נישט געוואוינט ווען מען שיט איר אָן אָט די שטוב פֿול מיט גאָלד.

איך האָב שוין גאָרניט געדאַרפֿט זאָגן, און מיר זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים צו אונזער קאָזין, און דאָרטן פֿאַרבראַכט ביזן אָוונט.

און אונדזער קאָזינע רחל האָרנשטיין האָט אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן מיטנעמען אסתּרן קיין ניו־יאָרק. און מיין טאַטע־מאַמע האָבן איינ־געשטימט זי מיטצונעמען. זאָל אַ קינד אויך זען די גרויסע שטאָט.

אסתּר האָט זיך זייער געפֿרייט און זיך אָנגעטאָן אין אַ ברוין קליידל און פֿאַרפֿלאָכטן אירע שוואַרצע האָר אין צוויי צעפּ און זיי אַרומגעלייגט אַרום איר קאָפּ ווי אַ קראַנץ. זי איז געווען פּראָסט־שיין און פֿול מיט חן, און מיר זיינען אַרום זעקס אַזייגער אַרויף אויף דער זעלבער שיף וואָס האָט אונדז פֿאַרטאָג געבראַכט אַהער. איצט האָבן מיר גענומען סטעיט־רומס, כּדי מיר זאָלן זיך קענען אויסרוען. אסתּר מיט מיין מאַמען אין איין סטעיט־רום און איך מיט מיין טאַטן אין אַ צווייטער.

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך האָב געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קיין נאָרט־דאַקאָטאַ זונטיק אָוונט. און אַזוי ווי עס איז איצט געווען מיטוואָך, האָב איך זיך דערווייל אַראָפּגעכאַפּט צו מיינע ליטעראַרישע קרייזן, כּדי זיך צו געזעגענען מיט די קאָלעגן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט מ. י. חיימאָוויטשן און ער האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין. מיר האָבן געגעסן אינאיינעם אַ גוטן מאָלצייט פֿון פֿלוימען מיט בולבעס. אסתּר חיימאָוויטש האָט געוואוסט אַז ביי אונז בעסאַראַביער איז אַזאַ מאכל ניט געקאָכט געוואָרן. איך האָב זיך מיט דעם גוטן מאכל זייער מחיה געווען און מיר האָבן גערעדט וועגן דער ליטעראַרישער ניו־יאָרק און וועגן פֿערד און קי... די חיימאָוויטשעס האָבן מיר מקנא געווען מיט מיין אָוועקפֿאָרן ווייט פֿון ניו־יאָרק. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גאָר־גאָר נאָענטע.

ביי אונדז אין הויז איז מיין מאַמע געווען פֿאַרטאָן מיט מיין באַגאַזש. זי האָט געקויפֿט אַ גרויסן טראַנק און אַ גראָבע ווינטער־קאָלדרע און אָנגעשאָטן פֿון מיינעטוועגן אַ פֿרישן קישן און באַזאָרגט מיך מיט אַלערליי וועש און בעט־צייג.

שבת־צו־נאַכטס איז געווען אַ שמחה צוליב מיין אָוועקפֿאָרן. עס זיינען זיך צונויפֿגעקומען אַלע אונדזערע קוזינען און קוזינעס. יעדער איינער פֿון מיינע ברידער האָט געבראַכט זיינע באַקאַנטע מיידלעך און אינגלעך און אָט די באַקאַנטע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט זייערע באַקאַנטע. עס איז געווען אַ פֿולע שטוב מיט מענטשן. מען האָט אַרויפֿגעבראַכט אַ פֿעסל ביר און מיין מאַמע האָט געמאַכט פּראַקעס און געשטעלט אַלערליי לעקעכער און פֿלאָדנס און קיכלעך, וואָס זי האָט געבאַקן. איך האָב צוגעהאָלפֿן אונזער נייע קוזינע, אסתּר הארנשטיין, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פֿון דער פֿאַרם.

אסתּר איז באַלד געוואָרן ווי אונדזערס אַ שוועסטער. מיר זיינען געווען ניין ברידער און האָבן ניט געהאַט קיין שוועסטער. און אסתּר האָט זיך באַלד באַליבט געמאַכט ביי אַלע ניין ברידער — פֿונם קלענסטן ביזן גרעסטן. זי האָט דער מאַמען אונדזערער געהאָלפֿן טאָן די אַרבעט אין שטוב, כאָטש די מאַמע האָט עס ניט געוואָלט.

איצט אויך, צו דער שמחה, האָט אסתּר דערלאַנגט צום טיש און געהאָלפֿן דער מאַמען אין קיך — אַן אמתע שוועסטער. איך האָב גע־הערט ווי מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין אסתּרן ניט לאָזן צוריק אויף דער פֿאַרם. און אסתּר פֿלעגט דערביי ווערן פֿאַרפּלאָנטט...

מיר האָבן אָפּגעהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין. זונטיק פֿאַרנאַכט בין איך אַוועק צו דער באַן מיט אַ גאַנצער חבֿרה באַגלייטער. די מאַמע האָט געלאָזט טרערן ביים געזעגענען זיך. מיר צוקושן זיך אַלע. דאָס האַרץ קלאַפּט. דער לעצטער סיגנאַל ווערט געגעבן. די באַן נעמט זיך רירן. הענט פֿאָכן צו מיר פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע. איך דריק מיין פּנים אויף דער שויב פֿון פֿענצטער.

איך האָב אַפֿילו ניט קיין „פּולמאַן־סליפּער״. דער וועג דאַרף מיר נעמען דריי מעת־לעת. אָבער איך טראַכט אַפֿילו ניט וועגן דעם. איך בין געזונט און יונג. פֿאָרן, פֿאָר איך אין דער וויטער וועסט. זיין וועל איך אַ קאָו־באָי, עס איז אַזוי ראָמאַנטיש! וואָס באַטייטן איצט פֿאַר מיר דריי נעכט נישט שלאָפֿן? איך פֿאָר דאָך עפּעס צו דערגרייכן... ניט פֿאַר מיר אַליין, נאָר איך פֿאָר אַלס אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ גאַנצער פֿאַמיליע. איך דאַרף זיי דאָך ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג אין דער גרויסער שטאָט. דער טאַטע איז געוואָרן אין די פּאָר יאָר זייער אַלט. די מאַמע גייט איין פֿון די כּוחות. זי יאָגט די שטיגן אַראָפּ און אַרויף און זי וויל שוין אויך אַמאָל זיין אויף גאָטס ערד און ניט אַוועקגעבן איר ביסל יאָרן אין דעם טענעמענט הויז. און די ברידער זיינען אַלע שוין אויסגעמאַטערטע, בלאַ־סע, זיי ווילן שוין אויך זיין אָפּגעברענט פֿון דער זון ווי איך בין. קלאַפּט זשע רעדער, וואָס גיכער, און ברענגט מיך שוין קיין נאָרט־דאַקאָטאַ.

די ערשטע נאַכט גייט אַריבער און אינדערפֿרי אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר די גרויסע ברייטע אַמעריקע: פֿעלדער, וועלדער, סעדער, טייכן, שטעט און דערפֿער; פֿאַרמס אַלערליי... איך זעטיק מיינע אויגן מיט דעם פֿרישן גרין פֿון גראָז. אָט ערשט איז דער שניי אַראָפּ. בלויז ערטערווייז ליגן נאָך קופּקעלעך שניי. די זון איז הערלעך און עס איז אַזוי ליכטיק אַרום און אַרום. דער הימל איז בלאָ און די וועלדער זיינען טונקל־ברוין. די בוימער שטייען אַזוי ווי אַנגעלאָדן. אָט־אָט און זיי וועלן אויסשיסן...

אויף די פֿעלדער יאָגן פֿערד. זיי האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער באַן און יאָגן. גאַנצע טשערעדעס קי פּאַשען זיך און הויבן אויף זייערע קעפּ און קוקן נאָך דער באַן. ווינט־מילן דרייען זיך אין ווינט. הינער אַנט־לויפֿן און באַהאַלטן זיך פֿאַר דער באַן.

אַט פֿאָרן מיר אַרײַן אין פּענסילוועניע, און אַט זײַנען מיר אין אָהאַיאָ; און פּענסילוועניע מיט די אויל־קוואַלן איז אַזוי אַנדערש פֿון אָהאַיאָ מיט אירע סעדער און מיט די מילך־פֿאַרמס. עס לויפֿן גלײַכע שורות מיט עפּל־בוימער. אין די סעדער אַרבעטן גערטנער מיט פּאָמפּעס, מיט שערן. און אַט איז מישיגען. עס לויפֿן פֿאַרבײַ גוטע קו־שטאַלן און הויכע פּעסער מיט סײַלעדזש און ווינט־מילן, וואָס טרײַבן וואַסער פֿון די ברונעמער.

עס ווערט נאַכט. מיר פֿאָרן אַרײַן קיין שיקאַגאָ. דאָ דאַרף איך בײַטן אויף אַן אַנדער באַן. אַן אַמניבוס פֿירט מיך אַריבער צו אַן אַנדער סטאַנציע, און מען זאָגט מיר, אַז איך האָב צײַט אַ פּאָר שעה צו גיין אָנקוקן די שטאָט. גיי איך אַרויס. עס איז אַ קאַלטער אָוונט און עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. איך שטיי אַביסל אויף אַ בריק איבערן שיקאַגאָ־ריווער. איך גיי אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן און מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל נאָך אָנווערן די באַן. לויף איך צוריק אין סטאַנציע. איך זע אַ סך מענטשן אָבער איך פֿיל זיך אַ פֿרעמדער. איך רויכער זיך אָן מיט מײַן פּיפּקע. איך בין נאָך ניט צוגעוואוינט זי צו רויכערן. זי בײַסט מיך אין צונג און אין גומען. איך קויף אַ צײַטונג. אָבער איך קען ניט לייענען אין אָט דעם טומל. גלעקער קלינגען, קאָנדוקטאָרן שרײַען אויס דאָס אָפּגיין פֿון צוגן.

און אָט קלאַפּן שוין ווידער די רעדער פֿון מײַן באַן. איך בין שוין נע־ענטער צו נאָרט־דאַקאָטאָ. עס הויבט מיר שוין אָן צו ווערן אומהיימלעך. איך קום צו אַ נײַער וועלט. ווער ווייסט וואָס פֿאַר מענטשן איך וועל טרעפֿן און וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק איך וועל אויף זיי מאַכן.

איך בין מיד, אָבער איך קאָן ניט שלאָפֿן. די אויגן ברענען ווי מיט פֿריסיק. אין פֿענצטער קאָן מען גאָרניט נישט זען. פֿון צײַט־צו־צײַט אַ סטאַנציע און ווידער פֿינצטערניש. איך קאָן ניט שליסן קיין באַקאַנט־שאַפֿט מיט מײַנע שכנים מיטפֿאָרער. איך האָב שוין באַלד פֿאַרגעסן ווי אַזוי צו עפֿענען מײַן מויל. פֿאַרוואָס בין איך אַזוי שעמעוודיק? בין איך גופֿא שולדיק אין דעם, צי איז מײַן פֿאָטער שולדיק, וואָס ער האָט מיך קיינמאָל ניט געלאָזט רעדן צווישן מענטשן?

אָבער איך בין דאָך שוין איצט אין מײַנע אייגענע הענט. פֿאַר וואָס זיץ איך אַזוי שטום צווישן מענטשן?

עס איז אַוועק אַ יאָר און אַ האַלב פֿון מײַנע בעסטע יאָרן אין דער באַראָן הירש שול. די דאָזיקע שול האָט מיר געגעבן אַזוי פֿיל, אַז איך וועל די דאָזיקע אַנדערהאַלבן יאָר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. איך בין גע־

וואָרן, אויב איך קען זיך אַזוי אויסדריקן, גאָר אַן אַנדער מענטש. אָבער איך האָב דורך דער צייט פון מיין זיין אין שול גאָר ניט געשריבן.

און עס האָט מיך גאָר ניט געאַרט מיין ניט שרייבן. עפּעס האָב איך ווי באַהאַלטן אַלץ טיף אין זיך אויף שפּעטער.

איז ווי וועט עס זיין אין דער ווייטער וועסט? וועל איך דאָרטן האָבן אַט־די רו און פרייע צייט, כדי צו קאָנען זיך אנידערזעצן שרייבן?

אָבער איך האָב וועגן דעם קיין סך ניט געוואָלט טראַכטן. איך בין אַזוי געווען מיד פון ניט שלאָפן שוין די צווייטע נאַכט, אַז איך בין זיצנ־דיק איינגעשלאָפן און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט דינסטיק אינדער־פרי איז שוין די באַן געווען אין מינעסאָטאַ.

די פעלדער זיינען דאָרט באַדעקט מיט שניי און מען זעט ניט קיין וואַלד אויף אַ רפואה. שטרעקעס מיט שניי אין דאָ און דאָרטן, אויף מיילן ווייט אָפּגעטיילט, שטייען גרויסע רויטע שטאַלן און מיט אַזעלכע אויסגערונדיקטע דעכער; רויט געפאַרבטע גרויסע שטיבער מיט ווייסע פענצטער און הויכע טורעמס מיט ווינט־מילן, וואָס גלאַנצן מיט זייער מעטאַל קעגן דער זון.

עס איז שוין דינסטיק אינדערפרי און מאָרגן באַדאַרף איך שוין אַרום פאַרמיטאָג אָנקומען קיין גלאַדסטאָן, נאָרט־דאַקאָטאַ, און איך וואָלט שוין געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען און שוין זיין אויפן אָרט. איך בין אומרואיק. איך טראַכט שוין ווי אַזוי איך זאָל זיך האַלטן בשעת מיין אָנקומען. עס מעג אַפילו זיין קאָמיש, נאָר איך גרייט זיך שוין באַצייטנס ווי אַזוי צו רעדן און וואָס צו טאָן.

מיר איז אַביסל קאַלט, ווייל איך בין אָנגעטאָן אין שטאָטישע קליי־דער און טראָג אַ לייכטן מאַנטל. דאָ איז נאָך פולער ווינטער און עס איז קאַלט אין וואַגאָן.

נאָכמיטיק זיינען מיר אָנגעקומען קיין סעינט־פּאָל, מינעסאָטאַ. דאָ האָב איך ווידער געביטן די באַן. און איך האָב שוין יענע לעצטע נאַכט פון מיין רייזע געטראָפן אַ גוטן קאָנדוקטאָר און ער האָט מיך אַריבערגע־פירט אין אַ פּאַרלאָר־קאַר, וואו עס זיינען געווען אַזעלכע שטולן, וואָס מען זעט געוויינלעך אין באַרבער־שאַפּ. איך האָב זיך אויסגעשטרעקט און אויסגעבויגן מיין שטול און בין געשמאַק איינגעשלאָפן. און אויפן אַנדערן טאָג איז די באַן שוין געלאָפן איבער נאָרט־דאַקאָטאַ.

אָ, וואָס פאַר אַ ברייטע פּרעיריס!

און אַ ווייסע וועלט. דאָ ליגט נאָך דער שניי גאַנץ טיף. קיין שום וועלדער זעט מען ניט. אויך די שטאַלן מיט די הייזער זיינען זייער ווייט איינס פון די אַנדערע.

און אָט איז מיין סטאַנציע: גלאַדסטאָן. אַ קליין שטיבעלע מיט אַ פּלאַטפאָרמע. איך קריך אַראָפּ פון דער באַן. אַ שטאַרקער ווינט גיט מיך אַ נעם און צעשפּרייט די פּאָלעס פון מיין מאַנטל. איך קוק זיך אַרום און איך זע אין עק פון פּלאַטפאָרמע צוויי מענער מיט אַ פרוי. אַלע דריי אין גרויסע שובעס מיט קאָלנערס פון פוטער, מיט שניי־שטיוול אויף די פיס. איך דערנעענטער זיך צו דער גרופּע. איך הער ווי זיי ריידן זייער אַ שיינעם טיף־באַסאָוון רוסיש.

וואו בין איך? בין איך אין אַמעריקע אָדער אין רוסלאַנד? אָבער איידער איך האָב באַוויזן צוצוגיין צו אָט דער גרופּע האָב איך דערהערט ווי מען שרייט: — העי!...

איך קוק זיך אַרום און בלייב שטיין. צו מיר קומט צו אַן אַלטיטש־קער, וואָס זעט אויס ווי אַן עכטער מאָלדאַוואַן פון מיין אַמאָליקער בעסאַראַביע. זיין פּנים איז ווילד פאַרוואַקסן מיט שטעכלדיקע האָר. אויפן קאָפּ אַ קאַפּטשאַן און מיט פינגערלאָזע הענטשקעס. אין דער האַנט אַ לאַנגע בייטש און זיין „שיפּסקין" איז פאַרלאַטעט אַרום די עלנבויגנס. אין מויל שטעקט ביי אים אַ „קאָרן־קאָב" פּיפּקע.

— מיסטער קאָלדוועל? — פרעג איך.

— יעס סער, דאַטס מי! — ענטפערט דער מאַן און שטרעקט צו מיר אויס זיין פינגערלאָזע הענטשקע.

איך בין געווען אָנגעטאָן אין ברוינע שטאָטישע הענטשקעס מיט פינגער. דער פראָסט האָט מיך געטאָן אַ פּאַק און ביי מיר געביסן די פינגער. פונם ווינט האָב איך ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און מיין קאַפּעליוש האָט נאָר געהאַט חשק אַוועקצופליען.

מיסטער קאָלדוועל האָט ביי מיר צוגענומען דאָס לייכטע רענצל, וואָס איך האָב געפירט מיט מיר אין דער באַן און זיך געלאָזט גיין. ער האָט געמיינט אַז דאָס איז מיין גאַנצער באַגאַזש. איך האָב דערקלערט אַז איך האָב אַ טראַנק מיט נאָך אַ רענצל.

— דזשימיניס! — האָט קאָלדוועל געזאָגט און מיר דערקלערט אַז איצט קאָן ער ניט דערווייזן צו נעמען דעם טראַנק מיינעם, ווייל ער איז געקומען מיט אַ קליינעם שליטן. איך האָב אים דערקלערט אַז אין טראַנק האָב איך אַלע מיינע פאַרם־קליידער. האָט קאָלדוועל מיך בייז אָנגעקוקט און מיר דורך־און־דורך־געגומען ווי מיט מעסערס, מיט זיינע גרויסע אויגן.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב אין דער שטעטלשער קראָם גע־קויפט פאַר זיך אַ „שיפּסקין", שניי־שטיוול", פינגערלאָזע הענטשקעס און

אַ זעקעלע טאַבאַק צום רויכערן. דער קרעמער האָט מיר צוגעגעבן אַ פּרעמיע עטלעכע קאָרן־קאַב פּיפּקעס און מיין טראַנק איז געבליבן אויף דער סטאַנציע וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט.

באַלד טראָגן מיר זיך מיט קאָלדוועלס צוויי מוצעקעס [1] איבער דער פּרעריע ווי אויף פליגל. קאָלדוועל טרייבט. מיר זיצן איינגעדעקט מיט אַ בערן־פעל און שוויגן. ווען קאָלדוועל דאַרף אָנפילן די פּיפּקע, גיט ער מיר איבער די לייצעס. איך בין זיך מחיה צו טרייבן אַזעלכע צוויי פערדלעך. עס ליגן די פעלדער איינגעדעקט אין שניי. דער וועג איז אַן אויסגעפּאָרענער און דאָס שליטעלע לויפט איבערן וועג ווי אַ סמיטשיק איבער אַ פידל.

[1] מוצעקעס — קליינע פערדלעך.

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיר איז ביז דעם טאָג פֿון מײַן אָנקומען אין דער וועסט קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן צוזאַמען און וואוינען אין אַן עכט־יענקישער הויז. כ'בין שוין געווען צו יענער צײַט ראַדיקאַל געשטימט און בײַ מיר איז ניט געווען קיין פֿראַגע פֿון „גוי און ייִד". אָבער פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך געפֿילט מאָדנע בײַ מײַן ערשטן טראָט איבער קאַלדוועלס שוועל.

פֿון דער דרויסנדיקער טיר איז מען אַרײַן אין אַ גרויסער קיך. אַ ליבע וואַרעמקייט האָט מיר געטאָן אַ שלאָג אין פּנים פֿון דעם אויוון און פֿון די געשמאַקע מאכלים, וואָס מיסעס קאַלדוועל האָט געקאָכט. די באַלעבאָסטע איז געווען פֿאַרפֿלאַמט פֿון אָט דער וואַרעמקייט און אירע שוואַרצע האָר זײַנען געווען פֿאַרקעמט אין אַ שווערן קובליק און מיט אַ שרײַנט פּונקט אין דער מיט פֿון קאָפּ. איר פֿולער פּנים מיט די גרויסע יונגע אויגן האָבן זיך גאָר ניט געפּאָרט מיט דעם הער קאַלדוועלס פֿאַר־עלטערטער געשטאַלט.

מיסעס קאַלדוועל האָט מיך אויפֿגענומען מיט דער געוויסער זיסקייט און העפֿלעכקייט, וואָס אַ הויז־פֿרוי ווײַזט געווײַנטלעך אַרויס צו אַ גאַסט. אָבער עפּעס איז געווען אין אירע מאַניערן אַזוינס, וואָס האָט מיך דע־נערווירט — שוין צו פֿיל זיסקייט...

קאַלדוועל האָט זײַן ווײַב באַלד דערציילט, אַז איך האָב מיטגע־בראַכט אַ גרויסן טראַנק און נאָך אַ צווייטן וואַליז. איך האָב געפֿילט, אַז ער מאַכט שפּאַס פֿון מיר.

— אַ טראַנק?! — האָט די באַלעבאָסטע זיך געוואונדערט — באַי גאָלי, דאָס וועט זײַן דער ערשטער „מענטש" (אַרבעטער) וואָס ברענגט מיט זיך אַ טראַנק.

— יעפּ!... — זאָגט קאַלדוועל.

מיר געפֿעלט ניט איר „באַי גאָלי" און אויך ניט זײַן „יעפּ". אָבער איך מוז צוגעבן אין זיך, אַז איך האָב ניט געדאַרפֿט זיך שלעפּן אין דער וועסט מיט אַ טראַנק.

אָבער עס איז שוין געווען אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. איך האָב זיך פֿאַר־ענטפֿערט, אַז מײַן מאַמע האָט עס מיך באַשטאַט מיט אַלע גוטע זאַכן.

— וואָס האָט איר געבראַכט? — איז די באַלעבאָסטע צו מיר צוגע־שטאַנען.

— בעטגעוואַנט, אַ קאָלדרע און ליילעכער.

— וואָס האָט אייער מאַמע געמיינט, אַז איר פֿאָרט צו ווילדע מענטשן? קומט אַרויף אין אייער צימער, וועט איר זען וואָס פֿאַר אַ בעט מיר האָבן אָנגעגרייט פֿאַר איך, וויהאָט דו יו טהינק?...

און זי האָט מיך געטאָן אַ כאַפּ אונטער דעם אָרעם און אַרויפֿגע־פֿירט מיט טרעפּ פֿונם „דאַינינג” צימער אַרויף אויף אַ בוידעם־שטוב. דאָ זיינען געשטאַנען דריי בעטן, זייער שיין פֿאַרשפּרייט. זי האָט מיך צוגעפֿירט צו דעם בעט וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פֿון קוימען.

— אָט דאָס איז אייער בעט! — האָט זי געזאָגט — און אָט זעט וויפֿיל דעקן און וואָס פֿאַר אַ מאַטראַץ.

איך האָב שוין גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. איך האָב נאָר גע־שמייכלט אומבאַהאָלפֿן.

איך האָב זיך אַרומגעוואַשן און זיך צוגעזעצט אין קיך אויף אַ בענקל און די באַלעבאָסטע האָט ביי מיר אָפּגענומען אַ רעפּאָרט, ווי לאַנג איך בין אין אַמעריקע און צי איך האָב אַ טאַטן אויך און אַז איך האָב איר געזאָגט אַז איך האָב נאָך אַכט ברידער האָט זי זיך געוואונדערט.

— איך האָב נישט קיין איין קינד! — האָט זי זיך געקלאָגט.

— דאָס איז ניט גוט — האָב איך געזאָגט.

אָבער זי האָט מערער וועגען דעם ניט געוואָלט רעדן. זי האָט אויסגעדרייט דעם געשפּרעך אויף ניו־יאָרק.

— איז אין ניו־יאָרק דאָ שניי?

— ניט איצטער.

— דאָ ליגט ער נאָך. מיר זיינען היינטיקן ווינטער שיעור ניט פֿאַר־שאָטן געוואָרן פֿונם שניי — האָט זי געזאָגט און געהיט מיין פּנים, צו זען ווי עס וועט אויף מיר ווירקן.

— איך האָב ליב שניי — האָב איך געזאָגט.

— און איך האָב אים פֿיינט — האָט זי טראָציק געלאָזט וויסן.

זי איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר, זי געעפֿנט און גענומען שרייען: — סאַפּער! סאַפּער!

אין דרויסן אַנטקעגן דער אָפֿענער טיר האָט זיך געזעצט די זון. דער גאַנצער מערב האָט געפֿלאַמט מיט פֿאַרבן.

וויפֿיל רויטע קאָלירן! באָרדאָ, פּאָמסרויט, מאַראַנצן־רויט, ראָזעווע, קאַרמוז־רויט, ווײַנשל־רויט... אָבער אויפֿן הימל זיינען געווען אזעל־כע רויטע קאָלירן, וואָס זיינען גאָר אין אונדזער לשון נישטאָ...

— האָט איר אין ניו־יאָרק אויך אַזעלכע זון־פֿאַרגאַנגען? — האָט די מיסעס קאַלדוועל זיך מיט מיר געררייצט.

— קיינמאָל נישט! — האָב איך איר צוליב געטאָן.

עס זיינען געקומען צוויי בחורים און אַריין אין קיך און אַוועקגע־וואָרפֿן זייערע היטלען אין ווינקל ביי דער טיר. זיי האָבן אויסגעטאָן זייערע שאַפּענע פּעלצלעך און אויך אַוועקגעוואָרפֿן ביי דער טיר.

— דאָס איז אַרטור — האָט מיסעס קאַלדוועל מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן ניט־עריקן בחור — און אָט דער — דאָס איז וויליאַמס. באַקאַנט זיך מיט מר. רעיבי פֿון ניו־יאָרק.

— אַנטשולדיקט, איך הייס ראַבאַי — קאָרעגיר איך זי.

— מיר דאָ, אין נאָרט־דאַקאָטאַ, האָבן זיך אונדזערע אייגענע מאַ־ניערן ווי אַזוי צו רעדן. איר דאָרטן אין דער איסט — אייערע.

און עס איז אַזוי געבליבן. מיך האָט מען גערופֿן מיסטער רעיבי. אַפּנים דאָס האָט מערער געקלונגען יענקיש.

איך האָב יעדן איינעם פֿון די צוויי חברה־לייט געדריקט די האַנט. און זיי האָבן יוצא געווען און געפֿרעגט ביי מיר ווי אַזוי עס געפֿעלט מיר די וועסט. איך האָב געענטפֿערט, אַז די וועסט איז אַ שיין לאַנד.

באַלד זיינען מיר אַוועק אין עס־צימער צום טיש. קאַלדוועל איז דאָרטן געזעסן און געוואַרט אויפֿן עסן. איך האָב זיך געוואונדערט וואָס ער וואַשט ניט די הענט.

די באַלעבאַסטע האָט אָנגעשטעלט אויפֿן טיש זייער פֿיל מאַכלים: פֿלייש, קאַרטאָפֿל, צימעס פֿון ווילדע וויינשל, ברויט, פֿריש נאָר־וואָס געבאַקן, און פּוטער און אייער.

איך האָב זיך געפֿילט ווי אַלע מאָל ביי אַ פֿרעמדן טיש. קאַלדוועל האָט מיך אונטערגעטריבן, אַז איך זאָל עסן. און כאָטש אַלץ איז געווען גוט און זייער געשמאַק און איך בין געווען הונגעריק ווי אַ וואָלף, האָב איך פֿונדעסטוועגן ניט געקאָנט עסן אַזוי פֿיל ווי די איבעריקע האָבן געגעסן.

נאָך סאַפּער האָט קאַלדוועל אונדז אַלע דריי געגעבן גרויסע ציגאַרן. ער אַליין האָט אויך פֿאַררויכערט אַ ציגאַר. מיר האָבן זיך אַלע באַזעצט אויף שטולן און איך האָב גענומען פֿונם שאַנק אַ זשורנאַל צום לייענען. קאַלדוועל האָט צעעפֿנט צייטונגען און זיי דורכגעקוקט. און דער אופֿן ווי אַזוי ער האָט עס געטאָן האָט גיכער דערמאָנט אָן אַ מענטשן, וואָס „ווייסט" שוין סאַי־ווי וואָס די צייטונגען שרייבן נאָך איידער ער לייענט זיי.

אַרום ניין אין אָוונט בין איך שוין געלעגן אין מיין בעט אויבן אין בוידעם־שטוב. עס איז אין דרויסן געווען גוט קאַלט. אָבער איך האָב זיך

גוט איינגעדעקט און דער קוימען פֿון מיין צוקאָפּנס האָט געגעבן וואַ־רעמקייט און איך בין געשמאַק איינגעשלאָפֿן, און איך האָב זיך אויפֿגע־כאַפּט ווען דער וועק־זייגער האָט געקלונגען.

מיר זיינען אַלע דריי בחורים אַרויס אין שטאַל צו די פֿערד. עס איז נאָך געווען אין דרויסן אַביסל פֿינצטערלעך און אַרטור האָט אָנגעצונדן דעם לאַמטערן, וואָס איז געהאַנגען אין מיטן שטאַל אויפֿן באַלקן.

אַרטור איז געווען, ווי עס האָט אויסגעוויזן, דער פֿאָרמאַן. ער האָט געקאָמאַנדעוועט וואָס צו טאָן.

אין שטאַל זיינען געווען אַרום 12 פֿערד. און מיר האָבן זיך איינגע־טיילט צו פֿיר פֿערד יעדער; געפֿירט זיי צום טרינקען און זיי געגעבן היי מיט האָבער און דערנאָך גערייניקט דעם גנאָי [1] און זיי געקעמט און געבאַרשטן.

אַרטור איז געווען אַ דאַרער און אַ נידעריקער בחור, און וויליאַמס איז געווען הויך און פֿעסט געבויט. קיין סך רעדן צווישן זיך האָבן מיר ניט געקאָנט.

— מאַך עס גיך, ווייל מען וועט באַלד רופֿן צום ברעקפֿעסט — האָט אַרטור צו מיר געזאָגט פֿאַרבייגייענדיק. די פֿערד זיינען אַלע געווען מיטלוואוקסיקע, פֿעטינקע און מיט ווינטער־האָר. אין שטאַל איז ניט גע־ווען אַזוי ליכטיק, אַז מען זאָל קענען זען צי זיי זיינען ריין, צי ניט.

אין אַ שעה אַרום האָט די באַלעבאָסטע שוין גערופֿן צום ברעק־פֿעסט. עס האָט זיך שוין דורכגעבראָכן דער נייער טאָג און מיר זיינען אַלע דריי אַריין אין קיך. אַרטור האָט געבראַכט אַן עמער מיט וואַסער פֿון ברונעם און מיט אַ שעפּע מיר געהאָלפֿן זיך וואַשן. מיר האָבן געגעסן בעיקאָן מיט געפּרעגלטע אייער און הייסע בולקעלעך פֿון קאָרנמעל. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן וואָס איך האָב געגעסן חזיר. די באַלעבאָסטע האָט הנאה געהאַט און זי זאָגט צו מיר, אַז זי וועט מיך אויסלערנען נאָך אַ סך זאַכן.

באַלד נאָך ברעקפֿעסט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצולער־נען זיך איינע פֿון די „סך זאַכן". מ'האָט מיך אָוועקגעשטעלט אָוועק־צופֿירן „מאַנור". עס האָט זיך דורכן ווינטער אָנגעזאַמלט אַ באַרג מיט „מאַנור" און מיר לאָדן אים אויף אַ טיפֿן שליטן און מיר פֿירן אים אַרויס ווייט אויף דער פּרעירי, וואו קאַלדוועל האָט אַזאַ מין שפּאַלט אין זיין ערד, וואָס איז געבליבן נאָך פֿון יענע אַלטע, אַלטע צייטן, ווען עס איז דאָ געווען אַן ערד־ציטערניש. מיר ליידיקן אויס דעם שליטן און שאַרן

[1] גנאָי — אָפּפֿאַל.

אַרײַן דעם „מאַנור” אין אָט דעם שפּאַלט. מיר נעמען זיך פֿיל צײַט. מיר רעדן און רויכערן. מיר פּרוּוון אַפֿילו אויסמעסטן דעם שפּאַלט מיט די מאַנור־גאָפּלען. און אַרטור וועלכער איז אַ „וועסטערנער”, דערציילט אונדז, אַז דאָס וואָס מיר זעען ניט ביי מיסטער קאַלדוועל קיין שום קי, איז דערפֿאַר, וואָס עס איז געשען אַזאַ מעשה: ווען קאַלדוועל איז דאָ געקומען צוריק מיט יאָרן, האָט ער יאָ געהאַט אַ קו. איז די דאָזיקע קו זײַנע איין מאָל אַרײַנגעקראָכן אין אָט דעם שפּאַלט און זי האָט זיך געגנו־מען קעמפֿן אויף אַרויסצוקריכן פֿונם שפּאַלט און איז וואָס מער אַלץ טי־פֿער אַרײַן, ביז זי איז שוין געווען פֿאַרזונקען ביז צו די הערנער. מיס־טער קאַלדוועל האָט זי אַרומגעזוכט, און ווען ער האָט זי געפֿונען פֿאַר־זונקען ביז צו די הערנער, האָט ער זי שוין נישט געקענט אַרויסשלעפּן. דערפֿאַר האַלט ער איצט דאָס שטיק פּרעירי אין גאַנצן אַרומגעצוימט מיט דראָט און קיין קו קומט צו אים מערער נישט אַרויף אויף דער פֿאַרם... און ניט נאָר דאָס, נאָר זיי טרינקען קיין מילך אויך נישט...

— אָבער פֿאַרוואָס קויפֿן זיי פּוטער? — פֿרעגט וויליאַמס.

— דאָס קען איך ניט פֿאַרענטפֿערן — שפּײַט אויס אַרטור און צי־לעוועט אין שפּאַלט אַרײַן — „די גאָד־דעם טינג” מוז זײַן טיף. וואָס זאָגסטו פּראָפֿעסאָר? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר דירעקט.

איך האָב געטאָן אַ צי מיט די אַקסלען.

מיר האָבן גאַנצע צוויי וואָכן געררייניקט דעם מאַנור און געוואָרפֿן אין אָט דעם שפּאַלט און עס האָט זיך דאָרטן ניט אָנגעהויבן אָנצוזען.

אין צווישן־צײַט איז מיט מיר קאַלדוועל געפֿאָרן אָפּנעמען מײַנע זאַכן פֿון דער סטאַנציע און איך האָב געהאַט נאָך אַ רעטעניש, חוץ דער רעטעניש מיטן שפּאַלט אין דער ערד.

קאַלדוועל איז זייער רייך. דאָס האָב איך שוין געקענט זען פֿון דעם גוט וואָס ער פֿאַרמאָגט. ביי אונז אין בעסאַראַביע, וואָלט שוין אַזעלכער געווען אַ גאַנצער פּריץ, און קאַלדוועל איז אַזוי פּראָסט און פּשוט. מיר, די דריי בחורים, זײַנע אַרבעטער, גייען שענער אָנגעטאָן ווי ער. איך פֿאָר מיט אים אין שטעטל גלאַדסטאָן... און איך קאָן פֿון אים ניט אַרויסקריגן קיין וואָרט. ער שווייגט ווי אַ שטיין. דער מענטש טראָגט עפּעס באַהאַלטן אין זיך. וואָס איז דער מער מיט אים? וואָס פֿעלט אים דען? וואָס פֿאַר אַ טראַגעדיע איז מיט אים — אַז אַ מענטש האָט זעקס טויזנט אַקער ערד און הונדערטער און הונדערטער ווילדע פֿערד זײַנע לויפֿן אַרום אויף זײַנע פּרעיריס?...

צוביסלעך האָט דער פֿרילינג אָנגעהויבן אָנצוקומען. די טעג — שיינע, לויטערע, זינגעוודיקע. דער שניי האָט אָנגעהויבן צו לאָזן און די

פרעירי האָט זיך אויפֿגעדעקט און גענומען זיך וואַרעמען אויף דער זון און די ערד האָט זיך גענומען באַנייען מיט אַ יונגן גרין.

קאָלדוועל האָט מיך אַריינגערופֿן אין זיין באַזונדער חדרל, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען די פֿייער־קאַסע, און עפּעס אַן אַלט־מאָדישער שפּיל־קאַסטן, אויף וועלכן מיסעס קאָלדוועל פֿלעגט אַלע זונטיק שפּילן.

— הער אויס! — האָט ער צו מיר געזאָגט — איך וויל אַז דו זאָלסט נעמען אין דיינע הענט אַריין דעם אָגער.

איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט אַן אָגער און אַז אַרטור גיט אויף אים אַכטונג. האָב איך זיך עפּעס מאָדנע געפֿילט, וואָס קאָלדוועל גיט אים מיר איבער אין די הענט אַריין. איך קאָן זיך ניט אָפּזאָגן. איך בין געקומען אַהער אַלס פֿערד־ספּעציאַליסט און מוז טאָן וואָס דער באַ־לעבאָס הייסט.

— נעם און זאָטל אים אָן און פֿאָר אַרויס מיטן אָגער אויף עקסער־סאַיז. אָט באַלד איז שוין אַפּריל און מיר וועלן אים דאַרפֿן פירן צו די שקאַפּעס.

איך האָב נאָך דאַן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז קאָלדוועל וויל צווישן זיינע אַרבעטער אָנמאַכן א שנאה, ווייל עס לוינט זיך אים בעסער, אַז די אַר־בעטער זאָלן זיין צוטיילט.

פֿינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דאָס ראָמאַנטישקייט פֿון דער וועסט מיט די קאָו־באָיס איז ביי מיר אויסגערונען פֿון דער מינוט, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט נאָרט־דאַקאָטאַ. איך האָב דאָ ניט געזען קיין איין קאָו־באָי, וואָס מען מאָלט זיך אין דער איטט געוויינטלעך מיט קאָלירנדיקע קליידער און מיט צוויי פּיסטאָלעטן אין זיין גאַרטל און וואָס זאָל זיך טראָגן אויף אַ ברענענדיק פֿערד און זאָל שיסן רעכטס און לינקס. איך האָב זיך געקלערט: אפֿשר בין איך ניט אויפֿן ריכטיקן אָרט. עס קאָן זיין אַז זיי זיינען ערגעץ דאָ.

איך זאָטל איינמאָל אָן דעם אָגער און פֿאָר אַרויס אויף דער פּרעירי. דאָס פֿערד איז זייער אַ שיינס און אַ ריזיק־גרויס. ער איז ווילד ווי אָן אָגער דאַרף זיין. ער איז זייער וואַכזאַם מיט יעדן חוש זיינעם צו אַלץ אַרום אויף דער פּרעירי. און איך זיץ אויפֿן „וועסטערן זאָטל" וואָס האָט פֿון פֿאָרנט אַ האָרן. מיינע ביידע פֿיס זיינען אין די זאָטל־טרעטערס ניט שטאַרק טיף אַריינגעשטעקט. מיט דער לינקער האַנט האַלט איך די לייצעס און די רעכטע האַנט הענגט אַ פֿרייע ביי מיין זייט. איך בין אָנגעטאָן אין אָווער־אָלס, וואָס זיינען אַריינגעלאָזט אין די לאַנגע כאָליעוועס פֿון מיינע שטיוול, די כאָליעוועס פֿאַרשנורעוועט מיט לעדערנע שיך־בענדלעך. מיין געוויינלעך שטאָטיש רעקל איז צוגעקנעפּלט און דער קאָלנער פֿון מיין וואָלענעם בלאָען העמד איז צעכראַסטעט. אויפֿן קאָפּ טראָג איך מיין קאַפּעליוש, וואָס איך האָב געבראַכט פֿון דער באַראָן הירש שול.

איך האָב זיך טאַקע געלערנט אין שול ווי אַזוי צו רייטן אויף אַ פֿערד, אָבער איך זע איצט, אַז איך קאָן נאָך גאַנץ קנאַפּ די רייטער־קונסט. איך דאַרף אים, דעם אָגער, הייסט עס, מאַכן צום גיין זייער פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט. אָבער דער אָגער איז ווילד און מעכטיק. ער הערט מיך ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי. עס ווילט זיך אים דווקא יאָגן און שפּרינגען. ער פֿרייט זיך מיט דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג און מיט דעם וואָס ער איז ווידער אַרויס אויף דער פּרעירי. ער שטרעקט אויס זיין האַלז און הויבט אויף זיין קאָפּ צום הימל און הירזשעט און זיין קול קלינגט אָפּ איבער דער פּרעירי ווי אַ מעכטיקער דונער.

ער רייסט זיך אַלץ מער און מער. איך קאָן אים ניט קאָנטראָלירן. איך בין זיך מודה אַז איך האָב אַביסל מורא פאַר אים.

עס איז אַזוי שיין אין דרויסן! די פרעירי קאַטשעט זיך איבער באַרג און טאָל. אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קאָן אַרומכאַפּן זעט מען ניט קיין שום לעבעדיקן נפש. איך פאָר פון דרויסן פון די דראַטענע פּלויטן. אַזוי האָט מיר קאַלדוועל געהייסן. ער האָט מיר אויך געהייסן רייטן צוויי שעה צייט. אָבער רייטן צוליב אַרבעט איז עפּעס אַנדערש ווי רייטן צוליב פאַרגעניגן. איך בין מיד געוואָרן פון זיצן אויף דעם ברייט־ביינערדיקן פערד. דער זאַטל איז געווען האַרט ווי אַ שטיין און ווען איך בין צוריקגעקומען און אַראָפּגעקראָכן פונם זאַטל האָב איך קוים געקענט גיין אויף די פיס.

דאָס וואָלט אָבער נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי דאָס וואָס קאַלדוועל און זיין פרוי זיינען ביידע אַרויסגעקומען בשעת איך בין אָנגעקומען און געשטאַנען און געקוקט ווי אַזוי איך קריך אַראָפּ פונם זאַטל. איך האָב געמוזט ווייזן בראַווקייט און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז די פיס טוען מיר ניט וויי. איך האָב געטאָן אַ שפּרונג פונם זאַטל און קאַלדוועל האָט גענומען מיט זיינע אָדלער־אויגן באַטראַכטן דעם אָגער.

— ווי איז געווען אייער ערשטער אַרויסטריט? — פרעגט מיסעס קאַלדוועל.

— אָ, ניט אַזוי שלעכט — ענטפער איך — עס איז ביי מיר ניט קיין נייעס צו רייטן אויף אַ פערד.

— פאַרוואָס איז דער „סטאַליאָן" אַזוי פאַרשוויצט? — פרעגט מיסטער קאַלדוועל.

— עס איז וואַרעם אין דרויסן — גיב איך אַ תירוץ.

— דו האָסט אים געלאָזט אַ סך לויפן — פאַרשטייט קאַלדוועל, אַז דער תירוץ איז ניט ריכטיק און עס הערט זיך אַ בייזער טאָן אין זיין שטים. וואָס זאָל איך אים איצט זאָגן? דער אָגער איז נאָך אַלץ זייער פאַרשוויצט און אין דרויסן איז ניט אַזוי שטאַרק הייס, אַז אַ פערד זאָל דאַרפן שוויצן.

— שטעל אים אַריין אין שטאַל — זאָגט קאַלדוועל, זעענדיק אַז איך שווייג.

עס איז געווען אַרום נאָך דריי דעם זייגער. די אַנדערע צוויי אַרבעטער זיינען נאָכן אָנבייסן אַרויס אַקערן די ערד. און איך האָב אַריינגעשטעלט דעם אָגער אין זיין באַזונדערן שטאַל און אים אָפּגעווישט מיט אַ שמאַטע.

דער אָגער האָט מיך נישט געקאָנט. האָט ער צו מיר געשמעקט און מיך באַשנאָפּט מיט זיינע האַריקע ליפּן. ער איז געשטאַנען ניט קיין צוגע־

בונדענער אין שטאַל. אויף דער ערד איז געווען אַנגעשפּרייט אַ טיף בעט פֿון שטרוי. אָבער ער האָט הנאָה געהאַט פֿון דעם וואָס איך וויש אים מיט אַ ווייכער שמאַטע און ער איז געשטאַנען שטיל אויף אַן אָרט.

איך האָב אים יעדן טאָג אַנגעזאָטלט און בין מיט אים געריטן אויף דער פּרעירי. פֿון אָנהויב האָב איך מורא געהאַט צו רויכערן מײַן פּיפּקע בשעת איך האָב געריטן. נאָר שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן צו רויכערן בשעתן רײַטן. איך האָב זיך גראָד דערבײַ אויסגעלערנט צו מאַכן דעם אָגער מיך פֿאָלגן וואָס איך וויל. איך האָב אים געגעבן אַביסל טאַבאַק צום קײַען. ער האָט זייער ליב געהאַט טאַבאַק. איך פֿלעג ווײַט אויף דער פּרעירי אַראָפּ פֿונם זאָטל און אַרויסנעמען מײַן בײַטל מיטן טיטון און דאָס פֿערד האָט עס באַלד דערשמעקט און בײַ מיר גענומען מיט די ליפּן רײַסן פֿון די הענט דעם טאַבאַק־בײַטל. ווען דער הער קאָלדוועל וואָלט דאָס גע־וואוסט וואָלט ער מיך אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקן.

דער אָגער איז געוואָרן מײַן בעסטער גוטער פֿרײַנט. ווען איך בין געזעסן אין זאָטל איז געווען גענוג איך שטיל וואָרט צו אים און ער האָט מיך געפֿאָלגט.

איך האָב אים אויך געהאָדעוועט און געקעמט און געבאַרשט אַלע טאָג. דער בחור אַרטור האָט געזאָגט צו מיר: — אויב דו רײַטסט אויף אים, גיב אים שוין אויך עסן און טרינקען.

אין מיטן חודש אַפּריל האָט מיר קאָלדוועל געהייסן אָנזאָטלען דאָס זאָטל־פֿערד „דזשעק" און איך זאָל אַרויספֿאָרן אַ קוק טאָן וואָס די ווילדע פֿערד טוען. באַלד אין טאָל וואָס איז געלאָפֿן פֿון הויז אַראָפּ איז געווען אַ טויער אין דעם פּלויט פֿון שטעכיק דראָט. אָט דער טויער האָט געפֿירט אינעווייניק אין קאָלדוועלס פּרעירי מיט זײַנע ווילדע פֿערד. פֿון שטוב איז געווען אַזאַ מין סטעזשקע ביז דעם טויער. און די דאָזיקע סטעזשקע איז אויך געלאָפֿן ווי אַ שנור פֿון יענער זײַט טויער ווײַט אַראָפּ ביז זי איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן פֿונם אויג.

דזשעק איז געווען אַ מאַסטענג־פֿערדל, אַ טונקל־רויטער, אַ דראָטי־קער מיט דינע פֿיסלעך און אַ גאַנץ שטילער. אין שטאַל האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום ווילדע שטיק. איך האָב אים אָנגעזאָטלט און זיך אויפֿגעזעצט אויף אים און אין דער מינוט האָט דזשעק זיך געטאָן אַ רײַס פֿון דער ערד און גענומען פֿליען ווי אַ פֿויגל. איך האָב זיך ניט געריכט, אַז דאָס דאָזיקע שטילע פֿערדל זאָל זײַן אַזאַ ברען אונטערן זאָטל. און אײדער איך האָב זיך אַרומגעקוקט איז דזשעק מיט איין שפּרונג אַריבערגעפֿלויגן איבערן טויער און איך האָב דערפֿילט ווי די קישקעס האָבן זיך מיר שיעור ניט איבערגעריסן. עפּעס ווי דורך אַ נס בין איך

ניט דערהרגעט געוואָרן... דער טויער איז געווען אַ 5־4 פוס הויך, נאָר דזשעק האָט עס געמאַכט אַזוי גוט און קונציק, אַז איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו טאָן אַ געשריי...

וויפיל איך האָב שפּעטער ניט געהאַט צו טאָן מיט פערד האָב איך קיינמאָל ניט געליטן קיין שום שלעכטע פאָלגן און בין אין די ערגסטע פאַלן אַרויס אַ גאַנצער. פאַר קיין שום פאַל האָט עס ניט געהאַט צו טאָן מיט איינגעבוירענע פעאיקייטן, עס האָט מיר פּשוט אָפּגעגליקט. אין שול האָט אַפילו דאָקטאָר מאַלטבי געזאָגט וועגן מיר, אַז איך האָב אין מיין בלוט עפּעס אַזוינס פאַר וואָס פערד האָבן מורא און אין דער זעלבער צייט ציט זיי ווי מיט אַ מאַגנעט צו מיר...

אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַ פּשוטער אָבערגלויבן. און אויב מיט מיר האָט קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטראָפן אין דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב געאַרבעט אַרום פערד, איז עס פּשוט אַ צופאַל.

אויך איצט, בשעת דזשעק איז מיט מיר אַריבערגעשפּרונגען דעם טויער האָב איך געקאָנט זייער לייכט ברעכן האַלז־און־נאַקן. אָבער עס האָט מיר אָפּגעגליקט. און איך בין שוין דערנאָך געווען זייער פאַרזיכטיק מיט דעם דאָזיקן פערדל.

איך בין אַוועק איבער דער פאַרצוימטער פּרעירי און באַגעגנט זייער אַ סך פערד; זיי זיינען געשטאַנען און זיך געפּאַשעט. מיר זיינען אַריבער ניט קיין טיפן טייך אָבער זייער אַ קלאָרן און יאַגנדיקן. און מיר זיינען אויך צוגעקומען צו קאַלדוועלס קאַרעל: אַזאַ גרויסער הויף מיט אַ הויכן פלויט פון ברעטער. איך האָב צוגעבונדן דזשעקן צו אַ סלופּ און בין אַריינגעגאַנגען אַ קוק טאָן אין דעם גרויסן שטאַל. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע געביידע פון דריי זייטן געמאַכט מיט ווענט פון שטיינער. די פערטע זייט וואָס צום מערב־זייט האָט צוויי גרויסע טויערן. די טויערן רוקן זיך אויף רעדלעך. עס איז זייער גרינג זיי צו עפענען. אינווייניק איז דער שטאַל ליידיק. טויבן פליען אַרום אונטערן הויכן שינדעלנעם דאַך. זיי האָבן אַזעלכע פענצטערלעך דורך וועלכע זיי פליען אַרויס און קומען אַריין. די טויבן האָבן זיך דערשראָקן פאַר מיר. זיי זעען דאָ אַזוי ווינציק מענטשן. איך האָב געטאָן אַ געשריי און מיין קול האָט אָפּגעהילכט אין אַ ווידער־קול. איך פאַרמאַך דעם טויער און גיי אַרויס אין הויף. אַלץ איז אַזוי ריזיק, אַלץ איז געמאַכט פון דעם מיסטער קאַלדוועל אַזוי פונדאַמענטאַל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן לעבן אייביק...

ווען איך בין אַהיים געקומען, האָט מיך קאַלדוועל געפרעגט צי אַלץ איז אין אָרדנונג. איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געזען זיינע

ווילדע פֿערד און אויך די קאַרעל. און ער האָט געשמייכלט מיט זיינע צעפֿוילטע ציין און געפּיפּקעט די ליולקע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין קאַריערע אַלס קאַו־באָי. אַלע גאַנץ אינדערפֿרי האָב איך אָנגעזאָטלט דזשעקן און אַרויסגעפֿאָרן איינצוזאַמ־לען די ווילדע פֿערד.

עס פֿלעגן קומען פֿאַרמער קויפֿן פֿערד ביי קאַלדוועלן. איך האָב אַלע ווילדע פֿערד פֿאַרטריבן אין דער קאַרעל און די פֿאַרמערס פֿלעגן אַראָפּקומען אין קאַרעל און אויסקלייבן דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט. מיין אַרבעט איז דאַן געווען צו כאַפּן אָט די פֿערד וואָס זיי האָבן אויס־געקליבן. עס איז נישט געווען אַזאַ גרינגע אַרבעט. די ווילדע פֿערד האָבן זיך ניט געלאָזט כאַפּן אַזוי גיך.

נאָך אין דער באַראָן הירש שול האָט מיך מיין לערער, מאַלטבי, גע־לערנט ווי אַזוי צו אַרבעטן מיטן „שלייף". אָבער אין דער פּראַקטיק ווען איך האָב געוואָרפֿן דעם „שלייף" אויף אַ ווילדן פֿערד, האָב איך זייער זעלטן געטראָפֿן אין ציל. נאָר איך האָב זיך מיט דער צייט אויסגע־לערנט אָט די דאָזיקע מלאכה אויך.

ווען איך טראַכט איצט וועגן יענער צייט צוריק מיט 30 יאָר גלויבט זיך מיר אַזוי ניט, אַז איך, וואָס איך בין איצט אַזוי פֿיזיש שוואַך, זאָל ווען עס איז פֿריער האָבן געקענט זיין אַזוי שטאַרק צו קאָנען כאַפּן אַ ווילד פֿערד אויפֿן „שלייף" און אים האַלטן אין מיינע הענט. דאָס ווילדע פֿערד האָט זיך געוויינלעך געריסן מיט אַלע זיינע כוחות, כדי זיך צו באַפֿרייען פֿון מיינע הענט.

אָבער איך האָב אים ניט נאָר געהאַלטן פֿעסט, נאָר כ'האָב געדאַרפֿט צוקומען נאָענט און אים טאָן אַ כאַפּ ביי דער נאָז אָדער ביי דער טשופּרינע האָר, צווישן זיינע אויערן. דאָס ווילדע פֿערד האָט געוויינטלעך זייער מורא פֿאַר מענטשן. איידער ער באַקאַנט זיך מיט מענטשן, מיינט ער אַז דער מענטש איז אים אַ שונא. ער פֿילט אינסטינקטיוו אַז דער מענטש איז דער רויבער פֿון זיין פֿרייהייט. דערפֿאַר קעמפֿט דאָס ווילדע פֿערד מיט „ציין־און־נעגל" קעגן דעם מענטשן. אָבער אַזוי גיך ווי איך האָב געהאַט זיין נאָז אין מיינע הענט איז ער שוין געווען מיינער. דאַן האָב איך געעפֿענט זיין מויל און דאָרטן פֿאַרלייגט דעם שטריק און פֿאַרקניפּט דעם הינטערשטן טייל פֿון זיין מויל אינאיינעם מיט דער צונג. און אויב דאָס פֿערד האָט געטאָן אַ צי זיין קאָפּ האָט ער געמוזט דערפֿילן אַ ווייטיק אין מויל.

עס איז געווען זייער טראַגיש צוצוקוקן ווי אַזוי דאָס ווילדע פֿערד גיט זיך אונטער און רעזיגנירט פֿון זיין פֿרייהייט. און איך האָב גע־פֿילט, אַז ווען דאָס פֿערד וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט עס פּראָטעסטירט.

זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך האָב בשעת מיין זיין אין דער וועסט קיינמאָל ניט געטראַכט אַז „די וועסט" וועט אַמאָל זיין די הויפּט־טעמע פון מיינע שפּעטערדיקע ווערק. ווייל ווען איך וואָלט געווען געפּאָרן אין דער וועסט מיט דעם געדאַנק צו זאַמלען מאַטעריאַל, ווייס איך ניט צי עס וואָלטן ביי מיר דערנאָך אַרויסגעקוקען פון מיין פען אַזעלכע ווערק, ווי איך האָב שפּעטער אָנגעשריבן אין מיינע רייפערע יאָרן.

און אפשר פאַרקערט? אפשר... ווען איך זאָל געווען וויסן, אַז איך וועל שפּעטער שרייבן ווערק וועגן דער וועסט, וואָלט איך געווען זיך בעסער צוגעקוקט אין יעדן ווינקעלע. איך וואָלט געווען אָנגעשריבן נאָטיצן וועגן יעדער קלייניקייט. און איך וואָלט, אפשר, ניט אַזוי שווער געאַרבעט, נאָר מעשה באַאָבאַכטער אַרומגעגאַנגען מיט פען און נאָטיץ־ביכל און געקוקט אויפן הימל און אויף דער פּרעירי ווי איינער וואָס איז געקומען אויף אַ וויל...

אָבער איך בין געקומען אין דער וועסט אַרבעטן, און ניט באַאָבאַכטן. איך בין אַרויס פון דער שול און געוואָלט קענען גרינטלעך ערד־אַרבעט, געוואָלט וויסן ווי אַזוי מען ברענגט־אויף פערד, ווייל איך האָב געהאָפט אַז מיין פאַמיליע, מיט מיר אַלס עקספּערט, וועט זיך באַזעצן אויף אַ פאַרם און מיר וועלן ווערן ערד־אַרבעטער און זיך אָפּגעבן מיט פערד־דערציאונג.

איך בין געווען אַ קאַרג יאָר אין דער וועסט. איך האָב שוין געהאַט זיך אונטערגעשריבן אויף אַ „האָומסטעד" פון 160 אַקער ערד, און האָב זיך שוין געקליבן בויען אַ הויז און גראָבן אַ ברונעם, ווען מיין פאַמיליע אין ניו־יאָרק האָט געמאַכט אַ תל פון די דאָזיקע פּלענער.

און דאָ האָט ווידער געשפּילט די ראָליע דער שוין־דערמאָנטער קוזין, מיסטער האַרנשטיין. דער קוזין האָט מיין פאָטער איינגערעדט אַזאַ מציאה ווי צוויי הונדערט אַקער לאַנד פאַר צוועלף הונדערט דאָלער. און מיין פאָטער האָט אַפילו מיך ניט אָנגעפרעגט אין אַ בריוו נאָר ער האָט געקויפט אָט די דאָזיקע מציאה אין קאָנעטיקוט אויף זיינע אייגענע מבינות.

און אַז ער האָט געקויפט די צוויי הונדערט אַקער לאַנד האָט ער מיר געשריבן אַ בריוו, אַז איך זאָל באַלד קומען אַהיים און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

ניט פֿאָרן אַהיים, צי יאָ פֿאָרן אַהיים?

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. דאָ אין דער וועסט האָט זיך ערשט פֿאַר מיר געעפֿנט אַ גרויסע וועלט מיט אַלע מעגלעכקייטן. מיין באַלעבאָס, מיסטער קאַלדוועל, האָט מיך געדאַרפֿט ווי די אויגן אין קאָפּ. ער האָט צוגעזאָגט צו העלפֿן מיר בויען אַ הויז און גראָבן אַ ברונעם. ער האָט מיר געהייסן זיך אויסקלייבן די בעסטע פֿיר פֿערד ביי אים אין דער פּרעירי און איך האָב שוין טאַקע אויסגעקליבן. און וואָס וואָלט דאַן מיסטער קאַלדוועל ניט געוועז געטאָן פֿון מיינעטוועגן?

עס איז געגאַנגען אַנטקעגן ווינטער און ער איז שוין געווען אַלט און האָט זייער געוואָלט מיך האָבן ביי זיך.

אָבער איך האָב אַנטקעגנגעשטעלט מיין פֿאַמיליע אנטקעגן קאַלדוועלן און ניט געקאָנט אָפּזאָגן מיין טאַטן. איך האָב נאָר געהאָפּט אַז מיין טאַטע האָט געקויפֿט אַ שטיק גוטע ערד.

איך האָב אָנגעזאָגט מיסטער קאַלדוועלן, אַז איך פֿאַרלאָז אים און אַז ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדער „מענטשן". איך האָב אים געגעבן צייט צוויי וואָכן. מיסטער קאַלדוועל און זיין ווייב האָבן פּרובירט מיט אַלע כּוחות איינצורעדן מיר, אַז איך זאָל בלייבן. אָבער איך האָב פֿעסט באַשלאָסן אַז איך פֿאָר אַהיים.

אַז איך בין געקומען אַהיים אין ענדע נאָוועמבער איז מיין טאַטע מיט מיר געפֿאָרן איבערנעמען די פֿאַרם אין קאָנעטיקוט. און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן לאַנד, וואָס האַרנשטיין האָט אַריינגערוקט מיין טאַטן, איז מיר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן. אַזוי פֿיל שטיינער אויף דער ערד האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען. די פּלויטן זיינען געווען איינגעפֿאַלן און דאָס הויז אַלט און צעפֿוילט. דער שטאַל און דאָס הינער־קעמערל אַלט און פֿאַרלאָזן. דער וואַלד איז געווען ווי אַ יידיש שטעטל נאָך אַ פּאָגראָם. עס איז ניט לאַנג פֿון דאָרטן אַרויס אַ זעג־מיל און איבערגעלאָזט קופּעס מיט זעגעכץ. די קעפּ פֿון געפֿאַלענע בוימער. און דאָס אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט מיט ווילדע קריכנדיקע פֿלאַנצן.

— טאַטע, וואָס האָסטו געקויפֿט?! — האָב איך אים מיט ווייטיק געפֿרעגט.

מיין טאַטע האָט געקויפֿט דאָס לאַנד זומער, ווען אַלץ איז געווען פֿאַרדעקט מיט גרינס. איצט, אין נאָוועמבער, איז שוין די נאַטור געווען נאַקעט און אַלע צרות האָבן זיך אַרויסגעזען. האָט ער שוין אַליין אויך געזען, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן. זיין פּנים איז געווען פֿול מיט צער. איך האָב אים שוין ניט געוואָלט מער מצער זיין.

— גוט. עס איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך! — האָב איך געזאָגט — מיר וועלן זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט און מאַכן דאָס בעסטע.

איך האָב זיך טאַקע אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. און אין אַ יאָר אַרום האָט מען שוין דאָס דאָזיקע אָרט ניט דערקענט. די צעוואָרפֿענע פּלויטן אויפֿגעשטעלט, די אַלטע חורבות פֿאַרריכט און די שטיינער פֿון דער ערד אָפּגעקליבן. און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע געגאַנגען פֿאָראויס מיט זיכערע טריט.

אמת, לעבן האָט נאָך די גאַנצע פֿאַמיליע פֿון דער פֿאַרם ניט געקאָנט. מיר זיינען געווען אַ פֿאַמיליע פֿון עלף פּערזאָן. און חוץ דעם האָבן שוין טייל ברידער געהאַט כּלות און זיי, אַט די כּלות, האָט מען אויך געבראַכט זומער אויף דער פֿאַרם.

אָבער די באַלעבאַטישקייט איז געוואַקסן: עס זיינען שוין געווען פֿיר קי, צוויי אָקסן יונגעטשקע, דריי קעלבלעך, אַ יונגער בוהאַי און הינער, גענדז און קאַטשקעס; מאַשינען אַלערליי צו באַאַרבעטן די ערד, און צוויי פֿערדלעך אויך — כאָטש ניט אַזעלכע גוטע ווי איך בין געווען געוואוינט צו זען אין שול אָדער אין דער וועסט.

נאָר דאָ איז פּלוצים מיין מאַמען און מיינע ברידער אַריין אַ געדאַנק אַז זיי ווילן אין שטאָט איבערן ווינטער און זומער צוריקקומען אויף דער פֿאַרם. דער טאַטע איז געווען קעגן דעם, אָבער מען האָט אים ניט געהערט.

איך האָב פֿון אָנהויב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען מיט זייער אַוועקגיין אין שטאָט אויפֿן ווינטער.

פֿאַרקערט, איך האָב געמיינט, אַז ווי באַלד איך וועל בלייבן אַליין אויפֿן גאַנצן ווינטער אין דער פֿאַרם וועל איך האָבן גענוג צייט צו טאָן אַ טראַכט וועגן שרייבן. ביז דאַמאָלט — אַן ערך פֿינף יאָר — האָב איך גאָר נישט געקאָנט אַפֿילו טראַכטן וועגן שרייבן.

די פֿאַמיליע האָט זיך פֿאַרנומען אין שטאָט און איך בין געבליבן איינער אַליין אין דער פֿאַרם, מיט די בהמות און הינער, מיט די גענדז און קאַטשקעס.

עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און איך האָב קוים געקאָנט עפּעס לייענען אין אַוונט. מערסטנס האָב איך אַפֿילו ניט געקאָנט לייענען אויך, ווייל אַט האָבן די געגנדז אָנגעמאַכט אַ גוואַלד און איך האָב געמוזט אַרויסגיין אַ קוק טאָן וואָס דאָרטן איז, אָדער די טעלעצעס האָבן געבעוועט... און איך האָב נישט געהאַט קיין איין מינוט רו.

יענעם ווינטער בין איך געוואָרן אַ חתן מיט מיין באַשערטער. אָבער מיין כּלה האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין אַ פֿאַרמער. זי האָט מיר געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו, אַז איך זאָל אויפֿגעבן פֿאַרמעריי. זי

האָט ניט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן סיידן איך זאָל אויפגעבן די פאַרם. איך האָב איר געשריבן לאַנגע בריוו און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך קאָן עס נישט טאָן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זייער פיל געטראַכט, אַז אפשר איז מיין כלה גערעכט. אַט בין איך איינער אַליין פאַרוואָרפן אין קאָנעטיקוט. און עס האָט טאַקע געטראָפן אַז איך בין קראַנק געוואָרן אויף דער „גריפ" און האָב אַפילו נישט געקאָנט אַראָפגיין פון בעט זיך נעמען אַ טרונק וואַסער. איך בין איינער אַליין אין שטוב; די בהמות קלאַפן מיט די פיס אין שטאַל און די גענדז שרייען און איך קאָן ניט אַרויסגיין זיי געבן עסן. איך ברען מיט היץ. און נאָר מיין הונט „טעדי" איז לעבן מיין בעט. ער איז מיר געטריי, אָבער וואָס קען ער מיר העלפן? „טעדי" שטעלט זיך אויפן בענקל וואָס ביים פענצטער. אפשר וועט ער דערזען עמיצן דורכגיין מיטן וועג. און אַט הויבט ער אָן האַוקען. ווייזט־אויס אַז ער האָט דערזען עמיצן ביים וועג. איך ליג אין היץ און קאָן זיך ניט רירן. טרערן רינען מיר איבער די אויגן.

און אַט דערזע איך אַ מענטשן פון יענער זייט פענצטער. דאָס איז געווען אונדזערס אַ שכן, איינער מיסטער ראַגאַף. ער קומט אַריין אין שטוב און טאַפּט מיך ביים קאָפּ.

— אוי, איר זייט קראַנק! — זאָגט ער — האָט איר געמאָלקן די קי?

— ניין...

מילא, ראַגאַף האָט באַלד באַזאָרגט די בהמות מיט די עופות און פאַר מיר אַליין האָט ער אויפגעזאָטן טיי, מיך גוט אויסגעשמירט מיט עסיג, און באַלד געלאָזט וויסן מיט אַ טעלעגראַמע קיין ניו־יאָרק, אַז איך בין זייער קראַנק. דער טאַטע איז געקומען מיט איינעם פון די ברידער. דער כלה מיינער האָט מען נישט געוואָלט דערציילן.

דאַמאָלט, ליגנדיק אין בעט, האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז איך פאָלג מיין כלה. און אַזוי גיך ווי איך בין געזונט געוואָרן בין איך אוועק קיין ניו־יאָרק זיך אָפּרוען.

און אויס מיט דער פאַרם! מיין כלה האָט זיך דערפרייט מיטן באַשלוס. מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַז אין פרילינג זאָלן מיר חתונה האָבן. איך האָב זיך צווייט וואָכן אָפּגערוט אין שטאָט ביי דער מאַמען אין שטוב און דערנאָך אַוועקגעפאָרן צוריק אויף דער פאַרם, כדי צוצוגרייטן אַלץ צום פאַרקויפן.

דער טאַטע מיטן ברודער זיינען אַוועק אין שטאָט און איך בין ווידער געבליבן אַליין אויף דער פאַרם. איצט, אין יאַנואַר, איז נישט געווען גוט צו מאַכן אַן „אַקשאַן". האָבן מיר עס אָפּגעלייגט אויף דעם חודש מערץ.

עס איז, ווי געוויינלעך אין קאָנעטיקוט, אויסגעפֿאַלן דער אמתער שניי מיט די אמתע זאַווערוכעס, און איך בין ווידער איינער אַליין אויף דער פֿאַרם. איך מוז שוין אַזוי דערציען ביזן פֿרילינג. איך האָדעווע אָן אינ־דערפֿרי מיינע בהמות און עופֿות און מאַך פֿאַר זיך קאַווע. אין דרויסן שנייט און עס איז אַ זאַווערוכע. איך שלאָג זיך קוים צו צו דעם פּאָסט־קעסטעלע, וואָס ביים וועג. איך נעם אַרויס מיין פּאָסט.

ערשט איך זע עפּעס אַ גרויסן פּאַק. וואָס קען עס זיין? איך קום אין שטוב און עפֿן דעם פּאַק. ערשט איך זע — עס איז אַ גרויסער יידישער בוך מיטן נאָמען „שריפֿטן". איך שנייד אויף די בלעטער מיטן מעסער און איך נעם לייענען. איך שלינג־איין אַ ליד פֿון איינעם אַ האַלפּערן און אַ ראָמאַן פֿון איינעם אַן אָפּאַטאָשו. אָט די צוויי קען איך נאָך ניט פּער־זענלעך, אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערק! אין בוך זיינען אויך דאָ מאַני לייב און זישאַ לאַנדוי מיט וואונדערלעכע לידער און עס איז דאָ איגנאַטאָוו מיט אַ ראָמאַן אַ גרויסן און אַ פֿאַרכאַפּנדיקן. און נאָך און נאָך. איך לייען און לייען. און אָט איז אויך דאָ פֿון איגנאַטאָוון מיט מאַני לייבן אַ בריוו צו מיר באַזונדער. זיי בעטן ביי מיר אַ ווערק פֿאַרן צווייטן בוך „שריפֿטן". מאַני לייב שרייבט זיין בריוו מיט קורצע שורהלעך, ווי אַ ליד:—

טייערער ראַבאַיעלע
פֿאַרקויף אַ קיעלע
און שיק געלט
און אַ זאַך
פֿאַרן 2טן בוך.

אומגעפֿער אָט אַזוי שרייבט מאַני לייב און ער ווייסט אפֿנים נישט ווי שווער עס איז פֿאַר אַ פֿאַרמער צו פֿאַרקויפֿן אַ קיעלע... אָבער איך בין אים מוחל. איך זעץ זיך נאָך יענעם אויפֿדערנאַכט שרייבן אַ זאַך פֿאַרן 2טן בוך „שריפֿטן". אין דרויסן האָט געררעוועט די זאַווערוכע און איך זיץ ביזן טאָג און שרייב אָן די דערציילונג „דער לייכט־טורעם" און איך שיק עס אַוועק איגנאַטאָוון. אין עטלעכע טעג אַרום קומט מיר אָן אָן ענטפֿער, אַז עס איז אַ מייסטערווערק, אַז ער האָט עס געלייענט פֿאַר דער גאַנצער חברה און אַלע זיינען באַגייסטערט פֿון מיין ווערק, און אַז איך זאָל צוגרייטן אַ גרויסן ראָמאַן פֿאַרן 3טן בוך.

קיין ראָמאַן האָב איך נישט געקאָנט צוגרייטן, אָבער דערפֿאַר האָב איך זיך געגרייט צו מאַכן אַן „אַקשאַן" און פֿאַרן אין שטאָט. אין חודש מערץ האָבן מיר אַלץ פֿאַרקויפֿט און נאָר איבערגעלאָזט דאָס לאַנד. טאָ־מער ווי די זאַך מאַכט זיך, אַז איך וועל ענדערן מיין מיינונג און איך וועל זיך צוריק אומקערן אויף דער פֿאַרם.

צו פּורים בין איך שוין געווען אין שטאָט ביי טאַטע־מאַמע. זיי האָבן ווידער געוואוינט אין סעינט־מאַרקס פּלעיס. איך האָב געבראַכט מיין כּלה צו דער פּורימדיקער סעודה. פּלוצים האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר און עס האָבן זיך אַ שאָט אַריין געטאָן די גאַנצע חברה „יונגע" פון די „שריפטן". זיי האָבן געוואוסט, אַז איך קום אויף פּורים אין שטאָט „זיי־נען זיי געקומען אין די מאַסן". אַזוי איז דעמאָלט געווען אַ מאָדע ביי „די יונגע", אַז מען איז געגאַנגען אַלע אינאיינעם: איגנאַטאָוו, אָפּאַטאָ־שו, חיימאָוויטש, מאַני לייב, האַלפּערן, לאַנדוי, אייזלאַנד, י. שוואַרץ, ראָלניק, ב. ריווקין.

מיין מאַמע האָט זיי אויפגענומען מיט „המן"־טאַשן און מיט פלאָדן. מיר האָבן געמוזט אַריינגיין אין דעם פראָנט־צימער ווייל ביים עס־טיש איז שוין געווען זייער ענגלעך פון דער גרויסער פאַמיליע. איך האָב זיי באַקאַנט מיט מיין כּלה און מיר האָבן געטרונקען בראַנפן און זיך גע־פרייט מיט דער נייער תּקופה אין דער יידישער, אַמעריקאַנישער לי־טעראַטור: „די יונגע".

זיבן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אין פרילינג, 1913, ווען איך בין געקומען אין שטאָט פון דער פאַרם, האָב איך געזוכט אַרבעט ביי מיינע „דאַמען־היטעלעך" און איך בין זיך אָפּגעגאַנגען די פיס און שיעור ניט געוואָרן פאַרקריפּלט פון די שטיינערנע גאַסן. מיינע פיס זיינען שוין געווען געוואוינט צו דער ווייכער ערד אויף דער פאַרם. מיר האָט זיך צוריק געבענקט נאָך דעם אַקער און מיין גאַנץ ווען האָט געברענט מיטן פיבער פון ערד־אַרבעט, פון פאַרזייען און פאַרפלאַנצן. און דאָ גיי איך אַרום איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, וואָס זיינען אַזוי האַרט, אַזוי פרעמד. קיין אַרבעט האָב איך ניט געפונען, ווייל עס איז געווען זייער אַ גרויסער סלעק.

דער טאַטע האָט מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל מיט מיין ברודער מעקס עפענען אַ שאָפּ פון „שטיקלעך פאַר". און איך מיט מיין ברודער מעקס האָבן געדונגען אַ בוידעם־שטיבעל אויף בליקער סטריט און מיר האָבן געקויפט „שטיקלעך" פון לאַשיקעס־פעל. אונדזער שאָפּ איז געווען אַזוי אַז מיר ביידע האָבן זיך דאָרטן קוים געקענט רירן. מיר האָבן ביידע אַליין געסאָרטירט די שטיקלעך „פאַניס" און איך האָב זיי צוגעשניטן און זיי אויסגעגלייכט קאָליר צו קאָליר און מעקס האָט זיי צוזאַמענגענייט אין „פּלעיטס" פון 36 אינטשעס ברייט און 48 די לענג.

מיר האָבן געהאַט איין פענצטער אין אָט דעם שאָפּ, האָבן מיר זיך ביידע צעטיילט מיט אָט דעם פענצטער. מיין שנייד־טיש האָט פאַרנומען איין העלפט פון פענצטער און מעקסעס ניי־מאַשין האָט פאַרנומען די צווייטע העלפט פענצטער. עס איז אונדז ביידע, דערפאַר, אויסגעקומען צו זיצן פון אַ זייט צום ליכט פון דעם פענצטער. און מיר האָבן ביידע געהאָרעוועט זייער שווער און ביטער.

מיין ברודער מעקס איז געווען אַ שטיקל לץ. אַלע מאָל האָט ער מיר אַריינגעזאָגט אַ שטעך־ווערטל וועגן די לאַשיקעס־פעל: — אָט דאָס שטיק מוז זיין פון דער פעל פון דיינע פרעיר׳ פערדלעך... — און ווען ער האָט מיר עפּעס אַזוינס געזאָגט פלעגט מיר אַזש געבן אַ טיאַכק אין האַרצן...

מיר האָבן אָפּגעאַרבעט די ערשטע וואָך, און איך האָב געדאַרפֿט אַרויסגיין פֿאַרקויפֿן די פּאַרטיקע סחורה. און דאָס מיין „סיילסמאַן" איז ביי מיר געווען אַ פריקרע זאַך.

מילא, שטאַרק צום האַרצן איז מיר אָט דאָס גיין פֿאַרקויפֿן ניט געווען. אָבער איך האָב געמוזט עס טאָן, ווייל ווען מיר פֿאַרקויפֿן ניט די דאָזיקע סחורה, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט אין דער ערשטער וואָך, וואָלטן מיר ניט געווען געהאַט קיין „פּעידע" פֿאַר אונזער וואָך אַרבעט.

בין איך דערפֿאַר פֿרייטיק נאָכמיטאָג אַרויס מיט די „פּלעיטס" אויף בראָדוועי און געזוכט ביי יעדער גרויסער געביידע די נעמען פֿון פֿירמעס, וואָס מאַכן ווינטער־מאַנטלען. איך האָב געפֿונען די ערשטע פֿירמע און בין אַהין אַרויף. דער באַלעבאָס האָט אָנגעקוקט די סחורה און אים איז זי ניט געפֿעלן, צי ער האָט זיך געמאַכט, אַז אים איז די וואַרע ניט געפֿעלן, כּדי איך זאָל ביי זיך אַראָפּפֿאַלן און ניט בעטן קיין גרויסן פּרייז.

ער פֿרעגט מיך וויפֿיל איך וויל פֿאַר אַ „פּלעיט, און איך זאָג אים אַז איך וויל צוויי דאָלער מיט־אַ־האַלבן. צעלאַכט ער זיך און זאָגט מיר, אַז ער קאָן קויפֿן דריי „פּלעיטס" פֿאַר דעם געלט. פֿאַר איך שוין ביי זיך זייער שטאַרק אַראָפּ. ווייל ווי איך מיט מיין ברודער מעקס האָבן אויס־גערעכנט, האָבן מיר געדאַרפֿט ביידע מאַכן אַרבעט־געלט צו 75 סענט אויף יעדער „פּלעיט", וואָס דאָס איז שוין אַליין אַ דאָלער מיט 50 סענט. די פֿעל האָט אונז אַליין געקאָסט אַרום 50 סענט אויף יעדער „פּלעיט" און היינט וואו איז שאַפּ־געלט און אַנדערע הוצאות?

הכּלל איך פּאַקעווע איין מיין פּעקל און לאָז זיך אַרויסגיין. שרייט מיר נאָך דער סוחר, אַז ער וועט מיר געבן אַ דאָלער פֿאַר יעדער „פּלעיט". איך זאָג אים, אַז איך קאָן ניט פֿאַרקויפֿן ביליקער, ווי $2.50 אַ „פּלעיט" און גיי זוכן אַ צווייטן קונה. אָבער אומעטום האָט מען מיר ניט געגעבן מערער ווי אַ דאָלער פֿאַר אַ „פּלעיט". איך האָב זיך אָפּגעמאַטערט ביז פֿאַרנאַכט און צוריקגעקומען, ווי מיין ברודער מעקס האָט געזאָגט, מיטן בייטשל...

קיין „פּעידע" האָבן מיר נישט געהאַט. נאָר פֿונדעסטוועגן זיינען מיר קומענדיקע וואָך אַריינגעקומען אין „שאַפּ" און ווידער געאַרבעט גאַנצע טעג, און אָפּט נאָך אַ שטיק אין דער נאַכט. מיר האָבן ביידע געהאַרעוועט ווי די אייזלען און זיך נאָך געזאָרגט, וואו מען נעמט געלט אויף „פּעידע". אמת, מיר האָבן געוואוינט ביי טאַטע־מאַמע און דערווייל געהאַט אָפּצועסן. די מאַמע האָט נאָך אונטערגעשטופּט אַ פּאָר סענט אויף צו האָבן פֿאַר וואָס צו קויפֿן סיגאַרעטלעך און טאַבאַק. אָבער ביי טאַטע־מאַמע איז די צייט אויך נישט אַזוי גוט. דערצו האָב איך נאָך גע־

דאַרפֿט חתונה האָבן און אויך מיין ברודער מעקס האָט געהאַלטן ביי חתונה האָבן. און מיר האָבן געדופּטעט אויף אָט דער „ביזנעס". אונדזער גאַנצער קאַפּיטאַל איז געווען אַריינבאַגראָבן אין רוי־מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן איינגעקויפֿט מיטאַמאָל ערגעץ ביי א אידן אויף עלדרידזש סטריט. געקויפֿט האָבן מיר די פֿעלכעלעך זייער ביליק און מיר האָבן גע־האַט געגוג מאַטעריאַל אַז עס זאָל אונז קלעקן אויפֿן גאַנצן זומער.

מיר האָבן ביידע זייער פֿיל זיך געזאָרגט און געשמועסט בשעת דער אַרבעט. איך האָב מיין ברודער מעקס זייער ליב געהאַט, ווייל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער פֿאַרשטייט מיך זייער גוט און ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון מיין שרייבן.

אָבער אַז מיר זיינען אַריינגעקראָכן אין אַזאַ צרה איז שוין קיין שום רייד ניט געווען וועגן שרייבן. מיר פֿלעגן זוכן פּלענער ווי אַזוי צו קענען פֿאַרדינען אַ וואָך „ווײדזשעס". מעקס איז אַליין געגאַנגען פּרוואוון פֿאַר־קויפֿן די וואַרע און מען האָט אים אויך ניט געגעבן מערער ווי איין דאָלער פֿאַר אַ „פּלעיט". דאָס וואָלט געהייסן, אַז עס וועט אונז בלייבן אַרבעט־געלט 50 סענט פֿאַר יעדער „פּלעיט", צו 25 סענט פֿאַר יעדן איינעם פֿון אונז. אונטער די שווערסטע און לענגסטע אַרבעטס־שטונדן האָבן מיר ניט געקאָנט אויסאַרבעטן מער ווי 25 „פּלעיטס" אַ וואָך, וואָס דאָס וואָלט געהייסן פֿאַר אונדז ביידע 12 דאָלאַר מיט 50 סענט אַ וואָך, שוין נישט רעכענענדיק די הוצאות.

מיר האָבן אָפּגעאַרבעט די דריטע וואָך און זיך געמוזט אונטערגעבן. מיר האָבן שוין ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן. און מיין ברודער מעקס איז אַוועקגעגאַנגען פֿאַרקויפֿן די וואַרע פֿאַר דעם פּרייז פֿון אַ דאָלער אַ „פּלעיט". מיר האָבן געטראַכט אַז אַזוי ווי מיר זיינען נייע אין די ביז־נעס, דערפֿאַר וויל מען אונז נישט אָנערקענען. אָבער אַביסל שפּעטער ווען מען וועט אויסגעפֿינען אַז מיר פּראָדוצירן אַ גוט שטיקל סחורה, וועט מען זיך מסתם נעמען רייסן איבער אונזער וואַרע, וועלן מיר דער־מאָלט קאָנען פֿאָדערן אַ גוטן פּרייז. דערווייל מוזן מיר דאָך לעבן, איז מילא, וועט זעקס דאָלער מיט אַ קוואָדער אויך זיין געגוג.

אָבער ווי דערשטוינט איז מיין ברודער מעקס געוואָרן, ווען מען האָט אים שוין מער ניט געוואָלט געבן קיין דאָלער אַ „פּלעיט", נאָר 75 סענט. און ער האָט שוין מורא געהאַט צו קומען אַ היים „מיטן בייטשל" און פֿאַרקויפֿט די וואַרע פֿאַר 75 סענט אַ „פּלעיט"...

אויף אַזאַ אופֿן האָבן מיר זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו צאָלן רענט פֿאַרן שאָפּ. מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן צום טאַטן אין זיין שאָפּ אַריין. דער טאַטע האָט אונז אָפּגעגעבן אַ ווינקל אין זיין גרויסן שאָפּ און האָט

ביי אונז נישט געוואָלט קיין געלט. מיר האָבן אים נאָר געגעבן צו שטייער פאַר „געז״, וואָס מיר האָבן געברענט אין די אָוונטן.

שבת האָבן מיר ניט געאַרבעט. און יעדן שבת בין איך מיט מיין כלה געגאַנגען זוכן פאַר אונז אַ דירה. מיר זיינען זיך אָפּגעגאַנגען די פיס ביז מיר האָבן געקראָגן אַ דירה אויף דער זעקסטער גאַס צווישן צווייטע און דריטע עוועניוס — אַ שיינער בלאָק מיט אַ סך פריוואַטע הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט סאַמע דאָקטוירים.

דאָרט אויף יענער גאַס איז אויך געשטאַנען אַ טענעמענט־הויז אַ נישקשהדיקס, מיט שיינע טרעפּ און מיט מעשענע שטאַכעטן. עס האָבן זיך געפונען בלויז דריי צימערלעך אין אָט דעם טענעמענט־הויז, אַזש אויפן פינפטן עטאַזש. מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר זיינען אַ פּאָר, וואָס מיר קלייבן זיך ערשט חתונה האָבן און די הויז־קיפּערקע האָט דערפון זייער הנאה געהאַט, ווייל דער לענדלאָרד וויל ניט קיין פאַמיליעס מיט קינדער אין זיין הויז.

מיר זיינען אַרויף אָנקוקן די צימערלעך און מיר האָבן געטראַכט, אַז די צימערן זיינען פאַר אונדז זייער פּאַסיק. אַי עס איז נישטאָ אין זיי קיין וואַנע און דאָס וואָס דאָס וואַש־צימער איז אַ שותּפותדיקער אין קאָרידאָר — איז טאַקע ניט אַזוי וואויל, אָבער מיר האָבן אָוועקגעקוקט אויף די דאָזיקע פעלערן און געקראָגן די צימערלעך פאַר 5 דאָלער אַ חודש. און אַז מיר האָבן שוין געהאַט צימערן האָבן מיר געדאַרפט זוכן מעבל; האָב איך מיט מיין כלה זיך איבערגעשמועסט וועגן געלט. זי האָט נאָך דערוויילּ געאַרבעט אין שאָפּ און פאַרדינט 4 דאָלער אַ וואָך. אָבער מיר איז נישט אָנגעשטאַנען וואָס זי אַרבעט און איך האָב פון איר געפאָדערט, אַז זי זאָל אויפהערן צו אַרבעטן. איר טענה איז געווען, אַז איר איז ניט שווער צו אַרבעטן, און אַזוי ווי איך פאַרדין דערוויילּ נישט גענוג, איז זי צופרידן צו אַרבעטן ביז וואַנען איך וועל עפּעס דערגרייכן.

מיין כלה האָט געהייסן סערע. זי האָט מיר געאירצט און איך האָב צו איר אויך גערעדט בלשון „איר״. כאָטש מיר האָבן זיך געקענט זייער לאַנג און כאָטש סערע איז געווען מיין מאַמעס אַ קוזינע. גאָר פּשוט: מיר האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט זאָגן „דו״. כאָטש מיר האָבן ביידע פאַרשטאַנען, אַז מען וועט זיך אין גיכן אָנהויבן צו זאָגן „דו״... ניט איין מאָל האָבן מיר אונטער „פיר אויגן״ אָפּגעמאַכט אַז מיר זאָלן זיך זאָגן „דו״ און ווען עס איז געקומען צו דער פּראַקטיק האָבן מיר עס ניט געקאָנט דורכפירן.

איך געדענק, מיר זיינען אַריין צו אַ קרעמער פון מעבל ערגעץ אויף עוועניו „עי״. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מיר זיינען אַ יונג פּאָרל און אַז

ער האָט דערהערט אַז מיר אירצן זיך האָט ער זיך צעלאַכט פֿון אונדז און מיר האָבן זיך ביידע פֿאַרשעמט...

נאָר פֿאַרקויפֿט מעבל האָט דער קרעמער אונדז יאָ פֿאַרקויפֿט און אגב אונדז פֿיין אָפּגענאַרט.

געקויפֿט האָבן מיר צוויי בעטן, אַ קיילעכיקן טיש מיט בענקלעך און אַ „בופֿעי" זייער אַ גרויסן. דער דאָזיקער „בופֿעי" איז קוים אַריין אין אונדזער וואוינונג. אָבער מיר האָבן זיך אין אים געשפּיגלט... ער האָט פֿאַרנומען דעם גרעסטן חלק פֿון אונדזער גרעסטן צימער. אויך מיט די צוויי בעטן האָבן מיר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אונדזער איינציקער שלאָף־צימער איז געווען אַזוי קליין, אַז ווען מיר האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט איין בעט איז שוין דאָרטן מער ניט גע־ווען קיין אָרט פֿאַר עפּעס אַנדערש. האָבן מיר געוואָלט אַריינשטעלן ביידע בעטן אין דעם גרויסן צימער, איז שוין דאָרטן ניט געווען מער קיין אָרט פֿאַר דעם טיש מיטן „בופֿעי". הכּלל, מיר האָבן געמוזט צע־טיילן די צוויי שיינע בעטן. און מיין סערע האָט געהאַט עגמת־נפֿש, וואָס די צימערן זיינען ניט אַזוי באַקוועם. דאָס הויפּט־צימער, וואָס האָט אונדז געדאַרפֿט דינען אי אַלס עס־צימער, אי אַלס גאַסט־צימער, איז נעבעך פֿאַרשוועכט געוואָרן מיט אַ בעט...

אָבער אַז מיר האָבן זיך שפּעטער נאָך דער חתונה צוגעוואוינט, איז אָט דאָס צימער געוואָרן וואָס אַמאָל שענער און שענער. דער קיילעכיקער טיש מיט די בענקלעך האָט, אמת, געמוזט שטיין אַביסל אין אַ זייט און ניט פּונקט אונטער דעם גאַז־לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון דער מיט פֿון דער סטעליע. דאָס צימער איז געווען אַביסעלע צו פֿיל אָנגע־שטעלט מיט מעבל. אָבער די אַלע זאַכן האָבן מיר דאָך געדאַרפֿט. האָבן מיר זיך דען געקאָנט באַגיין אָן אַ שאַקל־שטול? צי אָן דעם ריזיקן „בופֿעי", וואָס איז געווען אונדזער שענסטער אוצר? ווי וואָלטן מיר גע־קאָנט זיין אָן אים?

דערפֿאַר האָבן מיר געהאַט זייער אַ גרויסע קיך. דאָ איז געווען אַ פֿענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין אַ הויף פֿון אַ קירך. דאָרט אויפֿן הויף זיינען געוואַקסן ביימער. די גרינע קעפּ פֿון די ביימער האָבן אַריינ־געקוקט צו אונדז אין קיך אַריין. און דאָס איז געווען מיין איינציקע טרייסט אויף דער בענקשאַפֿט נאָך דער ערד און וואַלד. דאָ האָבן מיר געהאַט אַ טישעלע מיט צוויי ווייסע שטולן. אויך אַ קוילן־אויוון. עס האָט פֿון אַלץ געבלאַנקט מיט ריינקייט. מיין פֿרוי האָט ניט גערוט קיין איין מינוט און איינגעאָרדנט די היים, אונדזער נעסט, אַזוי ווי ערגעץ אין

אַ מעשה־ביכל. דער אויוון האָט געשיינט און דער סינק מיטן וואַש־טאָפּ האָבן געפּערלט פֿון ריינקייט. יעדעס פּאָליצקעלע איז געווען פֿאַרשפּרייט און פֿאַרהאַנגען מיט פֿאַרהענגלעך. פֿאַר מיין שרייב צימער האָב איך מיר אויסגעקליבן די קיך. פֿון דעמאָלט אָן איז דער קיך־טיש מיין בעסטער שרייב־טיש.

דער פֿרילינג אין ניו־יאָרק איז אַוועק מיט רעגנס, מיט שאַפּ־אַרבעט און מיט זיצן מיט מיין פֿרוי אין אונזער שיינער נעסט און רוען נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. איך בין אַזוי גאָר קיינמאָל נישט מיד געווען אויף דער פֿאַרם ווי איך בין געווען מיד נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאָפּ. מיר האָבן געהאַט דעם פּאַרק אויף דער זיבעטער גאַס און מיר פֿלעגן גיין אַהין שפּאַצירן אין די אָוונטן. און שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיין פֿרוי איז שוין געשלאָפֿן, בין איך נאָך געזעסן אין קיך ביי דעם ווייסן טישל און האָב געשריבן. איך האָב דעמאָלט אָנגעהויבן שרייבן מיין ראָמאַן „הער גאָלדנבאָרג״.

אכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער ראָמאַן „הער גאָלדנבאַרג" איז געווען מיין ערשט גרעסער ווערק, וואָס איך האָב געשריבן. דאָס יאָר 1913 איז געווען מיין שענסט און אינטערעסאַנטסט יאָר. אין דעם יאָר האָב איך חתונה געהאַט; אין דעם יאָר האָב איך זיך אַנטוישט אין „ערד־אַרבעט" אַלס אַ לייזונג צו דער שלעכטער לאַגע אין שטאָט; אין דעם יאָר האָט מיין פּען נאָך אַ לאַנגער צייט פון שטיל־שווייגן ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן.

עס איז אפשר נאַטירלעך, אַז איך זאָל זיך נעמען צו שרייבן וועגן דער וועסט. איך וויל אָבער ניט מאַכן דעם איינדרוק, אַז איך אַנטשולדיק זיך דערפאַר, וואָס איך האָב זיך גענומען צו דער טעמאַטיק פון ערד־אַרבעט. איך פּרואוו נאָר קאָנסטאַטירן אַ פאַקט. אַזוי איז עס געווען און עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין. טעאָריעס וועלן דאָ ניט גילטן, כאָטש צווישן די „יונגע" קאָלעגן זיינען געווען דעמאָלט שוין „טעאָרעטיקער", וואָס האָבן נאָכגערעדט דאָס, וואָס אַנדערע פאַר זיי, האָבן געשריבן, אַז אַ שרייבער דאַרף האָבן דיסטאַנץ, אַז ער מוז וואַרטן ביז זיין מאַטעריאַל וועט זיך אָפּקילן און קריסטאַליזירן.

אויב עטוואָס אַריבער צוויי יאָר איז דאָס, וואָס מען קען אָנרופן „דיסטאַנץ", און אויב די בענקעניש, וואָס איז ביי מיר געוואַקסן צו דער וועסט און צו דער פּרעירי, קאָן מען אָנרופן ווי אָפּקילונג און קריסטאַליזירונג פון מאַטעריאַל — דאַן איז מסתם די דאָזיקע טעאָריע אַ ריכטיקע.

איך צווייפל אָבער אַ ביסעלע אין דער ריכטיקייט פון אָט־דער טעאָריע, ווייל ווי איך דערמאָן זיך, האָב איך זיך ניט אָפּגעקילט פון מיין בענקשאַפט נאָך ערד־אַרבעט און דער וייטער וועסט, אַפילו איצט, נאָך פילע יאָרן, און ווער שמועסט שוין דאַמאָלסט, אין 1913, ווען איך בין נאָר וואָס צוריקגעקומען אין שטאָט. איך האָב יעדן טאָג געפיבערט מיט די אַרבעטן אויף דער פאַרם.

איז גיכער פון אַלץ קאָן איך דערקלערן מיין נעמען זיך צו שרייבן וועגן ערד־אַרבעט מיט דעם, וואָס איך האָב ווידער געוואָלט, כאָטש אין דער פאַנטאַזיע, איבערלעבן נאָך אַמאָל די וייטע וועסט, זיין כאָטש אין חלום אויף דער פּרעירי.

דער ראָמאַן האָט זיך ביי מיר געגאָסן ווי פֿון עפּעס אַ קוואַל. איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון פּאַפּיר. נאַכט נאָך נאַכט האָב איך פֿאַרשריבן בויגנס, און זיי פֿיל מאָל איבערגעשריבן און געליייענט פֿאַר מיין סערען יעדן נייעם קאַפּיטל. זי האָט ליב געהאַט צו הערן מיך לייענען.

און אַז איגנאַטאָוו איז מיך געקומען באַזוכן און אָנגעקוקט אונזער היים, און מיר דערציילט, אַז ער גרייט שוין צו דעם דריטן בוך „שריפֿטן" האָב איך אים פֿאַרטרויט דעם סוד, אַז איך שרייב אַ גרעסערע זאַך. ער האָט אַזש אויפֿגעציטערט פֿון פֿרייד.

— ווייז אַהער, בחור, וואָס דו שרייבסט!

איך האָב געבראַכט מיין מאַנוסקריפּט פֿון קיכן־טיש שופֿלאַד. באַלד צום ערשטן איז געווען אָנגעשריבן: „אין דער וויטער וועסט"... איך געדענק, ווי איגנאַטאָוו האָט געליייענט און געקוואַלן:

— בחור, דו שרייבסט אַ גרויס ווערק.

איך האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל מיך ניט קאַליע מאַכן מיט זיין לויבן. איך האָב ביי אים צוגענומען דעם מאַנוסקריפּט און אים באַהאַלטן אין שופֿלאַד אין קיך.

— ווען וועט דער ראָמאַן פֿאַרטיק ווערן?

— כ'ווייס ניט.

— מוזט אים האָבן פֿאַרטיק פֿאַר די יום־טובים. האָסט אַ גאַנצן זומער צייט צו אַרבעטן. דער דריטער בוך „שריפֿטן" וועט מוזן זיין פֿאַרטיק אָקעגן ווינטער. נאַ, בחור, אויב דו וועסט אָנשרייבן דיין ווערק אַזוי־אַ, ווי עס גייט אין די ערשטע קאַפּיטלען, וועט זיין אַ גרויסער בוך „שריפֿטן". איך האָב אַפֿילו אַ ביסל צרות... אָפּאַטאָשו קלייבט זיך אָפּצוטיילן פֿון אונז...

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַרוואָס ווייס איך ניט — זאָגט איגנאַטאָוו אַ צעוויטיקטער — נאָר איך הער אַז ער קלייבט זיך אַליין אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך. מען וועט צעברעקלען די כוחות און עס וועט זיין אוממעגלעך עפּעס אַרויס־צוגעבן; מען וועט ניט קענען באַווייזן צו דערליידיקן אַזוי פֿיל געלט...

— מע דאַרף רעדן מיט אָפּאַטאָשון — זאָג איך.

— דו ביסט אַ נאַאיווער בחור — שלאָגט איגנאַטאָוו איבער די רייד. — דאָ וועט שוין ניט העלפֿן קיין שום רייד. זאָל ער זיך גיין באַזונדער און מיר וועלן גיין באַזונדער.

דעם צוויייטן זונטיק איז צו מיר געקומען מאַני לייב. מיר האָבן זיך זייער שטאַרק דערפֿרייט מיט אים. ער האָט באַלד ביים אַריינקומען געזאָגט, אַז ער האָט צוויי מיסיעס: ערשטנס וויל ער אַ קוק טאָן אויף מיין

ניי ווערק, וואָס איגנאַטאָוו האָט אים זייער שטאַרק גערימט; צווייטנס וויל ער מיט מיר רעדן וועגן מאַכן אַ שלום אין די אינערלעכע קרייזן פֿון די „יונגע".

מיין סערע האָט צוגעגרייט אָנבייסן, און מיר זיינען געזעסן אין פֿראָנט־רום, און איך האָב פֿאַר מאַני לייבן געלייענט אַ פּאָר קאַפּיטלען פֿון מיין נייעם ראָמאַן.

— עס איז גרויס!... — האָט זיך מאַני לייב אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ טראַנס, נאָך דעם ווי איך האָב געענדיקט לייענען.

איך האָב ווידער באַהאַלטן דעם מאַנוסקריפּט אין שופֿלאָד פֿון קיך־טיש, און האָב ווי מורא געהאַט פֿאַר דער שלעכטער ווירקונג, וואָס אַזעלכע לויב־ווערטער קאָנען האָבן אויף מיין ווייטערדיקן שרייבן.

מיר האָבן געגרייט צום טיש און געגעסן אינאיינעם אָנבייסן.

מאַני לייב האָט דערציילט, ווי אַזוי אָפּאַטאָשו נעמט מיט זיך חיי־מאָוויטשן, שוואַרצן און ראַלניקן, און אַז עס איז דאָ נאָך היינט פֿאַרנאַכט אַ צונויפֿקום ביי שוואַרצן אין שטוב מיט אַלע חברה. מען וועט זיך דורכ־שמועסן און אפֿשר זען ראַטעווען די סיטואַציע. מען טאָר ניט דערלאָזן אַז עס זאָל ווערן צוויי זאַמלביכער. איינער איז אַביסל צופֿיל, אַז לייע־נער זיינען אַזוי ווינציק...

איך מיט מיין סערען האָבן גאָר געזאָלט פֿאָרן קיין קוני־איילאַנד. עס איז שוין געווען זייער הייס די גאַנצע וואָך. און דאָ קומט מאַני לייב און פֿאָדערט מיך אויף צו טאָן אַ געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. איך קוק זיך אי־בער מיט מיין סערען. עס קומט מיר אויס זי איבערצולאָזן אַליין. דאָס וויל איך אָבער ניט טאָן. גענוג איז, וואָס זי איז אַליין אַ גאַנצע וואָך.

— וועסט גיין מיט אונז — זאָג איך צו מיין פֿרוי.

— איך וועל בלייבן אינדערהיים — זאָגט סערע — איך האָב אַרבעט.

איך בין אַוועק מיט מאַני לייבן אין דעם הויז פֿון שוואַרצן. דאָרט איז זיך צונויפֿגעקומען די גאַנצע חברה. מיך האָט מען אויסגעקליבן צו זיין דער פֿאָרזיצער פֿונם מיטינג. איך בין עס געווען דאָס ערשטע מאָל אַ פֿאָרזיצער. איך האָב געדאַרפֿט דערקלערן, אַז די רייסעריי צווישן אונז טויג ניט. עס וועט צו־גאָרניט ברענגען, סיידן צו פֿאַרניכטונג פֿון אַזאַ וואַגיקער אינסטיטוציע, ווי די „שריפֿטן". איך האָב עס מסתּם ניט געמאַכט אַזוי קלאָר, ווי איך שרייב עס איצט. איך האָב שטאַרק גע־שטאַמלט און געזוכט ווערטער און זיך פֿאַרלוירן. דערנאָך האָב איך געגעבן איינעם פֿון די צדדים דאָס וואָרט. דאָס איז געווען מאַני לייב. ער האָט זיך שטאַרק צעלאָזט וועגן דער מחלוקה. און דאַן איז אַריינגע־לאָפֿן די פֿרוי פֿון דעם דיכטער שוואַרץ און איז אויף אונז אָנגעפֿאַלן,

אַז מיר זיינען צעשטערער און קריגער, און זי וויל, אַז ביי איר אין שטוב זאָלן אַזעלכע זאַכן ניט פּאַרקומען.

מיר האָבן איבערגעריסן דעם מיטינג, און דער צד, וואָס איז געשטאַנען מיט איגנאַטאָוון, איז באַלד אַרויס פון שוואַרצס שטוב.

און אַזוי איז קיין שלום ניט געוואָרן. די „יונגע" האָבן זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס: איין גרופּע „שריפּטיאַנער" און די צווייטע גרופּע „נייע־היימניקעס".

פאַרשטענדלעך, אַז מאַדאַם שוואַרץ האָט חלילה ניט געמיינט אונז אַרויסצוטרייבן. נאָר מיר זיינען דאָך געווען „אינגלעך" און אויף דער מינוט געהאַנדלט ניט איבערטראַכטנדיק, אימפּולסיוו. אין די „שריפּטיאַנער" גרופּע זיינען דאָך געווען איגנאַטאָוו, מאַני לייב, האַלפּערן, לאַנדוי, אייזלאַנד און איך, אַלץ אַזעלכע מענטשן, פון וועלכע מען האָט געקענט דערוואַרטן אַביסעלע מער איבערלייגונג.

מיר זיינען אַרויס פון שוואַרצעס הויז ווי אַ כּנופיה אינגלעך, און מיר אַלע האָבן גערעדט און געשריגן אויף די העכסטע קולות, און זיך געשוואוירן אַז מיר וועלן מער ניט האָבן צו טאָן מיט די „נייע היימניקעס" אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן.

— זיי האָבן דאָך אַפילו קיין איין טאַלאַנט ניט צווישן זיך!

— און דיכטער האָבן זיי דען?

— זיי האָבן דאָך ניט מיט וועמען אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך!

— גוט פאַר זיי!

— מיר וועלן זיי פאַרניכטן!

אָט אַזעלכע אויסגעשרייען האָבן זיך געשאָטן פון אונזער חברה אייבער די בראָנקסער ליידיקע גאַסן.

ביי מיר האָט די גאַנצע זאַך אויסגעוויזן ווי איך וואָלט פאַרלאָרן אַ טאָג אומזיסט און איך האָב זיך מיט די חברים געזעגנט און בין אַוועק אַהיים.

קומענדיק אַהיים האָב איך געטראָפן מיין ווייב וואַרטן אויף מיר. זי האָט באַמערקט, אַז איך בין עפּעס צעשויבערט און ניט גוט געשטימט.

— נו, מען האָט זיך איבערגעבעטן?

— ניין, זיך נאָך ערגער צעקריגט.

— איבער וואָס קריגט מען זיך?

— כ׳ווייס אַליין ניט. מיר דאַכט זיך, אַז זיי אַליין ווייסן אויך ניט.

— ווי אַזוי קען מען זיך קריגן איבער גאָרניט? — האָט סערע ניט פאַרשטאַנען.

— אינגלעך!... — גיב איך אַ מאַך־אַוועק מיט דער האַנט.

מיר האָבן עפּעס איבערגעביסן און אַראָפּגעגאַנגען געוואויר ווערן וועגן מיין ברודער מעקס, וועלכער איז באַלד נאָך דער חתונה קראַנק געוואָרן. זיי האָבן געוואוינט אויף דער דריטער גאַס, אין זייער שיינע צימערן מיט פיין מעבל. מיין ברודער איז געלעגן קראַנק אין בעט. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום. עס האָט שוין ניט געקענט זיין קיין שום רייד, אַז ער זאָל קענען קומען אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען ביי די די „פּאַניס".

אין אונזער פאַמיליען־לעבן איז דאָס געווען דער ערשטער קלאַפּ. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערלעבט אַזעלכע צרות. אויף מעקסן אַליין און זיין ווייב איז גאָר געווען דער אומגליק גרויס. זיי האָבן געדאַרפט צעברעכן זייער נייע היים, נאָך איידער זיי האָבן זיך גוט אָנגעוואַרעמט.

מיך האָט דער אומגליק אַ סך מערער צעבראָכן ווי דאָס צעטיילן זיך פון דער גרופּע „יונגע". מיין באַליבטסטער ברודער מעקס דאַרף אוועקפאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום... און דערווייל ליגט ער אַ קראַנקער אין בעט. אונזערביידנס „ביזנעס" איז געגאַנגען שלעכט. דאָס וואָס מיר ביידע האָבן באַוויזן אויפצואַרבעטן, האָט מען ניט געקענט פאַרקויפן. און איך האָב נאָך געמוזט מיין ברודער מעקס אַרויסצאָלן זיינע פּאָר דאָלער.

ביי מיין פאָטער איז אויך ניט געווען גוט. זיינע „בענדלעך" האָבן זיך אים ניט פאַרקויפט. עס איז ניט געווען פאַר זיי קיין מאַרק. אין לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער קריזיס. עס איז געווען אַ סך אַרבעטסלאָזע. אַפילו אַזאַ גוטער אַרבעטער, ווי מיין ברודער מאָריס איז געווען, איז אויך אַרומגעגאַנגען ליידיק. די גאַנצע פאַמיליע האָט איצט איינגעזען, וואָס פאַר אַ גרויסן טעות מען איז באַגאַנגען מיט איבערלאָזן די פאַרם און מיט קומען אין שטאָט. די פאַרם אין קאָנעטיקוט איז געווען אין אַ באַרגיקן געגנט, און זי וואָלט איצט צונוץ־געקומען כדי געזונט צו מאַכן אונזער ברודער מעקס. חוץ דעם וואָלטן מיר זיך דאַרטן אויף דער פאַרם געדאַרפט ווינציקער זאָרגן וועגן „רענט", און עס איז געווען אי מילך, אי פּוטער, אי פליש, אי גרינסן. עס איז שוין אַפילו געווען ווייץ אויף ברויט...

איצט איז די פאַרם געשטאַנען אַ פּוסטע, און מיר אַלע זיינען אויף צרות אין שטאָט...

נײַן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער זומער איז געווען זייער אַ הייסער. איך האָב אים ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, ווייל איך בין געווען געוואוינט אויף דער פאָרם צו זיין תּמיד אויפן פעלד. און דאָ אין שטאָט בין איך אַ גאַנצן טאָג געווען אין שאָפּ אין אַ פאַרשטיקטער לופט צווישן שטויב פון פאַרשידענע פעלן. זינט מיין ברודער מעקס איז קראַנק געוואָרן האָב איך זיך אַליין געמוזט מו־טשען מיט די לאַשעקעס־שטיקלעך. איך האָב זיך געמוזט אַליין לערנען צונויפצונייען די שטיקלעך אויף דער מאַשין, און נאָך אַ טאָג אַזאַ זיינען ביי מיר די פיס געווען ווי אָפּגענומען און איך האָב קוים געקאָנט אַהיים גיין. דערצו האָב איך אין די שטאָטישע שיך זיך געפילט זייער אומ־באַקוועם, נאָך זעקס יאָר טראָגן פאַרמערשע שיך.

אַז איך בין געקומען אַהיים פון דער אַרבעט בין איך געווען זייער אויסגעשמירט פון די פעלכלעך און האָב געהונקען אויף די פיס ווי אַ קרומער, און אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין שטוב, האָב איך קוים געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ביי אונז אין דער היים זיינען די צימערן געווען זייער הייסע. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון זיי גוט אָנגעבאַקן. מיר האָבן געהאַט פענצטער צו דרום און צו מערב. איז אונזער היים געווען ווי אַ קאַלך־אויוון. האָב איך נאַטירלעך זיך געמוזט אויסבאָדן, אָבער קיין וואַנע האָבן מיר ניט געהאַט. האָבן מיר געמוזט נוצן דעם וואַש־טאָפּ אַלס וואַנע. דער דאָזיקער וואַש־טאָפּ איז געווען טיף, אָבער צו קליין פאַר אַ מענטשן. קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען. מען האָט זיך נאָך געדאַרפט היטן, אַז מען זאָל זיך ניט צעזעצן דעם קאָפּ בשעת מען איז געזעסן אין אָט דעם וואַש־טאָפּ, ווייל גלייך איבער אים איז געווען די שאַפּע פאַרן געפעס.

בשעת איך האָב זיך געבאָדן אין אָט דעם וואַש־טאָפּ האָבן מיר פאַר־האַנגען אַלע פענצטער און די טיר פאַרמאַכט אויף אַלע ריגלען און שלע־סער. מיין פרוי האָט פאַר מיר אָנגעגרייט וואַרעמע וואַסער, וואָס צוליב דעם האָט זי געמוזט אונטערהייצן דעם אויוון. עס איז געווען אַן אמתע פּאַטיעכע אָט דאָס באָדן זיך. עס האָט מיך דערמאָנט אָן די קינדער־יאָרן בשעת מען האָט מיך געבאָדן אין אַ מולטער...

זיך אויסגעבאָדן און זיך איבערגעטאָן אין ריינע קליידער, האָב איך זיך געפילט ווי אַ ניי־געבוירענער און מיר האָבן געגעסן וועטשערע ביי

דעם באַשיידענעם קיך־טיש, און מיר האָבן זייער פיל געפלאַפּלט ווי א יונג־פּאָרל נאָך דער חתונה.

איינמאָל אין אַזאַ אָוונט האָב איך באַמערקט אַז מיין סערע איז מיר עפּעס ניט אויפגעלייגט. עס איז טאַקע אמת, אַז עס איז דאָ וועגן וואָס צו זיין ניט אויפגעלייגט. אָבער אונזער ביטערע לאַגע איז דאָך ניט געווען קיין נייעס. איך האָב ניט פאַרדינט אויף צום לעבן דעם גאַנצן זומער. איז וואָס עפּעס פּלוצים איצטער?

— פילסט ניט גוט? — פרעג איך.

— חלילה!

— וואָס־זשע דען ביסטו אַזוי טרויעריק?

— איך שעם זיך...

— דאָ איז קיינער נישטאָ נאָר איך און דו.

— איך האָב מורא...

— נאָר איינער — האָב איך זיך שוין אַנגעשטויסן, וואָס זי מיינט, און איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין צוגעגאַנגען צו מיין סערען און זי אַרומגענומען. — איך פאַרשטיי שוין וואָס דו מיינסט... פון היינט אָן וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך היטן פון שווערער אַרבעט.

— וואָס טו איך דען פאַר אַ שווערע אַרבעט?

— דאַרפסט ניט סקראָבען די פּאַדלאָגעס.

— ווער־זשע וועט עס טאָן פון מיינעטוועגן?

— איך וועל עס טאָן.

— דו קומסט אַהיים אַזאַ מידער פון שאָפּ.

— דאַרפט זיך היטן...

— כ'פיל אַזוי מאָדנע... איך שעם זיך. לאָמיר עס דערווייל האַלטן בסוד.

— אַ סוד...

איך האָב יענעם אָוונט געשריבן מיט אַ סך מער חשק ווי אַלע מאָל. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך מוז אָנשרייבן אַ בעסער ווערק, ווייל איצט קומט שוין באַלד צו אַ דריטע באַשעפעניש אין אונזער פאַמיליע. עס איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען צו שרייבן און צו שרייבן.

מיין ערשטער ראָמאַן „הער גאָלדנבאַרג" איז ביי מיר שוין געווען פאַרטיק און אויסגעפּלאַנירט. די טעמע, די גאַנצע מעשה, איז געבוירן געוואָרן מיט איין מאָל ביי מיר אין קאָפּ. און דאָס דאָזיקע ווערק איז אויך גלייכצייטיק געבוירן געוואָרן מיט זיין אייגענער פאָרם און מיט זיין אייגענער שפּראַך. איך האָב זיך אַליין געוואונדערט ווי עס איז צו מיר

געקומען אַזאַ פּשוטע שפּראַך און אַזאַ פּראָסטער סטיל. און ווי געמאָסטן עס זיינען ביי מיר אַרויסגעקומען די זאַצן און קאַפּיטלען — אַן אַן אי־בעריק וואָרט!

איך אַליין בין געווען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון טראַכטן וועגן די מענטשן און זייערע האַנדלונגען אין מיין ראָמאַן.

און דער גוטער חבר איגנאַטאָוו איז אָפּט אַרויפגעקומען און געפּאָ־דערט פון מיר דאָס ווערק. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי איך מוטשע זיך אין שאַפּ ביי די „פּאַר" שטיקלעך. און איגנאַטאָוו האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט פּרואוון מיך אַרויפנעמען אין זיין שאַפּ פון דראַטענע היטעלעך, מיטן תּנאַי, אַז איך זאָל ענדיקן וואָס שנעלער מיין ראָמאַן.

איך האָב דעם ראָמאַן געענדיקט אַרום די יידישע יום־טובים. און איגנאַטאָוו האָט נאָך סוכּות מיך אַרויפגענומען אין דעם שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט. איך האָב איבערגעלאָזט די פּאָני־„פּלעיטס" ביי מיין טאַטן אין שאַפּ. פאַרקויפן זיי איז געווען אוממעגלעך.

דער שאַפּ וואו איך בין אַרויף, איז געווען איינער פון די גרעסטע אין דער דאַמען־היטעלעך אינדוסטריע. דער באַלעבאָס האָט געהייסן בען וואָירטהיימער, און דער שאַפּ האָט זיך געפונען אויף דער 38טער גאַס און 6טער עוועניו. ער האָט פאַרנומען אַ גאַנצן בלאָק די לענג, פון דער 38טער ביז דער 39טער גאַס.

איך האָב געבראַכט מיט זיך מיינע געצייג און אַז איך בין אַרויף אין שאַפּ האָב איך זיך דערשראָקן פאַר זיין גרויסקייט.

דער מענעדזשער איז צו מיר צוגעקומען און איך האָב אים געזאָגט אַז מיסטער איגנאַטאָוו האָט מיר געהייסן אַרויפקומען.

— דו קענסט מאַכן ווייער־פרעימס? — פרעגט ער מיך.

— יעס, סער.

— ביי אונז מוז מען קאָנען מאַכן אַ גוטע פרעים.

— איך קאָן עס מאַכן.

— אָלרייט, קום מיט מיר.

און ער האָט מיך געפירט דורך אַזאַ מין קאָרידאָר, וואָס איז באַשטאַ־נען פון איין זייט פון ריזיקע פאַרהאַנגען. איך האָב געהערט אַז פון יענער זייט פאַרהאַנגען אַרבעטן מאַשינען און אויך שטימען פון פרויען, אָבער געזען האָב איך גאָרנישט, צוליב די שווערע פאַרהאַנגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען אין דער אָפּטיילונג, וואו איגנאַטאָוו איז געזעסן און געאַרבעט מיט אַ גרויסער שער.

— אָ, ראַבאַי — האָט זיך איגנאַטאָוו דערפֿרייט און מיך פֿאָרגע־שטעלט פֿאַרן מענעדזשער.

פֿרענק מאַיערס, דער מענעדזשער, האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אָוועראָלס; זיין פּנים האָט געשמייכלט ווי ביי אַ נאַרישן מענטשן. איך האָב זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַזאַ נאַריש פּנים קאָן זיין אַ מענעדזשער ביי בען וואַירטהיימערן. די גראָבע וואָנ־צעס אויף זיין אויבערשטער ליפּ זיינען געווען באַשוירן און האָבן אויס־געזען ווי צוויי ציין־בערשטעלעך. אָבער איך האָב זיך נאָך מער אַנטוישט אין דעם דאָזיקן שאָפּ, ווען דער מענעדזשער האָט געטאָן אַ רוף־צו איינעם מיטן נאָמען מייסאָן. ווען מייסאָן איז צו מיר צוגעקומען האָב איך געמיינט אַז ער וועט מיר לעכערן מיט די צוויי שפּיציקע בלייפּעדער וואָס האָבן געשטעקט ביי אים הינטערביידע אויערן און האָבן אויסגעזען ווי צוויי הערנער אויף זיין נאַקעטן פֿאָדערשטן טייל פֿון קאָפּ.

— פּליס־טו־מיטשו! האָט מייסאָן געזאָגט, מיר דריקנדיק מיין האַנט

— אייער נאָמען איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט. מיין ווייב פֿאָלגט נאָך די יידישע ליטעראַטור און זי ווייסט ווער איר זייט...

גערעדט האָט שוין מייסאָן צו מיר יידיש און מיר געהייסן אַראָפּ־נעמען דעם ראָק. איך האָב אויסגעטאָן מיין רעקל און פֿאַרקאַטשעט די אַרבל. מייסאָן האָט מיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל ביי אַ געשטעל און מיר געגעבן עטלעכע בינטלעך דראָט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זיל־בער און גאָלד. ער האָט אויך געבראַכט אַ „סעמפּל־הוט" און אַ מאַשין און מיר געהייסן מאַכן צוויי טוצן היטעלעך.

— אַז איר וועט מאַכן די ערשטע הוט, רופֿט מיך און איך וועל אַ קוק טאָן — האָט מייסאָן געזאָגט — זייט וויסן, אַז איר זייט ביי בען וואַירטהיימערן... דאָ דאַרף מען מאַכן אַ גוטע הוט. נעמט אייך צייט. זעט אויך, אַז איר זאָלט ניט האָבן צופֿיל גיוועץ... דער דראָט איז זייער אַ טייערער — זילבער און גאָלד.

מיין ווינקל איז געווען ווייט פֿון איגנאַטאָוון. נאָר ניט ווייט פֿון מיר איז געשטאַנען ביים געשטעל אַן עלטערער אַרבעטער מיט אַ צעקנייטשט פּנים און אַ ליסעוואַטן קאָפּ.

אַזוי ווי איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט איז צו מיר צוגעקומען אָט דער אַרבעטער און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז טשאַרלי סקיילס. איך בין אַן איירישמאַן און אַרבעט שוין פֿאַר בענין 20 יאָר — טע, טע... איר מאַכט ניט ריכטיק די אַרבעט, יונגערמאַן...

— ניט ריכטיק? — דערשרעק איך זיך.

— גיט מיר דעם „פינטשער‟, איך וועל איך ווייזן ווי אַזוי מען מאַכט דאָ אַ הוט.

איך האָב אים געלאָזט מיר ווייזן וואָס צו טאָן. איך האָב קיינמאָל פריער ניט געאַרבעט קיין דראָטענע היטעלעך אויף אַ מאַשין.

דער איירישמאַן איז אַפילו געווען אַנגעטרונקען. עס האָט פון אים געשמעקט מיט בראָנפן, אָבער ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט. ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג. איך האָב געמאַכט די ערשטע הוט און צוגערופן מייסאָנען. ער האָט באַטראַכט מיין אַרבעט און גע־זאָגט: אָ־קעי!...

איך האָב אָפּגעאַרבעט ביז 6 אַזייגער און קוים געמאַכט צוויי טוץ היטעלעך. דער פאַסאָן איז גראָד געווען זייער אַ גרינגער. אָבער דאָס זילבערנע און גאָלדענע דראָט האָט מיר צעפּאַסעוועט מיינע פינגער בשעת איך האָב געדאַרפט אויסגלייכן און אויסבויגן פונקט נאָך דעם פאַסאָן נאָך.

מייסאָן איז צוגעקומען מיט אַ ביכעלע און פאַרשריבן מיין נאָמען און מיין אַרבעט.

— וויפיל צאָלט איר פאַר אַ טוץ? — פרעג איך.

— וואָירטהיימער צאָלט צען סענט עקסטראַ פאַר זילבער און גאָלד דראָט און עס מאַכט אויס 35 סענט אַ טוץ.

— אָלרייט — האָב איך געזאָגט.

איך בין געגאַנגען אַהיים מיט איגנאַטאָוון און ער האָט געוואָלט מיט מיר פאָרן צו מיר אין שטוב כדי איך זאָל אים געבן דעם מאַנוסקריפּט.

— איך דאַרף נאָך אַ סך איבערשרייבן — זאָג איך.

— בחור, איך וואַרט מיט אומגעדולד — גיט איגנאַטאָוו מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע — עס וועט זיין גוט! דו וועסט מאַכן אַ לעבן און וועסט קאָנען שאַפן...

— איך וועל האָבן פאַרטיק דעם מאַנוסקריפּט אין אַ וואָך אָדער צוויי — זאָג איך — ווען קומט מען אַריין אינדערפרי צו דער אַרבעט?

— 8 אַזייגער.

— עס זעט אויס ניט צו זיין קיין יוניאָן־פּלאַץ?

— ניין.

— ווי קומט עס?

— צוליב די מיידלעך... — זאָגט איגנאַטאָוו טרויעריק — וועסט אַרבעטן אַביסל לענגער וועסטו זען... אפשר מיט דיר אין איינעם אין שאַפּ וועלן מיר קאָנען עפּעס אויפטאָן...

דרייסיקסטער קאַפּיטל

איך בין יענעם אָונט געקומען אַהיים זייער אַ פריילעכער, וואָס איך האָב ענדלעך זיך צוריק אומגעקערט צו מיין פריערדיקער מלאכה פון דאַ־מען־היטעלעך; חוץ דעם בין איך געקומען אַהיים אַ סך אַ ריינערער ווי איך פלעג קומען פון דער פאַר־אַרבעט; נישט מער וואָס מיינע פינגער זיינען געווען אַביסעלע צעשטאָכן...

— מיר וועלן זיך שוין נישט דאַרפן זאָרגן... איך וועל שוין מאַכן אַ לעבן... — האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב. שפּעטער אין דער נאַכט בין איך ווידער געזעסן איבער מיין מאַנוסקריפּט און געמעקט און איבער־געשריבן, ביז איך בין אַזוי מיד געוואָרן, אַז עס האָבן מיר זיך שוין גע־קלעפּט די אויגן.

גאַנץ פרי בין איך אַ גליקלעכער געגאַנגען צו דער סאָבוועי, כדי צו פאָרן צו דער אַרבעט. איך בין געגאַנגען מיטן ברייטן שטראָם אַרבע־טער איבער דער 42טער גאַס. געקומען צו דער אַרבעט אין צייט און דער פאָרמאַן מייסאָן האָט מיך ווידער אָוועקגעשטעלט פלעכטן דראָטן.

— איך וועל אייך אָוועקזעצן שניידן — זאָגט ער גיך און אַנטלויפט מיט די צוויי בלייפעדערס הינטער זיינע אויערן. מיר האָט זיך אויסגע־וויזן אַז די דאָזיקע בלייפעדערס זיינען ביי אים צוגעוואַקסן און ער מוז אוודאי שלאָפן מיט זיי.

איך האָב זיך געמוטשעט און בין אָפּגעגאַנגען מיט שוויס און זיך געבויגן אין דרייען איידער איך האָב געקאָנט אַריינקריכן מיט די הענט, אי ביים אויסלייגן די דראָטן, אי בשעת דעם בינדן איין דראָט מיטן אַנדערן.

מיין גוטער שכן טשאַרלי סקיילס איז ווידער צוגעקומען מיט זיין געוויינלעכן געזאַנג און געלעכטערל און מיר געוויזן „זיין" וועג ווי אַזוי צו מאַכן די דריי־גאַרנדיקע „טורבאַנען" און איך האָב קוים געמאַכט איין טוץ ביז מיטאָג־צייט.

איך בין געגאַנגען מיט איגנאַטאָוון עסן מיטאָג. האָט מיר איגנאַטאָוו געזאָגט אַז מען צאָלט פאַר דעם הוט ניט מער ווי אַ דאָלער מלאכה־געלט.

בשעתן עסן האָבן מיר גערעדט וועגן שרייבערישע ענינים. יענע מיטאָג־שעהען וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיי האָבן געהאַט טויזנט

חנען. אַט זיצן צוויי יונגעלייט אין מיטן פֿון דער טומלדיקער ניו-יאָרק אין אַ זי יקן רעסטאָראַן און שמועסן וועגן יידישער ליטעראַטור... און אַט איז ו ער זייגער אַזאַ אכזר און רוקט מיט דעם גרויסן ווייזער און מען מוז שוין לויפֿן צוריק אין שאַפּ אַריין ווידער שקלאַפֿן...

נאָכן אָנבייסן האָט מייסאָן אָוועקגעשטעלט אַ גרויסן טיש און מיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן איגנאַטאָוו.

— איר זייט ביידע שרייבער — האָט מייסאָן געזאָגט מיט אַ שמייכלעלע אויף זיין אויסערגעוויינלעך געלן פּנים — האָב איך געטראַכט, אַז מען דאַרף אייך געבן אַ גרויסן טיש.

און מייסאָן האָט געבראַכט אַ סטאָס מיט געפּרעסטע היטעלעך פֿון ווייסן באַקרום.

איך נעם די שער און הויב אָן אַרומשניידן די היטעלעך. עס איז געווען פֿון דער פּרעס-מאַשין אַזאַ ציכן אַרום-און-אַרום פֿון דער הוט, און איך האָב געדאַרפֿט אַרומשניידן מיט דער שער פּונקט אויפֿן ציכן, וואָס די פּרעס-מאַשין האָט געמאַכט.

איז עס דאַכט זיך געווען אַ גרינגע אַרבעט. אָבער ביי מיר האָט די שער ניט געוואָלט אַרבעטן אין אַ גלייכער ליניע. זי איז נאָר געקראָכן אויף אַ זייט און געמאַכט קאַרבן און עס איז נישט אַרויסגעקומען גלאַט אַרומגעשניטן, ווי למשל איגנאַטאָוו האָט עס געטאָן.

די שער איז געווען אַ ריזיקע און חוץ דעם וואָס זי האָט מיך ניט געפֿאָלגט האָט זי מיר נאָך באַלד אָנגעקוועטשט דעם גראָבן פֿינגער פֿון מיין רעכטער האַנט.

איגנאַטאָוו האָט מיר געפּרואווט העלפֿן. ער האָט מיך געטרייסט און געוויזן זיין פֿינגער ווי ער איז שוין ביי אים פֿאַרהאַרטעוועט. אָבער דערווייל איז מיר געווען ביטער. מיט יעדן קוועטש מיט דער שער האָב איך געפֿילט ווי דער פֿינגער ווערט ביי מיר אָפּגעריסן.

איך האָב געקראָגן אַ סטאָס מיט היטעלעך וואָס איז געווען גרעסער פֿון מיר, און יעדן הוט דאַרף איך אַרומשניידן. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וועל גאָר קיינמאָל ניט פֿאַרטיק ווערן און אַז ביז איך וועל פֿאַרטיק ווערן וועל איך שוין זיך מעגן געזעגענען מיט מיין גראָבן פֿינגער...

נאָר דאָס איז געווען אַ קלייניקייט אַנטקעגן די צרות וואָס דער פֿאָרמאַן מייסאָן האָט מיר אויסגעטיילט יעדן מאָל ווען ער איז צוגעקומען און האָט אָנגעקוקט מיין אַרבעט.

— עס טויג נישט! עס דאַרף אַרויסקומען אַ ליניע אָן קאַרבן!

מייסאָן האָט צוגעמאָסטן איין הוט צום צווייטן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער איז געווען גרעסער פֿונם צווייטן.

— דאָ ביי וואָירטהיימערן מוזן אַלע היט זיין גליך! — האָט ער זיך צעשריגן און אַרומגעטאַנצט אַרום מיר ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן. איך האָב זיך פֿאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. איך האָב געכאַפּט אַ בליק צו מיין פֿריינט איגנאַטאָוו.

איגנאַטאָוו האָט זיך געפּרוּווט אַנגעמען מיין קריוודע: אַז עס איז צום ערשטן מאָל... און וואָס שרייט ער אַזוי, צום טייוול!... האָט ער געקאָנט בעסער שניידן צום ערשטן מאָל?

מער האָט מען נישט געדאַרפֿט.

מייסאָן האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף איגנאַטאָוון מיט די ערגסטע זידל-ווערטער:

— איר... איר טויגעניכטסן, שרייבער, באַנק-קוועטשער, טראָבל-מאַכער! אַמעריקע איז צו קליין פֿאַר אייך! איר האָט באַדאַרפֿט בלייבן ביים צאַר!

— קיינער פֿרעגט ביי אייך נישט קיין עצות! — ענטפֿערט אים איגנאַטאָוו.

— הע, אַזוי קלוג זייט איר?!

— שאַראַפּ!

— שאַראַפּ יורסעלף!

איך האָב געציטערט ווי אַ פֿיש טאָמער ברענגט אָט דער קריג צו ערנסטע פֿאָלגן. צוליב מיר קאָן נאָך איגנאַטאָוו פֿאַרלירן דעם פּלאַץ.

איך האָב אָנגעקוקט בשעת מעשה אָט דעם מייסאָנען און שיעור ניט געהאַט אויף אים רחמנות... אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעיאָגט איבער דעם גרויסן שאַפּ ווי אַ וויכער. ער האָט געטראָגן אויף זיינע פֿיס אַ פּאָר אַלטע שיך מיט אויסגעשניטענע לעכער און אויפֿן קאָפּ איז ביי אים שוין נישט געווען קיין סך האָר. און ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, אפֿשר אין די דרייסיקער... און די פּלייצע זיינע האָט שוין באַצייטנס געהאָרבעט. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַזאַ שווערן יאָך פֿון בען וואָירט-היימערס גרויסער פֿאַבריק. ער האָט אָפּגעהיט בען וואָירטהיימערס פֿאַר-מעגן ווי אַ געטרייער הונט...

דעם באַלעבאָס, בען וואָירטהיימערן, האָט מען נישט געזען אין ער-געץ. ער איז זיך געזעסן אין אָפֿיס און גערויכערט גראָבע ציגאַרן און געשמועסט מיט מענטשן.

נאָר מייסאָן האָט געוואוסט ווי אָפּצוהיטן די רויע מאַטעריע ווי דעם באַקרים, דאָס דראָט, און האָט פֿאַרשריבן ביי זיך אויפֿן טישעלע אין פֿאַר-

שידענע ביכלעך וויפיל עס גייט אַוועק באַקרוס אויף יעדן מין היטעלעך און אויסגערעכנט ביז צו דער לעצטער פעני וויפיל עס קאָסט צו פּראָדוצירן אַ טוץ היטעלעך.

און מייסאָן האָט געפּירט די חשבונות פונם שאַפּ, וויפיל יעדער אַרבעטער פאַרדינט. און מייסאָן האָט פאַרשריבן אין ביכעלעך יעדן נומער פון יעדן הוט־פאַסאָן. מייסאָן האָט אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל ניט אַוועקגיין אין ניוועץ קיין שום מאַטעריאַל.

אומעטום מייסאָן! מייסאָן, וואו ליגט דער בלאָק? מייסאָן, דער און דער נומער פון יענעם פאַסאָן, וואו איז ער, דער פאַסאָן?

מייסאָן האָט געהאַט אַ גוטן זכרון און האָט אַלץ געוואוסט און איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז איבערן שאַפּ און געשריגן אויף איטלעכן גלייך ווי ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס.

אָבער פאַרנאַכט ארום צען מינוט צו זעקס, ווען מען האָט באַלד געדאַרפט גיין אַהיים, איז מייסאָן געוואָרן ווייך ווי טייג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּאָר מינוט איבערצובייטן זיינע שיך. ער האָט דאַן זיך פאַרגונען צו טאָן אַ קרעכץ. און אַז ער האָט אָפּגעקרעכצט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשן:

— בען וואַירטהיימער טראַכט זיך, אַז אים קומט... און מייסאָן מוז זיין משוגע צי וואָס... — אַזוי האָט מייסאָן אַליין גערעדט, כמעט דאָס אייגענע, יעדן אָוונט.

איין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

אין פֿרילינג, 1914, האָט מיין ווייב מיר געבוירן אַ זון און עס איז אויך דערשינען דאָס דריטע בוך „שריפֿטן", וואו עס איז געווען אָפּגע־דרוקט מיין ערשטער ראָמאַן „הער גאָלדנבאַרג".

איך קאָן זיך איצט דערמאָנען ווי גליקלעך איך בין געווען מיט אונזער ערשט קינד און מסתּם ניט ווינציקער גליקלעך מיט מיין ערשט גרעסער ווערק. כאָטש ווי איך געדענק האָב איך מיין פֿרייד מיטן זון אַרויסגעוויזן אָפֿן פֿאַר דער משפּחה און פֿריינט און די שמחה מיטן ערשטן גרעסער ווערק האָב איך טיף געטראָגן אין זיך.

פֿאַר וואָס עס איז אַזוי געווען קאָן איך ניט דערקלערן. מיר דוכט אַז ביי אַ שרייבער איז דער געבורט פֿון אַ ווערק כמעט אַזוי פּיינלעך־שווער ווי ביי אַ פֿרוי דער געבורט פֿון אַ קינד.

וויפֿיל נעכט בין איך ניט געשלאָפֿן און געלעגן וואַך איבערטראַכנ־דיק און איבערוועגנדיק יעדע שורה פֿונם ראָמאַן! און וויפֿיל כּוח האָב איך אַוועקגעלייגט בשעת דעם אָנשרייבן!

אַז איך האָב דערזען דעם ראָמאַן אין דרוק, נאָך דעם ווי איך האָב געמאַכט עטלעכע מאָל די קאָרעקטורן, איז מיר דאָס ווערק געווען אַזוי נמאס, אַז כ'האָב אויף דעם נישט געקאָנט קוקן.

אָבער אַז איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען מיין קליין אינגעלע, האָב איך עס אַזוי ליב באַקומען, אַז איך האָב זיך גאָר זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן.

פֿון דעסטוועגן האָב איך זיך טיף אין האַרצן אויך געפֿרייט מיט מיין ערשטן גרעסערן ווערק.

מיט זיך אַליין זיך געפֿרייט.

די יידישע קריטיק האָט עס אויפֿגענומען זייער גוט, כאָטש ווי איג־נאַטאָוו פֿלעגט מיר ברענגען גרוסן פֿון דער שרייבערישער קאַפֿע האָבן די שרייבער מיין ערשטן ראָמאַן ניט געוואָלט אָנערקענען.

איך אַליין בין זייער ווינציק געגאַנגען אין קאַפֿע, ניט איך האָב געהאַט די צייט און ניט איך האָב זי ליב געהאַט. פֿאַרקערט: איך האָב זי פֿיינט געהאַט, אַט די ליטעראַרישע קיבעצאַרניע.

איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען אין שאַפּ און אין אָונט האָב איך גע־האָלפֿן מיין פֿרוי. קיין דינסטן האָבן מיר נישט געקאָנט האַלטן. איך האָב גאָר צייטנווייז פֿאַרגעסן אַז איך בין אַ שרייבער. איך האָב געטראַכט אַז איין ראָמאַן גיט מיר נאָך נישט דאָס רעכט זיך צו האַלטן פֿאַר אַ שרייבער. אַז איך וועל אָנשרייבן נאָך און נאָך גרעסערע ווערק — דאַן וועלן מיר זען.

דאָס אינגעלע אונזערס, וועמען מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן נאָכן זיידן מאַנים, איז געווען אַ טייערער יאָט.

אַז ער האָט דערשמעקט, אַז איך בין דאָ פֿון שאַפּ האָט ער באַלד זיך צעלאָזט אין אַ געוויין און איך האָב אים געמוזט נעמען אויף די הענט און מיט אים זיך וויגן אויפֿן וויג־שטול, ביז מאַניסל פֿלעגט אַזוי איינ־שלאָפֿן ביי מיר אויף די הענט. און דאַן האָבן מיר ערשט געגעסן וועטשערע.

פֿון אַרויסגיין פֿון הויז איז נישט געווען קיין רייד, ביז עס זיינען אָנגעקומען די הייסע זומערדיקע טעג. עפּעס איז יענעם זומער געווען אַזוי הייס ווי קיינמאָל פֿריער נישט אין ניו־יאָרק. אויף סעקאָנד עוועניו זיינען געלעגן די געפֿאַלענע פֿערד פֿון דער היץ. און די נעכט זיינען געווען שוידערלעכע. ביי אונז אויף דער זעקסטער גאַס זיינען מענטשן געשלאָפֿן אויף די טראָטואַרן. עס איז אין שטוב ביי אונז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

האָב איך מיין פֿרוי מיטן פּיצעלע קינד אָוועקגעשיקט אין די בערג און איך האָב זיך אַריבערגעצויגן צו די עלטערן מיינע איבערן זומער. דאָס איז געווען דער זומער ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און עס איז געווען זייער טרויעריק ביי מיין טאַטן אין שטוב. מען האָט מורא געהאַט, אַז אַמעריקע זאָל אויך נישט אַריין אין דער מלחמה און דאַן וועלן די ברידער אונזערע מוזן גיין אין קריג. די מאַמע האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן צו באַוויינען אירע זין און דער טאַטע האָט אויף איר אָנגעשריגן אַז זי זאָל נית וויינען.

— מען גייט נאָך נית!...

— דיך אַרט עס דען!... דו האָסט זיי דען אויסגעטראָגן!... — האָט די מאַמע געטענהט און זי האָט גענומען אויסרעכענען אַ צעטל: — זיי האָבן געפּאַקט און געמאָזלט און געהאַט טיפֿוס און מאַנדלען און איי־דער איך האָב זיי דערלעבט צו זען אויסגעוואַקסן, איז נאַ דיר גאָר אַ מלחמה...

— נאַרישע יידענע! מען שלאָגט זיך ערגעץ אַזוי ווייט און מיר זיינען דאָך אין אַמעריקע!... — האָט דער טאַטע זי געפּרואווט איינשטילן.

יאָ, עס איז געווען אַזאַ ווייטע מלחמה, אָבער דאָך איז עפּעס געפֿאַלן אַ פּחד אויף אונדז אַלעמען. און אַ זומער איז געווען אַ פּאַסקודנער. סכּנותדיק־הייסע טעג, אַז׳ש מען האָט ניט געקאָנט אַרבעטן אין די שעפּער.

ביי אונדז אין שאַפּ האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען די פֿאַרהאַנגען, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די פּרויען פֿון די מענער־אַרבעטער. עס האָט אויסגעוויזן אַז די דאָזיקע פֿאַרהאַנגען פֿאַרשטעלן די לופֿט.

מען האָט צעעפֿענט טיר און פֿענצטער און עס האָט ניט געהאָלפֿן. די היץ איז געווען נישט אַריבערצוטראָגן. מיר האָבן געמוזט פֿאָרן קיין קוני איילאַנד זיך באָדן אין ים אַלע נאָכמיטאָג. אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג איז געווען אוממעגלעך. אין די אָוונטן זיינען מיר אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן דאָך שלאָפֿן. אונזער פֿאַמיליע האָט געוואוינט אויף דעם העכסטן שטאָק און דער דאָך האָט זיך פֿון דער זון אַזוי צעפּאַרעט אַז ביי אונדז אין שטוב איז אַ גאַנצע נאַכט געווען הייס ווי אין אַ קאַלך־אויוון.

און גראָד איז געוואָרן זייער אַ סך אַרבעט אין שאַפּ. מיר האָבן געמוזט אַריינקומען פֿאַרטאָג צו דער אַרבעט, ווען עס איז געווען אַביסל קילער ווי בייטאָג. מיר פֿלעגן אָפּאַרבעטן פֿון 6 אינדערפֿרי ביז צוויי בייטאָג און דערנאָך זיינען מיר אָוועק זיך באָדן אין קוני־איילאַנד.

אין די גאַסן זיינען געלעגן טויטע פֿערד. פּלוצים איז געוואָרן אַ געפּאָלטער. עס זיינען אַרומגעלאָפֿן אינגלעך און געשריגן:

— עקסטראַ! עקסטראַ!

עס האָט זיך צעפֿלאַקערט די אמתע מלחמה: עסטרייך קעגן צאַר און דייטשלאַנד קעגן צאַר; פֿראַנקרייך קעגן דייטשלאַנד, און ענגלאַנד גייט אויך מיט פֿראַנקרייך.

„עקסטראַ! עקסטראַ!"

די געוואַלדן זיינען געווען ניט צום אַריבערטראָגן. די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן געשריגן מיט גרויסע קעפּ.

די געלע צייטונגען האָבן געהייצט אַ פֿייער נאָך שטאַרקער ווי די געלע זון — אַזוי אַ גאַנצן זומער, ביז עס זיינען אָנגעקומען די יידישע יום־טובים און עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט.

דער אַמעריקאַנער אַסיען איז דאָך אַזוי שיין און אַזוי טרויעריק פֿאַרטראַכט.

ווען מיין ווייב און קינד זיינען געקומען פֿון די בערג האָבן מיר געדונגען אַ דירה אויף דער דרייצנטער גאַס מיט אַן אַרויפֿגאַנג אויף מאַרמאָרנע טרעפּ, מיט אַ וואַנע אין שטוב און מיט עלעקטריק. אָבער

ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן מיט מזל אין אונזער דירה האָבן מיר געזען אַז „סטים״ איז נאָר געווען אין איין צימער, און די איבעריקע צימערן זיינען קאַלטע.

אָבער מיר זיינען געווען צופרידן וואָס מיר האָבן כאָטש „סטים״ אין איין צימער. אין קיך איז סיי־ווי געווען וואַרעם פונם קוילן־אויוון. און דאָ, אין דער נייער דירה, האָב איך ערשט אָנגעהויבן ווידער טראַכטן וועגן שרייבן. דאָ האָב איך פאַרטראַכט מיין ראָמאַן „אַ פּאַס פון ים״ און דאָ האָב איך אים אָנגעהויבן שרייבן.

צוליב דער מלחמה אויף יענער זייט ים האָבן די „שריפטן״ מער נישט געקאָנט דערשיינען, ווייל פאַר דעם קריג איז אייראָפּע געווען אַ גרויסער פאַרברויכער פון די זאַמלביכער.

אָבער די גרופּע „יונגע״ פון די „שריפטן״ האָט אָנגעהויבן צו פּלאַ־נעווען אַ חודש־זשורנאַל. און איך האָב זיך גענומען גרייטן מיט קלענערע דערציילונגען פאַר אָט דעם זשורנאַל.

אין אונזער דירה האָבן מיר בלויז געוואוינט איין יאָר. אונזערע ווענט האָבן געשוויצט און ס׳איז געווען ווילגאָטנע. האָבן מיר זיך אַריינ־געצויגן אויף דער פינפטער גאַס. און דאָ אין דער נייער היים זיך גע־נומען צו דער אַרבעט איבערן „פּאַס פון ים״.

יעדן אָוונט בין איך געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, און געשריבן מיין נייעם ראָמאַן. איך האָב אַזוי געאַרבעט אויף דעם ווערק צוויי יאָר. ביים לעצטן קאַפּיטל בין איך שוין געווען אַזוי קראַנק, אַז איך האָב שוין נישט געקאָנט זיצן אָן אַ קישן אונטערגעשפּאַרט.

מענטשן פרעגן מיך איצט: ווי האָט עס געקאָנט מעגלעך זיין צו טאָן צוויי אַרבעטן מיטאַמאָל, אי אַרבעטן אי שרייבן?

איך ווייס זיי נישט וואָס צו ענטפערן. ווען איך קוק זיך אַרום אויף צוריק קאָן איך אַליין נישט גלויבן זיך, אַז איך האָב עס געטאָן. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך ערשט אַוועקגעזעצט שרייבן.

און ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען דער ראָמאַן „אַ פּאַס פון ים״! עס האָט זיך מיך געדאַכט אַז איך האַק שטיינער פון אַ סקאַלע.

פונקט פאַרקערט ווי מיטן ראָמאַן „הער גאָלדנבאַרג״, וועלכער איז מיר אָנגעקומען גרינג, איז אָט דער צווייטער ראָמאַן געווען זייער שווער צום שרייבן.

אין 1917, ווען אַמעריקע איז שוין אויך געווען אין דער מלחמה, בין איך געוואָרן זייער קראַנק. איך האָב געמוזט אויפגעבען די אַרבעט אין

שאָפּ און אָנגעהויבן אַרומצוגיין פֿון איין שפּיטאָל אין אַן אַנדערן, ביז מען האָט מיך אין איין שפּיטאָל אָנגעטאָן אין אַן אײַזערנעם קאָרסעט.

עס דערמאָנט זיך מיר ווי די חברים שרײַבער זײַנען געקומען בײַ מיר נעמען דעם ראָמאַן פֿאַר אַ נײַעם זאַמלבוך „אײַנזל״. עס זײַנען גע־קומען מאַני לײַב, לאַנדוי און אײַזלאַנד און מיך דערזען אין דעם אײַזער־נעם קאָרסעט און האָבן זיך דערשראָקן און געבליבן זיצן טרויעריקע. איך האָב אַרויסגענומען דעם שווערן מאַנוסקריפּט און אים זיי אַוועק־געגעבן און זיי האָבן אים איבערגעגעבן פֿון האַנט צו האַנט און אים ווי געוואויגן אין זייערע הענט.

איך האָב דעמאָלט געמיינט, אַז עס איז שוין מײַן לעצט ווערק. איך האָב זיך מיט דעם ראָמאַן נישט אַזוי לײַכט געקאָנט שיידן.

איך בין געווען קראַנק אַ גאַנצן ווינטער! און ווען דער זאַמלבוך איז דערשינען פֿון דרוק בין איך אַוועק אין אַ שפּיטאָל.

איך האָב זיכער געמיינט אַז איך וועל שוין מער נישט קאָנען שרײַבן. אָבער צום זומער בין איך געזונט געוואָרן און אַרויס פֿונם שפּיטאָל. איך האָב זיך דערנאָך אָפּגערוט עטלעכע וואָכן ביז אַרום יולי חודש, ווען איך בין ווידער אַוועק אין שאָפּ אַרבעטן. ווידער בין איך בײַ וואָירטהיימערן אין שאָפּ, אָבער איגנאַטאָוו איז שוין דאָרט מער נישט געווען.

בײַ מײַן מאַמען האָט מען צוגענומען צוויי זין אין דער מלחמה אַרײַן. זיי זײַנען שוין געווען פֿון יענער זײַט ים ערגעץ אויף די פֿעלדער פֿון פֿראַנקרײַך — אַזוי האָבן אָנגעזאָגט די פּאָסט־שטעמפּלען אויף זייערע בריו: „ערגעץ אין פֿראַנקרײַך״!

צוויי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַזוי שנעל, ווי די ספּעקולאַנטן און לענדלאָרדס האָבן דערשמעקט דעם ריח פֿון דער מלחמה־אַטמאָספֿערע, איז אין ניו־יאָרק געוואָרן אַ גרויסער יקרות און אַ שטאַרקער דוחק אויף דירות. מיר האָבן לאַנג געזוכט און קוים געפֿונען אין די בראָנקס, אויף פּראָספּעקט עוועניו, אַ דירה פֿון 4 צימערן מיט פֿענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף די ווענט פֿון אַנדערע טענעמענט־הייזער. געווען זיינען מיר אויפֿן העכסטן שטאָק און קוים געקאָנט זען אַ שטיקל הימל. אויב מיר האָבן געוואָלט זען דעם גאַנצן הימל, האָבן מיר געמוזט אַרויפֿגיין אויפֿן דאַך; דאָן האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע רחבות פֿון דעכער אָן אַ שיר און זייער אַ סך הימל.

דאָ אויפֿן בראָנקסער דאַך האָב איך זונטיק מיט מיין אינגעלע אָפּט געלאָזט פֿליען אַ פֿאַפּירענע שלאַנג. און אַז עס איז געווען אַ ווינט האָבן מיר ביידע געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן ווי אַזוי די שלאַנג איז אַוועקגעפֿלויגן ווייט, ווייט איבער דער בראָנקסער רחבות פֿון דעכער.

מיין אינגעלע איז שוין געווען אין פֿינפֿטן יאָר און ער האָט גערעדט אַזאַ וואונדערבאַרן יידיש גלייך ווי ער וואָלט אויפֿגעוואַקסן ניט אין ניו־יאָרק, נאָר אין בעסאַראַביע. איך האָב געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען ווען ער זאָל אַלע זיינע יאָרן קאָנען רעדן אַזוי שיין יידיש און ניט פֿאַרגעסן אונזער מוטער־שפּראַך.

אין דער צווייטער טיר פֿון אונזער דירה האָט געוואוינט אַ יידישע משפּחה פֿון אַן אַרבעטער. זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ קליין מיידעלע מיט וואונדערלעכע אויגן און בלאָנדע האָר. דאָס מיידעלע האָט געהייסן וויעראַ. אַז וויעראַ האָט געטאָן אַן עפֿן אירע בלאָע אויגן, וואָס זיינען געווען אַרומגענומען מיט וויעס אַזוי ווי אַ פֿעלד־בלימעלע איז אַרומגענומען מיט בלעטעלעך, האָט זי אייך פֿאַרבלענדעט מיט זייער שיינקייט.

וויעראַ האָט ניט געקאָנט ריידן קיין יידיש. ביי זיי אין שטוב האָט מען נאָר גענוצט די ענגלישע שפּראַך. און וויעראַ האָט נאָר געוואָלט זיך שפּילן מיט אונזער מעקסעלען. אויך ער האָט זייער ליב געהאַט וויעראַן. איז אָבער געווען אַ גרויסער צער צוצוקוקן ווי אַזוי די דאָזיקע צוויי קינדערלעך פֿאַרשטייען זיך ניט.

זיי האָבן ניט געקאָנט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן קיין איין מינוט. אָבער וויערא האָט זיך אָן עצה געגעבן. זי איז דאָך אַ „פּרוי"... זי האָט מיט מעקסעלען געזונגען ענגלישע לידעלעך.

די מלחמה האָט אויך געפונען אָן אָפּקלאַנג צווישן די קינדער. זיי האָבן געזונגען די באַרימטע מלחמה־לידלעך ווי „דזשאָני געט יור גאַן", „אָווער דער". האָט וויערא מיט מיין זון געזונגען אָט־די לידלעך.

און צוביסלעך האָט זיך אונזער מאַמע־לשון אונטערגעגעבן. מעק־סעלע האָט אָנגעהויבן אונטערצוהינקען אויף ענגליש. עס איז אים געווען זייער שווער צו ברעכן זיין צונג. אָבער דאָס שיינע מיידעלע האָט זיך איינגעעקשנט און אים ענדלעך אַרויסגעפּירט אויף אַ דרך און זיי האָבן שוין געקאָנט ווי ניט איז דורכרעדן זיך אויף ענגליש.

אויף פּראָספּעקט עוועניו איז דאַן געווען אַ מנהג פון „בלאַק פּאַר־טיס". ווען עס איז נאָר אַוועקגעגאַנגען אַ סאָלדאַט אין דער מלחמה פון יענעם בלאָק, האָט מען אים געמאַכט אַ בלאָק פּאַרטי. מען פלעגט אויס־ציען עלעקטרישע דראָטן מיט קאָלירטע לעמפּלעך איבער דער גאַס און אויסהענגען אַמעריקאַנער פאָנען. עס האָט געשפּילט אַ קאַפּעליע מיט מוזיקאַנטן און מען האָט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט און געטרונקען און געגעסן און זיך געפרייט.

אַבי די אַנטיסעמיטן האָבן דעמאָלט געטענהט, אַז יידן זיינען ניט קיין פּאַטריאָטן און זיי ווילן ניט גיין אין דער מלחמה.

מען האָט געדאַרפט אַרויסגיין אויף פּראָספּעקט עוועניו צו אַזאַ פּאַר־טי און מען וואָלט געזען ווי אַזוי יידן, יידענעס, און זייערע קינדער פרייען זיך און באַגלייטן איינעם פון זייערע זין, וואָס גייט אַוועק אין דער מלחמה. עס איז ניט געווען די וואָך אַז עס זאָל ניט געווען זייך עטלעכע אַזעלכע פּאַרטיס.

אין דער אמתן האָט די מאַמע פון דעם סאָלדאַט געוויינט ווי גע־וויינלעך יעדע מאַמע.

מיין מאַמע האָט אויך געוויינט וואָס אירע צוויי אינגסטע זין, לואי און אָסקאַר זיינען אַוועק אויף יענער זייט ים אין דער מלחמה. האָב איך זיך געוואָלט באַוואָרענען, איידער זיי זיינען אַוועק, אַז טאָמער, חלילה, ווי די זאַך מאַכט זיך... עס איז דאָך מלחמה! די מאַמע וועט דאָס דאָך ניט אַריבערטראָגן, האָב איך מיינע צוויי ברידער געבעטן, אַז זיי זאָלן איבערלאָזן ביי מיר פּאַרטיקע בריוו. איך האָב זיי געהייסן אָנשרייבן, יעדערן באַזונדער צו עטלעכע בריוו. איך וועל זיי האַלטן ביי זיך. און טאָמער מאַכט זיך, חלילה, עפּעס מיט זיי אויפן פראָנט, וועל איך שוין צושיקן דער מאַמען פון צייט צו צייט אַ בריוול...

ווי נאַריש מיר זיינען געווען! אָבער אַזוי האָבן מיר זיך געגרייט אָפּצונאַרן די מאַמע אונזערע.

אונזער גוטע מאַמע קאָן דאָך ניט שרייבן און ניט לייענען קיין געשריבנס. זי לייענט דאָס טייטש־חומש און דאַוונט פֿון סידור — ווען מיר זי טאַקע קאָנען לייכט אָפּנאַרן.

אַזאַ געלעגנהייט זי אָפּצונאַרן האָט זיך טאַקע געמאַכט. מיינע צוויי ברידער האָבן אַ שטיקל צייט געשריבן בריוו פֿון יענער זייט ים ערגעץ פֿון פֿראַנקרייך, אָבער פּלוצים זיינען זיי שטיל געוואָרן.

נעם איך צוויי פּאַרטיקע בריוו זייערע, וואָס זיי האָבן ביי מיר איי־בערגעלאָזט און לייג זיי אַריין אין באַזונדערע גרויסע, בלאָע קאָנווערטן — קיין מאַרקעס האָט מען דאָך נישט געדאַרפֿט און איך לייג זיי אַריין ביי אונזערע עלטערן אין פּאָסט־קעסטל. דער טאַטע איז געווען פֿון פֿריער „אָפּגעבעט״... ער האָט געוואוסט פֿון דעם, אַז מיר ווילן אָפּנאַרן די מאַמע.

— צוויי בריוו פֿון די קינדער! — איז די מאַמע אַרויפֿגעקומען מיט שמחה פֿון אונטן. זי איז געגאַנגען איינקויפֿען און דערווייל געעפֿנט דאָס בריוו־קעסטל. איז זי שוין נישט געגאַנגען איינקויפֿן נאָר צוריק אַרויפֿ־געקומען אין שטוב, אַז דער טאַטע זאָל איבערלייענען די בריוו.

— נו, דאַנקען גאָט, אַבי זיי לעבן! — האָט די מאַמע זיך געפֿרייט.

— זעסט דאָך, אַז זיי לעבן און זיי שרייבן, אַז זיי זיינען געזונט — בייזערט זיך דער טאַטע. אַזאַ טבע איז ביי אים געווען ווען ער האָט געוואָלט באַהאַלטן עפּעס אין זיך, האָט ער זיך געבייזערט, כּדי עס זאָל הייסן, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן, אַ סימן: אָט בייזערט ער זיך.

איך בין שיעור ניט משוגע געוואָרן. יעדן פֿרימאָרגן בשעת איך בין געפֿאָרן צו דער אַרבעט האָב איך געקויפֿט אַ „טאַימס״ און געזוכט אין דעם קאָלום פֿון „טויטע און פֿאַרוואונדעטע״. עס איז שוין באַלד אַוועק צוויי חדשים און עס איז פֿון די ברידער ניט אָנגעקומען קיין אמתער בריוו.

זייערע נעמען האָב איך ניט געפֿונען אין „טאַימס״ קאָלום.

וואָס זשע איז מיט זיי פֿאָרט געשען? צי זיינען זייביידע ניט גע־פֿאַנגען געוואָרן אין פּלען?

עס האָט גראַד דעמאָלט פּאַסירט אַז די 77טע דיוויזיע איז פֿאַרלאָרן געוואָרן אין דעם אַרגאָן וואַלד און מיין ברודער לואי איז געווען אין אָט דער דיוויזיע.

איז ווייס איך שוין, אַז לואי איז אין דעם פֿאַרלאָרענעם באַטאַליאָן. אָבער וואָס איז מיט אָסקאַרן? ער איז געווען אין דער 26טער דיוויזיע.

און וועגן אָט דער דיוויזיע האָבן די צייטונגען גאָר ניט געשריבן. קאָן עס דען זיין אַז די גאַנצע דיוויזיע זאָל זיין געפאַנגען אין פּלען?

די בלאָק פּאַרטיס זיינען געוואָרן אַלץ אָפּטער און פריילעכער, טומל־דיקער. קיינער בלייבט ניט זיצן אין שטוב. די מוזיקאַנטן שפּילן און שאַלן מיט זייערע טרומייטערס און איך מיט מיין ווייב און קינד גייען אויך אַראָפּ זיך אויסצומישן מיטן פאָלק. אָבער מיר קאָנען זיך עפּעס ניט פרייען ווי אַלע.

דער שיקזאַל פון צוויי יונגע מענטשן שטייט אין קאָן. און ניט אַזוי וועגן די צוויי יונגע לעבנס, ווי וועגן אונזער ליבער מאַמע. ווי אַזוי וועט זי עס קאָנען אַריבערטראָגן?

און אונזער טאַטע, דער שטאַרקער מאַנסביל, האָט זיך לעצטנס גע־טאָן אַ שטאַרקן עלטער. ער איז געוואָרן גראָ, ווי אַ ווייסע טויב און האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן שוואַך אויף די פיס. מען האָט ביי אים צוגענומען זיינע בעסטע צוויי אַרבעטער־זין. ער האַלט נאָך דעם שאָפּ אויף בליקער סטריט; גייט אַלע טאָג אין זיין שאָפּ, כדי יוצא צו זיין. קיינער אַרבעט אָבער ניט. וואָס וועט ער אַרבעטן? אַז קיין וואָרע איז ניטאָ. זינט דעם קריג אימפּאָרטירט מען ניט מער קיין רויען מאַטער־יאַל. דאָס ביסעלע וואָרע וואָס מיין טאַטע פאַרמאָגט איז מיט גאָלד גלייך. עס איז אַן עבירה עס צו פאַרקויפן. ס'שטייגט דער פּרייז פון טאָג־צו־טאָג.

דער טאַטע גיט זיך אָפּ מיט לערנען אַ בלאַט גמרא און מיט אַריינ־קוקן אין זוהר און אין מדרש און מיט דאַווענען. ער הויבט זיך אָן אויסצו־טאָן פון דער וועלט. ער איז גאָר אַן אַנדערער איצט. עס איז אים ניט צו דערקענען. עס גייט אים גאָר ניט אָן.

זאָלן די קינדער אַהיים קומען געזונט, וועט ער זיך אין גאַנצן צוריק־ציען פון „ביזנעס" און שוין... גענוג געטומלט, געהרעשט, מען דאַרף זיך שוין נעמען גרייטן אין וועג... ער וויל נאָך אַמאָל דורכלערנען גאַנץ ש"ס... איידער עס איז צו שפּעט.

— סטייטש, טאַטע, ביסט נאָך ניט אַזוי אַלט!

— העי!... — האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

די אָנגעגרייטע בריוו האָבן זיך באַלד אויסגעלאָזט און איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. חוץ וואָס איך בין שיעור ניט אַראָפּ פון זינען פון איבערטראַכטן.

אין אַזאַ צייט האָב איך ניט געטראַכט פון מיין שרייבן. כאָטש בכלל האָט זיך דער צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע גראַד פאַרבעסערט צוליב דער מלחמה. מען האָט אָנגעהויבן קויפן יידישע ביכער אין די „קעמפּס" אַריין פאַר די יידישע סאָלדאַטן צום לייענען.

איגנאַטאָוו האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסגעבן די זאַמלביכער „שריפֿטן". ער איז אַרויפֿגעקומען צו מיר און ביי מיר געפֿאָדערט אַ ראָמאַן. איך מוז אים געבן עפּעס אַ גרויס ווערק אַניט איז ער אומגליק־לעך. ער וועט ניט קאָנען אַרויסגעבן קיין זאַמלבוך. און איגנאַטאָוו האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר און האָט מיך ניט געלאָזט רוען. ער האָט אויס־געפֿירט און איך האָב זיך גענומען שרייבן מיין דריטן ראָמאַן „דאָס ווילדע לאַנד".

יעדן זונטיק איז איגנאַטאָוו געקומען און פּשוט געשלעפּט פֿון אונטער מיין האַנט דעם מאַנוסקריפּט. אַז איך באַטראַכט איצט איגנאַטאָווס ראָליע אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, קאָן איך ניט אָוועקגיין פֿון דעם פֿאַקט, אַז ער איז געווען זייער אַ וויכטיקער בויער. ווינקלשטיין־לייגער און האַמערער און וואָס איר ווילט נאָר אַליין — ער האָט זייער פֿיל אויפֿגעטאָן און קיינער האָט עס נאָך ניט אָפּגעשאַצט ביז איצט.

די גרופּע „יונגע" איז אין יענער צייט געווען זייער אַ שיינע און אַ ליכטיקע דערשיינונג אויפֿן אַמעריקאַנעם־יידישן האָריזאָנט. עס האָט געמוזט קומען אַזאַ גרויסער איבערבראָך אין דעם יידישן לעבן, ווי די יידישע עמיגראַציע און דאָס פּראָלעטאַריזירן זיך פֿון די יידישע מאַסן, כּדי עס זאָל מיט אַמאָל טאָן אַ וואַקס־אויס אַזאַ גרויסע גרופּע שריפֿט־שטעלער ווי די „יונגע" גרופּע פֿון וועמען עס הויבט זיך אָן אַזאַ שפּע פֿון פּאָעטן און דערציילער מיט אַזאַ פּאַרנעם, וואָס עס איז ביז דעמאָלט ניט געהערט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווי גליקלעך איך בין געווען צו זיין איינער פֿון די „יונגע"!

דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

אויף דעם ראָמאַן „דאָס ווילדע לאַנד” האָב איך געאַרבעט אַ פּאָר חדשים. עס איז מיר אין יענער פּעריאָדע אָנגעקומען זייער לייכט צו שרייבן. איך בין געווען אין מײַנע בעסטע כּוחות. מײַן נאָמען האָט זיך באַוויזן אין אַלע יידישע זשורנאַלן און זאַמלביכער פון יענער צייט. ווער עס האָט נאָר אַרויסגעגעבן עפּעס אַ יידישן זשורנאַל אָדער אַ שריפט האָט מיך אײַנגעלאַדן צו געבן עפּעס אַ זאַך.

און איך האָב געגעבן מיט דער ברייטער האַנט.

די קריטיק האָט מיך צוגעגליכן אַזש צו קנוט האַמסונען. בײַ אונז יידן, עס זאָל אונז קיין גנאי ניט זײַן, מוז מען אַלע מאָל אַ יידישן שרײַבער צוגלײַכן צו אַ שרײַבער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אויף מיר האָט מען געזאָגט, אַז איך שרײַב אַזוי ווי קנוט האַמסון. איך האָב אָבער צום באַדויערן, קנוט האַמסונען נאָך ניט געהאַט אַפילו געלייענט. איך האָב יאָ געהערט ווי מען שמועסט וועגן זײַן „הונגער”.

בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען האַמסון איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פאַשיסט, איז בײַ מיר גאָר ניט אַזאַ כּבוד אַז מען זאָל זאָגן, אַז איך בין דער יידישער האַמסון... אָט דער דאָזיקער פאַקט באַווײַזט די פאַלשקייט פון פאַרגלײַכן צוויי שרײַבער.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צו באַקאַנען מיט האַמסונס צוויי הויפּט־ווערק: „מיסטעריעס” און „פּאַן”, האָב איך שוין באַלד געזען, אַז איך בין אין מײַן שרײַבן גאָר אַ קאַפּער קרוב מיט האַמסונען.

איך האָב געפּרוּווט מאַכן אויפמערקזאַם מײַנע קאָלעגן און עס באַ־וויזן מיט אַלערליי אויסצוגן פון האַמסונס ווערק, אַז ער איז נישט אַזוי ווי איך אָדער פאַרקערט, אַז איך בין ניט אַזוי ווי ער...

אָבער גיי שריי חי־וקים!

איך בין פאַרבליבן אי בײַ דער קריטיק אי אויך בײַ קאָלעגן דער יידישער קנוט האַמסון.

עס איז מיר נאָר געבליבן איין ברירה: זיך אָוועקזעצן און אָנ־שרײַבן אַ טראַקטאַט וועגן זיך און האַמסונען וואָס איך האָב ניט געקאָנט און ניט געוואָלט טאָן.

דער אמת איז, אַז נאָך מיין גאַנצן דערפֿאָלג מיט מיינע ערשטע דריי גרעסערע ווערק און מיט אַ סך פֿון מיינע קלענערע ווערק, האָב איך נאָך אַלץ זייער אָפֿט געצווייפֿלט אין מיינע כּוחות. איך בין נאָך ניט געווען צופֿרידן מיט זיך אַליין. איך האָב ביי זיך געוואוסט, אַז מיר פֿעלט אַ סך, אַ סך. איך האָב בלויז אין דער יוגנט געלייענט זייער פֿיל, אָבער איצט איז מיר דאָס לייענען אָנגעקומען שווער, ווייל איך האָב געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ. און וואָס איז אַ שרייבער אָן לייענען? אַזוי ווי אַ פֿעלד אָן באַפֿרוכפּערונג...

איך האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן, כּדי צו פֿאַרבעסערן מיין לייענען. דער גאַנצער דערפֿאָלג מיט מיין שרייבן האָט מיר ניט אַריינגעבראַכט קיין שום פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן, אַז איך זאָל זיך קאָנען אַרויסרייסן פֿון שאַפּ. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך וועל מוזן בלייבן אַ שאַפּ־אַרבעטער מיין גאַנצן לעבן.

אָבער מיך האָט עס נישט אַזוי געאַרט. פֿאַרקערט, איך בין געווען שטאָלץ מיט מיין אַרבעט אין שאַפּ. איך האָב געפֿילט, אַז איך בין אין די ליטעראַרישע ענינים פֿריי ווי אַ פֿויגל און קאָן זינגען ווי איך וויל. קיינער קאָן מיך ניט צווינגען צו זינגען ווען איך וויל נישט. און ווען עס קומט מיר אָן דער ווילן און איך וויל שרייבן, קאָן קיינער מיר ניט שטערן.

איך האָב געאַרבעט ביי אַ באַלעבאָס וואָס האָט זיך אויך געהאַלטן אין דער אינדוסטריע פֿון היטעלעך פֿאַר אַ קינסטלער. מיין באַלעבאָס, בען וואָירטהיימער, איז געווען אַן אָריגינעלער מענטש. אַלנפֿאַלס האָט ער אַזוי געטראַכט וועגן זיך. ער האָט קיינמאָל ניט פּראָדוצירט אַזאַ הוט, וואָס אַנדערע האָבן געמאַכט. טאָמער האָבן אַנדערע קאָפּירט זיינעם אַ פֿאַסאָן, האָט בען וואָירטהיימער באַלד אויפֿגעהערט צו פּראָדוצירן אָט דעם פֿאַסאָן.

נאָר אין איין זאַך איז ער ניט געווען אָריגינעל — אין ענין געלט מאַכן. דאָ האָט ער פֿאַרגעסן און געטאָן אַזוי ווי די אַנדערע קאַפּיטאַליסטן טוען.

אין שאַפּ זיינען מיר געווען אַרום אַ טוץ מענער־אַרבעטער. די אייבעריקע זיינען געווען פֿרויען. ער האָט געהאַלטן אין שאַפּ פֿרויען זינט ער איז געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט. די דאָזיקע פֿרויען זיינען שוין איצט געווען זקנות. אָבער וואָירטהיימער האָט זיי געהאַלטן ביי דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן אים געדינט אַזוי פֿיל יאָרן געטריי.

עס האָט אַזאַ פֿרוי געדאַרפֿט אָפּאַרבעטן ביי וואָירטהיימערן כּמעט אַ דרייסיק יאָר, כּדי זי זאָל ענדלעך באַקומען 12 אָדער 15 דאָלער אַ

וואָך. געווייַנלעך פֿלעגט מען ביי אים אָנהויבן כמעט מיט גאָרנישט...
און יעדן יאָר האָט מען ביי אים באַקומען אַ העכערונג פֿון אַ האַלבן דאָלער.

דאָ ביי וואָירטהיימערן זייַנען געווען זקנות, וועלכע האָבן וואָירטהיי־מערן געקענט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און זיי האָבן אים גערופֿן בעני... אונטער די אויגן.

בען וואָירטהיימער האָט קיין מאָל ניט גערעדט מיט זייַנע אַרבעטער.
ער האָט געהאַט געַנוג משרתים און יוצר־משרתים, וועלכע האָבן שוין פֿון זייַנעטוועגן גערעדט מיט די אַרבעטער.

איבער די פֿרויען האָט געהערשט אַ פֿאָרלעידי, מיס סאַמאַנס. זי איז שוין אַליין אויך געווען כמעט אַ זקנה. אָבער זי האָט מיט איר שטרענג־קייט, אַזוי ווי מיט אַ קנוט געהערשט איבער די מיידלעך־אַרבעטער. זי זי איז געווען אַן אמתע מרשעת...

— גוירלס!... — פֿלעגט זי טאָן אַלע מאָל אַ זאָג — און דאָס האָט שוין געמיינט, אַז עמיצער האָט קאַליע געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט; אָדער אַז עמיצער האָט געטאָן אַ לאַך, אָדער געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט..
די מאַשינען ביי וועלכע די „מיידלעך" האָבן געאַרבעט, האָבן געמוזט גיין אָן איבעררייס פֿון 8 ביז 12 און פֿון 1 ביז 6 אין אָוונט. און די מיס סאַמאַנס איז אַרומגעפֿלויגן, ווי אַ וויכער מיט אירע אַלט־מאָדישע לאַנגע קליידער צווישן די מאַשינען און האָט צוגעכאַפּט אונטער די הענט די פֿאַרטיקע אַרבעט, און באַלד באַפֿוילן צו אירע צוויי אַדיוטאַנטקעס, וועל־כע האָבן איר געהאָלפֿן, אַז מען זאָל ברענגען נייַע בינטלעך מיט אַרבעט.

בען וואָירטהיימער איז איצט געוואָרן אַ מיליאָנער, די מלחמה האָט אים צוגעשפּילט... באַקרום־שטאָף איז אַרויף פֿון 5 דאָלער אַ ראָל ביז 18 דאָלער און וואָירטהיימער האָט שכל געהאַט און זיך אָנגעגרייט צען טויזנט ראָלס באַקרום. און זיידנס מיט סאַמעט האָט ער זיך אויך אָנגע־גרייט אַ סך, אויך דראָט, גיפּס, בלאַי און אַלומינום.

דער פֿאָרמאַן מייסאָן האָט אויסגערעכנט, אַז נאָר אויף רויע מאַטער־יאַלן האָט וואָירטהיימער געמאַכט אַ פֿערטל מיליאָן.

— איר מעגט שוין זיך הייסן געבן אַ העכערונג! — האָב איך גע־זאָגט אין שפּאַס צו מייסאָנען. אָט דער דאָזיקער שקלאַף האָט נאָך אַלץ געאַרבעט פֿאַר 21 דאָלער מיט 50 סענט אַ וואָך. און טאָמער האָב איך אויסגעאַרבעט אין סעזאָן מער ווי 25 דאָלער, האָט עס דער פֿאָרמאַן מייסאָן ניט געוואָלט ליידן.

— פֿאַרשטייט איר מיך, האָט ער געזאָגט צו מיר — אַז דער באָס וועט דערזען, אַז איר האָט פֿאַרדינט מער ווי 25 דאָלער אַ וואָך, וועט ער ווערן ברוגז...

מייסאָן פֿלעגט מיר געבן אַן עצה, אַז איך זאָל לאָזן אַביסל אַרבעט אויף דער צווייטער וואָך.

אָבער אין דער צייט פֿון דער מלחמה האָב איך ניט געהאַט גענוג 25 דאָלער אַ וואָך צום לעבן. עסנוואַרג איז זייער הויך געשטיגן, כּמעט אויף דריי מאָל אַזוי פֿיל. צוקער איז נישט געווען צו קריגן. אין די רעסטאָ־ראַנען האָט מען איך שוין צוגעמאָסטן איין טיי־לעפֿעלע צו יעדער גלאָז קאַווע.

דער לענדלאָרד האָט כּמעט אַלע צוויי חדשים געהעכערט דאָס דירה־געלט. מען האָט געוואָרפֿן פֿון די דירות אויב מען האָט נישט געוואָלט צאָלן קיין העכערע דירה־געלט.

אין יענער צייט האָב איך צוגערופֿן מייסאָנען איינמאָל אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג און אים געזאָגט, אַז איך וועל ניט אַרבעטן סיידן איך קריג אַ העכערונג.

מייסאָן איז געוואָרן בלאַס ווי אַ מת.

— וויפֿיל ווילט איר? — ער האָט שיר ניט באַקומען די אַפּאָפּלעקציע.

— איך וויל 7 סענט פֿאַר אַ טוץ.

— צוויי מאָל אַזוי פֿיל!...

— יאָ!

— איר זייט משוגע?!

— דערווייל נישט...

— ווי קאָן איך קומען מיט אַזאַ זאַך צו וואָירטהיימערן? ער וועט דאָך מיך מיט איך אַרויסוואַרפֿן.

— אַט אַזוי וויל איך. 7 סענט אַ טוץ... אַ ניט אַרבעט איך ניט.

— אָלרייט!... דאָס איז זעלבסטמאָרד!...

מייסאָן איז אַוועקגעלאָפֿן מיט גיכע טריטעלעך. ער האָט זיך גע־זאַמט אַ שטיקל צייט.

איך האָב דערווייל געאַרבעט. די אַנדערע צוויי אַרבעטער אין מיין אָפּטיילונג: טשאַרלי סקיילס און דער „שטומער" האָבן אַפֿילו ניט גע־וואוסט, אַז איך האָב געפֿאָדערט אַ העכערונג.

טשאַרלי סקיילס איז געווען זייער אַ פֿיינער אַלטער בחור. ער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן אַלץ וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, כּדי יענעם צו העלפֿן. אָבער ווען עס איז געקומען, למשל, צו פֿאָדערן אַ העכערונג פֿון לוין איז ער אויך געווען זייער גוט־האַרציק צו בען וואָירטהיימערן... ער איז אויך געווען אַן אַרבעטער ביי אָט דעם באַלעבאָס זיין גאַנץ לעבן. און ער האָט געהאַלטן פֿון וואָירטהיימערן עולם ומלואה: — בעני איז

גרעיט!... בעני איז איינער אין דער וועלט און עס איז גאָר נישטאָ צו אים קיין גלייכן... וואָס הייסט? ער וועט גיין טאָן אַזאַ זאַך בענין?...

מיט דעם צווייטן אַרבעטער, דעם „שטומען", האָב איך זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן. סיידן אים שרייבן אַ בריוועלע. האָב איך זיך געטראַכט, אַז איך וועל אים שרייבן אַ בריוועלע, ווען איך וועל שוין האָבן אויסגעפירט די העכערונג.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

מייסאַן איז צוריקגעקומען אַ צעקאַכטער און געזאָגט צו מיר:

— וועל, בען וואָירטהיימער איז גראַד געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג און מיר געהייסן מיט אייך דורכקומען...

— איך וויל 7 סענט אַ טוץ.

— שרייט נישט! איר וועט קריגן 7 סענט. ווי באַלד בען וואָירטהיימער קערט ניט — וואָס אַרט עס מיך.

— ריכטיק!

— איר ווילט עס שוין פון איצט אָן? צי פון מאָרגן?

— פון איצט אָן.

— מאַכט עס פון מאָרגן — בעט זיך ביי מיר מייסאָן.

— מאַכט עס פון היינט אינדערפרי — זאָג איך.

— עס איז דאָך שוין באַלד אַריבער דער טאָג.

— וואָס זשע דערלייגט איר?

— וואו איז יושר?

— אַז דער יושר איז נאָר ביי אייך...

— אָלרייט, פון איצט אָן... זאָל מיינס איבערגיין! — האָט מייסאָן ענדלעך זיך אונטערגעגעבן.

פֿיר־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין פּריוואַט לעבן איז געווען שטיל און רואיק, ווי דער אויבערפֿלאַך פֿון אַ קליין טייכעלע. איך האָב אויסגעטראָטן אַ שטעגעלע פֿון מיין הויז ביז צו דער סאָבוועי און פֿון סאָבוועי ביז צום שאַפּ, וואו איך האָב געאַרבעט. ווען מען זאָל מיר געווען צובינדן די אויגן, וואָלט איך ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן פֿון אָט דעם שטעגעלע. יעדן אינדערפֿרי און אין אָוונט בין איך געגאַנגען מיט דעם זעלביקן וועג צו דער אַרבעט און איך האָב אַפּילו געזען די זעלביקע פּנימער יעדן טאָג פֿאַרנדיק צו דער אַרבעט און צוריק אַהיים.

ביי מיר אין דער היים איז געווען אַ שטילע אידיליע. ווען איך בין געקומען אַהיים איז שוין דער טיש געווען געגרייט און עס איז געווען ליכטיק, ריין און וואַרעם אין יעדן ווינקעלע. מיין פֿרוי מיט אַ שיין ווייס פֿאַרטעכל און אירע לאַנגע, סאַטין־טונקעלע האָר פֿאַרקעמט אין אַ שווערן קובליק, און מיין אינגעלע איז מיר געלאָפֿן אַנטקעגן מיט אַ טענצעלע און זיך געוואָרפֿן אויף מיר מיט פֿרייד. אַלץ איז אין הויז געשטאַנען אויף אַן אָרט: דאָס מעבל האָט זיך ווי איינגעוואָקסן אין די ווענט אַריין, ווי עס וואָלט געבוירן געוואָרן אין איינעם מיט די ווענט; די פֿאַרהאַנגען האָבן געהאַנגען פּונקט אַזוי און ניט אַנדערש און די פּאָדלאָגעס האָבן געשי־מערירט מיט זייער ריינקייט ווי נאָר וואָס אָפּגעפּוצטע מיט בוימל.

און מיין אינגעלע האָט יעדן טאָג מיר אונטערגעטראָגן אַ פּאַק מיט נייע בילדער וואָס ער האָט געמאָלן און געצייכנט. צוויי הויפּט־טעמעס זיינען ביי אים געווען, דאָס פֿערד און דער סאָלדאַט. ער האָט געמאָלן אַזעלכע מאָדנע פֿערד און אויסגעשניטן מיט אַ שער פֿערד פֿון פּאַפּיר און זיי אויסגעשפּרייט איבער דער פּאָדלאָגע. און ער האָט געמאָלן אַזעל־כע אויסטערלישע חיות וואָס זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

מיך האָט געוואונדערט וואו ער, אַזאַ קליין קינד, האָט אַזאַ פֿאַנטאַ־זיע אויסצוטראַכטן אַזעלכע חיות און אַזעלכע קאָלירן קאָמבינאַציעס פֿון גרין און געל און ברוין. אָט די דריי קאָלירן האָט ער זייער ליב געהאַט.

און איך האָב באַטראַכט זיינע אַרבעטן און זיך איבערגעקוקט מיט מיין ווייב. מיר פֿלעגן שטילערהייטביידע טרוימען, אַז עס וואַקסט ביי

אונז אַ גרויסער מאָלער. און מיר האָבן שטילערהייט גאָר אָן ווערטער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז עס איז אונז געגעבן געוואָרן אַ טייערער אוצר, און מיר מוזן אָט דעם אוצר אָפּהיטן און האַלטן טייער.

האָבן מיר טאַקע דאָס קינד אונזערס אָפּגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. מיר זיינען אין ערגעץ ניט געגאַנגען, אַז מיר זאָלן אים אויך ניט מיטנעמען. אַ סך מאָל זיינען מיר ניט געגאַנגען פֿאַרברענגען, ווייל מיר האָבן דאָס אינגעלע ניט געקענט מיטנעמען.

מיר זיינען דערפֿאַר געוואָרן היים־זיצער. מיר האָבן געטראַכט, אַז אַזוי גיך ווי דאָס אינגעלע אונזערס וועט ווערן אַ גרויסער, וועלן מיר שוין דעמאָלט קענען אַרויסגיין פֿאַרברענגען אין געזעלשאַפֿט.

יעדן אָוונט נאָך וועטשערע האָט מען אים געלייגט שלאָפֿן און מיר פֿלעגןביידע זיצן אין שטוב און היטן אונזער אוצר.

געוויינלעך איז מיין פֿרוי קיין מאָל ניט געזעסן ליידיק. זי האָט שטענדיק געהאַט אַרבעט. און איך האָב אויך געאַרבעט... מיט דער פּען. תּמיד האָב איך ליב געהאַט צו סקריפּען מיט דער פּען ווען אין אַ זייט, ניט ווייט פֿון מיר, איז געזעסן מיין פֿרוי און אויך עפּעס געטאָן אַן אַרבעט. אָט אַזוי אין צווייען איז עס געווען גרינגער.

איך האָב געאַרבעט איבער מיין ערשטן קאַפּיטל פֿון מיין ראָמאַן: „בעסאַראַביער יידן".

עס איז געווען אַלע מאָל ביי מיר שווער אָנצוהויבן דאָס ערשטע וואָרט. אָבער קוים האָב איך אָנגעהויבן דאָס ערשטע וואָרט, איז שוין דערנאָך געגאַנגען ווי געשמירט.

איך האָב אַלע מאָל געוואוסט פֿריער, איידער איך האָב זיך געזעצט שרייבן אַ ווערק, וואָס איך וויל שרייבן. אין דעם ענין בין איך געווען אַ רעאַליסט אין פֿולן זין פֿון וואָרט. איך האָב זיך תּמיד געקליבן דער־ציילן אַ מעשה קלאָר און פּראָסט. און איך האָב געוואוסט וואָס איך וויל דערציילן.

עס האָט אָבער געטראָפֿן, אַז בשעת דעם דערציילן זיינען ביי מיר געבוירן געוואָרן נייע געדאַנקען און איך האָב געמוזט „פֿאַרקריכן" אין אַ זייט, אָפּבויגן פֿון דעם אָריגינעלן פּלאַן.

וואָס האָב איך געוואָלט דערציילן אין „בעסאַראַביער יידן"?

איך האָב געוואָלט דערציילן אַ מעשה פֿון מיין שטעטעלע רישקאַן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזאַ שטעטעלע ווי רישקאַן איז גאָר נישטאָ אין ערגעץ, ניט אין דער ליטע, ניט אין פּוילן און ניט אין אוקראַינע. איך האָב געמיינט, אַז דער ווינטער ביי אונז אין שטעטעלע מיט די טיפֿע שנייען און זאַווערוכעס, מיט די אויסגעפּראַרענע שליטוועגן איז

איין־און־איינציק, און דערנאָך דער פֿרילינג ווען עס הייבט אָן לאָזן דער שניי און די פֿויגל הייבן אָן זינגען און די ערד ווערט באַדעקט מיט אַ נייעם גרינעם גראָז און מען הייבט אָן אַקערן און זייען ווייץ און פּאַפּשויעס.

און אַזוי דערנאָך דער זומער ווען אויף די פֿעלדער הייבט אָן וואַקסן און פֿאַרטיק ווערן און מען שנײַדט ווייץ און קאָרן און האָבער. און עס גיין די מאָלאָטילקעס און די פּאַראָוויקעס פּייפֿן. און עס זינגט די יוגנט ווען זי גייט אין פֿעלד אַריין און ווען זי גייט אַהיים פֿונם פֿעלד. די טשערעדעס מיט קי קומען אַהיים מיט פֿולע אייטערס און די זון זעצט זיך מיט אַזוי פֿיל חן. יעדן אָוונט אין רישקאָן האָט די זון עפּעס אַן אַנדער מין פֿאַרב אויף דעם גרויסן לייוונט, וואָס איז כּלומרשט אַ הימל. און דערנאָך העט, העט שפּעטער אין זומער, קומט דער אָסיען מיט די גרויסע רויטע קאַבאַקעס אויף די פֿעלדער און מיט די סנאָפּעס מיט פּאַפּשויעס, וואָס שטייען אַזוי ווי סאָלדאַטיקלעך אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות אויף די פֿעלדער. און מיט די וועגענער, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט „האָנטלען" מיט זיסן, נייעם בעסאַראַביער וויין. די וועגענער סקריפּען מיט די שווערע רעדער און די אָקסן די גרויסע מיט די פֿאַרדרייטע הערנער שפּאַנען זיך אַזוי באַזאַכט און פֿאַרטיפֿט אין זייערע מחשבות.

פֿון וואָס טראַכט אַן אָקס?

און וואָס טראַכט דער מאָלדאַוואַן, וואָס גייט דאָ לעבן זיינע אָקסן אַ באָרוועסער מיט אַן אָנצוג פֿון ווייסן, גראָבן לייוונט און מיט אַ לעדער־נעם גאַרטל איבער זיין ווייס־גרויען העמד — וואָס טראַכט ער זיך?

און צי זיינען דען פֿאַראַן אַזעלכע יידן ערגעץ ווי ביי אונז אין רישקאָן? צי איז ערגעץ פֿאַראַן אַזאַ ייד ווי רב פֿייוול כּאַדאַטשניק? ער איז שוין אַ זקן אין די נײַנציקער און פֿאָרט נאָך אַרום אויף יאַרידים מיט זיין געשטעל פֿון לעדער און פּאָדעשוועס. ער קאָן זייער גוט לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות און איז פֿרום און ערלעך. ער וועט חלילה ניט פֿאַרשניידן מיט זיין מעסער אַ פּיצעלע לעדער, וויפֿיל עס קומט דעם פּויער. ער אַרבעט אַליין אויס „כּאַדאַקעס" פֿאַר די פּויערים. אויף די יאַרידים זיצט ער אַזוי ווי אַ טערק אויף דער ערד מיט די פֿיס אונטער זיך. דאָס ביסל לעדער און פּאָדעשוועס ליגט פֿאַר אים אויף אַ זאַק. ער טוט אָן דעם טלית און תּפֿילין אַזוי־אָ זיצנדיק אויף דער ערד און דאַוונט און די מאָלדאַוואַנעס שטייען אַרום אים און קלויבן דערוויל שטיקער לעדער.

אָדער אַזעלכע יידן ווי זיסע און דאָדל, די צווייַ ברידער סטאָליאַרעס. הויך און שטאַרק זיינען זיי ווי דעמבעס. ביי זיי אויף די ברייטביייניקע באַקן וואַקסן שיטערע בערד. זייערע פּאות זיינען צעבאַרשטן און זיי זיינען

פֿרום און היטן אַפֿ יעדן דין. זיי קאָנען גוט לערנען און האָבן קעפּ פֿון גרויסע חריפֿים. נאָר די הענט זיינען ביי זיי מיט מאַזאָליעס און מיט קליי. זיי זיינען סטאָליאַרעס. זיי מאַכן טירן, פֿענצטער, און געפֿאַרבטע קאַסטנס אַזעלכע וואָס די מאַלדאַוואַנעס האָבן ליב צו קויפֿן, כּדי אויס־צופוצן זייערע ערדענע שטיבלעך כּאָטש מיט עפּעס, וואָס איז פֿאַרביק און שיין.

אָדער אַזאַ ייד ווי זיסע קירזשנער. אַליין איז ער אַ קליינער, אַ דאַרער, די הענט זיינען ביי אים תּמיד שוואַרץ פֿון דער פֿאַרב פֿון די שוואַרצע קאַראַקולענע פֿעלכלעך, פֿון וועלכע ער מאַכט קוטשמעס. אָט דער ייד לייענט אַלע שבת די תּורה און האָט אַ שטים ווי אַ לייב. ער זינגט דאָס יידישע געזאַנג פֿון דער תּורה. יעדע סדרה האָט דאָך איר מאָטיוו.

צי איז ערגעץ פֿאַראַן אַזאַ שיינער ייד ווי ר׳ עוזיאל? דאָס איז דאָך גאָר קיין ערדישער מענטש ניט. ווען ער גייט אַרויס אין גאַס, דאַכט זיך אַז ער שוועבט ערגעץ אין די הימלען, כּאָטש ער גייט ניט מיט קיין פֿאַרריסענעם קאָפּ צום הימל. ער איז גאָר אַביסעלע איינגעבויגן און קוקט צו דער ערד און ער קאָן אַזוי פֿיל לערנען, אַז ער ווייסט יעדעס שטיקל גמרא אויף אויסווייניק. און ער איז אָנגעפּיקעוועט מיט מעשיות וועגן די חסידישע רביים, אַז ער באַצויבערט יונג און אַלט מיט זיין שיין דערציילן. און ער טוט אָן דעם טלית אינדערפֿרי און ער נעמט אים אַראָפּ ערשט שפּעט נאָך מיטאָג ווען עס איז שוין צייט צו גיין אַ קוק טאָן וואָס די אָרעמע לייט אין שטעטל טוען. און ער רוט ניט ביז ער פֿאַרזאָרגט נישט יעדן פֿון די אָרעמעלייט מיט אַ לעפֿל געקעכץ און אַ שטיקל ברויט.

צי דער רישקאַנער רב... איז ערגעץ נאָך דאָ אַזאַ מין רב, וואָס האָט זיך אין גאַנצן אויסגעטאָן פֿון דער ערדישער וועלט און איז גאָלע רוחניות. אָבער ווען ער גייט אַרויס האָבן התבודדות אין פֿעלד אַריין, שטייט ער אַפֿ גאַנצע שעהן לעבן ווייץ־פֿעלדער און קוקט און האָט הנאה פֿון דעם וואָס עס וואַקסט ברויט. אָט דער רב האָט ניט מורא פֿאַר דער רישקאַנער עדה און ער זאָגט די שענסטע באַלעבאַטים אין פּנים אַריין וואָס זיי זיינען.

אָדער איז פֿאַראַן נאָך אַזאַ איד ווי רב אַרקע? אַליין איז ער אַ לאָ־יוצלח, אַ ייד אַ קבצן אויף דריקעס און דאָס ווייב מיט די טעכטער פֿירן דאָס קליינע קרעמעלע און מען האָט קוים ברויט צום עסן. און ער, אָט דער רב אַרקע, מישט זיך אין קהלשע זאַכן און איז אַ תּקיף. ער קאָן לערנען און איז אַ פֿייערדיקער חסיד און מען האָט פֿאַר אים מורא.

אָדער איז ערגעץ פֿאַראַן אַזאַ ייד ווי ר׳ זיידע פּאַרך? אַ געזונ־טער ייד מיט אַ רויטן קאַרק און רייך ווי קורח. ער קאָן קוים דאַווענען

אין סידור. ער רעדט אַזוי יידיש ווי אַ מאָלדאַוואַן רעדט מאָלדאַוואַניש, מיט דעם גראָבן גרעבץ און מיט דעם פֿאַרגרעבט קול ווי אַ וואַלד־מענטש. מען רופֿט אים זיידע פֿאַרך דערפֿאַר וואָס ער וויל ניט געבן קיין נדבות צו קיין בעטלער. אָבער אין דער שטיל האַלט ער דאָך אויס גאַנצע אָרעמע פֿאַמיליעס מיט האָלץ פֿון זיינע וועלדער און מעל פֿון זיינע מילן.

עס איז דען דאָ אַ שיעור אויסצורעכענען אַלע טייערע יידן? און וואָס איז מכּח די ניט־גוטע, די גבירים, וואָס האָבן געזשעברעוועט נאָר פֿאַר זיך? זיי זיינען דאָך געווען אין רישקאַן אַזוי ווי די ווערים.

היינט רישקאַן גופֿא, די גאַסן און געסלעך מיט די שטיבער און קראָמען מיט דעם מאַרק־פּלאַץ און מיט דעם טייך און די בריק איבערן טייך און די וואַסער־מיל פֿון יענער זייט בריק און דער באַרג אַנטקעגן רישקאַן מיט זיינע קאָלירן זומער און מיט זיין ווייסקייט ווינטער. און די יאַרידים אין רישקאַן מיט פֿערד, שאָף און רינדער און מיט די ריש־קאַנער סוחרימלעך, מעקלערלעך און לופֿט־מענטשעלעך, אָקסן־הענדלער, פֿערד זשעמביטשעס, סטינע־יידן, וועלכע האָבן געשמעקט פֿון שאָף זייער גאַנץ לעבן און פּאַסעסאָרס פֿון ערד, יידן וואָס האָבן ביים צאַר נישט געטאָרט האָבן קיין ערד אויף זייערע אייגענע נעמען. און יידן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ווייץ, פּאַפּשויעס, קאָרן, אַרבעס און ניס און מיט וויין.

אָט דאָס האָב איך געוואָלט דערציילן אין מיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן". איך האָב זייער גוט געדענקט ווען עס איז אָנגעקומען פּלוצים אַ גוטע בשורה צו אונז אין שטעטעלע, אַז דער באַראָן הירש גיט יידן ערד אומזיסט. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין אינגל. און עס האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכּרון די פֿרייד, וואָס די יידן ביי אונז אין שטעטעלע האָבן זיך געפֿרייט.

האָב איך אויסגעקליבן אָט די מעשה צו דערציילן, ווי אַזוי יידן ביי אונז אין מיין אַמאָליק שטעטעלע פֿאַרשרייבן זיך אויף אייגענער ערד, און ווי אַזוי זיי גייען אַרויס פֿון בעסאַראַביע און לאָזן זיך אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע אויף אייגענער ערד.

דאָס ערשטע קאַפּיטל איז אין אַ ווינטערדיקן טאָג. עס איז אַ ווייסע שיינע וועלט און דער שמש גייט אַרום איבער די גאַסן און רופֿט יידן צו קומען אין שול אַריין זיך פֿאַרשרייבן אויף ערד.

פינף־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין ערשטער פּרואוו צו שרייבן אַ ראָמאַן קאַפּיטלעכווייז און אין דער זעלבער צייט דרוקן אָט די קאַפּיטלעך אין אַ זשורנאַל, איז ניט געווען אַזוי דערפֿאָלגרייך. ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט זיך מיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" געזאָלט אָפּדרוקן אין אַ משך פֿון איין יאָר. צוליב דעם צוועק האָב איך אַפּילו געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון 12 טיילן און יעדן חודש האָט געזאָלט ווערן אָפּגעדרוקט איין טייל.

אָבער ווען איך האָב זיך גענומען שרייבן מיין ראָמאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך קאָן ניט נאָכקומען מיין פּלאַן. די קאַנווע איז געווען אַזאַ ברייטע און דער פֿאַרנעם אַזאַ גרויסער, אַז נאָך דעם ווי איך האָב דעם ראָמאַן געדרוקט אין דעם זשורנאַל „צוקונפֿט" אַן ערך 4 יאָר צייט, האָב איך נאָך אַלץ ניט געהאַט אויסגעפּילט מיין פּלאַן. נאָך 4 יאָר האָב איך ערשט דערפֿירט מיינע העלדן ביז צו דער צייט ווען זיי זיינען געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל.

אָבער דער פֿאַכמאַן, וואָס ווייסט וואָס אַ ווערק איז, וועט שוין פֿאַרשטיין, אַז דער סוף פֿון אַ ווערק איז דאָרטן וואו דער שרייבער שטעלט אָוועק דאָס לעצטע פּינטעלע...

ווייל אין דער אמתן קאָן מען דאָך פֿירן אַ ווערק אין אַן־סוף־אַריין. דאָס לעבן ענדיקט זיך קיין מאָל ניט כאָטש דורות קומען און גייען אָוועק. אָבער דאָ ליגט דער גרויסער סוד פֿון אַ ווערק. ווייסט דער שרייבער ווען און וואו צו ענדיקן איז גוט. טאָמער, חלילה, גייט דער שרייבער אַריבער די גרענעץ אויף אַ האָר איז שוין ניט גוט. און איך האָב מורא אַז קיין שום שרייבער ווייסט ניט אָט דעם סוד, נאָר אויב ער הערט זיך צו צו זיין אינערלעכן אונטערזאָגער און פֿאָלגט אים אין צייט, איז דאָס ווערק געראָטעוועט.

פֿונדעסטוועגן האָב איך דעמאָלט באַטראַכט מיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" פֿאַר מיין בעסט ווערק, פֿאַר מיין „שיר השירים".

ביז אָט דעם ראָמאַן איז ביי מיר געווען „דער פּאַס פֿון ים" פֿאַררעכנט פֿאַר מיין בעסט ווערק.

אָבער אין פֿאַרלויף פֿון אַט די 4 יאָר, וואָס איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט מיינע „בעסאַראַביער יידן", זיינען אַ סך וואַסערן פֿאַרלאָפֿן אין מיין לעבן.

איך בין געווען אַ וויס־פּרעזידענט אין י. ל. פּרץ שרייבער פֿאַראיין. מען האָט דעם דאָזיקן ערנהאָפֿטן אַמט אויף מיר אַרויפֿגעצוואונגען, כאָטש איך האָב ניט געקאָנט קומען רעגלמעסיק צו די פֿאַרזאַמלונגען. די דאָזיקע אַסיפֿות זיינען תּמיד פֿאָרגעקומען בייטאָג, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין שאַפּ.

אָבער אַמאָל, ווען עס איז געווען „סלעק" אין שאַפּ, האָב איך זיך אַוועקגעכאַפּט אויף איסט־בראָדוועי און אַריינגעגאַנגען צום מיטינג.

אין יענע יאָרן איז אויך דערשינען אַן אונטערערדישער קאָמוניסטישער חודש־זשורנאַל „דער קאַמף" און איך האָב דאָרטן געדרוקט אַ דערציילונג אָדער צוויי.

דאָס איז געווען די צייט, ווען „די יונגע" האָבן זיך ווידער צונויפֿגענומען און געגרינדעט אַן אייגענעם ביכער־פֿאַרלאַג. דוד איגנאַטאָוו האָט דעמאָלט ביי מיר גענומען דריי ביכער אַרויסצוגעבן, און אַ יונגער מאָלער, העריטאַן, האָט פֿאַר די דאָזיקע דריי ביכער געמאָלן בילדער. די דאָזיקע דריי ביכער זיינען דערנאָך דערשינען אין דעם פֿאַרלאַג „אַמעריקע". אַט דער דאָזיקער פֿאַרלאַג האָט עס געזאָלט זיין אַ מין קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג, און די שרייבער האָבן געזאָלט באַגליקט ווערן און שאַרן געלד מיט לאָפּעטעס... עס זיינען אַרומגעפֿאָרן קאָמי־וואַיאַזשאָרן איבערן לאַנד און פֿאַרקויפֿט די ביכער פֿון דעם פֿאַרלאַג. דוכט זיך, אַז יעדער לייענער האָט געקאָנט פֿאַר אַן ערך 30 דאָלער באַקומען אַרום 20 ביכער.

ווי אַזוי דער פֿאַרלאַג וועט עס קאָנען באַווייזן צו געבן 20 ביכער פֿאַר 30 דאָלער ווען דער פֿאַרלאַג האָט געהאַט אַזעלכע גרויסע הוצאות, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. עטלעכע מענטשן זיינען אַרומגעפֿאָרן איבער אַמעריקע — די דאָזיקע מענטשן האָבן געדאַרפֿט עסן, שלאָפֿן אין האָטעלן און פֿאָרן מיט דער באַן.

די ביכער האָבן אין יענער צייט זייער טייער געקאָסט — כמעט אַ דאָלער אַ בוך. און ווי אַזוי וועט דער שרייבער ווערן רייך פֿון זיינע ווערק? נאָר אַזוי ווי איך בין געווען אַ קנאַפּער מבין אויף אַט די זאַכן, האָב איך זיך ניט אַריינגעלאָזט אין די חשבונות.

דער אמת איז געווען, אַז איך האָב פֿון מיינע 3 ביכער כמעט גאָרניט געהאַט, און איידער איך האָב זיי דערזען, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין אויף דער ליכטיקער וועלט איז מיר שיעור ניט אַרויס מיינע אויגן.

אָבער אַ באַנקעט האָט מען מיר געפּראַוועט גאָר אַ פֿיינעם אין דער שרייבער־קאַפֿע „איראַפּע", וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער מזרח־דיקער ענדע פֿון איסט־בראָדוועי, ניט ווייט פֿון איסט ריווער. קאַלעגן האָבן עס געהאַלטן פֿאַר מיר אַ סוד, מען האָט מיך געוואָלט איבערראַשן.

אָבער אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט דעם גוטן, ליבן קאַלעגע אַברהם־משה דילאָן, וועלכער האָט קיין סוד ניט געקאָנט האַלטן, האָט ער מיר שטילערהייט דערציילט, אַז מען קלייבט זיך מיר צו מאַכן אַ באַנקעט לכּבוד דעם דערשיינען פֿון מיינע דריי ביכער.

דילאָן האָט געוואָלט וויסן צי איך וועל קומען.

— פֿאַרוואָס ניט?

— כ'וויס? האַמסון גייט אויך ניט צו קיינע באַנקעטן זיינע...

— איך וועל יאָ גיין! — האָב איך דילאָנען געזאָגט. אָבער איך האָב באַלד געזען, אַז דילאָן וואָלט בעסער געוואָלט, אַז איך זאָל אים זאָגן, אַז איך וועל ניט קומען צו מיין באַנקעט.

אָרעמער דילאָן, דער פֿאַרוואָרלאָזטער, אָפּט־פֿאַרהונגערטער, גרויסער פּאָעט, מיר האָבן אים ביי זיין לעבן זייער פֿיל פּיין פֿאַרשאַפֿט מיט דעם וואָס מיר האָבן אים אָפֿט ניט נאָכגעגעבן זיינע קאַפּריזן... ווי גליקלעך וואָלט ער דעמאָלט געווען ווען איך זאָג אים, אַז איך קום ניט צו מיין באַנקעט. ער וואָלט דאָך אפֿשר געווען געלעבט מיט דעם „חיות" ווער ווייסט וויפֿיל וואָכן.

דער באַנקעט איז געווען אין אַ געוויסן שבת אָוונט אין פֿרילינג. איך געדענק ניט דאָס יאָר און אויך ניט דעם טאָג. איך האָב קיין מאָל ניט געפֿירט קיין חשבונות פֿון אַזעלכע זאַכן, און קיין סך באַנקעטן האָט מען מיר סיי־ווי ניט געפּראַוועט אין מיין לעבן.

און עס איז ביי מיר געווען אַ פֿראַגע צי איך זאָל אָנזאָגן מיין גאַנצער פֿאַמיליע וועגן אָט דעם באַנקעט.

מיין טאַטע־מאַמע האָבן פֿון מיין שרייבן ניט געהאַלטן. מיין טאַטע פֿלעגט פֿון מיר אָפּלאַכן... די מאַמע האָט ניט געלאַכט, אָבער זי האָט מיך באַדויערט, וואָס איך האָב מיר אַריינגענומען אַ „מאַנקאָליע" אין קאָפּ אַריין... ביי מיין טאַטע־מאַמע זיינען געווען מער חשובֿ זין פֿון מיר, ווי אַ שטייגער מאָריס, וועלכער איז געווען אַ דערפֿאָלגרייכער געשעפֿטסמאַן, אַ פֿאַבריקאַנט פֿון פֿאַר־מאַנטלען, אָדער נייטן, וועלכער איז געווען אַן אינזשינער, צי גאָר אַ דריטער זון, וועלכער האָט פֿאַר־מאָגט אַ קראָם.

איך בין ביי מיינע עלטערן געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ „קרענק"... די ברידער, אַלע, איינס און איינס, ניט מיינע מענטשן... דער איינציי־

קער, וואָס איז גראַד געווען מיט מיר זייער שטאַרק נאָענט איז געווען מיין ברודער מאָריס. ער האָט זיך כמעט ווי געגרויסט מיט מיר און מיט מיינע ווערק, כאָטש אין דער גאָר פֿריערדיקער צייט איז ער מיר געווען אַ שונא אויפֿן לעבן. איצט האָבן מיר ביידע געלעבט זייער גוט און ער האָט מיינע נייע ביכער אויפֿגענומען, ווי אַ קולטורעלער מענטש.

מאָריס האָט גראַד געוואוסט, אַז מען מאַכט פֿאַר מיר אַ באַנקעט, ווייל ער איז זייער אָפֿט אויך אַריינגעקומען אין קאַפֿע ראַיאַל אויף סעקאַנד עוועניו און זיך דאָרטן געטראָפֿן מיט קאָלעגן שרייבער.

יענעם שבת איז מיין ברודער מאָריס געקומען צו אונז מיט זיין אויטאָמאָביל און מיט זיין ווייב און קינדער. מיר האָבן דאָך אויך געהאָט אונזער קינד.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז קיין קינדער קאָנען מיר צום באַנקעט ניט מיטנעמען. האָבן מיר די קינדער אַוועקגעפֿירט צו דער באָבען, אויף צום נעכטיקן. און דערנאָך זיינען מיר ערשט אַוועק אויף דורכפֿאָרן זיך אין דעם נייעם אויטאָמאָביל. מיר זיינען צום ערשטן מאָל געפֿאָרן אין אַ מאַשין. ניו־יאָרק האָט גאָר אויסגעזען וואונדערלעך שיין פֿון אַן אויטאָמאָביל אַרויס.

מיר האָבן אַזוי גערעכנט: אַ באַנקעט הויבט זיך געוויינלעך ערשט אָן אַרום 10־11 אַזייגער. איז וואָס איז זיך דאָ צו איילן?

איך האָב געפֿיבערט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור... ווער ווייסט צי עמיצער וועט זיין ביים באַנקעט? און ווי אַזוי דאַרף מען זיך האַלטן אויף אַ באַנקעט?... עס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז מען מאַכט מיר אַ באַנקעט. מיך האָט איבערהויפּט זייער אומרואיק געמאַכט דער געדאַנק, אַז מען וועט מסתם פֿון מיר פֿאָדערן אַ רעדע... דאָס האָב איך געפֿילט איז ניט פֿאַר מיינע כּוחות... ניין, זאָלן זיי בעסער ניט פֿאָדערן פֿון מיר קיין רעדע...

איך בין געזעסן אין אויטאָמאָביל ווי אויף הייסע קוילן. צוליב וואָס האָב איך עס געדאַרפֿט? דאַרף איך נאָך אָפּקומען פֿאַר דעם וואָס מיינע 3 ביכער זיינען אַרויס און איך האָב פֿון זיי ניט קיין איין גראָשן?

דערווייל, ווען מיר זיינען אַזוי אַרומגעפֿאָרן מיט דער מאַשין, זיינען זיך אין קאַפֿע „איראַפּע" צוזאַמענגעקומען אַ שיין ביסעלע שרייבער. די קאַפֿע איז שוין געווען איבערגעפּאַקט און איך, דער חתן, בין גאָר נישטאָ. עס ווערט ניין דער זייגער; דאָס עסן איז שוין פֿאַרטיק און מען איז אומרואיק: — אפשר וועט ראַבאַי ניט קומען?... ווער ווייסט?!... האָמסון גייט אויך נישט צו זיינע באַנקעטן...

האָט מען באַשלאָסן אַרויסצושיקן שטאָפּעטן מיט טעקסיס, איינע צו מיין בראָנקסער היים און אַ צווייטע צו מיינע עלטערנס הויז.

— מען זאָל מיך ברענגען!

איך מיט מיין ברודער האָבן דערזען, אַז דער שטאָט־זייגער האָט שוין באַלד האַלב נאָך 9, האָבן מיר באַשלאָסן צו פֿאָרן צום באַנקעט — מילא, וועלן מיר זיין אַביסל פֿריער... נאָר איידער מיר האָבן זיך דערשלאָגן ביז צו איסט בראָדוועי איז שוין מסתּם געווען 10 אַזייגער.

מיר טוען אַ קוק אַריין אין קאַפֿע — ערשט דאָס פּלאַץ איז אָנגעפּילט און מיר קאָנען קוים אַריינגיין. עס ווערט אַ געפּילדער און אַ געשריי:

— ער איז דאָ! ער איז דאָ! און אַ געפּלעסקעריי: — הוראַ! הוראַ!

איך בין געוואָרן פֿאַרשטיינערט פֿון גרויס פֿרייד און האָב שוין ניט געוואוסט וואו איך בין.

צוויי קאָלעגן, מנחם און משה לייב האַלפּערן, כאַפּן מיך אָן ביי די אָרעמס און טראָגן מיך ממש אַריין אין קאַפֿע.

זעקס־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין פֿאַרשפּעטיקונג צו מיין באַנקעט, וואָס מ'האָט געגעבן לכבוד דער דערשיינונג פֿון מיינע דריי ביכער, האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט און אויך שפּעטער ווען איך האָב זיך נאָר דערמאָנט, וואָס איך האָב אָפּ־געטאָן: געלאָזט אַזוי פֿיל יידישע שרייבער וואַרטן אויף מיר!

עס איז ניט געווען מיין וועג. אַזעלכער ווי איך, האָב געדאַרפֿט וואַרטן אויף זיי. עס טוט מיר נאָך איצט, אַזוי פֿיל יאָר שפּעטער, שטאַרק וויי פֿאַר וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט.

באַלד אויפֿן אָרט האָט זיך מיר אַביסל דער קאָפּ פֿאַרדרייט, ווען איך האָב דערזען קאַפֿע „איראָפּע" אָנגעפֿילט מיט אַ סך פֿון די עלטערע, אינגערע און גאָר יונגע שריפֿטשטעלער.

איך האָב צו זיך אַליין געטראַכט: זיי זיינען אַלע דאָ ביי מיין באַנ־קעט, ווייל מסתמא קומט מיר אַזאַ כבוד... דאָס שטעל איך זיך איצט פֿאָר, אַז איך האָב מסתם אַזוי געטראַכט.

מען האָט מיך באַזעצט אויבן־אָן מיט מיין ווייב און מיט מיין ברודער מאָריס מיט זיין ווייב בעקי.

די קאַפֿע „איראָפּע" איז באַשטאַנען פֿון צוויי גרויסע צימערן. די צימערן זיינען געווען אָפּגעטיילט מיט צוויי ריזיקע זיך פֿאַנאַנדעררוקנדי־קע טירן. ווען מען האָט די טיר פֿאַרמאַכט, זיינען די צוויי צימערן געווען באַזונדער. האָט מען איצט די צוויי טירן אויפֿגערוקט און עס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז די צוויי צימערן זיינען איין לאַנגער צימער. איבער דער לענג איז געשטאַנען אַ טיש, ביי די ווענט טישן און אויבן־אָן אויך אַ טיש פֿאַר מיר מיט דעם פֿאָרזיצער. אין קאַפֿע איז ניט געווען איבעריק ליכטיק. דער פּאַפּיראָסן־רויך האָט זיך געקנוילט אין דער לופֿטן. אויף די טישן זיינען געווען פֿלעשער וויין און בראָנפֿן. דער עולם שרייבער איז שוין געווען פֿריילעך און אַ ביסל אָנגעטרונקען.

די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט דאָס עסן. און איבער דער קאַפֿע האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען און דאָס געקלאַנג פֿון טעלער און גאָפּל־מעסער.

אָבער וואָס נעענטער עס איז געקומען צו דעם מאָמענט, ווען די רעדעס וועלן זיך אָנהויבן, אַלץ מער נערוועז בין איך געוואָרן. קיינער

האָט ניט געקאָנט זען ווי מיינע קני ציטערן. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ געפּיל, אַז איך האָב געוואָלט, ווען איך וואָלט געקאָנט, אַנטלויפֿן אַהיים.

עס זיצן אָבער צוויי דיכטער ביי מיר פֿון ביידע זייטן: מנחם און מ. ל. האַלפּערין. זיי צערטלען מיך מיט ווייכע רייד. זיי האָבן מיך ביידע זייער ליב, פּונקט ווי איך האָב זיי ליב.

האַלפּערין שושקעט מיר אין אויער:

— וועסט ריידן צום ערשטן?

— חס־וחלילה! איך וועל גאָרניט ריידן! — זאָג איך אים.

— הער נאָר! ער וויל גאָרניט ריידן!

— לאָז אים צום לעצט! — באַשטימט מנחם.

— איך וועל ניט ריידן! איר ווילט אַז איך זאָל לעבן, דאַן לאָזט מיך זיצן שטיל — בעט איך זיך ביי זיי ווי ביי צוויי גזלנים.

און אָט דערענדיקט מען שוין יעדער איינער זיין פּאַרציע הון מיט צימעס.

האַלפּערין גיט אַ קלונג מיט אַ גאָפּל אין טעלער. ביי מיר רייסט זיך אָפּ דאָס האַרץ. איצט קלאַפּן שוין מיינע ציין ווי מיט העמערלעך. ווען מען פּרוּווט ביי מיר די טעמפּעראַטור, וואָלט מען זיך געוויס דער־שראָקן. איך ברען ווי אַ קאַלך־אויוון און די פּיס פֿרירן ביי מיר. די קני ציטערן. אין די אויערן זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. איך הער שוין וואָס האַלפּערין זאָגט, וואָס אַנדערע שריפֿטשטעלער זאָגן וועגן מיינע ביכער, וועגן מיר פּערזענלעך.

צוליב וואָס האָב איך עס געדאַרפֿט? פֿאַרוואָס קומט מיר, אַז איך זאָל זיך אַזוי פּלאָגן?

אין קאָפּ ווערט אַלע מאָל אַ געוואַלד און אַ געפּילדער. דאָס שטעלט מען מסתּם פֿאָר אַלע מאָל אַ נייע פּערזאָן.

זיי איז אַלע גוט און פֿריילעך. נאָר מיר איז פֿינצטער אין די אויגן. איך פֿאַרשעלט זיך, פֿאַרוואָס איך האָב גאָר גענומען די פּען אין מיינע הענט.

און ווען וועט דאָס אַלץ שוין זיין פֿאַריבער? איך וואָלט שוין אַזוי געוואָלט זיין אין דער היים!

— גענוג!... — שעפּטשע איך אין מנחמס אויער — זאָל שוין נעמען אַ סוף!...

מנחם שמייכלט: — ער וועט זיך באַלד צוגעוואוינען!...

עס זאָל אים נאָר ניט אָנקומען וואָס איך האָב אים אין יענעם אָוונט געוואונטשן. ער איז שוין מער ניט געווען מיין גוטער חבר, נאָר מיינער אַ שונא.

און משה לייבן האָב איך גאָר ניט געקאָנט צוימען. ער איז אַריין אין זיין ראָליע און זיך געוויצלט און געקרימט מיט זיינע ליפּן און זיין פּנים האָט געפּלאַקערט מיט הייס בלוט.

הכלל, איך האָב זיך אַזוי אָפּגעמוטשעט אַ שיינע פּאָר שעה. און דער־נאָך ערשט גיט זיך האַלפערין אַ זאָגעלע, אַזוי פּשוט און פּראָסט:

— איצט נאָט אייך דעם בעל־יובל אַליין...

דער עולם שטעלט זיך אויף און איך שטעל זיך אויך קוים אויף. מען פּאַטשט בראַוואָ. איך פּיל, אַז איך שטיי ווי אַ נאַר. עס פּלאַמען מיר די באַקן פּאַר בושה.

און ענדלעך זעצן זיך אַלע אַוועק: שוין, טראַכט איך, איבערגעקומען!

— אַ רעדע!...

— מיר ווילן אים הערן ריידן!...

— אַ רעדע!...

דאָס זיינען געווען קולות פון אַלע טישן.

— נו, זאָג עפּעס! — שטופּט מיך אונטער האַלפּערן.

— איך קאָן ניט!

הויבט זיך האַלפּערין אויף און דערקלערט, אַז איך קאָן ניט ריידן. הויבט זיך שוין אויף דער דיכטער יהואש און זאָגט:

— וואָס הייסט ער קאָן ניט? זאָל ער אונז כאָטש זאָגן אַ דאַנק!...

הכלל, ביידע קאַלעגן פון מיינע ביידע זייטן הויבן מיך אויף און איך מורמל אַרויס שטילערהייט:

— אַ דאַנק!...

דאַנקען און לויבן גאָט, עס האָט זיך געענדיקט. מען דערלאַנגט מיר אַ מתנה: אַ ליולקע...

די ווישעס, אַ שוועסטער און אַ ברודער, גיבן מיר אָט די שיינע מתנה מיט אַן אויפשריפט אויפן גאָלדן רינגעלע, וואָס איז אויף דעם בורשטין פיסקל פון דער ליולקע.

איך באַטראַכט די ליולקע. זי איז ווייס און צאַרט, ווי אַ פרויען צאַרט לייב. זי איז גרינג ווי אַ פעדער און זי ליגט באַהאַלטן אין אַ לעדערנעם שאַכטעלע אויסגעבעט מיט זיידנס, אַזוי ווי אַ גוטע מוזיקאַלישע כלי אין אַ פוטליאַר.

חוץ אָט דער שיינער ליולקע האָבן מיר די ווישעס געגעבן אַ זילבערן צינדערל אין דער פאָרם פון אַ ביכעלע מיט טאָוועלעך. דאָס צינדערל האָט מען געדאַרפט „שלאָגן” אַזוי ווי אַ קרעמען־שטיינדל מיט אַ שטיקל שטאָל און מיט וואָל. אויך דאָס דאָזיקע צינדערל האָט געהאַט אַ שטיקל שטאָל

מיט וואַל אין איין עק. דאָס וואָל איז געווען איינגעטונקען אין בענזין און ווען מען האָט „געשלאָגן" און עס זיינען געפלויגן פונקען, האָט זיך דאָס וואָל אָנגעכאַפּט פון די פונקען. אויך האָבן זיי מיר געגעבן אַ סלאַי מיט טוטין, צוגעפּראַוועט מיט האָניק.

איך האָב באַלד אָנגעפּילט די ליולקע מיט דעם האָניק־זיסן טוטין און „געקלאַפּט" פייער און פאַררויכערט. און מיינע צוויי לייענער, די ווישעס, האָבן הנאה געהאַט, און דער עולם, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן אין פאַנאַנדערגיין, האָט אויך געקלאַפּט בראַוואָ.

איך האָב נאָך אַזאַ טייערע ליולקע ניט פאַרמאָגט אין מיין לעבן. געוויינלעך האָב איך געקויפט אַ 50 סענטיקע פּיפּקע אָדער דאָס העכסטע פאַר אַ דאָלער. מיין טאַבאַק, וואָס איך האָב גערויכערט אַלע טאָג פון אַ אַ גאַנץ יאָר, איז געווען גאַנץ פּשוטער טאַבאַק. און דאָ קריג איך אַ „מיר־שוים" פּיפּקע!

עס איז גרינג און זיס צו רויכערן. און דאָס בורשטינענע פּיסקל איז טאַקע לויטער ווי בורשטין קאָן זיין. מען קאָן זען ווי דער רויך גייט דורכן רערל פון פּיסקל.

—לוינט זיך טאַקע ניט צו זיין אַ שרייבער? — פרעגן קאָלעגן און זיינען מיר מקנא מיט דער מתנה.

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. עס איז שוין באַלד צוויי. מיר גייען אַרויס פון דער קאַפע. די יונגע און דער דיכטער אַברהם רייזין מיט זיי שרייען אַלע אין איין קול, אַז מען דאַרף ערשט גיין אין מאַשקאָוויטשעס קעלער, טרינקען דעם אמתן בעסאַראַביער ווין און עסן קאַדע.

מען כאַפּט זיך אַריין אין אַן אויטאָמאָביל און מען פירט מיך אין מאַשקאָוויטשעס קעלער.

דאָ אין דעם רומענישן ווינקעלער טרינקען מיר זויערן, חלשותדיקן ווין מיט דאַרער קישקע און מאַשקאָוויטש שפּילט אויפן צימבל. דאָ אין קעלער איז שוין פון פריער פאַראַן אַ פרעמדער עולם. מען געפינט פאַר אונז קוים אַן אָרט אין אַ ווינקל.

דער פרעמדער עולם גלאָצט אויף מיר מיט שכורע אויגן. איך לייען אין זייערע בליקן, אַז זיי וואונדערן זיך, וואָס מען מאַכט אַזאַ טאַראַראַם וועגן מיר. איך האָב געמוזט אויסזען שרעקלעך מיד. און מאַשקאָוויטש צימבלט אויף זיין צימבל; די קאָלעגן טאַנצן און שרייען. פלעשער מיט ווין ווערן דערלאַנגט. די דאַרע קישקע איז געפעפערט און מאַכט דורשטיק.

איצט וועט אונז ראַבאַי אָפּגעבן זיין רעדע! —שרייט רייזין.

— אַ רעדע!... — שרייען אַנדערע.
איך האָב געזען, אַז עס איז שלעכט. אָט ווערט שוין דער צימבל שטיל און אַלע קערן זיך אום מיט זייערע פּנימער צו מיר און מען וואַרט אויף מיין רעדע.
האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין אַרויס פון קעלער.
אויף סעקאַנד עווענין איז שוין געווען די קילע, פרישע מאָרגנדיקע לופט. דער הימל האָט זיך שוין געגרויט און די מילך־וועגענער זיינען געפאָרן. איך האָב זיך אָפּגעפרישט און בין געוואָרן אויס־חתן. די פרי־מאָרגן לופט האָט מיך צוריקגעבראַכט אויף דער ערד און איך האָב דער־פילט, אַז דאָס וואָס עס איז געשען ביינאַכט איז געווען אַ קאָשמאַר, אַ שווערער חלום.
אַ פּאָר גוטע נאָענטע מיט מיין ברודער און זיין ווייב זיינען אַרויס־געקומען אויף דער גאַס צו מיר. און האַלפּערין האָט געזאָגט אַז איצט ווילט זיך אים זיצן מיט ראַבאָין און טרינקען אַ טעפּל קאַווע.
עס איז געווען אַזוי פיל מענטשלעכעס, רירנדיקעס אין אָט דעם פאַרלאַנג, אַז איך האָב עס אויך דערפילט, אַז מיר מוזן טרינקען אַ טע־פּעלע קאַווע.
ערשט איצט איז מען אַריין אין קאַפע „ראַיאַל". אָבער מיר זיינען שוין דאָ געווען ניט קיין געבעטענע געסט, ווייל מען האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן. אָבער מען האָט צוליב געטאָן משה לייבן און פאַר אונז געמאַכט קאַווע.
מיר זיינען געזעסן אַלע אַרום איין טיש ווי איין פאַמיליע און גע־טרונקען קאַווע מיט זעמעלעך. און האַלפּערין האָט געזאָגט עפּעס, וואָס איך וועל שטענדיק געדענקען:
— איך רייד עס פאַר אים, פאַר ראַבאָין — צום שוואַרצן יאָר!... אויף דער יידישער גאַס דאַרפ'ן פויקן מיט צען פויקן כדי מען זאָל אייך הערן... און ער איז אַזאַ שטילער... צו'ן אַל־די רוחות! גיט מיר בעסער איין שוויגער אַזוינעם און נעמט אייך אייערע טויזנטער פויקערס!... פּשאַ־קרעוו!...

זיבן־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

דעם קומענדיקן מאָנטיק אינדערפֿרי בין איך ווידער געגאַנגען אין שאַפּ אַרבעטן. דער באַנקעט האָט מיך איבערגעלאָזן מיט ליידיקייט און מיר נאָך פֿאַרשאַפֿט אַ סך עגמת־נפֿש.

אין מיין אָפּטיילונג אין שאַפּ האָט איצט געאַרבעט אַן איטאַליענישער בחור מיטן נאָמען זוקעראָ, אַ שיינער, פֿיין־דערצויגענער בחור פֿון זייער פֿיינע עלטערן ערגעץ אין פּאַלערמאָ, איטאַליע. איך האָב זיך מיט דעם זוקעראָ זייער נאָענט באַפֿריינדעט. מיר זיינען געזעסן ביי איין טיש און ווען עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן, האָט ער מיר דערציילט פֿון זיין לעבן און איך אים פֿון מיין לעבן.

יענעם מאָנטיק נאָך מיין באַנקעט איז גראָד נישט געווען וואָס צו טאָן. זוקעראָ האָט מיר דערציילט ווי אַזוי ער האָט פֿאַרבראַכט זיין זונטיק און איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געהאַט אַ באַנקעט; אַז איך האָב שוין אַרויסגעגעבן דריי ביכער, האָט שוין זוקעראָ געוואוסט פֿון פֿריער. אים האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן וואָס ער קען ניט לייענען יידיש. איך האָב אים געמוזט דערציילן דעם אינהאַלט פֿון מיינע דריי ביכער און ער האָט זיך זייער פֿאַראינטערעסירט אין זיי. זוקעראָ, האָט זיך מיר געדאַכט, מוז אויך זיין אַן איטאַליענישער שרייבער.

— ניין — האָט ער מיין פֿאַרדאַכט אָפּגעלייקנט — דאַנקען גאָט, איך בין אַ גוטער לייענער...

— איז דאָ אין אַמעריקע אַן איטאַליענישע ליטעראַטור? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— יאָ, עס קומען אַן ביכער פֿון איטאַליע. אָבער מיר איטאַליענער־אַמעריקאַנער שרייבן דאָ־הי ניט קיין איטאַליענישע ליטעראַטור — דערקלערט מיר זוקעראָ גאַנץ דרייסט און געזונט, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ פֿעלער, דאָס וואָס מיר יידן שאַפֿן יאָ אַ יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

— איר האָט דאָך צייטונגען איטאַליעניש.

— צייטונגען יאָ, אָבער ניט קיין ליטעראַטור.

— פֿאַרוואָס?

— וועל, איך קאָן עס ניט דערקלערן. אַזוי איז עס.

— און איר זאָרגט זיך גאָר ניט וועגן אייער קולטור ?

— ווי שוד וואָרי !... מיר האָבן אַ קולטור אין דער היים.

— דאָס ווייס איך. אָבער וואָס וועט זיין מיט די מיליאָנען איטאַ־ליענער דאָ אין אַמעריקע ?

— זיי זיינען איטאַליענער אין אַמעריקע — זאָגט זוקעראָ — אַט בין איך געקומען און וועל דאָ בלייבן אין אַמעריקע. איך ווייס נאָך זייער פּיל פון איטאַליענישע מנהגים. מיינע קינדער וועלן שוין גאָר ניט וויסן. אָבער איטאַליע וועט בלייבן איטאַליע.

— זוקעראָ, מיר יידן קאָנען אַזוי ניט ריידן. מיר האָבן ניט קיין אייגן לאַנד — איז אונזער קולטור אונזער לאַנד. פירן מיר אונזער קול־טור, וואו מיר זיינען.

— איך פאַרשטיי... האָט מען דיר, הייסט עס, געמאַכט אַ באַנקעט. האָט מען דיר אויך געבראַכט מתנות ?

— יאָ, אַ מירשעם פאַיפּ — אַט איז זי — נעם איך אַרויס דאָס שאַכטעלע און ווייז אים מיין מתנה. זוקעראָ קוקט אָן די ליולקע און זאָגט: „איך ווייס וואו מען האָט זי געקויפט".

— וואו ?

— אין שולטיס. זי קאָסט 47 דאָלער מיט 50 סענט.

— אַזוי פּיל ?!

— מיר וועלן אָראָפּגיין עסן דינער, וועלן מיר צוגיין צו שולטיס און מיר וועלן זען אין פענצטער פּונקט אַזאַ פאַיפּ.

— זיבן און פערציק און אַ האַלב דאָלער !

— יאָ.

— מען דאַרף זיין משוגע אויסצוגעבן אַזוי פּיל געלט אויף אַ פאַיפּ.

— זי איז עס ווערט.

און באַלד איז שוין געשטאַנען מאַיק, דער פאָרמאַן, לעבן אונז און אויך אָנגעקוקט די מירשעם פאַיפּ. שפּעטער זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע מענער אַרבעטער און אָנגעקוקט דאָס וואונדער. אַ פאַיפּ פאַר 47 און אַ האַלב דאָלער !

— אַזוינס רויבערן מיליאָנערן.

— איך וואָלט עס מורא געהאַט צו האַלטן אין מויל.

— ווי וועט זיין, אַז דו לאָזט עס אַראָפּ אויף דער ערד ?

— עס איז אומצעברעכבאַר.

אַ צווייטער איטאַליענער אַרבעטער איז געווען אין שאַפּ מיטן נאָמען דזשיוואַנעטי, אַ פּרעסער. ביי אונז אין שאַפּ האָבן זיך די פּרעסער גע־

האַלטן פֿאַר מיוחסים, און דזשיוואַנעטי האָט זיך חוץ דעם אויך פֿאַר־רעכנט פֿאַר זייער אַ קלוגן יונגנמאַן. זיין קלוגשאַפֿט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט קיינעם גאָרניט געגלויבט און ווען עמיצער האָט עפּעס געזאָגט, האָט ער געזאָגט אַז עס איז ניט אַזוי.

אַז דזשיוואַנעטי האָט דערזען מיין מירשעם פּאַיפּ האָט ער באַלד געזאָגט, אַז ערשטנס גלויבט ער ניט, אַז מען זאָל מיר עמיצער האָבן געגעבן אַזאַ פּרעזענט. צווייטנס איז די פּאַיפּ גאָר ניט קיין מירשעם פּאַיפּ און, דריטנס, איז מירשעם גאָר ניט אַזאַ מציאה.

— דזשיוואַנעטי, דו גלויבסט ניט, אַז מען האָט מיר עס געשענקט?

— בין איך אַזש געוואָרן אַ פֿאַרציטערטער.

— ניין, איך גלויב ניט. פֿאַרוואָס גיט מען מיר ניט אַזעלכע פּרעזענטן? וועסט מיר ניט איינריידן, אַז עס איז דאָ אַזאַ משוגענער, וואָס וועט זיך וואַרפֿן מיט געלט.

די איבעריקע דריי פּרעסער זיינען דווקא געווען יידן. איינער מיס־טער העלער, שוין א ייד אין די שפּעטערע פֿופֿציקער, אַן אונגאַרישער ייד מיטן אמתן געזונטן יידישן לשון ווי אַזוי אונגאַרישע יידן ריידן. דער צווייטער ייד, מעקס היימאַן, אַן אַמעריקאַנער יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך זייער גוט גערעדט יידיש, כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע; געגאַנגען אויף דער איסט־סאַיד אין חדר. דער דריטער, אַ גאַליציאַנער יידישער יונגערמאַן, מיטן נאָמען קוירנגיס, אַ דאַרער, אַ ביסל אַן אויסגעבויגענער אין דער פּלייצע. אָט די אַלע דריי יידישע אַרבעטער האָבן אַפֿילו ניט געוואוסט צי עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור אין אַמע־ריקע. זיי האָבן געוואוסט אַז איך שרייב „סטאָרים" און ביכער, אָבער גע־לייענט האָבן זיי מיך ניט, פּונקט ווי זיי האָבן קיין אַנדערע ניט געלייענט. זיי זיינען געווען, דאָס וואָס מען רופֿט אַן, פּראָסטע מענטשן, ערלעכע אַר־בעטער מענטשן; געלעבט, געאַרבעט, געגעסן, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט; געמיינט, אַז זיי זיינען קלוג ווי זייערס אַ גלייכן דאַרף זיין קלוג; געלייענט אַ צייטונג און דערמיט פּאַסירט...

אַז איך זאָל זיך אַוועקשטעלן פֿאַר אָט די מענטשן און פֿאַרטיידיקן מיין שרייבערישע ווירדע, האָב איך ניט געפֿילט פֿאַר נויטיק. און ווען איינער פֿון זיי, דזשיוואַנעטי, האָט געפּרואווט מאַכן פֿון מיר גאַרנישט און דערצו נאָך מיך מאַכן פֿאַר אַ ליגנער, האָב איך עס צוגענומען ווי אַ ספּאָרט און געשוויגן. אמת, איך האָב פֿאַרקוועטשט מיינע ציין, אָבער איך האָב געשוויגן.

מיין איטאַליענער חבר זוקעראַ האָט אָבער ניט געוואָלט פֿאַרשווייגן.

— וואָס ווייסטו, דזשיוואַנעטי, וועגן מירשעם פּאַיפּס?

— איך ווייס, אַז זיי קומען פֿון די טיפֿענישן פֿון ים.

— ריכטיק — ענטפֿערט זוקעראָ — אָבער פֿאַרוואָס גלויבסטו ניט, אַז מען האָט מיסטער ראַבאַין געשאָנקען די פּאַיפּ?

— ער מוז עס באַווייזן, אַנדערש גלויב איך קיינעם ניט.

— ווי אַזוי קאָן ער עס דיר באַווייזן?

— טאָקע דערפֿאַר גלויב איך ניט.

— דאָס איז ניט קיין ספּאָרט.

— איך בין אַזאַ ספּאָרט ווי ווער עס איז.

דער פֿאָרמאַן מאַיק איז גראָד געוואָרן אין שאָפּ די לעצטע צייט זייער אַ גרויסער טעאָרעטיקער וועגן ספּאָרט. ער האָט געוואוסט אַלע נעמען פֿון די בעיזבאָל־שפּילער פֿון אַלע שטעט אין אַמעריקע. ער האָט אויך געוואוסט וואָס פֿאַר אַ פֿאַיטער קאָן געבן בעסערע בוכטשעס. קורץ — ער איז געווען אַ גאַנצער עקספּערט פֿון ספּאָרט. אַז מאַיק האָט דערהערט ווי זיינע צוויי „לאַנדסלייט" וואַרפֿן זיך אויף דאָס וואָרט „ספּאָרט", האָט ער זיך אויך אַריינגעמישט אין געשפּרעך.

— אַ ספּאָרט איז דער וועלכער נעמט ניט קיין בלאַף... — האָט מאַיק געגעבן זיין הסכּמה. מאַיק האָט אויף מיר געהאַט דאָס „כּשרע" האַרץ. און ער האָט מיך ניט ליב געהאַט אי אַלס ייד, אי אַלס אַרבעטער, כאָטש מיין אַרבעט איז געווען תּמיד זייער גוט. די דזשאַינערס האָבן גראָד ליב געהאַט, אַז ער זאָל מאַכן סעמפּלס. מאַיקן איז אָבער ניט געפֿעלן וואָס מען הייסט אים, אַז ער זאָל מיר לאָזן מאַכן די סעמפּלס. דאָס האָט דאָך אויסגעזען, אַז איך בין דער נומער איינס בעל־מלאכה. און מאַיק האָט גאָר געוואָלט אַז זוקעראָ זאָל מאַכן די סעמפּלס. זוקעראָ איז אָבער געווען אַ קורץ־זיכטיקער און האָט ניט געקאָנט שניידן אַזאַ גוטע ליניע ווי איך האָב געקאָנט. זוקעראָ אַליין האָט עס צוגעגעבן. און זוקעראָ האָט דעריבער צו מיר גאָרניט געהאַט פּערזענלעך. פֿאַרקערט, זוקעראָ איז גאָר מיט מיר געווען זייער חבריש. אָבער מאַיק האָט געברענט מיט צאָרן אויף מיר.

איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט מיט מיר זיך אָפּרעכענען. און ער האָט אויך געמאַכט צו גאָרנישט מיין מירשעם פּאַיפּ.

— וועל, ווען עמיצער פֿון איך זאָל אַמאָל זיצן אין יענקי סטאַדיום, ווען בעיב רוט קנאַקט אַ האָום־ראַן, וואָלט איר געזען ווי די ספּאָרטס וואַרפֿן אויפֿן פֿעלד מיט טויזנטער פּאַיפּס און קיינער טראַכט אַפֿילו ניט זיי צו גיין אויפֿהויבן — האָט מאַיק געזאָגט — אויך מיר אַ זאַך, אַ מירשעם פּאַיפּ.

דער גאַנצער ענין איז מיר געוואָרן דערווידער פֿון אַזעלכע רייד. פֿונדעסטוועגן בין איך מיט מיין פֿריינט זוקעראָ אַראָפּ עסן דינער און מיר

זיינעןביידע צוגעגאַנגען צום ראָג פֿון 42טער גאַס און 5טער עוועניו. דאָרט איז געווען אַ שולטי סיגאַר־סטאָר.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איך האָב דערזען אין פֿענצטער אויסגעשטעלט פּונקט אַזאַ ליולקע ווי מיינע און אַז לעבן איר איז געלעגן אַ צעטעלע: 47 דאָלאַר מיט 50 סענט.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — טריאומפֿירט זוקעראָ.

— פּונקט ווי מיין פּאַיפּ — פֿריי איך זיך.

— לאָמיר אַריינגיין און אויסגעפֿינען צי מען האָט זי טאַקע דאָ אין סטאָר געקויפֿט — זאָגט זוקעראָ.

— עס איז ניט שיין.

— מיר וועלן געפֿינען אַן אויסרייד. פֿרעג ביי זיי ווי אַזוי מען דאַרף זי „אויסקורירן".

— גוט. איך וויל טאַקע וויסן ווי אַזוי מען דאַרף זי „אויסקורירן".

מיר גייען אַריין. הינטערן קאָונטער שטייט אַ פֿייגער דזשענטלמאַן. איך פֿרעג אים צי ער ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין מיטן „אויס־קורירן" אָט־די מירשעם פּאַיפּ.

דער דזשענטלמאַן גיט מיך אַ מעסט אָפּ מיט זיינע קלוגע אויגן.

— איטס יו?! — זאָגט ער מיט פֿאַרוואונדערונג — אַ יונגע לעדי האָט עס ביי מיר געקויפֿט לעצטע וואָך. איטס פֿאַני!... און איך האָב די ערע צו זען דיך אַליין.

זוקעראָ גיט מיך אַ קניפּ אין ווייכן פֿלייש פֿון מיין האַנט.

— וועל, וועל, איך בין זייער צופֿרידן דיך צו קאָנען — זאָגט דער סוחר מיט אַן איידעלן נויג פֿון זיין קאָפּ — אַ מירשעם פּאַיפּ איז ניט אַזוי גרינג צו „קורירן". זי מוז ווערן ברוין צוביסלעך און מען מוז עס אָנהויבן פֿון אונטן ביז אַרויף.

— אָבער ווי אַזוי טוט מען עס?

— מען רויכערט צוביסלעך. פֿילט ניט אָן די פּאַיפּ אין גאַנצן, נאָר צו ביסלעך. און אַז וועסט זען, אַז די פּאַיפּ ווערט אַביסל ברוין, פֿיל אָן אַביסעלע מערער טאַבאַק און אַזוי ווייטער. פֿאַרגעס ניט, אַז זי מוז ווערן ברוין פֿריער פֿון אונטן, ניט פֿריער פֿון אויבן.

איך האָב אים באַדאַנקט און מיר זיינען אַרויס. זוקעראָ איז דאָך געווען צופֿרידן, וואָס ער האָט געטראָפֿן. אָבער איך בין געווען נאָך מערער צו־פֿרידן, וואָס עס זיינען דאָ אין אַמעריקע יידישע לייענער, וואָס שאַצן מיך אָפּ אַזוי שטאַרק אַז זיי גיבן מיר אַזאַ מתנה...

אכט־און־דרייסיקסטער קאפיטל

אין פרילינג 1920 איז אונזער אינגעלע אלט געווארן 6 יאר און ער האט שוין געזאלט אנהויבן צו גיין אין פאבליק סקול. מיר האבן זיך זייער געפרייט, וואס מיר האבן דערלעבט דעם מאמענט און מיר האבן צוליב דעם איינגעארדנט א יום־טוב אין א זונטיק בייטאג. זאל דאס אינגעלע וויסן, אז מיר האבן אים אין זינען. מיר האבן איינגעלאדן די גאנצע פא־מיליע ברידער, קאזינס, פעטערס און מומעס, אויך דעם זיידן מיט דער באבען.

קאלעגן שרייבער האבן מיר ניט איינגעלאדן, ווייל ווי עס האט זיך דעמאלט געפירט ביי דאס רוב פון די „יונגע" איז דאס פערזענלעכע פאמיליע־לעבן געווען טאבו... אויף מיר האט מען געקוקט אביסעלע קרום פארוואס איך בין א היים־זיצער און מען האט אין דער שטיל און אונטער מיינע אויגן פון מיר געלאכט, וואס איך האלט זיך אזוי „נאענט" מיט מיין ווייב און קינד פאר אזא „באלעבאטיש" לעבן... שפעטער אין א פאר יאר איז דער קורס געביטן געווארן און מען האט אנגעהויבן צו פארהער־לעכן די היים. מען האט אנגעגעבן תירוצים אז מען ווערט עלטער... אבער איך ווייס פון מיין דערפארונג, אז ביי מיר איז עס ניט געווען קיין פראגע פון עלטער. איך האב געלעבט אין דעם קרייז פון מיין פאמיליע, ווי יעדער דורכשניטלעכער מענטש. עס איז מיר קיין מאל ניט איינגע־פאלן זיך צו באטראכטן ווי אן אויסנאם פון א געוויינלעכן מענטשן, דער פאר וואס איך שרייב און אנדערע שרייבן נישט.

איך האב געהאט מיין פארגיטיקונג פאר מיין שרייבן: אי בשעת איך האב געשריבן און אויך נאך דעם ווי איך האב אפגעדרוקט אדער ארויס־געגעבן מיינע ביכער. כאטש קיין שום קאנטאקט מיטן לייענער האב איך ניט געהאט און עס האט אויסגעוויזן אז איך שרייב נאר פאר מיינע קאלעגן־שרייבער.

איז, הייסט עס, האבן מיר געמאכט א יום־טוב לכבוד אונזער אינ־געלעס זעקסטן יאר און די משפחה איז געקומען און מען האט געבראכט מתנות. און מיר האבן אונזער אינגעלע אוועקגעזעצט אויבן־אן און אלע קינדערלעך ארום טיש. אבער דאס אינגעלע אונזערס האט ניט געוואלט

זיצן. ער האָט בעסער געוואָלט שטיין ביי דער טיר און ווען עמיצער האָט געקלונגען האָט ער געעפֿנט די טיר און דאָס ערשטע געטאָן אַ כאַפּ זיין מתנה. אים איז גאָר ניט אָנגעשטאַנען קיין שום אַנדער זאַך חוץ די פּעקעלעך, וואָס יעדער איינער האָט געבראַכט. ער האָט באַלד אויפֿגעבונדן די פּעקעלעך און אָנגעקוקט די מתּנות. און איז אים די מתּנה געפֿעלן האָט ער זיך געפֿרייט. פֿאַרקערט, טאָמער איז אים די מתּנה ניט געפֿעלן, האָט ער זיך צעוויינט. און טאָמער האָבן די אַנדערע קינדערלעך געוואָלט אָנקוקן אָדער אָנטאַפּן איינע פֿון זיינע מתּנות, האָט ער זיך גאָר גענומען טרייבן די קינדער פֿון שטוב.

מילא, די קינדערלעך פֿון דעם הויז וואו מיר האָבן געוואוינט האָבן געהאָט אַ לייכטע אָפּקומעניש. אָבער וואָס טוט מען מיט די קינדערלעך, וואָס ברידער און קאָזינס און מומעס און פֿעטערס האָבן געבראַכט אַזש פֿון דאַון־טאַון?

מיר האָבן זיך ביי אונזער אינגעלע געבעטן, אַז ער זאָל פֿאַרשטיין, אַז עס איז אַ יום־טוב און ער זאָל אים ניט פֿאַרשטערן. אָבער ער האָט גאָר ניט געוואָלט הערן דערפֿון.

און די ברידער, קאָזינס, פֿעטערס און מומעס האָבן נעבעך געמוזט זיך אָנטאָן און פֿאָרן אַהיים. ערשט דעמאָלט האָט זיך דער „בעל־שמחה" אַוועקגעזעצט אויפֿן דיל מיט אַלע זיינע מתּנות אַרום זיך און אַ סך פֿון די שפּילעכלעך באַלד קאַליע געמאַכט; די קרעיאָנען און בילדער באַלד פֿאַרפּאַטשקעט. ער איז געווען אַזוי צערודערט, אַז ער האָט יעדע ווילע געוויינט און באַלד ווידער געלאַכט, ביז ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן דיל אַ מידער און איז איינגעשלאָפֿן. און מיר האָבן אים פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן און אים אַריינגעלייגט אין זיין בעט.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך מיט מיין וייב צום ערשטן אים אָפּגעפֿירט ביז צו דער סקול. דאָס קינד האָט זיך זייער געפֿרייט און נאָר געוואָלט, אַז מיר ביידע זאָלן מיט אים אַריינגיין אין קלאַס.

אין קיין יידישער שול האָבן מיר אים ניט געקאָנט אַריינגעבן, ווייל עס איז דעמאָלט געווען דער סאַמע אָנהויב פֿון דער באַוועגונג פֿאַר יידישע וועלטלעכע שולן. אין אונזער געגנט איז קיין שול ניט געווען, סיידן אין אַ תּלמוד־תּורה און מיר האָבן אים ניט געוואָלט אַריינגעבן אין אַ תּלמוד־תּורה. איין אינגעלע פֿון אונזער הויז, טאַקע אונזער אינגעלעס אַ חבר מיטן נאָמען הוירבי, איז יאָ געגאַנגען אין אָט דער תּלמוד־תּורה. האָבן מיר זיך נאָכגעפֿרעגט ביי הוירבין וואָס ער לערנט אין תּלמוד־תּורה.

— מודה אני!... — האָט הוירבי געענטפֿערט מיט אַן אַמעריקאַנעם אַקצענט, וואָס האָט געקלונגען זייער קאָמיש. אָט דאָס אינגעלע הוירבי איז

געווען אַ קינד פֿון גאַליציאַנער עלטערן. ער איז געווען זייער ציטעריק ביי זיינע עלטערן. אַ פֿאָטער אַן אַרעמער אַרבעטער, און אַ מוטער, אַן עכטע פֿאָלקס־פֿרוי. האָט מען אָט־דעם הוירבין פּלוצים געגומען לערנען פֿידל־שפּילן. און אַז אונזער אינגעלע האָט דערזען, אַז הוירבי האָט אַ פֿידעלע, וויל ער אויך אַ פֿידעלע.

איך האָב זייער גוט געדענקט, ווי מיין טאַטע האָט מיך ניט געלאָזט זיך לערנען פֿידל־שפּילן. איז אַזוי גיך ווי אונזער קינד האָט נאָר אַרויס־געזאָגט דעם פֿאַרלאַנג, אַז ער וויל זיך לערנען פֿידל־שפּילן, האָב איך אים געקויפֿט אַ קליין פֿידעלע און אויך געדונגען אַ לערער, אַז ער זאָל אים לערנען פֿידל.

אין שטוב האָט זיך שוין יעדן אָונט, ווען איך פֿלעג קומען אַהיים פֿון דער אַרבעט, געהערט דאָס „סקריפּען“ פֿון אַ פֿידעלע. איך מיט דעם וויב פֿלעגן זיך אָוועקזעצן הערן ווי דאָס אינגעלע אונזערס „גיט אָפּ קאָנצערט“, און זיס איז געווען דאָס סקריפּען זיינס...

דער לערער, גראָד אַ געוועזענער אַרבעטער אין מיין טרעיד, האָט מיין אינגעלע גענומען איין גיכן לערנען לידער צו שפּילן, ווי למשל, די גאַוואָט פֿון „מינאָן“, אָווע מאַריאַ, הומאָרעסק און... אלי־אלי...

אונזער אינגעלעס חבר, הוירבי, האָט זיך געלערנט ביי אַן אַנדערן לערער און נאָך ניט געקאָנט שפּילן קיין מעלאָדיעס פֿון באַקאַנטע לידער, האָט זיך הוירביס מאַמע מיישב געווען און אויך אים אָנגעדונגען צו אונ־זער לערער. דער לערער האָט זיך מיישב געווען, אַז אַזוי ווי ביידע אינגלעך זיינען חברים און וואוינען אין איין הויז, איז פֿאַרוואָס זאָל ער זיי ניט לערנען אין איינעם.

פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין געהאַט אַ גאַנצן אָרקעסטער אין שטוב. די צוויי קינדער האָבן געסקריפּעט אַז עס האָט אַזש געצופּט ביי דער לעבער. אָבער איך און מיין וויב און הוירביס מאַמע פֿלעגן זיצן און זיך איינהערן און שאָקלען מיט די קעפּ בשעת די קינדער האָבן געסקריפּעט.

— כ׳וויס, צי ס׳וועט עפּעס אַרויסקומען... פֿלעגט הוירביס מאַמע זאָגן מיט אַ וויינענדיקער צעפּלאָסענער שטימע.

— נאָר געדולד! נאָר געדולד! — פֿלעגט דער לערער, דוקא אַ ליט־וואַק אונז טרייסטן — איך האָב אויך אַזוי געסקריפּעט ווען איך האָב אָנגעפֿאַנגען...

און דער לערער פֿלעגט געבן אַ נעם זיין פֿידל און זיך געבן אַ שטעל אַוועק און אונז ווייזן ווי אַזוי ער קאָן איצט. ער האָט געשפּילט מיט געפֿיל און דער טאָן זיינער איז געווען אַ ווייכער, אַ האַרציקער.

— נאָר אַן עבירה וואָס איר גיט נישט קיין קאָנצערטן — האָב איך אים געזאָגט — מיט אַזאַ שפּילן וואָלט איר גענומען די צוהערער מיט שטורעם.

— יעס, אָבער ווי אַזוי קומט מען דערצו? איך בין געקומען קיין אַמעריקע און האָב זיך באַלד געמוזט עפּעס אויסלערנען אַ טרעיד, כּדי צו קאָנען מאַכן אַ לעבן — קלאָגט דער לערער — איר ווייסט דאָך, מיר האָבן דאָך געאַרבעט אין איין שאַפּ.

איך האָב באַטראַכט אָט דעם לערער. זיין פּנים איז געווען צעקנייטשט אַזוי ווי אַלטער פּאַרמעט. אַרום די גרויסע ברוינע אויגן — צווי בייטעלעך. דער קאָפּ גלאַט ווי אַן אַרבוז. איך האָב מיט אים צוריק מיט עטלעכע יאָר געאַרבעט אין אַ שאַפּ ביי דראַטענע דאַמען־היטעלעך און ער פּלעגט אַלע מאָל קומען צו דער אַרבעט מיט זיין פּידל אין אַ פּוטליאַר. חברה אַרבעטער האָבן אים געקיבעצט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט אַז ער הערט זיי ניט.

איין מאָל האָבן מיר געאַרבעט „אָווערטאַים“, און מיר, אַרבעטער, האָבן זיך געפּילט גוט און אויפגעלייגט; זיינען מיר שפּעט אין אָוונט צוגעשטאַנען צום בחור מיטן פּידל, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן פּאַר אונז. מיר האָבן אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז מיר האָבן געפּועלט. ער האָט געעפּנט דעם פּוטליאַר, און אַרויסגענומען דעם פּידל און זיך אַוועקגעשטעלט שפּילן אין שאַפּ.

דערנאָך האָט אים שוין קיינער ניט געקיבעצט. ער האָט אונז אַלעמען אַזוי צענומען מיט זיין שפּילן, אַז מיר האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אין אַ שאַפּ, ערגעץ אויף וואוסטער סטריט. ער האָט זיכער אין זיך געהאַט דעם פּונק פון אַ קינסטלער, אָבער זיינע אומשטענדן האָבן אים ניט געלאָזט זיך צו אַנטוויקלען און צו עפּעס דערגרייכן.

עס האָט איצט אויסגעוויזן, אַז ער איז צופרידן מיט דעם, וואָס ער איז כאָטש אַ לערער פון פּידל־שפּילן. ער האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן זיין אַרבעט אין שאַפּ און גיט זיך אָפּ מיט לערנען קינדער שפּילן. עס איז אַן אָרעם לעבן, אָבער ער טוט כאָטש דאָס וואָס ער האָט ליב.

— און איר, האָב איך געהערט, שרייבט? — זאָגט ער צו מיר.

— יאָ.

— מאַכט איר עפּעס דערפון?

—ליידער...

— וואָס־זשע טויג עס?

— ווער זאָגט דען, אַז עס טויג?

— איך האָב געמיינט, אַז אַ שרייבער גייט עס בעסער.

— וואָס איז ער — אַ מיוחס?

— אַ שרייבער, האָב איך געמיינט, איז מער צוגעגנלעך, האָט גרעסערע מעגלעכקייטן, ווי אַ מוזיקער. ווייניק מענטשן פֿאַרשטייען וואָס מוזיק איז כאָטש זיי האָבן ליב מוזיק, ווייל מוזיק איז שפּראַכלאָז; זי רעדט אויף שטום־לשון. אָבער אַ שרייבער האָט אַ שפּראַך, מיט וואָס צו קומען און ריידן.

— זעט איר דאָך, אַז איך מוז אַרבעטן אין שאַפּ.

— עס נעמט צייט — טרייסט ער מיך — ביז מען ווערט באַרימט.

— יאָ! — שמייכל איך.

ניין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

ביז 1922 האָב איך שוין געהאַט אָנגעשריבן צוויי גרעסערע זאַכן וועגן דער ווייטער וועסט, איין גרעסער ווערק וועגן ניי־ענגלאַנד און אויך איין גרעסער ווערק וועגן מיין שטעטל אין בעסאַראַביע.

אָבער וועגן דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק און וועגן שאָפּ האָב איך נאָך גאָרנישט געהאַט אָנגעשריבן.

עפּעס איין מיר איגוויינעיק האָט געהאַלטן אין איין מאָנען ביי מיר:

— פאַרוואָס שרייבסטו ניט וועגן ניו־יאָרקער לעבן? פאַרוואָס שרייבסטו ניט אָן עפּעס אַ גרעסערע זאַך וועגן שאָפּ?

און טאַקע אין דער אמתן, אַט האָב איך געאַרבעט עטלעכע יאָר ביי אַלערליי באַלעבאַטים, קליינע און גרויסע; אַט אַרבעט איך אין איינעם פון די גרעסטע שעפּער אין דער אינדוסטריע פון דאַמען־היט. פאַרוואָס נעם איך ניט אַט דעם שאָפּ מיט זיין באַלעבאָס און די אַרבעטער און שרייב ניט אָן אַ גרעסערע זאַך וועגן זיי?

עס איז אינטערעסאַנט פאַר מיר איצט, ווען איך קוק צוריק אויף מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר, צו אַנאַליזירן און פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב עס ניט געטאָן אַזוי לייכט און מיט אַזאַ ברען, ווי איך האָב געפילט בשעת איך האָב געשריבן וועגן פרעירי, אָדער וועגן ניי־ענגלאַנד; צי אַפילו וועגן מיין שטעטעלע אין בעסאַראַביע.

קודם וועל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב פיינט געהאַט דעם שאָפּ, ווי מען האָט פיינט סם.

די פרעירי אין דער ווייטער וועסט האָב איך ליב געהאַט און געבענקט נאָך איר יעדע מינוט.

איז וויפיל איך האָב ניט געשריבן וועגן דער וועסט, האָב איך נאָך עפּעס באַהאַלטן אויף שפּעטער; אויף וויפיל איך האָב זיך ניט אַראָפּגערעדט פון האַרצן, איז נאָך ביי מיר אַלץ געבליבן אַ בענקעניש נאָך דער וועסט. אין גאַנצן געוועזן דאָרט אַ קאַרג יאָר, און זי, די וועסט, איז מיר אַריין טיף אין בלוט. איז וויפיל איך זאָל ניט שרייבן וועגן דער וועסט, וועט נאָך אַלץ ניט געזאָגט ווערן אין גאַנצן, וואָס איך האָב צו זאָגן.

אין ניי־ענגלאַנד בין איך געוועזן צוויי יאָר. איך האָב עס טאַקע ניט אַזוי ליב געהאַט, אָבער דאָרטן, אויף טשעיפּל־היל אין קאָנעטיקוט, האָב

איך זייער פֿיל געליטן; דאָרטן איז באַגראָבן געוואָרן מיין טרוים צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער, און דאָרטן האָט מיין לעבן זיך גענומען אויף אַ נייעם טראַקט. האָב איך אָנגעשריבן אַ גרעסערע זאַך וועגן ניי־ענגלאַנד, און אַזוי ווי מערער טראַכטן וועגן טשעיפּל היל ווילט זיך ניט — איז געענדיקט!

וואָס האָב איך געקאָנט שרייבן וועגן שאָפּ? — אַזוי האָב איך זיך דעמאָלט געפֿרעגט. דער דאָזיקער ענין האָט מיך ניט געלאָזט רוען. עס האָט זיך אַלע מאָל ווי געדאַכט, אַז איך האָב ניט וואָס צו דערציילן וועגן דעם שאָפּ.

קודם האָב איך גענויטיקט האָבן אַ מעשה, דאָס וואָס שרייבער רופֿן־אָן „פֿאַבולע״.

אין אַלע מיינע פֿריערדיקע ווערק האָב איך דאָס זייער לייכט געהאַט. די פֿאַבולע איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אין איינעם מיט דער פֿאָרם.

און ווען עס איז געקומען צום שאָפּ און צו דער שטאָט ניו־יאָרק, איז די פֿאַבולע ווי אויסגערונען.

זינט איך בין אָנגעקומען קיין ניו יאָרק און אָנגעהויבן אַרבעטן אין שעפּער, איז מיט מיר גאָרניט געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. איך האָב געאַרבעט און בין געוואָרן מיד און ווידער, דעם צווייטן טאָג, געאַרבעט און געוואָרן מיד. און עס איז ניט געווען אַט דער מאָמענט אין מיין שאָפּ־לעבן, וואָס זאָל אין מיר איבערלאָזן טרויער אָדער פֿרייד. עס איז ניט געווען קיין שטאַרקע איבערלעבונג, וועלכע איך זאָל פֿאַרצייכענען מיט מיין בלוט אויף די טאָוולען פֿון מיינע געפֿילן, כּדי איך זאָל דערנאָך אין אַ צייט אַרום קאָנען נאָך אַמאָל אַט־די איבערלעבונגען איבערגעבן אין ווערטער.

דער דאָזיקער ענין האָט מיך ניט געלאָזט רוען, צוליב נאָך טעמים. די „שול״, וואָס די „יונגע״ האָבן אומווילנדיק געשאַפֿן, האָט געפֿאָדערט פֿון אירע מיטגלידער ריינע „קונסט צוליב קונסט״. עס האָט ניט געטאָרט זיין אין אַ ווערק קיין שום וואונק אויף אַן אָפּנויג פֿון קונסט. און אָפּנויגונג פֿון קונסט האָט ביי אונז געהייסן דאָס, וואָס אַ שרייבער נעמט זיך מישן אין צייט־פֿראַגן.

און אַזוי ווי, למשל, מען נעמט זיך נאָר שרייבן וועגן שאָפּ, אַרבעטער און באַלעבאָס, וועט מען דאָך מוזן זיין אויף דער זייט פֿון דעם אַרבעטער, וועט עס דאָך שוין הייסן, אַז מען קריכט אַריין אין צייט־פֿראַגן, וועט עס שוין נישט טויגן... מען קאָן נאָך, חלילה, נכשול ווערן און ניט אָנשרייבן קיין אמת גוט ווערק.

איך בין געווען נאַאיוו, יונג און אומדערפֿאָרן, און איך האָב מורא געהאַט זיך צוצורירן צו דער טעמע „שאָפּ״, כאָטש עס האָט מיך ניט

געלאָזט רוען. איך בין זיך מודה — דער שאָפּ איז אפשר געווען אַ צו־גרויסע טעמע פאַר מיינע כּוחות.

אין יענער צייט איז ביי אונז אין שאָפּ געווען זייער אַ סך אַרבעט און איך האָב געאַרבעט שווער. עס איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט און מיט דער גרויסער, שווערער שער האָב איך געשניטן די פּאַסאָנען. איך האָב די רויע וואַרע געמוזט האַלטן אויף די קני, כּדי איך זאָל קאָנען פריי אַרומגיין מיט דער שער אַרום־און־אַרום. איך האָב זיך צוליב דעם געבויגן מיט מיין קאָפּ אַלעמאָל אויף דער רעכטער זייט. און נאָך יעדן טאָג אַרבעט האָב איך געפילט, אַז מיין האַלדז־און־נאַקן קאָן זיך ניט אויסגלייכן. איך האָב געליטן ווייטיקן אין פּלייצע, און די רעכטע האַנט איז ביי מיר געווען אָנגעשוואָלן מיט „באַניאַנס". איך האָב ניט געקאָנט רירן מיט די פינגער, ווייל די שער האָט זיי מיר אָנגעקוועטשט.

עס איז אָבער געווען אין מיר אַזאַ אימפּעט צו גיין אַלע טאָג אין שאָפּ אַריין, און איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט פון אויפגעבן אָט־די געפערלעכע אַרבעט. איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט מיך שפּעטער מיט עטלעכע יאָר. איך האָב נאָך פאַרמאָגט כּוח און געשלעפּט דעם יאָך, כאָטש איך האָב געפילט, אַז מיין קערפּער ברעכט זיך.

די סיסטעם פון אַרבעט אין מיין שאָפּ איז געווען, ווי אין אַלע שעפּער — סעזאָנע. ווען עס איז אָנגעקומען דער ברען, האָט מען גע׳דאַרפט פּראָדוצירן, כּדי צו מאַכן גענוג אויך אויף „סלעק"־צייט צום לעבן.

דער באַלעבאָס האָט געוואָלט האָבן די אַרבעט פאַרטיק אין צייט. און מיר זיינען געווען אין אונזער אָפּטיילונג אין גאַנצן פיר אַרבעטער. עס איז אין „סעזאָן" געווען אַזוי פיל אַרבעט, אַז מיר, די פיר, האָבן געמוזט אַרבעטן מיט איבערמענטשלעכע כּוחות, כּדי די גאַנצע אַרבעט אַרויסצוענדיקן אין צייט.

עס איז אין סאַמע ברען פון „סעזאָן" געווען אַזאַ יאָגעניש, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו באַשרייבן. אונזער אויג האָט גאָר ניט געקאָנט כאַפּן דעם גאַנג פון דער שער. מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יאָג־מאַטאָרן, וואָס האָבן געטריבן די שערן.

אַ שניט אין פלייש — און ווידער געיאָגט.

בלוט רינט — און ווידער געיאָגט.

די שער האָט געמוזט זיין שאַרף, ווי אַ חלף, און די שאַרפן פון דער שער האָבן חלילה ניט געטאַרט האָבן קיין שום פּגימה, כּדי זי זאָל פאָרן אין דעם שטאָף אָן שום אָפּהאַלט.

און איך האָב געהאַט אַ טבע זיך צו פאַרטראַכטן גראַד אין מיטן פון אָט־דער יאָגעניש.

פונקט דעמאָלט זיינען מיר איינגעפאַלן די בעסטע אידייען וועגן שרייבן ווערק.

טאַקע פאַרוואָס זאָל איך ניט אָנשרייבן אַ גרעסערע זאַך וועגן דער גרויסער ניו־יאָרק און וועגן מיין שאַפּ?

עס איז מיר איינגעפאַלן גאָר אָנצושרייבן צען לידער אין פּראָזע. ניין לידער זאָלן זיין אַזעלכע פּראָלאָגן צום צענטן ליד.

די ערשטע ניין לידער זאָלן זיין קורצע.

אַ ליד, אַ שטייגער, וועגן ניו־יאָרקער ריח.

איך האָב געוואוסט, אַז ניו יאָרק האָט עפּעס אַ באַזונדערן ריח פון אַנדערע מינים שטעט... איך האָב אויך געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אין ניו־יאָרק גאַסן וועלכע שמעקן מיט זייער באַזונדערן ריח.

אַ ליד וועגן ניו־יאָרקער שיינקייט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ניו־יאָרק איז זייער אַ שיינע שטאָט. אַפילו די גאַסן האָבן געהאַט זייער חן.

אַ ליד וועגן ניו־יאָרק ביינאַכט.

אַ ליד וועגן ניו־יאָרקער רויש. אוי, ווען מיר זאָל זיך איינגעבן אי־בערצוגעבן אין ווערטער מיין געפיל וועגן דעם רעש אין ניו־יאָרק!

אַ ליד וועגן ניו־יאָרקער ליבעס. וועמען עס איז באַשערט געווען זיך צו פאַרליבן אין אַ מיידל אין ניו־יאָרק, ווייסט, ווי שווער עס איז צו געפי־נען אַ פאַרוואָרפן ווינקל, כּדי צו קאָנען זיצן מיט דער געליבטער.

אַ ליד וועגן ניו־יאָרקער פרילינג.

אַ ליד וועגן ניו־יאָרקער הערבסט.

אַ ליד וועגן זומער און אַ ליד וועגן ווינטער.

הכלל, איך האָב שוין פאַרטראַכט אַלע ניין לידער, וואָס דאַרפן זיין די פּראָלאָגן צום צענטן ליד.

דאָס דאָזיקע צענטע ליד וועט זיין דער ראָמאַן. אין ראָמאַן וועל איך „געבן" דעם שאַפּ, אין וועלכן איך אַרבעט איצט. איך וועל מוזן געבן וואַירטהיימערן, דעם אַרויפגעאַרבעטן, זעלבסט־געמאַכטן רייכן יידן, וועל־כער שפּילט די ראָלע פון אַ דייטשן יודע.

איך וועל געבן זיינע משרתים: דעם פאַרוואַלטער, די פאָרלייט, די דעזאַינערס.

איך וועל געבן די מאַסע פרויען אַרבעטער דאָ אין שאַפּ, די אַלטע מוידן, וואָס האָבן דאָ אָנגעהויבן ביי וואַירטהיימערן, ווען זיי זיינען נאָך געווען יונגע קינדער.

איך וועל געבן די מענער אַרבעטער.

אָבער פון וואָס הויבט מען אָן?

איך קאָן דעם באַלעבאָס ניט באַזינגען, ווייל איך האָב אים ניט ליב.

איז מיר ניט אינטערעסאַנט זיין אָנהויב, און אויך ניט זיין טרויע־ריקער סוף.

ביים שרייבן מיין ווערק „הער גאָלדנבאַרג", וואָס איז, אגב, געווען אַן אויסגעטראַכטע פיגור, האָב איך געהאַט אַלץ. אי איך האָב ליב געהאַט דעם הויפּט־העלד, אי איך האָב ליב געהאַט די סביבה, אין וועלכער איך האָב אים אַריינגעשטעלט, און צו דעם אַלעמען האָב איך געהאַט נאָך אַ טרייב־קראַפט, וואָס האָט מיך געשטויסן צו שרייבן דאָס ווערק, נעמלעך: דער ביילים־פּראָצעס אין צאַרן־רוסלאַנד, און דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איך האָב שוין געפונען אין אַמעריקע אין יענע צייטן.

איך האָב געוואָלט ענטפערן מיט אַ ווערק, וואו מיין העלד איז געווען אַן ערד־מענטש און זיך געקאָכט אין ווילדע פערד און פרעירים.

אין דעם ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" האָב איך, ווידער צוליב די אייגענע מאָטיוון, געוויזן, ווי אַזוי אַ גאַנץ שטעטל ווערט פאַרקאָכט אין אייגענער ערד, ווען עס איז נאָר דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַקומען איי־גענע ערד.

אָבער וואָס קען איך דאָ אין מיין נייעם ווערק טאָן? דעם באַלעבאָס האָב איך פיינט. די אַרבעטער — אויף זיי האָב איך רחמנות... איך קאָן זיי העלפן מיט אַ קרעכץ...

פון וואָס הויבט מען אָן דערציילן?

אָט דאָס איז דעמאָלט ביי מיר געווען אַ שווערע פּראָבלעם.

און דערצו האָב איך נאָך געשטעקט אין אָט־דעם שאַפּ. איך בין דאָרטן אַלע טאָג, און ער איז מיר דערווידער. זאָל איך אים נעמען מאָלן אין אַ ווערק?

עס איז אַוועק אַ סך צייט און איך האָב גאָרנישט געשריבן. און איך האָב נאָר געטראַכט וועגן אָט־דער נייער זאַך און דאָך זיך ניט געקאָנט נעמען צום שרייבן... ביז עס איז געקומען אויף דער וועלט די נייע צייטונג — די „פרייהייט".

פערציקסטער קאפיטל

ווען די „פרייהייט" האט אנגעהויבן ארויסצוגיין, בין איך געווען אין דעם צעטל פון אירע מיטארבעטער, כאטש די רעדאקציע האט וועגן דעם מיט מיר פריער ניט פארהאנדלט. דאס איז אפשר געווען צוליב מיין איי־גענער שולד, ווייל איך האב זיך זייער ווינציק געוויזן צווישן שרייבער.

אין ערשטן נומער האט זיך גראד ניט געפונען מיין ערשטע דערציי־לונג, וואס איך האב געשריבן פאר דער „פרייהייט" און וועלכע האט גע־הייסן „רויט בלוט". עס האט זיך אין דער קורצער דערציילונג געהאנדלט וועגן א בחור, וואס איז זייער שטארק געווען פארליבט אין א מיידל, אבער דאס מיידל האט אים ניט ליב געהאט.

דער בחור האט באשלאסן צו באגיין א טאפלטן מארד; דאס מיידל און זיך צו דערשיסן אויף טויט. ער האט זי אפגעווארט אין גאס, ערגעץ אויף דער איסט־סאיד, און אויף איר אויסגעשאסן.

מען האט דאס מיידל צוגענומען אין א שפיטאל און דעם בחור האט מען ארעסטירט. אין שפיטאל האט מען דאס מיידל געפרואווט אפראטעווען, מען האט געדארפט האבן אן איינשפריצונג פון געזונט, רויט־בלוט. דער בחור, וועלכער האט זי געשאסן, איז גראד געווען א געזונטער, און האט געוואלט געבן זיין בלוט. די דאקטוירים האבן אים אנגענומען און מען האט אין דעם מיידל אריינגעשפריצט דאס רויט־בלוט פונם בחור. זי האט זיך געגומען בעסערן, און אז זי האט זיך דערוואוסט ווער עס האט איר געגעבן זיין בלוט, האט זי אים מוחל געווען זיין שיסן און האט מיט אים שפעטער חתונה געהאט.

פארוואס האב איך אויסגעקליבן אזא טעמע פאר דער ערשטער דער־ציילונג, וואס איך האב געשריבן פאר דער „פרייהייט"? ווייל די „פרייהייט" איז געבוירן געווארן אין א צייט, ווען מען האט טאקע געדארפט האבן פריש, רויט־בלוט אין אונדזער אמעריקאנער יידישן לעבן.

די דעמאלטיקע יידישע צייטונגען האבן פארפעסטעט דאס יידישע לעבן מיט שונד־ראמאנען, מיט זייער גאסן־שפראך און מיט זייער ציניזם צו דער יידישער ליטעראטור און קולטור.

די יידישע צייטונגען האבן געמאכט גוטע געשעפטן און זיך צעלייגט מיט זייערע פלאכטעס־ארטיקלען וועגן זנות. די שרייבער פון אט די

אַרטיקלען האָבן זיך געגלעט די בייכלעך פֿון וואוילטאָג, פֿון גוטע שכירות. זיי האָבן אויסגעלאַכט יעדן טאַלאַנטירטן בחור וואָס האָט געמאַכט אַ פּרואוו צו זיין שעפֿעריש.

עס איז וואויל באַוואוסט, אַז כּמעט יעדער איינער פֿון די יידישע צייטונגס־שרייבער האָט אַמאָל אין דער יוגנט געטרוימט צו ווערן אַ ליטע־ראַט: געשריבן לידער, דערציילונגען און דראַמען... עס האָט מן־הסתּם ניט געטויגט זיין ליטעראַריש שרייבן, און ער האָט געמוזט נעמען צייטונגס־אַרבעט. עס האָט אים ווי געטאָן, און דערפֿאַר וואָס ער האָט ניט גע־קאָנט ווערן אַ פּאָעט אָדער אַ דערציילער, האָט ער זיך דערפֿאַר נוקם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור...

די יידישע צייטונגען זיינען געווען אַ מיליאָנערסקע „ביזנעס". זיי זיינען אַלע געווען אָנגעפּילט מיט גרויסע אַנאָנסן, פֿאַר וועלכע זיי האָבן באַקומען שווערע טויזנטער דאָלאַרן. און ווען עס איז געקומען צו קויפֿן ביי אַ יונגן פּאָעט אַ ליד אָדער ביי אַ יונגן פּראָזאַאיקער אַ דערציילונג, האָבן די „רעדאַקטערע" געמאַכט אַ רחמנות פּנים און קוים געגעבן אַ פּינפּערל פֿאַר אַ זאַך. דערביי האָבן די „רעדאַקטערע" זיך ציניש באַצויגן צום יונגן שרייבער און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז די צייטונג זייערע דאַרף עס ניט... דער עולם וויל עכטע שונד־ראָמאַנען...

דער יונגער שרייבער איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט; אָפֿט האָט ער כּמעט ווי געהונגערט און געדאַרפֿט דאָס פּינפּערל כּדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. אָבער ווי האָט ער געקאָנט נעמען זונה־געלט?

דער יונגער שרייבער האָט געפֿילט אינסטינקטיוו, אַז עס איז דאָ אַ יידישער לייענער, וואָס לעכצט נאָך אַן עכט יידיש וואָרט. אָבער די צײ־טונגען, די פֿאַרדאַרבער, לאָזן ניט צו קיין עכט יידיש וואָרט צו אָט דעם לייענער. און זייער אָפֿט האָט דער יונגער יידישער שרייבער געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער רעדאַקציע־טיר, דעם רעדאַקטאָר אין פּנים אַריין...

עס איז געקומען אַ נייע צייטונג, די „פֿרייהייט", וועלכע ווערט אַרויס־געגעבן מיט אָרעם אַרבעטער־געלט און זי וועט זיכער ברענגען פֿריש, רויט בלוט אין דעם יידישן לעבן.

צוליב אָט דעם טעם האָב איך אָנגעשריבן אַ דערציילונג „רויט בלוט". איך האָב סימבאָליזירט די גוטע ווירקונג פֿון רויט בלוט... און אין אַ שיינעם פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן דאַון־טאַון, און קוים געפֿונען דעם אָפֿיס פֿון דער נייער צייטונג „פֿרייהייט", ערגעץ אויף קריסטי סטריט.

איך קום אַריין און איך טרעף אַ צימער מיט נייע ביכער־שאַפֿעס. אין פֿראָנט פֿון די שאַפֿעס, אַ לאַנג טישל. אין די שאַפֿעס זיינען געלעגן עטלעכע

ביכלעך. פֿון יענער זייט טישל איז געשטאַנען אַ מאַן מיט הוילע אַרבל און מיט אַ פּליך אויף זיין גראָען קאָפּ.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פֿרעגט מיך דער מאַן.

— איך דאַרף דעם רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייהייט" — זאָג איך.

דער מאַן גיט מיך אַ מעסט־אָפּ מיט זיינע קליינע בלאָע אויגעלעך, וואָס זיינען ביי אים געווען טיף אונטער אַ גרויסן צעקנייטשטן שטערן.

— גייט אַריין אין יענעם צימער — ווייזט ער מיר אָן אויף אַ פֿענער טיר.

גיי איך אַריין אין יענער טיר, זע איך אַ באַרג מיט ברעטלעך. קיין שום אַנדער שטיקל מעבל איז דאָרטן ניט געווען און קיין שום לעבעדיקער מענטש.

גיי איך שוין צוריק אַרויס צום יידן.

— עס איז דאָך דאָרטן קיינער נישטאָ — זאָג איך צו אים.

— וואָס זשע בין איך שולדיק? — שמייכלט ער.

— איך האָב געבראַכט אַ דערציילונג פֿאַרן ערשטן נומער „פֿרייהייט".

— ווער זייט איר? — פֿרעגט ער מיך.

איך זאָג אים מיין נאָמען, און איך זע, אַז ער ווייסט ניט ווער איך בין. דאָס פֿאַרדריסט מיך ניט, ווייל איך בין שוין געוואוינט, אַז מען זאָל ניט וויסן ווער איך בין. איך בין אַפֿילו אין אַ געוויסן זין געווען צופֿרידן דערפֿון, ווייל איך האָב נאָך דעמאָלט מורא געהאַט פֿאַרן לייענער.

— קאָן איך די דערציילונג איבערלאָזן ביי אייך, אַז איר זאָלט זי איבערגעבן דעם רעדאַקטאָר?

— פֿאַרוואָס ניט?

גיב איך אים די דערציילונג און גיי אַוועק אַ זיכערער, אַז ער וועט זי איבערגעבן דעם רעדאַקטאָר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דערשינען דער ערשטער נומער „פֿרייהייט" און מיין דערציילונג איז דאָרטן ניט געווען.

איך בין געוואָרן אָן אָנגעצונדענער: סטייטש, מיין דערציילונג איז ניט אַריין! אָט האָסטו דיר שוין אַ נייע צייטונג, וואָס האָט מיך אַפֿילו אָנאָנסירט אַלס מיטאַרבעטער און טוט מיר אָפּ אַזאַ זאַך.

אַרונטערקומען אין רעדאַקציע און זיך נאָכפֿרעגן וועגן מיין זאַך — דאָס האָב איך ניט געוואָלט טאָן. איך בין געווען זייער אַ שטאָלצער.

טאַקע, וואָס דאַרף איך זיך נאָר זיי יאָגן? אַ לעבן מאַך איך אין שאָפּ, אויב אַפֿילו עס איז ניט קיין רייך לעבן. די פּאָר שמאַליאַרעס, וואָס זיי וועלן מיר געבן פֿאַר אַ דערציילונג, וואָלטן מיר אפֿשר צונוץ געקומען, אָבער... אַלץ וואָלט ניט אויסגעמאַכט, ווען מיין כּבוד וואָלט ניט אָנגעריירט געוואָרן.

איין־און־פערציקסטער קאפיטל

איך בין יענעם אוונט, נאך מיין שפאציר מיט אלגינען, געקומען אהיים און באלד דערציילט מיין פרוי די בשורה: אז איך האב אפגעמאכט מיטן רעדאקטאר פון דער „פרייהייט" צו דרוקן אלע וואך א קאפיטל פון מיין נייעם ראמאן.

— האסט דאך אים נאך אפילו ניט אנגעהויבן שרייבן — האט מיין פרוי געזאגט.

— איך וועל אים שרייבן צוביסלעך, א קאפיטל יעדע וואך.

— עס וועט דיר אנקומען שווער יעדע וואך צו שרייבן.

— איך וועל פרואוון. וויפיל איז דער שיר צו שטעקן אין שאפ? אפשר וועט זיך איינגעבן ארויסצוראטעווען זיך פון שאפ.

— הלוואי...

מיין גליק איז געווען וואס עס איז געווען סלעק. יעדער פרילינג איז ביי אונז אין שאפ געווען דריי חדשים סלעק. אין שאפ אריין האט מען געמוזט אריינקומען טאמער וועט זיך מאכן ארבעט. איך האב מיר דערלויבט אויפצושטיין אביסל שפעטער און אריינקומען אין שאפ ארום 10־11 אזייגער. איך בין געווען אין שאפ ביז ארום 3־4 אזייגער נאכמיטאג. געוויינלעך, אז עס האט קיין ארבעט זיך ניט געמאכט, האב איך די עט־לעכע שעה פארבראכט אין לייענען א בוך און אפילו געמאכט נאטיצן וועגן מיינעם א נייעם ראמאן.

איך האב איצט געדארפט אנשרייבן דאס ערשטע קאפיטל: „ניו־יארקער ריח". האב איך אין נאטיץ־ביכל פארצייכנט פארשידענע געגנטן אין ניו־יארק מיט זייערע באזונדערע ריחות: אטורני סטריט מיט דעם ריח פון אפעלסינען; לודלאו סטריט מיטן ריח פון הערינג; סאפאלק סטריט מיטן ריח פון אייער; עלען סטריט מיטן ריח פון געגזענע פע־דערן; ארטשארד סטריט מיטן ריח פון זשאווער; העסטער סטריט מיטן ריח פון ציבעלעס און קנאבל; דיוויזשאן סטריט מיטן ריח פון טיי, און אזוי ווייטער און ווייטער.

איך בין געקומען אהיים פרי פון שאפ. געוויינלעך, ווען עס איז אין די שעפער געווען סלעק, פלעגן מיינע שכנים, אויך ארבעטער, ניט קומען

אַהיים פֿרי, כּדי מען זאָל ניט געוואויר ווערן, אַז ביי זיי איז סלעק. איך האָב זיך ניט אַזוי געפֿירט. אויב איך האָב געהאַט צייט בין איך געקומען אַהיים פֿרי.

אמת, שכנות וואָס פֿלעגן שטיין ביי די טרעפּ פֿון אונזער הויז האָבן מיך אָפּגעשטעלט.

— היינט געאַרבעט אַ האַלבן טאָג?

— יעס.

— וואָצעמעדער?

— ניטאָ קיין אַרבעט.

— טו־בעד!

איך בין גיך אַרויף מיט די טרעפּ און אַרויפֿגעקראָכן די 5 עטאַזשן מיט די אומענדלעך לאַנגע טרעפּ. איך האָב זיך נאָך ניט פֿאַרסאַפּעט ביים אַרויפֿגיין אָט די טרעפּ. נאָר איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פֿילן ווי די פֿיס האַקן זיך אונטער. שוין באַלד דאָס פֿינפֿטע יאָר, אַז איך שלעפּ זיך פֿינף עטאַזשן. מיר האָבן שוין לאַנג געוואָלט נעמען אַ דירה מיט עטלעכע שטאָק נידעריקער. אָבער צוליב דעם נאָך־מלחמה צושטאַנד פֿון דוחק אויף דירות, האָבן מיר געמוזט בלייבן זיצן אָט דאָ. אונזער איצטיק דירה־געלט האָט באַטראָפֿן דרייסיק דאָלער אַ חודש און אַז מיר האָבן אָנגעקוקט ערגעץ אין אַ נייער הויז אַ דירה איז דאָס דירה־געלט דאָרטן געגאַנגען כּמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל.

— הערסט, סערע, מיר מוזן בייטן אונזער דירה — האָב איך געזאָגט צו מיין פֿרוי — עס איז מיר שווער אַרויפֿצוגיין — און גיב אַ קוק: מיר האָבן שוין באַלד דאָס פֿינפֿטע יאָר ניט געזען דעם הימל, נאָר ווענט, ווענט און שטריק מיט וועש.

— איך וויל אויך שוין בייטן. אָבער אויב בייטן וויל איך שוין אַ דירה אין אַ נייער הויז. נו, איז אָבער דאָס דירה־געלט אין די נייע הייזער צו הויך.

— איצט וועלן מיר אפֿשר קאָנען. יעדע וואָך וועט אַריינקומען פֿופֿצן דאָלער. וועלן מיר האָבן אויף דירה־געלט אין אַ נייער דירה.

— אָבער ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַריינציען אין אַ נייער דירה מיט אָט דעם אַלטוואַרג — ווייזט מיר מיין פֿרוי אויף דעם מעבל — דער בופֿעט איז שוין אַרויס פֿון דער מאָדע; דער קיילעכיקער טיש מיט די בענקלעך טויג שוין אויך ניט. היינט איז שוין ניטאָ מער קיין עס־צימער מיט אַזעלכע טישן. און עס איז שוין צייט דו זאָלסט האָבן אַ שרייב־טיש פֿאַר דיר אַליין און אויך אַ ביכער שראַנק. דיינע ביכער וואַלגערן זיך אַרום.

— ביסט גערעכט — זאָג איך — עס איז שוין צייט, אַז איך זאָל אויך האָבן אַ שרייב־טיש מיט אַ שופלאָד פאַר מײַנע פּאַפּירן.

— איך האָב געזען אַ שרייב־טיש, אַן אַנטיק, וויל מען פאַר אים 50 דאָלער, און אַ ביכער שאַפע פון דעם אייגענעם קאָליר מיט גלעזערנע טירן אויך פאַר 50 דאָלער.

— גוט, לאָמיר נאָר קריגן ערגעץ שיינע צימערן מיט די פענצטער צו דער גאַס און אויפן ערשטן שטאָק — זאָג איך.

— איך וועל שוין קריגן — זאָגט מיין פרוי.

מיר האָבן אָפּגעגעסן און מיין פרוי מיטן אינגעלע זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס פאַר לופט, כדי מיך צו לאָזן איינער אַליין אַז איך זאָל קאָנען שרייבן.

מיר איז אַלע מאָל געווען אומאַנגענעם זיך אָפּזונדערן פון דער פאַמיליע און זיך זעצן שרייבן. עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך טו דער פאַמיליע מיינער דערמיט ניט קיין גוטעס. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין פרוי ליידט דערפון. איך האָב מיט איר גערעדט אַ סך מאָל וועגן דעם ענין און זי האָט אַפילו ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן עפּעס אַ געפיל פון באַליידיקונג. פאַרקערט, זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי פילט זיך זייער גוט, ווען זי זעט מיך זיצן ביים טיש מיט פּאַפּיר און טינט און פעדער.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָב איך פאַרט געפילט מאָדנע בשעת איך האָב זיך געזעצט שרייבן.

אַלע פרויען האָבן זייערע מענער מיט זיך, נאָר מיין פרוי בלאָנקעט זיך אַרום איינע אַליין!

און וואָס האָט זי געהאַט דערפון? אַ סך צרות און גריזשאַטשע... אפשר איצט וועט זי אַביסעלע אויפלעבן. עס וועט אַריינקומען אַלע וואָך פופצן דאָלער און חוץ דעם וועל איך, האָף איך, אָנשרייבן מיין בעסט ווערק. עס וועט ניט דאַרפן ליגן אין שופלאָד און וואַרטן ביז עס זאָל זיך אָפּדרוקן אין אַ זאַמלבוך, וואָס ווערט געלייענט פון זייער ווייניק מענטשן. איצט וועט די פּרעס־מאַשין פון דער צייטונג וואַרטן אויף מיין קאַפּיטל יעדע וואָך, און איך וועל מוזן צושטעלן פּונקט צו דעם באַשטימטן טאָג. און מיין יעדער קאַפּיטל וועט ווערן געלייענט פון טויזנטער לייענער. און ביי מיר וועלן פלאַמען די אויערן יעדן שבת אַ גאַנצן טאָג פון אויפרעגונג: מען לייענט מיך!

עס איז געווען דינסטיק אויף דער נאַכט. און איך האָב געדאַרפֿט דעם קאַפּיטל צושטעלן דאָנערשטיק. האָב איך געהאַט צוויי טעג ביז צום טערמין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין קיך מיט פּאַפּיר און פֿאַררויכערט די ליולקע, און שוין אָנגעשריבן דעם נאָמען: „ניו־יאָרקער ריח". עס דאַרף זיין אַ ליד אין פּראָזע. ביז דעמאָלט האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געשריבן. אָבער עס גייט אַ גאַנג. איך קוק גאָר ניט אין די נאָטיצן. איך שרייב גאָר עפּעס וואָס איך האָב גאָר ניט געטראַכט צו שרייבן.

געזאָלט שעלטן די גרויסע שטאָט מיט אירע פֿאַרעיפּושטע גאַסן און עס איז אַרויסגעקומען אַ געזאַנג צו דער שטאָט ניו־יאָרק.

שפּעטער איז אַרויפֿגעקומען מיין פֿרוי מיטן קינד. זיי האָבן מיר ניט געוואָלט שטערן און זיינען אַריין אין הויז זייער שטיל.

נאָר מיין אינגעלע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און איז צוגעקומען און אָנגעקוקט מיין מאַנוסקריפּט.

— פּאַ, דו שרייבסט קרומע שורות — זאָגט ער מיר.

די מוטער קומט צולויפֿן פֿון דעם אַנדערן צימער און כאַפּט אים אַוועק פֿון מיר.

— קום, זון, שלאָפֿן, דער פּאַפּאַ דאַרף שרייבן.

— מאַ, דער פּאַפּאַ שרייבט קרומע שורות — זאָגט מיין אינגעלע אין אַ קלינגענדיקן יידיש און אַ ביסל אַ צעוויינטער.

איך האָב אויפֿגעהויבן מיינע אויגן און זיך דורכגעקוקט מיט מיין פֿרוי. מיר האָבן ביידע געשמייכלט.

אָבער מיין אינגעלע איז געווען גערעכט. מיינע שורות, וועלכע איך פֿלעג געווינלעך אָן אַנדערש מאָל שרייבן זייער גלייך, זיינען איצט אַרויס־געקומען קרום. דאָס איז מן־הסתּם געווען דערפֿאַר וואָס איך האָב איצט געשריבן ווי איך האָב נאָך פֿריער קיינמאָל ניט געשריבן. עס איז געווען אַן עקספּערימענט און איך האָב מיט מיין פּען ווי „געטאַפּט" אין דער פֿינצטער.

איך בין געזעסן יענעם אָוונט זייער שפּעט ביז איך האָב געהאַט מיין קאַפּיטל פֿאַרטיק. און אַז איך האָב עס איבערגעלייענט פֿאַר זיך, איז עס מיר ניט געפֿעלן.

אַז עס וועט זיך אָפּדרוקן, האָב איך געטראַכט, וועט עס באַקומען אַן אַנדער טעם. זייער אָפֿט איז אַזוי געווען. אַ זאַך וואָס איז מיר ניט געפֿעלן אין מאַנוסקריפּט איז דערנאָך, ווען עס האָט זיך אָפּגעדרוקט, מיר יאָ געפֿעלן געוואָרן. דאָס אָפּדרוקן אַ מאַנוסקריפּט גיט אים צו אַ געוויסע שיינקייט.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך פונדעסטוועגן געלייענט פאַר מיין פרוי. זי איז שוין ביי מיר געווען אַ זיכערער לייענער: אויב איר געפעלט איז עס אַ סימן אַז עס איז גוט.

כאָטש עס האָט ניט זעלטן געטראָפן, אַז דווקא אַ זאַך וואָס איז איר ניט געפעלן, האָט גראָד אויסגענומען.

מיין פרוי האָט אויסגעהערט די גאַנצע זאַך און מיר געזאָגט, אַז איר געפעלט עס ניט.

— פאַר אַן ערשט קאַפּיטל וואָלסטו געדאַרפט עפּעס אַנשרייבן אַזוינס... די דאָזיקע זאַך איז שוואַך — האָט געזאָגט מיין פרוי.

— איך האַלט אויך, אַז עס איז שוואַך — זאָג איך — אָבער יעדער אָנהויב מוז זיין שוואַך, ווייל עס איז דער אָנהויב. אַ מענטש הויבט ניט אָן באַלד פון אָנפאַנג צו ריידן אויף אַ הויך קול. פריער הויבט ער אָן שטיל און דערנאָך אַז ער צעוואַרעמט זיך ווערט זיין שטימע שטאַרקער. דאָס אייגענע איז מיט אַ ווערק.

איך האָב דעם דאָזיקן קאַפּיטל אָוועקגעשיקט מיט דער פּאָסט און אין אָוונט, ווען איך בין געגאַנגען פון דער אַרבעט האָב איך געקויפט די „פרייהייט״, איך טו אַ קוק: אַ גרויסער אָנאָנס וועגן מיין נייעם ראָמאַן.

מיך האָט עס געטאָן אַ וואָרף אין היץ. עס איז מיר געוואָרן ווי איך וואָלט געשטאַנען אין מיטן גאַס און אַרום מיר איז אַ געלאַף און מען קוקט אויף מיר — אָט איז ער!...

שבת איז מיין קאַפּיטל געווען געדרוקט אין „פרייהייט״. איך לייען עס און עס האָט גאָר אַן אַנדער טעם. און אַז איך בין פאַרנאַכט געקומען אין קאַפע „אייראָפּע״ צו אַ מיטינג פון אונזער „קלוב 13״ האָבן מיר אַלע קאָלעגן געגעבן קאָמפּלימענטן פאַר מיין זאַך.

אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין אַ טעגלעכער ציי־טונג, און אונזער „קלוב 13״ איז באַלד זיך צעפאַלן. כמעט די מערסטע קאָלעגן האָבן זיך שוין דעמאָלט געדרוקט אין טעגלעכע צייטונגען.

איך האָב ביי זיי געמאָנט מאַנוסקריפּטן פאַרן זאַמלבוך און ביי זיי גאָר ניט באַקומען. עס קאָן זיין, אַז עס איז געווען אַ געוויסע אורזאַך פאַרוואָס זיי האָבן מיר ניט געגעבן קיין זאַכן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שטייט ניט אָן, אַז איך זאָל זיי רעדאַק־טירן. איך האָב ביי אַ פאַרזאַמלונג אויפגעדעקט די גאַנצע זאַך און רעזיג־נירט אַלס רעדאַקטאָר, און דאָקטאָר פּאַקס, וועלכער איז געווען דער

קאַסירער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צוריק אָפּגעבן די געלטער וואָס ער האָט געזאַמלט.

אַ שאָד איז געווען וואָס עס איז פון יענער אונטערנעמונג גאָר ניט אַרויסגעקומען. מיר האָבן זיך געקליבן און געקליבן ווידער אַמאָל צו־זאַמענצונעמען אַלע „יונגע" אין איין פאַמיליע און עס איז אונז ניט געלונגען.

די „יונגע" זיינען שוין איצט מער ניט געווען קיין „יונגע"...

צוויי־און־פערציקסטער קאַפּיטל

אונזער קינד האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן פעיִקייטן צום מאָלן. איך האָב אים מאָל אַלע מאָל געבראַכט נייע מאָלער־געצייג, ווי בערשט־לעך, אָלערליי פאַרבן, פּאַסטעלן, קרעיִאָנען און וואַסער־קאָלירן. זיין קליין צימערל איז געווען פול מיט אָט די אַלע זאַכן. און דאָס קינד האָט זיך ניט געקווענקלט אַפילו, ווען ער האָט געדאַרפט זיצן אויפן דיל און מאָלן בילדער.

איך האָב געוויינטלעך אויסגעקליבן די קיך אַלס מיין שרייב־צימער. אין קיך האָב איך געקאָנט זיצן און שרייבן אַ גאַנצע נאַכט און קיינער האָט מיר ניט געשטערט און איך האָב קיינעם ניט געשטערט. אָבער בכלל האָב איך זיך נאָך מיין ראָמאַן „דאָס ווילדע לאַנד" אַביסעלע אָפּגערוט און ניט געשריבן אַ שטיקל צייט.

די אַרבעט אין שאַפּ האָט ביי מיר אויסגעזויפט מיין גאַנצע ענערגיע און איך פלעג אין אָוונט קומען אַהיים אַן אויסגעשעפּטער. די היים מיינע האָט מיך אַביסעלע דערקוויקט. מיר פלעגן עסן וועטשערע און איך האָב געמוזט דערציילן וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין שאַפּ. עס איז געווען יעדן טאָג וואָס צו דערציילן. אָנגעגעסן זיך און אַראָפּגערעדט פון האַרצן — איז מיר געוואָרן לייכטער און מיר זיינען אַלע דריי, דאָס הייסט, איך מיט מיין ווייב און קינד, אַראָפּגעגאַנגען אַ ביסל שפּאַצירן אויף פּראָספּעקט עוועניו, וואו מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט.

אָט די גאַס איז געווען אַזאַ מין פּראָמינענטע גאַס, וואו קינד און קייט האָבן שפּאַצירט. דאָ זיינען געווען שיינע יידישע קראָמען פון וואָס איר ווילט נאָר. און די קראָמען האָבן אויסגעפּוצט זייערע פענצטער נאָך דער אַמעריקאַנער מאָדע, מיט וואַקסענע פיגורן און מיט קליידער און היטעלעך און מיט שיך. די אַלע גוטע זאַכן האָבן אַזוי געמאַניעט און פאַראינטרי־גירט, אַז ניט נאָר האָט זיך געוואָלט קוקן, נאָר מען האָט טאַקע אויך געהאַט חשק צו קויפן.

דאָ אויף פּראָספּעקט עווענין איז געווען אַ מואווינג פּיקטשור טעאַטער מיט אַזאַ מין פּאַיאַץ פון פאַרנט ביים טעאַטער. דער פּאַיאַץ איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ קאָו־באָי מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש און מיט צוויי פּעל

אויף זיינע פּיס און ער האָט געלאָזן וויסן די פאַרבייגייער וואָס מען שפּילט אין טעאַטער.

עס איז געווען אַ ליכטיקע גאַס, אַ ברייטע און אַ לאַנגע. יידן מיט זייערע ווייבער און קינדערלעך האָבן געשפּאַצירט אין דער ברייט. דאָ האָט מען געקענט הערן דעם עכטן אַמעריקאַנער יידיש. דאָ האָט מען גע־קענט זען די אמתע בראָנקסער יידישע ווייבער, וואָס זיינען גאָר אַנדערש ווי די איסט־סאַידער ווייבער.

עס איז געווען עפּעס שרייענדיקעס, הפקרדיקעס אין אַלץ אַרום אויף פּראָספּעקט עווענין.

איך מיט מיין פאַמיליע האָבן זיך געפּילט ווי פאַרלוירענע אַט־דאָ־אַ אין דעם טומל. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס אונז געלאָקערט ווי מיט אַ מאַגנעט צו זיין אין אַט־דעם קאָך.

איין מאָל אין וואָך זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אין דעם טעאַטער זען אַ מואווי. אין יענע צייטן איז דער קאָו־באָי און די מלחמות מיט אינדיאַ־נער געווען די גאַנגבאַרסטע טעמע פון די מואוויס.

און אַזוי ווי איך בין דאָך אַליין געווען אַ קאָו־באָי, פלעגט מיך מיין זון געוויינלעך אַלע מאָל פרעגן צי איך האָב אויך אַזוי געטאָן ווען איך בין געווען אין דער וועסט.

איך האָב געוויינלעך ניט געוואָלט פאַרלירן מיין פּרעסטיזש ביי מיין זון, האָב איך אַלע מאָל אים געענטפערט, אַז איך בין אויך אַזוי געווען, ווי מען ווייזט דעם קאָו־באָי אין די מואוויס.

איך האָב איינגעשמועסט מיין זון, אַז איך האָב דאָרטן אין דער וועסט צוויי שיינע לאַשעקעס שוואַרצע און מיט ווייסע פלעקן אויף זייערע פּנימער.

— ווי גרויס זיינען זיי?

— אָ, איך האָב זיי איבערגעלאָזט ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין.

— וואו זיינען זיי?

— אויף דער פּרעירי.

— ווער גיט אויף זיי אַכטונג?

— זיי לויפן אַרום צווישן די ווילדע פערד.

— זיינען זיי אויך ווילד?

— וואָדען, זיי זיינען ניט?

— פאַ, איך וויל זיי האָבן.

— וואַרט, וועסט גרויס ווערן, וועל איך די צוויי לאַשעקעס ברענגען אַהיים.

— וואו וועלן מיר זיי האַלטן?

— מיר וועלן זיי אַרויפֿנעמען אין שטוב.
— דאָ?
— דאָ.
— פּאַ, זיי בייסן זיך?
— ניין.
— וועלן זיי קאָנען שלאָפֿן מיט מיר אין בעט?
— זיכער.

מיט אָט דער מעשה וועגן די צוויי לאָשעקעס איז מיין זון אַ סך מאָל איינגעשלאָפֿן; אָדער ווען ער איז ניט געזונט געווען איז אָט די מעשה ביי אים געווען ווי אַ היילונג.

— פּאַ, דערציי̆ל מיר וועגן די צוויי פֿערד...

און ער האָט גענומען מײַן האַנט אין זיין קליין הענטעלע און זיך איינגעהערט מיט גרויס פֿאַרכאַפּונג וועגן די צוויי פֿערדלעך מיינע, וועל־כע לויפֿן אַרום אויף דער פּרעירי ווילד און פֿריי.

איין מאָל אין וואָך זיינען מיר געפֿאָרן אויף דער איסט־סאַיד צו מיינע עלטערן. דאָס פֿלעגט זיין שבת אָוונט. דאָרטן,ביים זיידן, איז זיך צונויפֿגעקומען די גאַנצע פֿאַמיליע. עס האָבן נאָר געפֿעלט צוויי ברידער וועלכע זיינען געווען אין פֿראַנקרייך אויף די שלאַכט־פֿעלדער.

איינגעטלעך האָבן מיר ניט געוואוסט וואו זיי זיינען, ווײַל עס איז פֿון זיי שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט אָנגעקומען קיין בריוו. ביי מיין טאַטע־מאַמע אין שטוב איז געווען ניט אַזוי פֿריילעך. אָבער מיר האָבן באַדאַרפֿט אַרויסווייזן פֿריילעכקייט פֿאַר דער מאַמען...

די מאַמע מיינע האָט אָבער געהאַלטן אין איין שרייען, אַז עפּעס פֿילט זי ווי דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז די קינדער אירע וועלן אַהיימקומען געזונט. און באַלד נאָך אָט דער השערה האָט זיך די מאַמע צעוויינט.

ענדלעך זיינען אָנגעקומען פֿון די ברידער צוויי בריוו פֿון פֿראַנק־רייך. ביידע האָבן געשריבן, אַז זיי ליגן אין שפּיטאָל פֿאַרוואונדעטע. די דאָזיקע בריוו זיינען אָנגעקומען אין אַ מיטוואָך. אין שטוב ביי טאַטע־מאַמע זיינען געווען די צוויי קלענערע ברידערלעך וועלכע האָבן קיין יידיש ניט געקאָנט לייענען.

איז דאָס געווען אַ גליק פֿאַר דער מאַמען. זי וואָלט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן: ביידע זין פֿאַרוואונדעט!

דער איינציקער לייענער איז איצט געווען דער טאַטע. און אַזוי ווי ער האָט זיך אויך געהיט פֿאַר דער מאַמען, האָט ער פֿריער די בריוו איבערגעלייענט פֿאַר זיך און דערנאָך דערציילט דער מאַמען וואָס זיי שרייבן.

די מאַמע איז אָבער ניט געווען צופֿרידן מיטן טאַטנס איבערלייענען און זי איז געקומען צופֿאָרן צו מיר אין די בראָנקס.

— צוויי בריוו פֿון די קינדער, לייען זיי איבער — האָט זי באַלד ביים אַריינקומען געזאָגט.

איך האָב זיך דערפֿרייט און געכאַפּט די צוויי בריוו און זיי אי־בערגעלייענט אַזוי ווי מען האָט געדאַרפֿט לייענען פֿאַר דער מאַמען: אַז זיי זיינען געזונט און שטאַרק און זיי רוען זיך איצט אָפּ פֿון די שלאַכטן וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. איך האָב שוין געזען בשעת דעם לייענען, אַז זיי שרייבן אַז זיי זיינען פֿאַרוואונדעטע אין שפּיטאָלן. אָבער איך האָב ניט געטאָרט אַרויסווייזן קיין שום שטריך פֿון טרויער. די מאַמע מיינע האָט געהיט יעדן קנייטש פֿון מיין פּנים.

איך דערצייל אָט דעם אינצידענט, ווייל ער האָט מיך געקאָסט פֿיל געזונט. איך האָב בשעת מעשה מסתמא געמוזט שפּילן די ראָליע ווי אַ גענייטער אַקטיאָר.

געוויינלעך פֿלעג איך צונעמען אַלע בריוו פֿון מיינע ברידער די סאָלדאַטן. איך האָב זיי באַהאַלטן, טאָמער וועל איך זיך נעמען אַמאָל צו שרייבן אַ ראָמאַן פֿון מלחמה־לעבן זאָלן מיר אָט די בריוו דינען אַלס מאַטעריאַל.

איך האָב די דאָזיקע צוויי בריוו אויך צוגענומען צום באַהאַלטן. די מאַמע האָט זיי מיר ניט אַזוי לייכט געוואָלט אָוועקגעבן. אָבער איך האָב זיי ביי איר צוגענומען, ווייל איך האָב אגב מורא געהאַט, אַז זי זאָל זיי ניט געבן עמיצן אַ פֿרעמדן צום איבערלייענען.

איך בעט איצט ביי מיין מאַמען מחילה פֿאַר וואָס איך האָב זי אָפּ־גענאַרט אַזוי פֿיל מאָל אין יענע מלחמה־יאָרן. נאָך אַלעמען זיינען דאָך די צוויי ברידער אַהיימגעקומען פֿון דער מלחמה און די מאַמע האָט דערלעבט צו זען נחת פֿון זיי. זי האָט שוין איצט פֿון זיי גרויסע אייניקלעך, וואָס וועלן אפֿשר באַלד, באַלד ווידער דאַרפֿן גיין אין אַ נייער מלחמה...

די מאַמע מיינע האָט דערלעבט צו האָבן אַריבער צוואַנציק אייניקלעך און זי האָט שוין דערלעבט אַן אור־אייניקל און זי וועט באַלד דערלעבן נאָך אור־אייניקלעך.

און איך וואָלט זייער ניט וועלן דיך מער דאַרפֿן אָפּנאַרן, טייערע מאַמע, אַזוי ווי איך האָב דיך גענאַרט אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

און ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? דאַכט זיך — ערשט נעכטן איז עס געווען.

און שוין ווידער!...

אַט ערשט נעכטן! איך בין נאָך דעמאָלט געווען יונג. איך בין געווען נאַאיוו פּונקט ווי אַלע און געמיינט, אַז די וועלט־מלחמה איז אַ מלחמה פֿאַר דעמאָקראַטיע. אַלע האָבן אַזוי געמיינט. איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי פּרעזידענט ווילסאָן האָט געמאַרשירט איבער דער פֿינפֿטער עוועניו מיט די סאָלדאַטן. אַזאַ זאַך האָט אויף מיר געווירקט זייער שטאַרק. אַ פּרעזידענט פֿון אַזאַ גרויס לאַנד זאָל זיין אַזוי פּראָסט.

ביי אונז אין שטעטל, אין בעסאַראַביע — האָב איך געדענקט — האָט דער „אוריאַדניק" געהאַט מער גדלות... ווי פּאָליטיש אַנטוויקלט איך בין עס דאַן געווען!

עס איז דעמאָלט געווען ביי אונז די איינריידעניש, אַז אַ שרייבער דאַרף זיך ניט מישן אין פּאָליטיק. אונדזער גאַנצע גרופּע האָט זיך געהאַלטן אין דעם. און כאָטש איך האָב געמיינט, אַז איך בין וואָס מען רופֿט אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, האָב איך פֿונדעסטוועגן זיך געהאַלטן ווייט פֿון פּאָליטישע פּאַרטייען. איך האָב ניט „באַלאַנגט" צו קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי און צו קיין שום אָרגאַניזאַציע, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז איך דאַרף שטיין מיט זיך אַליין און טאָן מיין אַרבעט: שרייבן וואָס בעסערע און שטאַרקערע ווערק.

דריי־און־פֿערציקסטער קאַפּיטל

ווינטער 1923 בין איך קראַנק געוואָרן אויף די אויגן. די דאָקטוי־רים אין שפּיטאָל האָבן מיר פֿאַרבאָטן צו שרייבן און איך האָב מער ניט געקאָנט צושטעלן קיין שום מאַטעריאַל פֿאַר דער „פֿרייהייט”.

עס האָט מיר גענומען אַ גאַנצן ווינטער ביז צום אָנהויב פֿרילינג ביז מיינע אויגן זיינען געוואָרן אַביסל בעסער. די דאָקטוירים האָבן מיין קראַנקהייט גערופֿן „איריטיעס” און מיך געוואָרנט אַז איך זאָל ניט טאָן צוויי אַרבעטן, אי שרייבן און אויך אַרבעטן אין שאַפּ, ווייל עס וועט זיך אויסלאָזן שלעכט. קיין ברילן האָבן זיי מיר ניט געוואָלט געבן. איך האָב נאָר גערדאַרפֿט אָפּרוען מיינע אויגן אין אָוונט נאָך יעדן טאָג אַרבעט אין שאַפּ.

האָב איך געמוזט אויפֿהערן שרייבן. דאָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט יסורים.

ווי אַזוי וועל איך קאָנען לעבן אָן שרייבן?

איך האָב דערווייל אויפֿגעהערט שרייבן, אָבער עס וואָלט דאָך געווען אָן אומזין, אַז איך זאָל שוין צו יענער צייט אויפֿגעבן שרייבן. איך בין נאָך קיין פֿערציק יאָר ניט אַלט. ערשט איצט דאַרף זיך דאָך אָנהויבן מיין אמתע אַרבעט.

איך האָב גערעדט מיטן פּראָפֿעסאָר:

— דאָקטאָר — זאָג איך צו אים — אַז איך זאָל מוזן אויפֿהערן שרייבן, איז מיין לעבן ביי מיר גאָרנישט ווערט.

— ווי אַזוי לעבן טויזנטער מענטשן, וועלכע שרייבן ניט? — פֿרעגט ער מיר.

— ביי מיר איז עס אַן אַנדער זאַך, ביי מיר איז עס מיין גאַנצע נשמה.

— איך וועל זיין מיט דיר אָפֿנהערציק... ווילסט ווערן בלינד?

— ניין!

— דיין אַרבעט אין שאַפּ איז גענוג אָנשטרענגענדיק פֿאַר דיינע אויגן.

— איך מוז דאָך מאַכן אַ לעבן.

— דערפֿאַר ווּעסטו מוזן אויפֿגעבן שרייבן.

— דאָקטאָר...

— איך זע ניט קיין אַנדער אויסוועג, סיידן דו זאָלסט זיך לערנען שרייבן אויף אַ שרייב־מאַשין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

די דאָזיקע עצה פֿונם פּראָפֿעסאָר האָט מיך זייער שטאַרק דערדריקט מיט איר אָפֿנבאַרקייט; עס הייסט אַז דער דאָקטאָר גיט מיר אָנצוהערעניש, אַז איך וועל מיט דער צייט פֿאַרלירן מיינע אויגן און איך זאָל זיך באַ־צייטנס לערנען שרייבן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

עס איז מיר ניט געווען גוט. איך האָב וועגן דעם איבערגעשמועסט מיט מיין פֿרוי און מיר האָבן באַשלאָסן אַז איך זאָל דערווייל אָפּרוען מיינע אויגן יעדן אָוונט.

מיר האָבן אַ סך פֿון מיינע צרות מיט מיינע אויגן אָנגעהאַנגען אויף דער דירה אונזערער, וואָס האָט ניט קיין זון און ניט קיין לופֿט. מיין פֿרוי האָט גענומען זוכן אַן אַנדער דירה.

איך האָב גערוט יעדן אָוונט, ניט אָנגעשטרענגט מיינע אויגן אַפֿילו מיט לייענען אַ צייטונג. און צוביסלעך זיינען מיינע אויגן געוואָרן צוריק קלאָר און ווייס. איך האָב שוין געזען קלאָר.

— נו, מילא, וועל איך ניט שרייבן! — האָב איך צו זיך אַליין גע־זאָגט. אָבער עס האָט מיך זייער ווי געטאָן און איך האָב געליטן אין דער שטיל.

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייער דירה, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ קליין געסעלע מיטן נאָמען מאָהיגען עוועניו. די דירה איז געווען אויפֿן ערשטן שטאָק. אונזערע פֿענצטער זיינען געגאַנגען אַרויס צו זייער אַ קליין געסעלע, וואָס קיינער האָט גאָר ניט גענוצט. עס האָט אַפֿילו ניט געהאַט קיין נאָמען און עס איז ניט געווען ברוקירט. אָט דאָס געסעלע האָט דערמאָנט אַ זייטיקע „אוליצע״ ביי אונז אין שטעטעלע. זומער איז עס געווען באַוואַקסן מיט טיפֿע, ווילדע גראָזן. דאָרטן האָבן זיך אויך געפֿונען עטלעכע ביימער. מיט איין וואָרט — אַן אידעאַל געסעלע.

מיר האָבן אָוועקגעגעבן אונזער אַלטע מעבל פֿאַר כּמעט גאָרניט. מיר האָבן געקויפֿט אַ ווייכע סאָפֿע און צוויי ווייכע שטולן געדעקט מיט פּלוש, אַ שרייב־טיש און א ביכער־שראַנק. דעם שרייב־טיש האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אינדערמיט פֿונם גרויסן צימער, מיט אַ לאָמפּ אויפֿן טיש. און אין ביכער־שראַנק האָבן מיר אויסגעשטעלט אַלע אונזערע ביכער. און צוויי פֿענצטער האָט דאָס דאָזיקע צימער געהאַט און ביידע האָבן אַרויסגעקוקט אין דעם אומבאַוואוסטן, קליינעם געסעלע.

אין אָוונט איז געווען שטיל ווי אין אַ דאָרף. ווען ניט דאָס גרויסע מאָדערנע „אַפּאַרטמענט הויז״, וואָס האָט אַליין פֿון זיך אַרויסגעגעבן גענוג טומל וואָלטן מיר טאַקע געמיינט, אַז מיר וואוינען אין אַ דאָרף.

עס איז שוין געווען ענדע פרילינג. און מיר האָבן געהאַט אַ פּאַרק ניט ווייט פון אונז — דעם קראָטאָנאַ פּאַרק. און מיר פלעגן אין אָוונט באַלד נאָכן עסן גיין אין פּאַרק אַריין און זיצן און שעפּן פרישע לופט.

— ווער איז צו אונז דעמאָלט גלייך געווען?

מיינע אויגן זיינען געוואָרן נאָרמאַל. אָבער איך האָב זיך געשראָקן פאַרן ווינטער. נאָר דער ווינטער איז אַנגעקומען און מיינע אויגן זיינען נאָך אַלץ געווען נאָרמאַל.

הייסט עס, אַז דער דאָקטאָר איז געווען גערעכט. איך טאָר מיינע אויגן ניט אָנשטרענגען נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ.

אַרבעט אין שאַפּ איז געווען פיל. עס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די זיבן פעטע יאָר אין אַמעריקע, וואָס האָבן דערגרייכט מיט אַ טראַסק ביז צום 1929טן יאָר.

מיר זיינען איצט געווען דריי אַרבעטער אין אונזער אָפּטיילונג, איך, זוקערא און איינער מיטן נאָמען איזי. אָט דער בחור איז געווען אַן אַמעריקאַנער יידישער „לויפער". ער האָט גערעדט יידיש מיט אַ זייער קאָמישן אַקצענט און האָט געקאָנט געבן אַ פּאַטש און אויך נעמען. ער פלעגט אַליין זאָגן אויף זיך, אַז ער איז אַן אויסוואורף. אָבער זיין אַלטע מאַמע האָט ער געהאַלטן געערט און געקרוינט. ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה. און מיר האָבן אַלע דריי געשלאָסן שותפות צווישן זיך. וואָס מיר וועלן מאַכן וועלן מיר זיך דערמיט צוטיילן גלייך אויף גלייך.

דער איירישמאַן טשאַרלי סקעילס איז פּלוצים אין איין שיינעם טאָג פאַרשוואונדן פון דעם שאַפּ. ער האָט לעצטנס זייער אַ סך געטרונקען און האָט שוין ניט געוואוסט וואָס ער טוט. ער פלעגט שוין זיצן און שלאָפן די גאַנצע צייט. נאָר מען האָט אים געהאַלטן, ווייל ער איז געווען אַן „אַלטע האַנט".

איז טשאַרלי סקעילס אין איין שיינעם טאָג מער ניט געקומען. דער באַלעבאָס האָט זיך אַפילו ניט פאַראינטערעסירט צוצושיקן עמיצן צו טשאַרליס „רומינג הויז" אויסצוגעפינען וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

נאָר דורך די צייטונגען זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אַ מאַן מיטן נאָמען טשאַרלי סקעילס איז געפאַלן אין מיטן גאַס אַ טויטער און קיינער איז אים ניט געקומען מקבר זיין. די שטאָט האָט אים באַגראָבן אויף פּאָטערס־פעלד.

מיר האָבן וועגן טשאַרלין גערעדט מיט מיטגעפיל און זיך ווידער פאַרטיפט אין אונזער אַרבעט.

אַז דער „שטומער" אַרבעטער האָט דערהערט וועגן טשאַרליס טרויעריקן סוף, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק פון שאַפּ. ער איז

שוין אויך געווען אַ זקן. אָבער ער האָט זייער אָפּגעהיט זיין געזונט. ער האָט, ווייזט אויס, זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿלאַץ און איז אַוועק און געפֿונען אַן אַנדער אָרט צו אַרבעטן.

מיר דריי זיינען געבליבן אין שאַפּ און אַזוי ווי עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער סעזאָן, האָט דער באַלעבאָס געוואָלט אַרויפֿנעמען נאָך אַרבע־טער. זיינען מיר אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, געמאַכט שותּפֿות, און געלאָזט וויסן דעם מענעדזשער, אַז מיר וועלן אַליין מאַכן די גאַנצע אַרבעט. מיר האָבן אים אָנגעגעבן אַן אורזאַך: אַזוי ווי דער סעזאָן איז בלויז 6 חדשים אין יאָר, און די אַנדערע 6 חדשים קאָנען מיר קיין לעבן ניט מאַכן, איז דערפֿאַר האָבן מיר געמאַכט שותּפֿות און מיר ווילן פֿאַרדינען אין סעזאָן גענוג, כּדי צו קאָנען לעבן אין סלעק.

דעם מענעדזשער, פֿרענק מייערס, איז דאָס ניט געפֿעלן.

— ווי וועט זיין אַז עס וועט זיין אַזוי פֿיל אַרבעט אַז איר וועט ניט קאָנען דערווייזן צו מאַכן?

— וועט די אַרבעט אויף אונז וואַרטן — האָבן מיר געענטפֿערט.

— אָבער ווי וועט זיין אַז איך וועל דאַרפֿן די אַרבעט?

— וועלן מיר זי מאַכן!...

פֿרענק מייערס האָט געזען, אַז דאָ רעדט אַ פֿאַראייניקטע חברה, האָט ער אונז געפּרוּוט צעברעכן.

— איר זייט פּאַרטנערס, אָבער איר זייט דאָך ניט קיין „גלייכע״ אַרבעטער, איינער איז יעדן מאָל שנעלער פֿון אַן אַנדערן, און ווער עס איז שנעלער דער קאָן אַלע מאָל פֿאַרדינען מער. פֿאַרוואָס זאָל איינער פֿאַרלירן צוליב אַ צווייטן? דער באָס וועט ניט קאָנען פֿאַרטראָגן, אַז איינער פֿון זיינע שנעלסטע אַרבעטער זאָל יעדע וואָך פֿאַרלירן דערפֿאַר, וואָס ער האָט געמאַכט פּאַרטנערס מיט איינעם, וואָס איז זייער „סלאָו״...

מיט דעם שנעלן אַרבעטער האָט פֿרענק געמיינט מיך. און מיט דעם „סלאָוען״ האָט ער געמיינט דעם איטאַליענער זוקעראָ.

— מיר האָבן געמאַכט פּאַרטנערשיפּ און מיר וועלן אַזוי זיין — האָב איך געלאָזט וויסן פֿרענקן.

— אָלראַיט! — האָט ער געזאָגט אַ ברוגזער — דאָס מיינט אַז איר פֿירט איין אַ „קלאָוזד שאָפּ״.

— דו קאָנסט עס אָנרופֿן ווי דו ווילסט — האָט איזי געזאָגט.

— ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט וואָלט איך גאָר געשוויגן — ווייזט פֿרענק מיט אַ פֿינגער איזין גלייך אין פּנים אַריין.

— פארוואס זאל איך עפעס שווייגן? האב איך ניט געדינט מיין לאנד אין דער מלחמה פון יענער זייט ים? איך האב זיך געוואלגערט אין די טרענטשעס, בשעת דו און אנדערע אזעלכע ווי דו, זיינען געשלאפן אין ווייכע בעטן...

— דו האסט געראטעוועט די דעמאקראטיע...

— באלאני!... איצט אז איך בין דא צוריק, וויל איך אפמאכן דאס, וואס איך האב פארלוירן — זאגט איזי.

— אלראיט! איר קאנט האבן אייער וועג, אבער איר זאלט וויסן אז מיר גלייכן עס ניט. דער „באס" האט אריינגעלייגט געלט און ער וויל אליין פירן זיינע געשעפטן — ניט איר!...

עס האט גאר ניט געהאלפן. מיר זיינען אלע דריי געווארן שותפים און מיר האבן זיך איינגעטיילט מיט דער גאנצער ארבעט ווי מיר האבן געוואלט.

מאיק, דער פארמאן, האט זיך געמארדעוועט און געשריגן „דזשי־זעס!" און עס האט אים אויך ניט געהאלפן.

איידער מיר זיינען געווארן שותפים האט מאיק געהאט א בייטש איבער אונז: „די שווערע ארבעט". אויב ער האט געוואלט מיט איינעם פון אונז זיך אפרעכענען, האט ער א גאנצן טאג נאר געגעבן שווערע ארבעט, כדי מען זאל ווייניקער פארדינען.

איצט האבן מיר זיך אלע דריי איינגעטיילט מיט דער שווערער ארבעט גלייך אויף גלייך.

האט עס מאקסן געשטאכן אין דער זיבעטער ריפ. אבער ער האט גאר ניט געקאנט טאן.

מיר אלע דריי האבן אפגעארבעט אזוי דעם גאנצן סעזאן און געלעבט צווישן זיך ווי ברידער און זיך געטיילט מיט די פארדינסטן. דער סעזאן האט אנגעהאלטן יענעם יאר ביז נאך די יידישע יום־טובים און העט, העט ביז קריסטמעס.

דער באלעבאס האט געמאכט אוצרות געלט און מיר האבן געהאט וואכן פון אריבער הונדערט דאלער. אבער דער באלעבאס איז געפארן אין א „ראלס־ראיס" מאשין און ניט מיר...

פארשטייט זיך, אז איך האב אפילו ניט געטראכט וועגן שרייבן. איך האב ביי זיך שוין כמעט געהאט אפגעמאכט איינס פון די צוויי; אדער איך זאל מאכן א לעבן פון שרייבן און אויפגעבן די ארבעט אין שאפ, אדער אויב איך בלייב אין שאפ הער איך אויף צו שרייבן.

איך האָב אַזוי אָפּגעמאַכט...

אָבער ווען עס איז אַרום קריסטמעס־צייט געוואָרן אין שאַפּ אַבי־סעלע ווינציקער אַרבעט, האָבן מיר אַלע דריי שותּפים אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז נאָר איינער פֿון אונז זאָל זיצן אין שאַפּ און אים היטן... צוויי פֿון אונז זאָלן זיך אָפּרוען אין זייערע היימען. יעדע וואָך האָבן מיר זיך געביטן. אַזוי איז עס אויסגעקומען יעדן איינעם פֿון אונז צו האָבן אַ וואָך אָדער צוויי וואַקאַציע.

און אָט אין דער וואַקאַציע האָב איך זיך ווידער גענומען צו דער פּען. אַ שרייב־מאַשין האָב איך געהאַט, האָב איך געוואָלט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון זיצן ביי אַ שרייב־מאַשין אין דער מיט פֿונם קאַבינעט, ווי עס טוען מסתּמא גרויסע לייט.

פיר־און־פערציקסטער קאפיטל

כ׳האב געדאַרפֿט דערציילן, ווי אַזוי עס האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו ווערן אַ דראַמאַטורג און ווי אַזוי איך האָב דראַמאַטיזירט מיין ראָמאַן „הער גאָלדנבאַרג״ און די דראַמע אַ נאָמען געגעבן „שטעכיק דראָט״ און ווי אַזוי זי איז געשפּילט געוואָרן און וואָס פֿאַר אַ צרות איך בין אויס־געשטאַנען פֿון אָט דער דראַמע, נאָר איך וועל עס ניט טאָן.

איך וועל בעסער עס איבערלאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל און דער־ציילן ווי אַזוי איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיין ראָמאַן „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע״. אין מיין לעבן איז איצט פֿאָרגעקומען אַ שטיקל ענ־דערונג. ביז יענעם פּעריאָד האָב איך זיך געפֿילט ווי אַ יונגער בחור. איך בין נאָך געווען פֿאַר די פֿערציקער. און כּל־זמן איך בין ניט אַריבער די פֿערציקער האָב איך אַפֿילו ניט געטראַכט וועגן אַ תּכלית; געשריבן און געאַרבעט און צי עס איז געווען גוט צי ניט, האָב איך נאָך אַלץ צו זיך אַליין געזאָגט, אַז איך האָב נאָך צייט; איך בין נאָך ניט אַריבער די פֿערציקער. אָבער איצט ווען איך בין אַריבער די פֿערציקער און אין מיין פֿאַמיליע האָט פּאַסירט דער אומגליק מיט מיין ברודער מעקס, וואָס איז פֿריצייטיק געשטאָרבן, האָב איך דערפֿילט, אַז איצט מוז איך זיך נעמען אין די הענט אַריין — איך מוז אָנשרייבן איצט מיין ווערק!

און איך האָב ניט געדאַרפֿט גיין ערגעץ אין פֿרעמדע וועלטן, אָדער אָנקומען צו דער יידישער געשיכטע כּדי אָנצושרייבן אַ ווערק. איך האָב עס געהאַט אין מיין אייגענער פֿאַמיליע: מיין זיידע מיט מיין באָבע. זיי זיינען געווען אַ פּאָרל אַ זעלטנס צו געפֿינען. זיי האָבן זיך געלעבט אַזוי שיין און ערלעך. מיין זיידע האָט אויף דער עלטער געאַרבעט אין אַ שאַפּ אין אַמעריקע. זייער היים איז געווען אַן אָרעמע אָבער אַ ציכטיקע און באַהעלט מיט דער אמתער ליבע, וואָס עס איז געווען צווישן זיי.

און אַז איך האָב זיך פֿאַרטראַכט וועגן זיי, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ ציטער און איך האָב זיך געזאָגט: אָט איז מאַטעריאַל פֿאַר אַ ראָמאַן!

צו מיין גליק איז אין יענער צייט מיר אָנגעקומען אַ בריוו פֿונם דיכטער ל. מילער, אַז ער מיט וויליאַם נאָטאַנטזאָנען גיבן אַרויס אַ וואָכנ־בלאַט „קולטור״ אין שיקאַגאָ. און מען בעט מיך זייער איך זאָל ווערן אַ מיטאַרבעטער. האָב איך זיי געענטפֿערט, אַז איך וועל זיי געבן אַלע וואָך אַ

קאַפּיטל פֿון אַ נייעם ראָמאַן. און איך האָב באַלד געקראָגן אַן ענטפֿער, אַז זיי זיינען זייער צופֿרידן צו דרוקן מיין נייעם ראָמאַן און מיר גוט באַצאָלן אויך.

הכלל, איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט און אָנגעשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל. כ׳האָב געוואָלט געבן מיין זיידנס און מיין באָבעס לעבן אין אַמעריקע. זיי זיינען שוין ביידע ניט געווען אויף דער וועלט. האָב איך געוואָלט זייער אָנדענק פֿאַרצייכענען אין מיין נייעם ראָמאַן. דער זיידע מיינער, מאָניס, האָט מיר דערציילט זייער אַ סך וועגן זיין אָנקומען אין אַמעריקע. ער האָט געהאַט אַ טאַלאַנט צו דערציילן זייער שיין און פֿאַרכאַפּנדיק. און מיט אים האָבן געטראָפֿן זייער טשיקאַווע זאַכן דאָ אין דעם נייעם לאַנד.

בשעת מיין זיידע האָט דערציילט האָט ער זיך באַמיט אָפּצולאַכן פֿון אַמעריקע און די איינפֿירונגען, וואָס אונזערע יידן האָבן דאָ איינגעפֿירט. האָב איך שוין געהאַט אַ פֿאַרטיקן וועג ווי אַזוי צו דערציילן און אויך וואָס צו דערציילן. איך האָב זיך באַנוצט מיט מיין זיידנס אייגענעם מעטאָד, פּונקט ווי איך וואָלט אים אַליין געלאָזט דערציילן די מעשה.

אַז איך האָב אָנגעשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל האָב איך עס געלייענט פֿאַר מיין פֿרוי און זון. איך האָב געזאָגט מיין זון, אַז דאָס איז די געשיכטע וועגן מיין זיידן און באָבען — איז עס אים זייער געווען אינטערעסאַנט צו הערן, ווי אַזוי מיין זיידע און מיין באָבע זיינען געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט זייער פֿיל געלאַכט און דאָס האָט מיך זייער געשטאַרקט: עס איז געווען אַ גוטער סימן. אויב אַן אַמעריקאַנער געבוירן אינגל האָט הנאה פֿון אַ יידיש ווערק איז עס מסתמא גוט. איבערהויפּט ווען אין דער ליטעראַרישער יידישער וועלט איז דאַן אומגעגאַנגען אַ געוויסער פּעסימיזם וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. די קינדער אונזערע, האָט מען געקרעכצט, ווילן אונז ניט לייענען...

דאָס וואָכנבלאַט „קולטור״ האָט געלעבט אַן ערך פֿון זיבן וואָכן און איז אונטערגעגאַנגען. און מיין ראָמאַן „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע״ איז אין מיטן דערינען איבערגעריסן געוואָרן.

נאָר דאָ איז ווידער אונטערגעקומען ליעסין און מיך געבעטן, אַז איך זאָל אָט דעם ראָמאַן פֿאָרזעצן אין זיין „צוקונפֿט״. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אַן דעם פּלאַן און אָנגעהויבן דרוקן אין „צוקונפֿט״ דעם איבערגעריסענעם ראָמאַן. איך האָב גלייך אָנגעהויבן פֿון דאָרט וואו איך בין געבליבן שטיין. ליעסין האָט געזאָגט אַז ער וועט ניט איבערדרוקן קאַפּיטלען, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין אַ וואָכנבלאַט.

און מען האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם, אַז די יידישע לייענער וועלן שוין אַליין וויסן, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „קולטור" און מסתמא האָבן זיי געלייענט יענע קאַפּיטלען.

איך האָב יענעם זומער געהאַט מער צרות פֿון עפּעס אַנדערש, אַז דער אינצידענט מיט מיין ראָמאַן זאָל מיך ניט לאָזן רוען.

מיין פֿאָטער האָט זיך פּלוצים אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין אַז ער וויל אַוועקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. די מאַמע האָט ניט גע־וואָלט פֿאָרן מיט אים. זי האָט בעסער געוואָלט בלייבן מיט די קינדער אין אַמעריקע. די מאַמע האָט געשריגן אין איין קול: זאָל ער פֿאָרן!

אָבער אין דער שטיל האָט זי געוויינט: — וואָס הייסט, ער לאָזט מיך איבער?!

איך האָב געאַרבעט איבער מיין פֿאָטער ער זאָל ניט פֿאָרן.

— וואָס פּלוצים ווילסטו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, ווען איך וויים, אַז ביז איצט האָסטו ניט געהאַלטן פֿון „מקדים זיין דעם קץ"?

— איך פֿאָר קיין ארץ־ישראל דאָרט לערנען און זיצן רואיק. דאָרט אין חברון וועל איך מיר זיצן און לערנען.

— און געלט?

— איך האָב גענוג.

— און די מאַמע?

— זאָל זי מיטפֿאָרן. עס וועט איר דאָרט זיין גוט.

— אָבער די מאַמע וויל ניט פֿאָרן.

— זאָל זי בלייבן דאָ.

— טאַטע, דו ווייסט ניט וואָס פֿאַר אַ צרות דו נעמסט אויף זיך.

— דהיינו?

— זיי וועלן ביי דיר אויסנאַרן דיינע עטלעכע דאָלער און דערנאָך וועט דיר ניט גוט זיין.

— הע! ניט אין ארץ־ישראל זיינען פֿאַראַן אַזעלכע יידן...

— טאַטע, עס איז ניט שיין... אַ ייד אין דיינע יאָרן זאָל אַזוינס טאָן... די מאַמע וויינט מיט בלוטיקע טרערן. עס איז מיר אַ בושה...

— זאָל זי אויך פֿאָרן.

— זי וויל ניט.

— זי וויל אַמעריקע בעסער פֿון ארץ־ישראל — זאָל זי דאָ בלייבן. איך פֿאָר...

— דו וועסט ניט פֿאָרן!

— איך וועל יאָ פֿאָרן. איך האָב שוין אַ שיפֿסקאַרטע און אַ פּאַס.

— ווען פֿאָרסטו?

— אין אַ וואָך אַרום, אים ירצה השם, זונטיק אינדערפֿרי.

וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט יענע וואָך איז ניט צו באַשרייבן. אין שטוב ביי מיינע עלטערן איז געווען זייער טרויעריק. די מאַמע האָט גראַד צוגעגרייט פֿאַרן טאַטן אַלע נויטיקע זאַכן: העמדער, זאָקן, אונ־טערוועש און נאָז־טיכלעך. זי האָט אַרויסגעלייגט אַלע זאַכן אויפֿן טיש און דער טאַטע האָט זיך געפּאַקעוועט. מיר, אַלע זין מיט די ווייבער און אייניקלעך, זיינען אַהין געקומען אַלע אָוונט און עס זיינען אין שטוב געווען יללות און געוויינען.

שבת־צו־נאַכט איז געווען דער לעצטער אויפֿדערנאַכט. די שטוב איז געווען פֿול מיט אונז, קינדער און אייניקלעך. דער טאַטע איז נאָך נישט געקומען פֿונם דאַוונען. ער האָט געדאַוונט אין אַטוירני סטריט און געוואוינט האָבן טאַטע־מאַמע אין דער זיבעטער סטריט און סעקאַנד עווניו.

עס זיינען געקומען צוגיין אַ פּאָר פֿרומע יידן, דעם טאַטנס חברים. איינער איז געווען אַ רב. מען האָט אים גערופֿן דער קאַמעניצער רב, אַ ייד אַ שיינער מיט אַ רויטער פֿלאַמיקער באָרד און מיט פֿלעשלדיקע פאות און מיט אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש.

— איך בין דער עלטערער זון — האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן רב.

— דער וואָס שרייבט אין די צייטונגען? — פֿרעגט דער רב.

— יאָ.

דער רב גיט מיר שלום.

— איך וויל אייך בעטן, אַז איר זאָלט ווירקן אויף מיין טאַטן, אַז ער זאָל ניט פֿאָרן.

— דיין טאַטע וויל מיך ניט פֿאָלגן.

— ער וועט אייך יאָ פֿאָלגן. איר קאָנט דאָך פּרואוון. גיט אַ קוק וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן. ער גייט אָנטאָן אַזאַ בושה דער גאַנצער פֿאַמיליע.

— נו, און אַז איר טוט אייער טאַטן אָן בושות די גאַנצע צייט?

— אָ, איר מיינט מיט דעם, וואָס מיר גייען אונזער אייגענעם וועג?

— איר טוט אים אָן בושות... איר ווילט ניט אַריינגיין אין זיין לאַגע, נאָר איר פֿאָדערט, אַז ער זאָל אַריינגיין אין אייער לאַגע...

— ליבער ייד, איר זייט גערעכט, אָבער ווען וואָלט דאָס גערעדט געוואָרן, ווען מיר וואָלטן געווען די איינציקע אויף דער וועלט. מיר זיינען ניט די איינציקע. אַ גאַנצע וועלט איז אָוועק אויף נייע וועגן...

— אָבער אייער טאַטע איז אַ פֿרומער איד און ער קאָן ניט פֿאַרטראָגן אייערע פֿירעכצן — זאָגט דער רב.

— פֿאַרוואָס־זשע איז ער געקומען קיין אַמעריקע? ער האָט דען ניט געוואוסט, אַז דאָ איז מען ניט אַזוי מקפּיד אויף פֿרומקייט? פֿונדעסטוועגן איז ער געקומען און מיר האָבן אײַנגעפֿונדעוועט אַ היים. און אַלע זין האָבן חתונה געהאַט און עס איז שוין דאָ אייניקלעך. איז איצט איז אים אויסגעקומען זיך אַרומצוקוקן, אַז עס האַלט שמאַל מיט אונזער פֿרומקייט! ווער שטערט אים דען דאָ צו לערנען אַ בלאַט גמרא? ווערט שטערט אים דען צו גיין דאַוונען אַזש אין אַטוירני סטריט?

אָבער מיין ריידן איז פּלוצים איבערגעשלאָגן געוואָרן. דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין שטוב.

די מאַמע איז געזעסן אין אַ צווייטן צימער מיט די שניר און זיי האָבן אַלע געקלאָגט און געוויינט.

— וואָס באַקלאָגט מען מיך? — האָט דער טאַטע צעגומען ביידע הענט און זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס — איך בין נאָך ניט געשטאָרבן!

— טאַטע, דו וועסט ניט פֿאָרן! — האָב איך אויסגעשריגן און געטאָן אַ קלאַפּ אין טיש.

— ווער וועט מיך ניט לאָזן?

אויב דו פֿאָרסט, זאָג איך אָפּן פֿאַר אַלעמען, וועט עפּעס שלעכטס געשען!

— יונגערמאַן, היצט זיך ניט — זאָגט דער קאַמעניצער רב צו מיר — לאָזט עס איבער צו מיר און איר אַלע פֿון דער משפּחה גייט אַוועק אין צווייטן צימער און לאָזט אונז איבער מיט אייער טאַטן אויף אַ פּאָר מינוט.

מיר, אַלע ברידער, זיינען אַריין צו אונזער מאַמען אין צימער. די מאַמע איז שוין געלעגן אויסגעשטרעקט אויף אַ בעט מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויף איר שטערן. די שניר און די אייניקלעך זיינען געשטאַנען אַרום איר און האָבן זיך געווישט די אויגן.

עס האָט ניט גענומען קיין פּאָר מינוט און מיר האָבן דערהערט, ווי דער קאַמעניצער רב רופֿט די משפּחה צוריק אין עס־צימער אַריין.

אַז איך בין אַריין דאָרטן האָב איך שוין באַלד דערשמעקט, אַז מיין טאַטע פֿאָרט ניט קיין ארץ־ישראל. אין זיין זיצן ביים טיש האָב איך עס געזען.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. די איבעריקע ברידער האָבן אויך געפֿונען ערטער ביים טיש.

— הערט אויס, קינדער — האָט דער רב געזאָגט — דער טאַטע וועט ניט פֿאָרן, מיט איין תּנאַי...

— וואָס וויל דער טאַטע? — פֿרעג איך.

— איך וויל, אַז דו, עלטערער זון, זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט לייגן תּפֿילין אַלע טאָג — זאָגט דער טאַטע.

— איך זאָג צו...

— איך פֿאָדער פֿון דיר מער ניט ווי לייגן תּפֿילין אַלע טאָג...

— גוט!...

— בלייב איך דאָ מיט אייך...

— נו, און די איבעריקע זין? — פֿרעגט דער רבֿ.

— פֿון זיי פֿאָדער איך גאָר ניט — זאָגט דער טאַטע. און נאָך עד־היום פֿאַרשטיי איך ניט פֿאַרוואָס דער טאַטע האָט ניט געפֿאָדערט אויך ביי די איבעריקע ברידער, אַז זיי זאָלן אויך לייגן תּפֿילין. ער וואָלט עס דאָך געוועזן געפּועלט.

אָבער אין שטוב איז באַלד געוואָרן אַ גרויסע שמחה: — דער טאַטע פֿאָרט ניט אַוועק קיין ארץ־ישראל!...

דער טאַטע האָט מיר געבראַכט מאָנטאָג אָוונט אַ פּאָר תּפֿילין מיט אַ סאַמעטן תּפֿילין־זעקעלע און איך האָב געהאַלטן וואָרט. אַלע אינדער־פֿרי האָב איך געלייגט תּפֿילין. און אַזוי האָב איך אויסגעמיטן עס זאָל ניט צעבראָכן ווערן מיין מאַמעס היים — אונזער היים...

פינף־און־פערציקסטער קאַפּיטל

אַרום דעם יאָר 1926 איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן פון אַ קאָאָפּע־ראַטיווער הויז. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו אַן אַסיפה, איינגע־צאָלט צען דאָלער מיטגליד־שטייער, און אויסגעהערט ווי דער אַרכיטעקט האָט דערציילט דעם גאַנצן פּלאַן. ער האָט געמאָלן אַ שיינע צוקונפט פאַר אַ קאָאָפּעראַטיווער היים, וואו די אַטמאָספערע וועט זיין אַ ראַדיקאַל־יידישע מיט סאָציאַלע צימערן, מיט אַ יידישער וועלטלעכער שול און אַ יידישער ביבליאָטעק און יעדער מיטגליד וועט זיך האָבן זיין היים ווערדליק זיינע כוחות און פאַרדינסטן. עס וועט דערווייל קאָסטן יעדן מיטגליד צוועלף־דרייצן דאָלער אַ צימער דירה־געלט, און נאָך די ערשטע 5 יאָר וועט שוין דאָס דירה־געלט זיין אַ סך נידעריקער, ווייל מען וועט שוין האָבן אָפּגעצאָלט דעם „צווייטן מאָרטגעדזש". נאָך די ערשטע צען יאָר וועט שוין גאָר, גאָר קאָסטן ביליק, ווייל דעמאָלט וועט שוין זיין אָפּגעצאָלט אַ העלפט פונם „ערשטן מאָרטגעדזש".

אַריינגעמען אין קאָאָפּעראַטיוו וועט מען נאָר ראַדיקאַלע יידישע אַרבעטער, קולטור־טוער און יידישע שרייבער. עס וועט זיין אין הויז אויך אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם וואו די קאָאָפּעראַטאָרס וועלן קענען קויפן אַלץ וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער ביליקע פּרייזן.

הכלל: עס וועט זיין אַ גן־עדן פאַר דעם קאָאָפּעראַטאָר! ער וועט זיך באָדן אין קולטור. די שרייבער וועלן לייענען זייערע ווערק, די קינדערלעך וועט מען שיקן אין דער שול און זיי וועלן לערנען יידיש, יידישע גע־שיכטע, ליטעראַטור, און עס קאָן זיין, אַז מען וועט פועלן ביי דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג אַז אונזער שול זאָל ווערן אַנערקענט אַלס אַ פאָלקס־שול. דאַן וועלן קינדערלעך ניט דאַרפן גיין אין דער ענגלישער „פּאַבליק סקול".

די קאָאָפּעראַטיווע היים וועט מען בויען ערגעץ אין עק פון שטאָט ניו־יאָרק וואו עס זיינען דאָ פּאַרקן, וועלדער און גראָז. עס וועט זיין ניט ווייט פון אַ סאָבוויי סטאַנציע, כדי די קאָאָפּעראַטאָרס זאָלן קאָנען פאָרן אין שטאָט אַריין צו דער אַרבעט.

אין אַ געוויסן זונטיק איז מען אַרויסגעפאָרן אָנקוקן דאָס אָרט וואו מען טראַכט צו בויען דאָס הויז.

עס איז געווען פרילינג אין דרויסן און דאָס אָרט האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ שיטער וועלדל.

איך בין מיט מיין פרוי און מיט מיין איינגעלע אַרויסגעפאָרן אָנקוקן אונזער צוקונפטיקע נחלה. דאָס אָרט איז באמת געווען זייער שיין. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדערניש אַנטקעגן דער בראָנקס, וואו מיר האָבן געוואוינט. דאָ און דאָרט — אַ פּאָר פּריוואַטע שטיבעלעך; אומעטום ביימער און גראָז און אַ גרויסער טייך, אַ רעזערוואואַר, און אַ קליינער פּאַרק וואָס איז כמעט אַ שטיק אַמעריקאַנער געשיכטע, ווייל דאָ, אין אָט דעם פּאַרק אויפן באַרג, האָט וואַשינגטאָן מיט זיינע סאָלדאַטן געקעמפט קעגן ענגלאַנדס אונטערייאָכונג.

די צוקונפטיקע קאָאָפּעראַטאָרס האָבן גערעכנט וויפיל עס וועט נעמען דאָס צוגיין צו דער סטאַנציע פון דער סאָבוועי. יידן האָבן גענומען זייערע זייגערס אין די הענט און געגאַנגען צו דער סאָבוועי און צוריק. עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געמאַכט דעם דאַזיקן מהלך אין 6 מינוט און אַנדערע האָבן עס געמאַכט אין 10 מינוט.

קיין גרויסע געפאַר איז ניט געווען אויב עס וועט געדויערן 10 מינוט.

— אַז מען וויל אַ יידישע סביבה לוינט זיך אַפילו 10 מינוט צו דער סאָבוועי — האָט געזאָגט איינער פון די גלאַוונע פירער.

— וואָדען? וואָס איז 10 מינוט? בלאָטע...

— פאַרגעסט ניט, אַז עס מיינט 20 מינוט יעדן טאָג — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּעסימיסט. אָבער מען האָט אים שיעור ניט פאַרשטיינט.

— וואָס רעדט דער מענטש?

— און וואו איז די סביבה?

— און דאָס וואָס מען וועט פּטור ווערן פונם לענדלאָרד?

— און אַלע אָוונט וועלן מיר פּראַווען ליטעראַרישע שמחות...

— און אונזערע קינדער וועלן ריידן יידיש.

מיר מיט מיין פאַמיליע אין דאָס אָרט געפעלן. אָבער עפּעס איז מיר ניט געווען געפעלן ווי אַזוי מען האָט זיך געהאַלטן אין איין באַ־רימען מיט דעם, וואָס אַלע אויפדערנאַכט וועט מען מאַכן ליטעראַרישע אָוונטן. דאָס האָט געמיינט, אַז אויך איך וועל דאַרפן לייענען מיינע ווערק. איך וועל אַהיים קומען אַ מידער פון אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ, און מען וועט מיך קומען רופן, אַז איך זאָל אַראָפּגיין לייענען מיינע ווערק.

עפּעס האָט זיך עס ביי מיר ניט געקלעפּט מיט דער ווירקלעכקייט. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט האָבן קיין רו.

דאָ, וואו מיר וואוינען איצט, ווייסט מען אַפילו ניט צי איך בין אַ שרייבער. מיר איז גוט. קיינער שלעפּט מיך ניט ביי די פּאָלעס אַז איך

זאָל גיין לייענען און איך בין קיינעם גאָר ניט שולדיק. צוליב וואָס, האָב איך געטראַכט, זאָל איך זיך באַזעצן אין אַ הויז, וואו אַלע איינוואוינער זיינען הייסע חסידים פֿון דער יידישער ליטעראַטור?

איך וועל דאָך ניט קאָנען דורכגיין דעם הויף. ווער עס וועט מיך באַגעגענען וועט מיך אָפּשטעלן און אַריינזאָגן זיין מיינונג וועגן מיין זאַך וואָס איך דרוק אין דער „צוקונפֿט". מען וועט מיך נאָך אפֿשר כאַפּן אונטערן אָרעם און מיך באַגלייטן צו דער סאָבוועי און מיך באַקרעכצן, וואָס איך מוז נעבעך אַרבעטן אין אַ שאָפּ.

און מען וועט מיך היטן אויף יעדן שריט און טריט. און אַזוי גיך ווי איך וועל נאָר קומען אַהיים פֿון דער אַרבעט, וועט אויסוואַקסן אַ קאָמיטע פֿון די שיינע באַלעבאַטים און מען וועט מיך אַפֿילו ניט לאָזן אָפּעסן צו דער זאַט: — מיר לאָדן אייך איין עפּעס פֿאַרצולייענען...

כ'האָב זייער ניט ליב געהאַט פֿאַרצולייענען פֿאַר אַן עולם. דאָס הייסט: מען קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב ניט ליב געהאַט, נאָר פּשוט איך האָב זיך פֿאַרלוירן אין גאַנצן בשעת איך האָב אַמאָל געפּרוּווט פֿאַרלייענען פֿאַר אַן עולם.

כ'פֿלעג ווערן באַגאָסן מיט אַנגסט־שווייס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און די ערד פֿלעגט אַפּירשווימען פֿון אונטער מיינע פֿיס און איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס איך לייען.

איז צו וואָס טויג מיר, אַז איך זאָל זיך גלייך אַריינציען אין אַזאַ הויז, וואו איך וועל דאַרפֿן אָפּקומען חיבוט־הקבר יעדע מינוט?

אָבער מיין פֿרוי און מיין זון האָבן גראַד זייער ליב געהאַט דאָס אָרט און די מענטשן, וואָס וועלן דאָרט זיך אַריינציען. און זיי האָבן פֿון מיר געלאַכט פֿאַרוואָס איך ציטער אַזוי און האָב אַזוי מורא, טאָמער וועל איך דאַרפֿן פֿאַרלייענען מיינע זאַכן.

האָב איך זיך טאַקע באַרעכנט, אַז עס איז זייער נאַריש פֿון מיין זייט. עס איז דאָך געווען אַ סך אַ בעסערע צוקונפֿט פֿאַר אונז דאָרטן אין הויז.

ערשטנס, דאָס וואָס עס וועט זיין אונזער אייגנס. אמת, מען וועט עס טאַקע ניט קאָנען פֿאַרקויפֿן מיט פּראָפֿיט. אָבער אַן אייגן ווינקל וועלן מיר דאָך האָבן. און אויף דער עלטער, ווען די כּוחות וועלן שוין ניט סטאַיען פֿאַר אַרבעט אין שאָפּ וועט כאָטש זיין אַן אייגענע היים.

צווייטנס, די סביבה. מען וועט ריידן יידיש, אי אין שטוב און אויך אין גאַס. וויפֿיל וועט דאָס האָבן די ווערט פֿאַר אונז ווען מיר וועלן וויסן, אַז אונזער קינד ווערט ניט פֿאַרפֿרעמדט פֿון אונז, ווי דאָ אין דעם הויז וואו מיר וואוינען?

און דריטנס, וואָס וועט מיך טאַקע אָרן אַז איך וועל זיך צוגעוואוינען קומען צום פֿאָלק מיט מיין וואָרט? עס איז שוין צייט, אַז איך זאָל עס טאָן, ווייל וויפֿיל איז דער שיעור אַז איך זאָל זיך באַהאַלטן?

גאָר אין גיכן האָט מען זיך טאַקע גענומען בויען די קאָאָפּעראַטיווע הויז און מיר זיינען כמעט יעדן זונטיק צוגעפֿאָרן אַהין אָנקוקן ווי מען האַלט מיטן בויען.

אַז מיר האָבן דערזען די גריבער אויפֿן באַרג איז אונז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

און אַז מיר האָבן דערזען ווי אַזוי מען לייגט דעם פֿונדאַמענט איז אונז נאָך ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן.

איך האָב שוין געהאַט איינגעצאָלט אַ פּאָר הונדערטער פֿאַר מיין צו־קונפֿטיקער היים, וואָס האָט געזאָלט באַשטיין פֿון פֿיר צימערן. מען האָט געדאַרפֿט איינצאָלן צוויי הונדערט דאָלער פֿאַר יעדן צימער. בין איך, הייסט עס, שולדיק געווען אַכט הונדערט דאָלער.

אָבער איך האָב נאָך אַפֿילו ניט געוואוסט וואו מיינע צימערן וועלן זיין. קיינער האָט נאָך ניט געוואוסט וואו יעדערער וועט וואוינען, ווייל מען האָט ערשט אויפֿגעשטעלט די שטאָלענע סלופּעס פֿאַרן ערשטן שטאָק. מען האָט געשמועסט, אַז באַלד וועט זיין פֿאַרטיק דער פּלאַן פֿון אַלע צימערן און דאַן וועט מען ציען קוויטלעך מיט נומערן און ווער עס וועט אַרויסשלע־פּען דעם ערשטן נומער וועט זיך דער ערשטער קאָנען אויסקלייבן וואָס ער וויל.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון דער פֿאַר־וואַלטונג, אַז איך זאָל קומען קלייבן מיינע צימערן. און איך בין מיט מיין פֿרוי געקומען אין אָפֿיס און מען ווייזט מיר אַ קאַרטע אויף דער וואַנט. און אויף דער קאַרטע זעען מיר אַז אין אָפּטיילונג „בי" גייען אַלע היימען אין איין זייט צו מזרח און אין דער צווייטער זייט צו מערב. עס וועט, הייסט עס, האָבן די זון פֿון איין זייט אין מזרח, ביז צוועלף אַזייגער און דערנאָך וועט זי זיין ביז צום פֿאַרגיין אויף דער צווייטער זייט, אין מערב.

געפֿעלט עס אונז זייער.

ביז דעמאָלט האָבן מיר קיינמאָל ניט געהאַט קיין וואוינונג מיט זון אויף אַ גאַנצן טאָג. נעמען מיר און שרייבן זיך אונטער אויף פֿיר צימערן אין אָפּטיילונג „בי" אויפֿן דריטן שטאָק און מיר האָבן שוין אַ היים...

איצט, אַז מיר קומען זונטיק אָנקוקן ווייסן מיר שוין וואָס מיר האָבן. מיר קריכן אַרויף מיט די לייטערס אויף די רעשטאָוואַניעס און מיר באַ־טראַכטן די ציגלנע ווענט. מען זעט נאָך דערווייל כמעט גאָרניט אָבער עס איז אונזערס!

אַנטקעגן אַסיען איז שוין דער סקעלעט פֿון הויז געווען פֿאַרטיק און מען האָט שוין געאַרבעט אויף די דילן און סטעליעס און די אינערלעכע ווענט. עס זיינען שוין געווען אַריינגעשטעלט די פֿענצטער.

דער קאָאָפּעראַטיוו איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. מיר פֿלעגן קומען מיט אונזערע געסט און זיי ווייזן אונזער נחלה. מיט יעדן זונטיק וואָס מיר זיינען געקומען האָבן מיר שוין ניט דערקאָנט די געביידע. אָט זיינען שוין דאָ טרעפּ און אָט מאַכט מען שוין די שטוקאַטור און אָט זיינען שוין דאָ לאָמפּן און אָט ווייסט מען שוין די סטעליעס.

איך פֿלעג באַקומען בריוו פֿון אָפּיס, אַז איך זאָל ווי וויט מעגלעך זען באַצאָלן דעם באַלאַנס, אויב ניט וועל איך ניט קאָנען זיך אַריינציען אין מיינע צימערן.

האָב איך געטראָגן מיינע פֿאַרהאַרעוועטע געלטער און באַצאָלט ביז צו אַ פּעני די אַכט הונדערט דאָלער, ווייל אַנטקעגן פֿרילינג האָט שוין געזאָלט פֿאַרטיק ווערן מיין וואוינונג.

איך מיט מיין פֿרוי האָבן געפּלאַנט צו מאַכן אַ שמחה לכבוד אונזער נייער היים. גראָד האָט אונזער זון געדאַרפֿט ווערן 13 יאָר אַלט און דער זיידע מיט דער באָבען האָט געפֿאָדערט אַ „בר־מצוה“.

האָבן מיר, ניט זייענדיק רעליגיעז, געוואָלט יוצא זיין פֿאַר די עלטערן און שוין געזאָלט אין איין וועג אויך פּראַוועןאַ שטיקל „בר־מצוה“ אויך. און מיר האָבן זיך געגרייט אַביסעלע פֿרייען...

איז אָבער געשען אַן אומגליק אין אונזער משפּחה. אַרום פּורים־צייט, 1927, האָט מיין ברודער מאָריס זיך גענומען זיין לעבן...

מאָריס, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פֿון טאַטע־מאַמע און דער גאַנצער פֿאַמיליע, זאָל אונז אַפּטאָן אַזאַ זאַך.

פֿאַרוואָס ער האָט עס געטאָן האָט קיינער ניט געוואוסט, כאָטש ער האָט איבערגעלאָזט בריוו צו זיין ווייב און צו מיר און זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זיין אַקט.

יענעם טאָג וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. ווען איך האָב געטאָן אַ קוק אויף טאַטע־מאַמע, האָב איך געקלאָגט און געוויינט. זייער שענסטער זון איז שוין נישטאָ...

דער טאַטע איז געוואָרן יענעם טאָג עלטער מיט צוואַנציק יאָר. און די גאַנצע פֿאַמיליע איז געבליבן ווי פֿאַריתומט. עס איז שוין געווען זייער אַ טרויעריקער פּורים און דערנאָך אַ טרויעריקער פּסח — נישטאָ מאָריס!...

האָבן מיר שוין קיין שום שמחות נישט געקאָנט האָבן. און אַז מיר האָבן פֿאַר פּסח געדאַרפֿט זיך אַריינציען אין אונזער אייגענער דירה האָבן מיר

עס געטאָן ניט מיט אַזאַ חשק און פרייד ווי מיר וואָלטן געוועזן עס געטאָן ווען מיר פאַרלירן ניט אַזאַ טייערן ברודער ווי מאָריס...

מיין טאַטע איז אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, אַז ער האָט זיך איינגעבויגן אין צווייען. ער האָט שוין ניט געקאָנט גיין דריי מאָל אַ טאָג דאַווענען אין „שטיבל" אַריין און די מאַמע האָט אים געמוזט טראָגן עסן אַהין אין „שטיבל" אַריין, כדי ער זאָל ניט דאַרפן הונגערן. ער האָט ניט געקאָנט זיך שלעפן מיט די שטיגן אַרויף און אַראָפּ און אַלץ צוליב דעם וואָס מיר האָבן פאַרלוירן מאָריסן...

זעקס־און־פערציקסטער קאַפּיטל

אין אָנהויב בשעת מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אונזער אייגענער היים פון קאָאָפּעראַטיוו, איז נאָך אַלץ געווען אין פּראָצעס פון בליען. די טרעפּ זיינען נאָך ניט געווען פאַרטיק; דער הויף איז נאָך געווען פאַרוואָרפן מיט לייטערס און ברעטער, בערג מיט ליים און זאַמד און ציגל. עס איז געווען אַפּריל און דער פרילינג האָט געשמעקט אַרום און אַרום. די בוימער האָבן שוין אָנגעהויבן צו לאָזן זייערע קנאָספּן און דער ראָבין־פויגל האָט זיך שוין באַוויזן מיט זיין רויטער ברוסט און זיך געלאָזט הערן מיט זיין שיינעם געזאַנג.

נאָר מיר איז דעמאָלט ניט אָנגעגאַנגען קיין פויגל־געזאַנג, ערשטנס צוליב דעם טראַגישן טויט פון מיין באַליבטן ברודער מאָריס און צווייטנס איז מיט מיר געשען נאָך אַ זאַך וואָס איך האָב קיינמאָל ניט דערוואַרט.

פּלוצים האָט מען אונז, אַרבעטער אין שאָפּ, אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז דער באַלעבאָס גיט אויף דעם שאָפּ, ער וויל מער ניט פירן קיין מסחר מיט דאַמען־היטעלעך — און אויס...

אָי, וואָס וועט זיין מיט אונז, זיינע אַרבעטער?

אַ, די אַרבעטער זיינע האָט ער שוין פאַרזאָרגט!

דער באַלעבאָס האָט פאַרקויפט זיין שאָפּ מיט די קונים, מיט די מאַשינען און מיט דער וואַרע צו איינעם אַ מר. טענענבוים — און אים אויך איבערגעגעבן די אַרבעטער.

מיסטער טענענבוים דאַרף אַרויפנעמען אַלע אַרבעטער פון אונזער שאָפּ. זיינען באַלד אַ טייל אַרבעטער געלאָפן צו מר. טענענבוים זיך מעלדן. האָט מיסטער טענענבוים זיי אויפגענומען זייער העפלעך און צו זיי געזאָגט; ער האָט זיינע אייגענע אַרבעטער... נאָר אויב עס וועט אים אין סעזאָן פעלן „הענט״ וועט ער זיכער אין זיי ניט פאַרגעסן...

קלאָר ווי דער טאָג...

איך האָב אַפילו ניט געוואָלט אַרויפגיין צו מר. טענענבוימען.

און אַזוי בין איך, נאָך דעם וואָס איך האָב אָפּגעאַרבעט 14 יאָר ביי מיין באַלעבאָס, געבליבן אָן אַ פּלאַץ צום אַרבעטן.

איך האָב זיך געפֿילט אין ניט קיין צו אָנגענעמער לאַגע. איך האָב אַפֿילו ניט געוואוסט וואו אַ טיר עפֿנט זיך. און איך בין סיי־ווי ניט געווען פֿון די גרויסע ליבהאָבער פֿון אַרומגיין זוכן אַרבעט.

אָבער איך האָב דאָך עפּעס נאָך אַ מלאכה אין האַנט... איך בין דאָך אַ פֿאָריער. איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל דורך מיינע ברידער, וועלכע זיינען אויך פֿאָריער, זיך ערגעץ צושלאָגן אויף אַרבעט.

דערוויל האָב איך דאָך אַ נייע דירה מיט אַזוי פֿיל גראָז און בוימער און פּאַרקן אַרום איר. בין איך געזעסן אין דער היים און זיך אַביסל אָפּ־גערוט פֿון פֿאַרן דאַן־טאָון מיט דער סאַבוועי.

איך האָב דעמאָלט געדרוקט אין דער „צוקונפֿט" ביי ליעסינען מיין נייעם ראָמאַן „פּראָסטע מענטשן". איך האָב אים נאָך ניט געהאַט אָנגע־שריבן אין גאַנצן, נאָר יעדן חודש פֿאַרטיק געמאַכט אַ קאַפּיטל. איך האָב זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט אַזוי צו שרייבן, אַז עס האָט ביי מיר אויסגעוויזן פּונקט אַזוי ווי איך וואָלט געשריבן אַ ראָמאַן פֿאַר מיין שופֿלאָד. איך האָב ניט געפֿילט קיין שום פֿאַרשוועכונג פֿון דער קונסט. יעדן חודש האָב איך געהאַט גענוג צייט צו באַטראַכטן און זיך גוט „אַרומלויפֿן" (פֿוילקייט איז געווען אָנגענומען אַלס אַ סימן פֿון טאַלאַנט...) און ווען עס איז מיר אָנ־געקומען די ריכטיקע שעה האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און גענומען שרייבן דאָס קאַפּיטל.

איך בין אַזוי איינגעוואוינט געוואָרן מיט אָט־דער סיסטעם פֿון שרייבן, אַז איך האָב געוואַרט מיט מיין קאַפּיטל ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען איך האָב שוין געמוזט היינט־מאָרגן אַוועקשיקן דאָס קאַפּיטל אין דער רעדאַקציע.

ביי ליעסינען האָבן איך געהאַט צייט אַריינשיקן ביז דעם 18טן פֿון יעדן חודש. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האַלט זייער פֿון מיר, בין איך ביי אים אַן אויסנאַם. איך קאָן זיך פֿאַרגינען אַריינצושיקן מיין קאַפּיטל אַפֿילו דעם 18טן טאָג פֿון חודש.

אין אַלגעמיין איז צווישן מיר און אַברהם ליעסין געווען זייער אַ נאָ־ענטע פֿריינטשאַפֿט. און די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פֿון דעם ראָמאַן „פּראָס־טע מענטשן" זיינען געווען געדרוקט אין דער „צוקונפֿט" זייער פּראָמינענט, און ליעסין האָט מיר געגעבן אַ סך קאָמפּלימענטן.

נאָר אָט דערשיינט דער מערץ־נומער „צוקונפֿט", און מיין קאַפּיטל איז דאָרט ניט אָפּגעדרוקט. איז עס מיר אַ גרויסער וואונדער, פֿאַרוואָס מיין קאַפּיטל איז ניט אַריין. רוף איך ליעסינען דורכן טעלעפֿאָן. און ער דער־קלערט מיר אַז מיין קאַפּיטל איז אָנגעקומען צו־שפּעט פֿאַרן נומער, און עס

וועט שוין מוזן גיין אין אַפּריל־נומער. און ליעסין זאָגט מיר, אַז פֿון איצט אָן מוז איך צושטעלן מיינע קאַפּיטלען ביז דעם 5טן טאָג אין חודש.

שפּעטער מיט יאָרן בין איך געוואויר געוואָרן דעם ריכטיקן אמת, פֿאַרוואָס מיין קאַפּיטל איז ניט אַריין אין מערץ־נומער „צוקונפֿט". עס איז ניט געווען די אורזאַך פֿון מיין אַריינשיקן צו שפּעט, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. אין מיין קאַפּיטל האָט זיך געשריבן וועגן אַ יידענע, אַ באָבע, וועלכע איז אויפֿן צווייטן טאָג נאָך דער חופּה פֿון אירס אַן אייניקל, אַרויפֿ־געגאַנגען צום אייניקל אין הויז אָנקוקן די בעטן... די פֿרומע באָבע האָט געוואָלט זען, צי איר אייניקל איז געווען אַ בתולה...

ליעסין האָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איבערגעלייענט, און עס האָט אים זייער שטאַרק שאָקירט: — ראַבאַי זאָל אַזוינס אָנשרייבן! און ווי קאָן ער אַזאַ זאַך דרוקן אין „צוקונפֿט"? און צוריקשיקן מיר דעם קאַפּיטל האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט ניט געוואָלט מיר מאַכן פֿילן שלעכט. ער האָט געוואוסט פֿון מיינע צרות מיטן טראַגישן טויט פֿון מיין ברודער און מיט פֿאַרלירן דעם שאַפּ... איז ווי קאָן ער מיר אין אַזאַ צייט אָנטאָן נאָך נייע צרות? האָט זיך ליעסין געשטיקט מיט אָט־דעם קאַפּיטל, וואָס האָט ביי אים אויסגעוויזן ניט אין מיין ליניע פֿון שרייבן. ער האָט מיר אָבער גאָרנישט געזאָגט, און זיך געיִשובט, צי יאָ דרוקן אָדער ניט דרוקן.

איך בין זיכער, אַז ווען ליעסין זאָגט מיר דעמאָלט דעם אמת, פֿאַר־וואָס ער דרוקט ניט מיין קאַפּיטל, וואָלט איך אים געווען געפֿאָלגט און אַרויסגעוואָרפֿן אָט־די סצענע. אָבער איך האָב דאָך פֿון גאָרניט געוואוסט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ליעסין איז גאָר אויסן עפּעס אַנדערש מיט דעם וואָס ער דרוקט ניט מיין קאַפּיטל, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגעמאַכט צו דרוקן אַלע חודש...

מיר איז געווען ביטער אויפֿן האַרצן — איז מיר יעדע קלייניקייט געווען שווער איבערצוטראָגן. איך האָב זיך געפֿילט שטאַרק באַליידיקט דערפֿון, וואָס ליעסין האָט ניט אָפּגעדרוקט דאָס קאַפּיטל פֿון מיין ראָמאַן, און איך האָב זיך מסתמא אויסגעדריקט ניט אַזוי קאָרעקט צו ליעסינען בשעת איך האָב מיט אים געשמועסט אויפֿן טעלעפֿאָן. איך געדענק איצט ניט געננוי, וואָס איך האָב אים געזאָגט, אָבער איך האָב פּראָטעסטירט, אַז איך וויל ניט, אַז מען זאָל זיך מיט מיינע זאַכן וואַרפֿן, איך בין ניט געוואוינט דערצו...

ליעסין האָט מיר צוגעזאָגט, אַז עס וועט מער ניט געשען. אין חודש אַפּריל איז אַריין דאָס קאַפּיטל וואָס האָט געזאָלט זיין געדרוקט אין חודש מערץ.

איך האָב שוין געזען, אַז די רעדאַקציע זאָל באַקומען מיין קאַפּיטל פאַרן קומענדיקן מאַי־נומער אין צייט. אָבער איך בין געוואָרן דערשטוינט, ווען מיין קאַפּיטל איז ווידער ניט אַריין אין יענעם נומער. איך האָב שוין איצט ניט געדופן ליעסינגען אויפן טעלעפאָן. איך בין געווען שטאַרק ברוגז און האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט מער ניט שיקן ליעסינגען קיין קאַפּיטלען.

די פּאָר חדשים פון יענעם פרילינג האָב איך ניט געטאָן קיין שום אַרבעט. איך בין געווען, אַזוי צו זאָגן, אויף וואַקאַציע ביי זיך אין דער היים. וואו אַרויסצוגיין אויף זון־שיין איז געווען. די נאַטור אַרום אונזער הויז איז געווען פּרעכטיק און הערלעך. און איך האָב געהיילט מיין פאַר־וואונדעט האַרץ מיט די פרילינג־טעג אין די פּאַרקס און אַלייעס, וואָס זיינען ממש געלעגן נאָענט ביי מיינע פענצטער. איך בין שיעור ניט געוואָרן אַ געצן־דינער. איך פלעג אויפשטיין פאַרטאָג און זיצן ביי מיינע מזרחדיקע פענצטער און קוקן ווי די זון גייט־אויף. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין מיינע יונגע יאָרן אויף דער פאָרם. ערשט מיט 14 יאָר צוריק בין איך געווען אַ פאַרמער. און איצט האָב איך אָוועקגעגעבן 14 יאָר פון מיינע בעסטע יאָרן אין שאַפּ און געאַרבעט געטריי דעם באַלעבאָס מיינעם. ער איז געוואָרן רייך, און וואָס האָב איך?... מיך האָט שטאַרק געצויגן צוריק צו דער ערד. און פון אָט דער בענקשאַפט איז ביי מיר אויסגע־וואַקסן אַ ניי ווערק.

דאָס דאָזיקע ווערק האָב איך נאָך קיין נאָמען ניט געגעבן. אָבער דאָס ערשטע קאַפּיטל האָט געהייסן: „ערגעץ אין נאָרט־דאַקאָטאַ".

איך האָב ווידער געשריבן אַ ראָמאַן פון דער ווייטער וועסט. דאָס מאָל, האָט זיך מיר געדאַכט, וועל איך ערשט געבן דער יידישער ליטע־ראַטור דעם אמתן טעם פון דער וועסט. איך האָב אָנגעשריבן אַ צווייט קאַפּיטל און אַ דריטס. איצט בין איך שוין געווען עלטער און מער דערפאַרן אין שרייבן. דער הויפּט־העלד בין איך עס געווען. און איך האָב טאַקע געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אַזוי ווי איך אַליין וואָלט עס דער־ציילט וועגן זיך אַליין.

אָט־דעם דאָזיקן ראָמאַן, האָב איך געטראַכט, שרייב איך נאָר פאַר מיין שופלאָד. איך דאַרף אים דערווייל ניט דרוקן. עס איז דערווייל מיין אייגע־נער סוד. איך פיבער מיט פייער פון שאַפן, אַרבעטן... איך שפּאַציר אַרום אין פאַרלאָזענע ערטער, וואו איך קאָן זיין מיט זיך אַליין. איך קוק זיך צו, ווי אַזוי די נאַטור שאַפט און ווי אַזוי אַלע לעבעדיקע ברואים־לעך אַרבעטן געשמאַק און הערלעך — די פויגל, די מערעשקעס, די בינען און פליגן...

איך האָב דעמאָלט געהאַט איין גוטן חבר, זייער־זייער אַ נאָענטן מיטן נאָמען משה קאַרטאַן. ער פּלעגט צו אונז אין שטוב קומען אַלע טאָג, און ער האָט אויך געוואוינט ביי אונז אין קאָאָפּעראַטיוו. טאָקע צוליב מיר האָט ער אויך געקויפט 4 צימערן און איינגעצאָלט 8 הונדערטער — שווער פאַרהאָרעוועט געלט. ער איז געווען אַן אַרבעטער אין מיין פאַך פון דאַמען־היטעלעך. פאַר אַט־דעם משה קאַרטאַנען איז ביי מיר ניט געווען קיין שום סודות. און אים האָב איך דערציילט, אַז איך שרייב אַ ניי ווערק פאַרן שופלאַד. ער האָט זיך זייער דערפרייט און מיך געבעטן צו געבן אים „צו פאַרזוכן"...

האָב איך פאַר אים געליינט אַ פּאָר קאַפּיטלען, און ער איז אַזש געשפּרונגען פון גרויס פרייד.

— נאַ, זאָגט ער צו מיר — אַט דאָס ווערק וועט איר ניט דרוקן אין ערגעץ ניט, ביז איר וועט עס ניט ענדיקן!...

— זיכער! — האָב איך איינגעשטימט.

— איר ווייסט אַפילו ניט, וואָס פאַר אַ „שעדעווער" איר שרייבט!... — האָט קאַרטאַן געזאָגט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מבין אויף ליטעראַטור. ביי אים אין הויז איז געווען זייער אַ גרויסע ביבליאָטעק פון אַלע קלאַסישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, דערהויפּט די רוסישע קלאַסיקער. און אַז ער זאָגט, אַז איך שרייב אַ „שעדעווער", מסתמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט.

נאָר אַזוי ווי פון שרייבן „שעדעווערס" האָב איך קיין לעבן ניט געקאָנט מאַכן, האָב איך געמוזט טראַכטן זייער ערנסט וואָס צו טאָן, כדי צו קאָנען מאַכן אַ לעבן.

איין מאָל, ווען מיר זיינען זיך אַלע ברידער צונויפגעקומען שבת־נאַכט צום טאַטן אין הויז, האָבן מיר זיך, די ברידער, צוזאַמענגערעדט, אַז עס וואָלט ניט געווען קיין שלעכטער פּלאַן, ווען מיר עפענען אַלע צוזאַמען אַ שאַפּ פון פאַר. אַזוי ווי מיר זיינען אַלע גוטע בעלי־מלאכות, וועלן מיר ניט דאַרפן דינגען קיין פרעמדע אַרבעטער. מיר וועלן מאַכן אַ שאַפּ אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַליין אַרבעטן און אַליין פאַרקויפן, און אפשר וועלן מיר מאַכן אַ לעבן... דער קלענסטער ברודער האָט זיך אונטערגענומען צו זיין דער פאַרקויפער. ער איז דאָ אויסגעוואַקסן און קען גוט ענגליש, ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער.

און מיר האָבן זיך אַלע אָנגעכאַפּט אַן דעם פּלאַן און שוין גענומען טראַכטן וועגן געלט.

דעם טאַטן איז געפּעלן געוואָרן דער פּלאַן. אויף זיין טרויעריק, אַלט־געוואָרן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פרייליכע מינע. און די מאַמע האָט אויך אָנגעקוואָלן פון נחת. די שניר האָבן אויך הנאה געהאַט פונם פּלאַן.

— טאָקע, וויפיל איז דער שיעור זיך צו פּלאָגן ביי יענעם ?...

הכלל, אין חודש יוני זיינען מיר, זעקס ברידער, אַוועק אין דער 29טער גאַס און געדונגען אַ שאַפּ, און מיר האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן פאַר זיך אַליין. נישטאָ מער קיין באַלעבאָס צו טרייבן און יאָגן דיך. מיר זיינען אַליין אונזערע באַלעבאַטים. צוויי פון די ברידער האָבן זיך געשטעלט ביים שנייד־טיש. איינער פון די צוויי בין איך. די איבעריקע זיצן ביי די מאַשינען און נייען, דער אינגסטער ברודער איז דער פּאַרקויפער און אויך דער איינקויפער. מיר אַרבעטן אַ ביליקן מאַנטל פון אַזאַ מין פעל, וואָס הייסט „סילין". די פעל האָט שוואַרצע האָר. נאָך דער אַרבעט ווערן די הענט אונזערע רויט. שוואַרצע האָר — ווען מען נעצט זיי — גיבן זיי פון זיך אַרויס אַזאַ רויטקייט, וואָס קלעפּט זיך צו די הענט און זאַפּט זיך איין אין אונזער בלוט, אַז מען קאָן עס קוים אָפּוואַשן...

זיבן־און־פערציקסטער קאפיטל

אין 1927 הויב איך זיך אן דרוקן צוריק אין דער „פרייהייט", און אין „האמער". ווען עס איז פארגעקומען מיין קאנפערענץ מיט די רעדאקטארן פון „פרייהייט" און „האמער" האב איך זיי געגעבן די פריווילעגיע, אז זיי זאלן זיך אליין אויסקלייבן וועלכע פון מיינע צוויי ראמאנען זיי ווילן.

איך האב געהאט מיין ראמאן „פראסטע מענטשן" פון דעם לעבן פון ארבעטער אין ניו־יארק, און איך האב אויך געהאט א נייעם ראמאן פונם לעבן „אין דער וועסט".

האט חבר אלגין געזאגט:

— א ראמאן פון ארבעטער־לעבן דארף גיין אין דער „פרייהייט", און אין „האמער" קאן שוין גיין א ראמאן פון „דער וועסט".

— ווי איר פארשטייט — האב איך געזאגט. און איך האב אנגעהויבן דרוקן אין „פרייהייט" מיינע „פראסטע מענטשן" און אין „האמער" דעם ראמאן פון „דער וועסט".

האט זיך גראד געטראפן, אז מיין ראמאן פון „דער וועסט" האט זייער שטארק אויסגענומען. און פארקערט, דער ראמאן „פראסטע מענטשן" וואס איך האב געדרוקט אין דער „פרייהייט", האט ניט אזוי שטארק אויסגענומען.

חבר אלגין האט מיט מיר געשמועסט וועגן דעם, און איך האב אים דערמאנט, ווי ער האט ניט געהאט קיין חשק צו דרוקן דעם ראמאן פון „דער וועסט" אין דער „פרייהייט", און ער האט צוגעגעבן, אז ער האט געהאט א טעות.

אבער מיר איז ניט געווען פארשטענדלעך, פארוואס נעמט דער ראמאן אין „האמער" דעם לייענער מיט שטורעם, און דעם ראמאן אין דער „פרייהייט" נעמט מען ניט אזוי אויף?

מיר האט זיך געדאכט, אז „פראסטע מענטשן" איז א בעסער ווערק. חוץ וואס איך האב זייער שווער געארבעט אויף יעדן קאפיטל און כמעט אויף יעדער שורה, און אויף דעם ראמאן פון „דער וועסט" האב איך כמעט קיין סך ארבעט ניט געדארפט אריינלייגן — איך האב זיך אוועקגעזעצט צום טיש און נאר גענומען די פען אין דער האנט, און עס האט זיך געגאסן ווי פון א קוואל. ביי א שרייבער זיינען זיינע ווערק ווי די קינדער

ביי אַ מאַמען. איך האָבביידע ווערק גלייך ליב געהאַט, טאַקע ווי אַ מאַמע אירע קינדער. און איך האָב געוואָלט אַז אויך דער לייענער זאָל גלייך ליב האָבן ביידע ווערק — מיינע קינדער.

איך האָב זייער פיל געטראַכט וועגן דעם ענין און האָב זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן צו עפּעס ממשותדיקס — סיידן דאָס, וואָס לייענער האָבן אַ בעסערע און אַ העכערע באַציאונג צו אַ פּראָזע־ווערק, וואָס דרוקט זיך אין אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל, ווי צו אַ ווערק, וואָס דרוקט זיך אין אַ טעגלעכער צייטונג, מעגן די ביידע ווערק געהערן צו דער פּען פון איין שרייבער; מעגן די ביידע ווערק געשריבן ווערן כמעט אין איין צייט... מיר האָט זיך גראַד אויסגעוויזן, אַז מיינע ביידע ווערק שטייען אויף איין הויך אין קוואַליטעט.

איך האָב געדרוקט אַ גאַנצן זומער מיינע ביידע ראָמאַנען, און זומער איז אויך געווען דער סאַמע ברען אין פאַר־פאַך. און אַזוי ווי מיר האָבן זיך זעקס ברידער אָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און געאַרבעט זייער שווער, איז מיר ראָס שרייבן אָנגעקומען ניט גרינג.

ווינטער בין איך ווידער קראַנק געוואָרן אויף די אויגן און געמוזט גיין אין שפּיטאָל. און ווידער האָט דער דאָקטאָר מיר געהייסן אויפהערן שרייבן. און ווען איך וואָלט אַפילו געוואָלט, האָב איך ניט געקאָנט שרייבן: אויף איין אויג האָב איך כמעט גאָרניט געזען. און דאָ איז דער סאַמע ברען פון סעזאָן, און איך קאָן ניט אַרבעטן. בין איך שוין געווען גוט אויף צרות. און ווער האָט געקאָנט גאָר טראַכטן פון שרייבן.

בשעת איז בין געלעגן אין שפּיטאָל האָב איך כמעט ווי אָפּגעמאַכט, אַז אויב איך וועל מיין אויג אויסהיילן וועל איך שוין מער ניט נעמען די פּען אין מיינע הענט.

און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. מיין אויג האָט זיך אויסגעהיילט און איך האָב מער ניט געשריבן. איך האָב געוואַרט אויף אַ צייט ווען איך וועל קאָנען אויפגעבן די אַרבעט אין שאָפּ. און אַזאַ צייט האָט זיך מיר געדאַכט איז ניט ווייט. די ביזנעס וואָס מיר, די זעקס ברידער, האָבן געעפנט, איז געגאַנגען גוט. און אויב עס וועט אַזוי גיין גוט ווייטער, וועל איך קאָנען אין אַ פּאָר יאָר אַרום צוריקציען זיך פון שאָפּ און וועל זיך נעמען אָפּ־געבן מיט שרייבן אַליין. אָ, ווען איך זאָל קאָנען זיך נאָר אָפּגעבן מיט שרייבן אַליין!

איך וואָלט זיך איינגעשטעלט אַזאַ סדר: אינדערפרי וואָלט איך אויפגעשטאַנען און געלייענט די צייטונגען, דערנאָך געגעסן איבערבייסן, און 10 אַזייגער וואָלט איך זיך פאַרמאַכט אין אַ באַזונדער צימער און וואָלט געשריבן ביז מיטאָג. דערנאָך, נאָך מיטאָג, געגאַנגען שפּאַצירן, און

פֿון 3 אזייגער ביז 5 ווידער זיך פֿאַרמאַכט אין מיין צימער און געשריבן. אין אָוונט, נאָך וועטשערע, וואָלט איך געלייענט אַ בוך...

איך האָב געלייענט אין די ביאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע שריפֿטשטעלער, ווי אַזוי זיי האָבן זיך נוהג געווען. געשריבן האָבן זיי אַלע טאָג ניט שפּעט ביינאַכט, ווי עס איז מיר כמעט אַלע מאָל אויסגעקומען צו שרייבן, אָן אויסגעשעפּטער, אַ מידער פֿון אַ טאָג אַרבעט אין שאָפּ.

איז ווען אָט־די צייט וועט קומען, וועל איך דעמאָלט אָנהויבן שרייבן און זיך פֿילן ווי אַן עכטער שרייבער. ביז דאַן פֿיל איך זיך ווי ניט אַהין און ניט אַהער. ניט איך בין אַן אמתער אַרבעטער און ניט איך בין אַ שרייבער. איך בין אַ צווייענדיקער מענטש, און קאָן ניט באַווייזן צו זיין אַן אַרבעטער צווישן אַרבעטער, אָדער אַ שרייבער צווישן שרייבער. איך לייד דערפֿון זייער אַ סך. ווען איך קום צווישן שרייבער ווייז איך אַרויס מיין אַרבעטערשאַפֿט, און ווען איך קום צווישן אַרבעטער, קאָן איך זיך ניט האַלטן ווי אַן אַרבעטער. עס ליגט אויף מיר אַ קללה: איך בין עפּעס ווי אַ פֿאַרשאָלטענער און קאָן אין ערגעץ ניט האָבן קיין נאָענטקייט מיט מענטשן, קיין שום פֿאַרגעניגן פֿון אַ מענטשן, אַ פּראָפֿעסיאָנאַל, וועלכער קומט זיך צונויף מיט זיינע פּראָפֿעסיאָנאַלע מיטמענטשן און מען רעדט וועגן דער פּראָפֿעסיע...

איך בין אין שאָפּ שטום, און ווען איך קום צווישן שרייבער, בין איך אויך שטום. איך בין אַזוי מקנא פּשוטע אַרבעטער אין שאָפּ, ווי אַזוי זיי ריידן עפּעס מיט זייער באַזונדער לשון און איך קאָן אין זייער ריידן ניט נעמען קיין אָנטייל. און אַזוי אויך ווען איך קום אַמאָל צווישן שרייבער און איך קוק זיך צו, ווי אַזוי זיי ריידן און האָבן הנאה פֿון זייערע רייד, און איך בין זיי מקנא.

וואַרט, האָב איך געטראַכט, וואַרט, ביז איך וועל קאָנען אָוועקוואַרפֿן די אַרבעט אין שאָפּ און זיך איינשטעלן אַ שרייבערשן לעבן...

אָבער ליידער איז די דאָזיקע צייט ניט געקומען.

דאָס יאָר 1929 האָט אין גאַנצן אָפּגעווישט מיינע טרוימען. אונזער ביזנעס איז רואינירט געוואָרן. איך האָב ווידער געמוזט זוכן אַרבעט ביי אַ פֿרעמדן באַלעבאָס און אָריינגעטראָפֿן צו אַ באַלעבאָס, וועלכער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ שרייבער, און דערפֿאַר האָט ער מיר פֿאַרשאַפֿט פֿיל צרות ביי דער אַרבעט.

האָב איך קאַליע געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט דער באַלעבאָס געשריגן, אַז איך קאָן בעסער שרייבן ווי אַרבעטן; האָב איך געמאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט, האָט דער באַלעבאָס מיר געלאָזט וויסן, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס איך האָב געמאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט. אָבער

וואָס הערט זיך מיט אַנשרייבן אַ „ווערעק" (אַזוי האָט ער געזאָגט: אַ „ווערעק"), דאָס דאַרף מען שוין קאָנען! און אַז מען קאָן ניט, בלייבט מען אייביק אַ פּראָסטער בעל־מלאכה אין שאָפּ...

איך האָב געוואוסט, אַז ער איז גערעכט. אָבער איך האָב שרעקלעך געליטן און געשוויגן. ביז דעמאָלט האָב איך שוין געהאַט אָפּגעדרוקט זעקס ביכער. און איך האָב געטראַכט, אַז עס איז אפשר גענוג פון מיינעטוועגן. צווישן אָט־די זעקס ביכער איז מסתמא דאָ איינער אָדער צוויי גוטע ביכער. און מען לערנט מיך שוין סיי־ווי־סיי אין די שולן. איז וואָס וויל איך נאָך?

איך וועל פאַרענדיקן מיינע יאָרן ווי אַן אַרבעטער. איך האָב זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס איך האָב אַ זון, אַ צוקונפטיקער מאָלער, און איך האָב אַ שיינע היים און אַן איבערגעגעבענע פרוי.

די עלטערן לעבן זיך אויך בשלום אין זייער היים. די מאַמע איז נאָך אַזוי יונג!

נאָר דער טאַטע האָט זיך געטאָן אַ שטאַרקן עלטער. ער גייט שוין גאָר אין גאַנצן ניט אַרויס פון שטוב. ער זיצט אין לערנט. אים ווילט זיך פאַרן טויט נאָך אַמאָל איבערגיין גאַנץ ש"ס. זיצט ער איבער די שווערע גמראָס און לערנט. פון זיצן אין שטוב און ניט האָבן קיין שום קאָנטאַקט מיטן דרויסנדיקן לעבן פאַרגעסט ער שוין צו ביסלעך די טעג. ער פאַרבייט אָפט אַ מיטוואָך מיט אַ פרייטיק.

— היה־רייזי! — גיט ער אין אַ פּראָסטן מיטוואָך פּלוצים אַ געשריי — מען דאַרף באַלד שוין ליכט־בענטשן!...

— היים, וואָס רעדסטו, עס איז דאָך מיטוואָך.

— גיי שוין, גיי, עס איז פרייטיק!

און עס איז אָפט פאָרגעקומען, אַז ער האָט גראָד אַן אמתן פרייטיק פאַרביטן אויף מיטוואָך.

די מאַמע האָט געהאַט צרות.

זייער אָפט האָט זיך דער טאַטע אויפגעכאַפּט אין מיטן פון דער נאַכט און אָנגעטאָן טלית און תפילין. און זייער אָפט איז דער טאַטע געווען אַזוי שוואַך אויף די פיס, אַז ער האָט שוין ניט געקאָנט איבערגיין איבער דעם צימער.

איין מאָל אין אַ שבת, ווען מיר זיינען, אַלע קינדער, געקומען צוגיין, האָבן מיר דעם טאַטן געפונען ליגן אין בעט. איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן און נעם אַן זיין האַנט. ערשט דער טאַטע קאָן צו מיר ניט רעדן און ער קאָן ניט עפענען זיינע אויגן.

— טאַטע, דו שלאָפסט? — בויג איך זיך אָן איבער אים.

איך זע, ווי ער מאַכט מיט די ליפּן, אָבער איך הער ניט, אַז ער זאָל עפּעס זאָגן. מיר דערשרעקן זיך און שיקן באַלד נאָך אַ דאָקטאָר. די מאַמע זאָגט, אַז היינטיקן שבת איז דער טאַטע כּמעט ניט אַראָפּ פֿון בעט און ניט ער האָט געדאַוונט און ניט ער האָט עפּעס געגעסן.

דער דאָקטאָר קומט און באַטראַכט דעם טאַטן, און מיר אַלע, זין און שניר און אייניקלעך, זיינען אַרום בעט.

— וועל — זאָגט דער דאָקטאָר — עס איז די עלטער!...

די מאַמע האָט מיר געגעבן אַ ביסל יויך, און איך האָב דעם טאַטן געשפּייזט ווי אַ פּיצל קינד. ער האָט זיך געקוויקט, אָבער רעדן צו מיר האָט ער ניט געקאָנט, און ער האָט ניט געקאָנט עפֿענען זיינע אויגן...

און ער איז אַזוי אָפּגעלעגן אַ וואָך, ביז קומענדיקן זונטאָג, ווען בשעת איך האָב אים ווידער געשפּייזט מיט זופּ, און ער האָט זיך געקוויקט, איז פּלוצים זיין שטערן, דער גרויסער שיינער שטערן מיט די פֿיל קנייטשן, געוואָרן בלאַס. דאָס בלאַסקייט איז געגאַנגען אַראָפּ פֿונם שטערן ביז צו די פֿאַרמאַכטע אויגן און ביז צו דער נאָז, און דאָס גאַנצע פּנים איז אים געוואָרן בלאַס און פֿון זיין מויל איז אַרויסגעקומען עפּעס ענלעכס צו אַ קרעכץ. איך האָב דערזען, אַז עס איז דער סוף, און איך האָב אַריינגערופֿן די ברידער, און מען איז געלאָפֿן נאָכן דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט געהייסן דעם טאַטן צודעקן דאָס פּנים...

איך ענדיק דאָ מיין אויטאָביאָגראַפֿיע, ווייל די לעצטע צען יאָר, וואָס איך האָב נאָך צווישן מיין שרייבן און יענעם פּעריאָד, זיינען אַזוי באַענט, אַז איך קאָן איצט ניט שרייבן וועגן זיי. אַז איך וועל לעבן און זיין געזונט אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועל איך זיך ווידער אומקערן צו מיין אויטאָ־ביאָגראַפֿיע.